UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 14 29 11 14 011 4

אלע ווערק פון

מענדעלע מוכר ספרים

(ש. י. אבראמאוויק.)

דאס קליין מענשעלע

VI. באנד.

קראקא תרעא.

פערלאג „מענדעלע"

ווארשא. נוי יארק. ווילנא.

אלע רעכטע אין איירָאפּא און אמעריקא פארבעהאלטען.

דרוק פאן יוסף פישער אין קראקא.

א.

זייט=זשע מוחל, רבותי, און שטעלט אייך פאָר מענדעלי מוכר ספרים, מיך אַליין, הייסט עס, ווי איך שטעה מיר הערבסטצייט מיט מיין בּיידעל ערגעץ אויף אַ וועג, שטאַרק פערטראַכט און ריהר מיך נישט פון'ם אָרט. אפשר וועט איהר וועלען מיינען, אַז מיין בּיידעל האָט זיך איינגעזונקען אין בּלאָטע און איך טראַכט דאָ, ווי אַזוי עס אַרויסצושלעפּען? — ניין! דאָס איז געווען טאַקי הייניגס יאָהר תרט"ו, וואָס מען מעג איהם פערשרייבּען אין די קראָניקעס פאַר אַ וואונדער מיט זיין טרוקענעם זעהר שענעם הערבּסט. אין דרויסען איז געווען גאָר זומער: וואַרעם, לויטער. בּהמות האָבּען זיך געפּיטערט אויף די פעלדער, פון וועלכע עס האָט גערוכט אַרויסגעשפּראָצט יונגע גרינע תבואה. בּיימער האָבען אויף זיך געהאַט אַ געל=גרין העמדעל, ערטערווייז אפילו מיאוס אָבּגעבּליאַקעוועט, צוהאַקט, צופאַלען מיט אויסגעטריפּעלטע לעבער, נאָר דאָך האָבּען זיי נישט געהאַט נאָך בּדעה אויסצוטון זיך אינגאַנצען נאַקעט אויף צושלאָפּען זייער געוועהנטליכען האַרטען שלאָף דעם גאַנצען ווינטער. אין דער לופט זענען אומעטום געפלויגען לאַנגע ווייסע פעדים שפּינגעוועבּ, אַ סמן אויף גוט, שען וועטער, הגם דער לוח האָט געשריבּען אויף וואָלקענדיגע טריבּע טעג און קאַלטע רעגענס. ער האָט, זאָל ער מוחל זיין, נישט געטראָפּען, געזאָגט, ווי דער שטייגער איז, אַ גרויסען ליגען... נישט דאָס בּין איך אויסען.

אפשר וועט איהר ווייטער וועלען מיינען, אַז איך בּין געשטאַנען מיט מיין בּיידעל, ווייל איך האָבּ נישט געוואוסט דעם וועג? נאָך אַ מאָל ניין! איך האָבּ זעהר גוט געוואוסט, אַז דאָרט, וואו דער וועג צוטיילט זיך, נעהמט מען זיך רעכטס קיין גלופּסק און לינקס ערגיץ אַנדערש אין

אַ שטעדטעל. לאָז זיך אײַך דאַכטען — קאַבצאַנסק. נאָר וואָס דען זשע? פשוט איז פשוט, איך האָב מיר קײן עצה נישט געקענט געבען, אין וועלכער זײַט זיך צוגעהמען. איך האָב געהאַט טעמים פאָהרען קײן גלופּסק, צו מאַכען דאָרט עפּיס אַ שטיקעל הילוף און אָבצווזעצען דאָרט סטאָטשקעס און וועקסענע חנוכּה־ליכטלעך, אַקעגען־זשע האָב איך ווידער געהאַט טעמים צופאָהרען אופ׳ן יריד דאָרט אין שטערטעל, און מחמת דעם בין איך געבליבען שטעהן אויפ׳ן וועג נישט אַהין, נישט אַהער, אַזוי ווי אין דער קלעהם. טראַכטענדיג האָב איך מיך גראָד פערקוקט אויף מײַן פערדעל, וואָס איז געשטאַנען זעהר רוהיג, געקראַצט דעם האַלז אין דער האָלאָבלע און איז פונים שטעהן, אַ פּנים, שטאַרק צופרידען געוועזן. איך האָב געקוקט אויף איהם עפּיס מיט אַזעלכע אויגען, גלײַך ווי איך וואָלט פערלאַנגט פון איהם עפּיס אַנ׳עצה. און באַלד טאַקי איז מיר אײַנגעפאַלען איבערצוגעבען די גאַנצע זאַך איהם, דעם פערדעל, ווי ער וועט וועלען, אַזוי זאָל זײַן. לאַכט נישט, לאַכט נישט, רבותי! אַז מען איז אַ כאָל מסופק און מען ווייסט נישט, וואָס צו טון, פערלאָזען זיך קלוגע אפילו אויף משונה׳דיגע מיטעל. זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וואָס איז אַזוינס אַ פּאַטש טון זיך, אין אַזאַ פאַל, אין שטערען און מאַכען אויף דער האַנד קנײַטשען? אָדער וואָס שטעקט אַזוינס נאָך אין אַנדערע אַזעלכע גורלות און אַלערלײַ סימנים? אַ נאַר אפילו גילטענסטמאָל זעהר שטאַרק, מען פרעגט איהם און מען נעהמט־אָן זײַן עצה. עס טרעפט זיך אין דער וועלט זעהר אָפט, אַז קלוגע גיבען זיך איבער נאַראָנים אין די הענד און לאָזען זיך פון זיי פיהרען. איך קען אַ סך אַזעלכע נאַראָנים, וואָס שפּילען אַ ראָליע, און דוקא בײַ סוחרים, לײַטישע מענשען... נישט דאָס בין איך אויסען.

איך האָב אַ שמיץ געטאָן דאָס פערדעל, אָבגעלאָזט די לײַצען און עס געלאָזט געהן פרײַ, פיהרען מיך, וואָהין עס וויל. דאָס פערדעל האָט זיך גענומען רעכטס אויף דעם וועג קײן גלופּסק. נו, האָב איך מיר געטראַכט, אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד, פיהר מיך, פיהר מיך, אפשר ביסט־דו גערעכט. אַז דיר געפעהלט גלופּסק, לאָז זײַן גלופּסק!

אויף מאָרגען פריה נאָכ׳ן דאַווענען בין איך אָנגעקומען קײן גלופּסק און בין מיר, ווי מײַן שטײגער איז, צוגעפאָהרען גלײַך צום בית־מדרש. אײדער איך האָב נאָך צײַט געהאַט מיך אומצוקוקען, האָבען זיך אַ לאָז געטאָן צו מיר אַנ׳עולם יודען בעלי־בתים, בעלי־בית׳לעך, בחורים מיט

שלום-עליכם'ס, מיט אַ טאַפּ — אַ לאַפּ, אַ קוק אין בײדעל, און מיט שאלות, ווי דער שטייגער איז פון יודען. די ווייסע חברה, די תלמוד-תורה-יונגלעך, האָבען זיך פרעהליך-לעבעדיג געוויטעט מיט מיין פערדעל, גאָר פריינדליך מקבל-פּנים געווען זייער אַלטען בעקאַנטען און שוין אפילו זיך מכין געווען רייסען סטרונעס פון זיין וויידעל.

אויפ'ן שולהויף האָב איך געזעהן רעדלעך מענשען, עפּיס האַמפּערט מען זיך, מען שמועסט, מען זאָגט ווערטלעך, מען אַכט און שאָקעלט מיט דעם קאָפּ. באַלד האָבען עטליכע רעדלעך זיך צונויפגענומען אין איין רעדעל, עס האָט געאַרבייט, געפּילדערט, געמאַכט מיט הענד אי מיט פּיס, און באַלד איז דאָס צונויפגעשטיקטע רעדעל צושפּרונגען געוואָרען, ווי אַ זייפענבולבע, אויף קליינע רעדלעך. אַ פּנים, טראַכט איך, ס'איז עפּיס געשעהן. אַז מען קלינגט איז אַ חגא. איך בין שטאַרק צעקאָווע געווען צו וויסען, וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס, עפּיס בין איך דאָך אַ יוד, מיין נשמה איז, ווי זאָגט מען עפּיס, ניט פון קלאָטשע, זי וויל אויך אין דער וועלט אַלצדינג הערען, שמעקען, ווי אַלע יודישע נשמות. עס קומט דאָך טאַקי אַ מאָל שטאַרק צו ניץ. עס זענען דאָ זעהר פיעל יודען, וואָס ציהען זייער שטיקעל פּרנסה דערפון, וואָס זיי שמעקען אומעטום אַריין די נאָז און שמעקען, וואָס וואו צווייי זענען זיי דריטע און פאָדערען חלק, אָדער העפּ, ווי מען רופט עס אויף זייער לשון. יהי' איז אַ יודישע זאַך... נישט דאָס בין איך אויסען.

אַז איך האָב מיך צוגעהערט צו אַ נייַ רעדעל מענשען, וואָס איז אויסגעוואַקסען נעבען מיר, איז מיר אַריין אין אויער אָט דער דאָזיגער שמועס:

— אָ-וואַ, אָ-וואַ! ברוך דיין אמת! נאָך כמעט גאָר אַ יונגער מאַן, איך מיין אַרום ארבעים און אפשר טאַקי, האַ, אַרום חמשים. אָ-וואַ! ס'טייטש אַזאַ מענש, אַזאַ מענש!

— מילאָ וואָס-זשע זאָרגט איהר זיך דאָ אַזוי, רב אברהם'צע, און קענט זיך נעבעך נישט טרייסטען? אַ שענע, ריינע כּפּרה, כ'לעבען! נישט אַזאַ גרויסער יחוס? טאַקי, באמת טאַקי, וואָס?

— ביי דיר, יוסי'ל, איז אַלץ נישט קיין יחוס! מסתמא איז טאַקי ר' אברהם'צע גערעכט. אָ-וואַ, אַזאַ רייכער מענש! אַ רחמנות, ווי איך בין אַ יוד!

— נאט אייך אַ נייעס בעל־רחמים, לייבצע טעמעס! וואָס, האַ, האָט מעלתו פריהער געזאָגט? דאָרטען וואָס געזאָגט?

— געזאָגט?! וואָס, יוסי׳ל, האָב איך געזאָגט, איך? וואָס אדרבה?

— טאַקי אדרבה ואדרבה, רב לייבצע אַליין מיט זיין כשר טיילכען האָט געזאָגט: „אויך מיר אַ מענש איציק אברהם׳יל תקיף! ער איז געוועזן, זאָל ער מיר מוחל זיין, נישט מוחל זיין, אַ גראָבער יונג, אַ רמאַי, אַנ־אַכזר און דערצו נאָך אַ ביסעל חושים״.

— וואָס איך, יוסי׳ל? עט, נישטאָ מיט וועמען צו רעדען... אַ גוטען טאָג!

— אַ גוטען טאָג, אַ גוט יאָהר! קומט, ר׳ אברהם׳צע, אין בית־מדרש אַריין, לאָמיר דאָרט נעהמען ביים שמש צו ביסלעך בראַנפען.

— זעהסט־דו, יוסי׳לע, אַ ביסעל בראַנפען אַצינד שאַדט טאַקי אפשר נישט. האַ? האָסט, כ׳לעבען, קלוג געטאָן, יוסי׳לע, וואָס דו האָסט אַזוי גוט מכבד געווען דאָ דעם ליגנער. לאָמיר זיך נישט נאַרען, באמת טאַקי, וואָס איז ער דאָ אַזאַ פאָרנעהם? ער איז, עליו השלום, געווען אַנ׳עם־הארץ, אַ קאָכלעפעל, אַ בערייסער.

— אָט דערפאַר, ר׳ אברהם׳צע, האָב איך אייך טאַקי ליעב. זעהט איהר, דערפאַר טאַקי, וואָס איהר האָט תמיד ליעב צו זאָגען דעם אמת...

— ממון קורח!... אָנגעשטאָפּט מיט געלד געוועזן, עליו השלום— רייסען זיך אַיין יודען דאָס געזונד, שרייענדיג דאָרט אין אַ צונויפגע־שטופּט רעדעל.

— וויפיעל, אַ שטייגער, וועט איהר איהם געבען?

— אַ ק״ן אלפים מיין איך איהם זיכער געבען.

— קאַרג, ניש׳קשה, איהר מענט צולעגען נאָך, נאָך...

— מהיכא תיתי, אַז איהר ווילט...

— איך האָב מורא טאַקי די גאַנצע שי״ן אלפים.

— איהר זענט אַ נאַר!... טאַקי ת״ק אלפים.

— איך בין אַ נאַר, און איהר זענט אַ קבצן!

— וועסט חאַפּען אין באַק!

— וועסט חאַפּען איןביידע.

עס ווערט אַ קאַמעניש, אַ בוצקעניש, יודען צולויפען זיך.

— ניין, ניין! — הערט זיך שרייענדיג אַ געמבע נאָך פון אַ רעדעל מענשען — דאָס איז פאַר איהר נישט קיין שידוך! איהר שפּילט זיך מיט אַזאַ רייכע אַלמנה? איך האָב פאַר איהר אַנ'אַנדער שידוך, עס וועט מיט גאָט'ס הילף געהן. ס'איז איהר איבער־געבליבען אַ פאַרמעגען, זי האָט אַ געבליאַטעוועטע כתובה און מיינער וועט זי מיט גאָט'ס כח נעהמען, חאַפּען מיט ביידע הענד.

— יחדו, יאָקיל־גרונם! — קווינטשעט אַ ביי־קיילבען — איך בין הארויף אויך געפאַלען. יחדו, יודען, זייט עדות!

— אַ רוח אין דיין מאַמענס מאַמען אַריין! — לאָזט זיך הערען אַ קול, און דאָס רעדעל איז ווי אַ בולבע זיך צופלויגען.

איך האָב איינגעשפּאַנט דאָס פערדעל, איהם איינגעקערט צווישען די האַלאָבלעס מיט דעם פּנים צום וואָגען, אונטערציפּאַסען עס מיט אַביסעל סיטשקע, און דערנאָך האָב איך מיך גענומען צו דער אַרבייט אויספּאַקען מייןביידעל. נאָר קוים וואָס איך האָב געמאַכט אַ שטיקעל סדר, אַרויסגעהאַנגען פון ביידע זייטען בויד אַ קרענצעל קמיע'לעך, בלימשקענע יאַרמורקעלעך, עטליכע פעקלעך ציצית און אַרויסדערמאַפּט אַ סמאָטשיק, אַ טלית־קטן וכדומה, איז דער בית־דין־שמש געקומען צולויפען הענדום־פּענדום אין איין אָטעם:

— אוי גוואַלד, ר' מענדעלי! שלום עליכם, ר' מענדעלי! דער רבי, זאָל לעבען, האָט אייך זעהר שוין געלאָזט בעטען, איהר זאָלט זיך מטריח זיין מיט אייער כבוד. גיכער, מאַכט גיכער, ר' מענדעלי!

ב.

דאָס וואָס דער רב איז אַזוי גיך געוואָהר געוואָרען, אַז איך בין געקומען — דאָס גראָד איז מיר קיין הידוש נישט געוועזן. וואָרום גלופסק איז אַ יודישע שטאָדט, און יודען דערגעהען זיך תמיד אַלצדינג געשווינד. לאָז איינער בײַ זיך אויסרעדען עפּיס אַ וואָרט, באַלד טאַקי ווייסט מען דאָס איף דער צעהנטער גאַס און מען צוטראָגט עס אויף טעלערלעך, אַ סך גיכער ווי דער טעלעגראַף. אַ חדוש איז מיר נאָר געווען, וואָס בע־דאַרף מיך אַזוי דער רב האָבען? און צו וואָס האָט ער נאָך מיר געשיקט דעם בית־דין־שמש אין אַזאַ אַיילעניש? באַלד אָבער איז מיר אַרויף אויפ'ן זינען — אַ דין־תורה'לע... דאָ מוז עפּיס זיין אַ קרעצעל... און עס האָט מיר אַ טיאָבקע געגעבען אין האַרצען! וואָרום וואו האָט איהר דען אַ יודען, וואָס ער זאָל נישט פיהלען בײַ זיך אין די געשעפטען עפּיס אַ מכה'לע, וואָס מען זאָל נישט קענען צו איהם נעבעך זיך זוכען?... נישט דאָס בין איך אויסען.

איך האָב איבערגעמישט אין קאָפּ מיינע געשעפטען און מיר איז אַרויף אויפ'ן געדאַנק דער מחותּן! אפשר טשאַטעוועט אויף מיר דער מחותּן, וויל מיך צווינגען אײַנצולעגען דעם נדן און וויל וויסען אַנ'עק, אַ סוף. דער מחותּן מיינער איז אַ פּראָסט מענשעל, ער מיינט, וואָס עס שטעהט אין די תנאים, מוז מען האַלטען און וואָס מען האָט זיך מתחייב געווען, מוז מען טאַקי סילוק'ן. ער פאַרשטעהט נישט, דער נאַר, אַז דאָס אַלצדינג איז לאו־דוקא, עס געהט אַזוי נאָר אין שמועס, גלאַט אַזוי פון איידעלקייט וועגען. מען בעדאַרף זיך ברייט שטעלען מיט'ן פולען מויל. עס זאָל פאַר דער וועלט אַ פּנים האָבען, ווי אונזערע טאַטעס און זיידעס האָבען זיך נוהג געווען... נישט דאָס בין איך אויסען. אָדער, האָב איך געטראַכט, אפשר גאָר חלילה דער מוכר ספרים! יענער מוכר ספרים, מיט וועלכען איך האָב פאַר אַ יאָהריגען זומער געשטעכעוועט

אויף פאַרלעגערטע מינים: איך האָב איהם אין הליף אָבגעגעבען הגדות, תקון־שבועות׳לעך, הה׳עלעך, וואָלפציינדלעך, היזנטינגע נייע מעשיות, שמאָכטעס, קיי און שפיי. און ער מיר — מענה־לשון׳ס, תפלה־זכה׳ס, חנה־בת־טובים, מעש, מחזורים, וכדומה נאָך מיני ספרים. אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז ער האָט זיך אָבגענאַרט און וויל איצט טענה׳ן אַ מקח טעות, אויסציסאַנטען ביי מיר עפּיס! גאָט זאָל שומר ומציל זיין האָבען צו טון מיט אַ היגען מוכר ספרים. עס קען צוזעצט ווערען די גאַל פון זייערע טענות און תביעות!... נישט דאָס בין איך אויסען. הכלל, ס׳איז מיר געוואָרען אויפ׳ן האַרץ עפּיס נישט פרעהליך. אַהער, אַהין, מען מוז דאָך געהן.

מישב האָב איך מיך געווען מיטצונעהמען אַ פּאָר סטאָטשקעס, עטליכע קליינינקייטען, גאָר אַ שפּאָגעל נייע תהנה. אפשר וועט דאָס דער רבי׳צען טויגען און מיר צוניץ קומען... נישט דאָס בין איך אויסען.

אויף מיין פערדעל בין איך געווען עפּיס ברוגז, וואָס איהם איז געפעהלען געווען גלופסק, דערפאַר האָב איך איהם מכות אונטערגעשאָטען סימשקע, איהם דערלאַנגט אַ זעץ אין דער מאָרדע מיט עטליכע שטעכ־ווערטלעך און, איבערגעבענדיג איהם מיט דעם ביידעל אונטער דעם שמש׳ס השגחה, בין איך אַוועקגעגאַנגען אין כעס, זאָלען איהם זיינע גלופסקער יונגלעך רייסען סטרונעס, וויפיעל זייער האַרץ גלוסט. רעכט אויף איהם, ער האָט אַזוי געוואָלט. אַז איהם איז ניהאָ גלופסק — איז מיר אויך ניחא, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב.

ווי איך האָב נאָר געעפענט די טיר און אַריינגעטראָטען מיט אַ פוס אין שטוב, איז מיר דער רב געלאָפען אַקעגען מיט אַ קול:

— אוי, ר׳ מענדעלי! אוי, שלום עליכם, ר׳ מענדעלי! טאַקי נאָר איין גאָט האָט אייך געבראַכט אַהער פונקט אין דער צייט, וואָס אידר זענט אונז נייטיג, טאַקי שטאַרק נייטיג, ליבער האַרצעדיגער ר׳ מענדעלי! ר׳ מענדעלי, דאָס איז מן השמים, דאָס איז בעשיינפערליך טאַקי אַ נס, ר׳ מענדעלי! איהר האָט געטאָן אַ גרויסע חכמה, וואָס אַ צינד גראָד זענט איהר אָנגעקומען, ר׳ מענדעלי!

„די גרויסע חכמה האָט געטאָן נישט איך, מענדעלי, נאָר מיין פערדעל" — אַזוי האָב איך דערנסטמאָל צו מיר אַליין געלאַכט און זיך איבערגעב עטען אין האַרץ מיט מיין שלימ׳מזל׳ניק, דעם פערדעל נעבעך

אויף דין־תורות, ווי עס האָט גאַנץ קלאָר אויסגעזעהן, האָט מען מיך דאָ נישט גערופען, נאָר וואָס דען־זשע? — דאָס האָב איך נישט געקענט מאַך פאַרשטעהן. אַנ'אַנדערער וואָלט זיכער געמיינט, אַז מען האָט דאָ שטאַרק אַרויסגעקוקט אויף זיין בײַדעל מיט סחורה; נאָר איך אָבער בין ניט קיין מליפּס־קינד און ניט ערשט נעכטען פונ'ם אײַ אַרויסגעקראָכען, אַז איך זאָל מיך נישט קענען אָנשטויסען.

איהר זאָלט וויסען אַ כלל: די וועלט בעשטעהט אויף אָבנאַרעכטין. דער וואָס בעדאַרף האָבען עפּיס אַ נייטיגע זאַך, מאַכט זיך כלומר'שט גע'פּגר'ט, אַזוי ווי די זאַך טויג איהם להלוטין נישט, כּבדי ער זאָל עס קענען קויפען בחצי־הנם. ווען, למשל, איינער געניטיגט זיך אין אַ מחזור, דינגט ער כלומר'שט אַ סליחה, אַ קינה, אַ פּעקעל ציצית, דערווייל טוט ער אַ חאַפּ, אויף קאַטאָוועס, דעם מחזור, גיט כלומר'שט אַבי אַט אַ קוק און לעגט עס אַנידער מיט אַ קנייטש און מיט אַ שמייכעלע: אָט פאַר אַ קלייניגקייט וואָלט איך עס אפשר אויך געקויפט. די גאַנצע וועלט איז אַ מאַרק, איטליכער זוכט מציאות, איינער בײַם אַנדערן אָבצורייסען; איטליכער וויל, יענער זאָל פערלירען און ער זאָל געפינען; איטליכער מיינט קודם כל זיך, און ערשט דערנאָך, אַז גאָט האָט איהם געהאָלפען חאַפּען אַזוי מציאות, און צוטאַבען אַ גליק, ערשט דענסטמאָל, אַז עס קריכט איהם שוין פונ'ם האַלז, מיינט ער — ווייטער טאַקי זיך... נישט דאָס בין איך אויסען.

איך האָב אין דעם רב'ס פּנים מיך אָנגעשטויסען, אַז קויפען וויל ער ביי מיר כלל ניט. זיכט. וואָלט ער דאָך נישט אַרויסגעוויזען, אַז ער האָט אויף מיר אַרויסגעקוקט. אמת טאַקי, דער רב איז אַ העכסט אָרענטליכער כשר'ער יוד, אַזאַ יאָהר זאָל איך האָבען! אָבער אויף דער וועלט מוז מען דאָך נאַרען. אפילו די מלאָכים האָבען געמוזט ביי אברהם אבינו נאָכטון דעם סדר פון דער וועלט, ויאכלו — און זיי האָבען געטאָן טון גלייך ווי זיי האָבען געגעסען... נישט דאָס בין איך אויסען.

דער רב, זאָל לעבען, האָט מיך פאַרבעטען צו זיך אין זיין בעזונדער שטיבעל, און אָנווייזענדיג מיט דער האַנד מיך געבעטען זיצען אויף אַ בײַנקעל איהם אַקעגען. דאָס בײַנקעל אָבער האָט בעדאַרפט האָבען, ווי דער שטייגער איז ביי אַ רב, אַ צובראָכען פיסעל, און צוטראָגען בין איך דאָך דענסטמאָל פונ'ם גאַנצען ענין אויך געווען — דעריבער

פאַרשטעהט זיך, אַז ווי באַלד איך האָב אין האָפעניש אין איילעניש מיך דערויף געזעצט, בין איך מיר געפאַלען. נאָר פונדעסטוועגען אָהן סכנות, דער רב האָט זיך געמאַכט נישט וועהענדיג און איך ניט וויסענדיג.

צום צווייטען מאָל האָב איך מיך דערויף געזעצט שוין פאַמעליכען, נישט געהאַפט, גוט היטענדיג זיך די ביינער. דער רב, זאָל לעבען, האָט שווייגענדיג געריבען מיט בידע הענד דעם שטערען, געצילעט די באָרד, עפּיס ווי ער האָט זיך שטאַרק גע׳יישוב׳ט. איך האָב אָבער נישט געקענט פאַרשטעהן, וואָס זאָל עס אַזוינס בעדייטען. איך האָב אפילו אָנגעהויבען נאָר שטאַרק זיך וואונדערן, וואָס זאָל דאָס באמת מאַכי בעדייטען? נאָר איך האָב מיך ווידער מאַכי מיישב געווען: לאָם איך נישט זיין אַזוי נייגיג, איך וועל עלטער ווערען נאָך אַ ווײַלע, וועל איך דאָך שוין אַלצדינג וויסען. כך הוה: נאָך אין אַ ווײַלע אַרום נעהמט דער רב אַרויס פון דער בוזעם־קעשענע עפּיס אַ היבש פּעקעל פּאַפּירען און, אַ מאַך־געבענדיג מיט די אַקסלען, זאָגט ער צו מיר מיט אַנ׳ערנסט פּנים כהאי לישנא:

רב מענדעלי! אָט דאָס פּעקעלע פּאַפּירען האָט מיר איבערגעגעבען פאַר׳ן טויט יצחק אברהם עליו השלום, מיט אַ בקשה, אַז תיכף נאָך זיין יציאת נשמה, זאָל איך עס איבערלייענען פאַר אַלע אונזערע נגידים און מקיים זיין אַלצדינג, ביז איף אַ האָר, וואָס דרינען שטעהט. צוואת המת, ווי איהר ווייסט, איז דאָך אַ מצוה מקיים צו זיין, לכן האָב איך באַלד נאָך דער פּטירה זיינער, היינט מאַכי, פאַרבעטען צו מיר די אַלע נגידים, אלופי הקהל אונזערע, און האָב זיי געלייענט אַ מקצת פון די פּאַפּירען היינט, און דאָס איבעריגע האָבען מיר אָבגעלייגט איף מאָרגען. וואָס־זשע וויל איך פון אַייך? פון אַייך, רב מענדעלי, וויל איך, איהר זאָלט זיך מטריח זיין מיט אַייער כבוד אויך קומען צו מיר מאָרגען פריה, אם־ירצה־השם, בשעת קריאת הפּאַפּירען. פאַר וואָס? אָט דאָס וועט איהר וויסען, אם־ירצה־השם, לאחר הקריאה. מסתמא איז רעכט. מאָרגען וועט איהר שוין וויסען, אַז איך האָב אַייך מטריח געווען איבער אַ דבר גדול. לעת־עתה גיב איך אַייך לייענען, פאַר זיך אין דער היים, ביחודות אָט די עטליכע בלעטלעך, וועלכע איך האָב היינט פאַרגעלייענט פאַר אונזערע נגידים, כדי איהר זאָלט בעקאַנט ווערען מיט דעם ענין מתחלה ועד סוף.

אז איך בין צוריקגעקומען צום בית־המדרש, האָב איך געטראָפען מיין הונגעריג פערדעל נעבעך ווי עס שטעהט, מיט איינגעשטעלטע אויערען, און קוקט אין בידעל אריין. נו, חכם מיינער, זאָג איך, א נעהם־געבענדיג איהם פריינדליך ביי דער טשאָפּינע. קום, זאָג איך, עסען סיטשקע! לעת־עתה, חכם מיינער, בויסט דו נישט קראַנק צו עסען סיטשקע מאָרגען, אם־ירצה־השם, אז די חכמה דיינע וועט איינגעהן און איך וועל זעהן דעם פּיעל־יוצא דערפון, זיך זעהן מיט א גראָשען, דענסטמאָל, זעהסט־דו, האָסט־דו ביי מיר א גאַנץ סעסטעל האָבער: איך נעהם פאַר עדות די אַלע בהמות, וואָס געבטינגען דאָ אויפ'ן שוהל־הויף!...

ג.

אויף איינעם פֿון יענע בלעטלעך, וואָס דער רב האָט מיר געגעבען. זעה איך, שטעהט אָנגעשריבען מיט גרױסע אותיות:

ווידוי ליצחק אברהם

און דערנאָך הייבט זיך אָן צו דערצעהלען עפּיס גאָר אַ גאַנצע מעשה, אַזוי:

איך בין געבוירען געוואָרען, דערצעהלט יצחק אברהם, אין דעם שטעדטעל בעזליודעוו ביי אָרעמע עלטערען. מיין מאַטען געדיינק איך נישט, וואָרום ער איז געשטאָרבען בשעת איך בין נאָך געלעגען אין די וויקעלעך. ער האָט איבערגעלאָזען נאָכ׳ן טויט ירושה אַ שלאַפֿע ווייב מיט אַ היבש ביסעל קינדערלעך און מיך אַ צוגאָב. ווייטער גאָר נישט. איך הייב אָן צו געדיינקען, וואָס מיט מיר האָט זיך פּאַסירט, ערשט אין דעם עלטער פֿון אַ פֿינף, זעקס יאָהר. ווערליג ווי איך געדענק, האָט מען מיך אין דער יוגענד, אַ פּנים, נישט געהאַלטען פֿאַר אַ גרױסען חכם. אַז איך פֿלעג עפּיס זאָגען אָדער עפּיס טאָן, פֿלעגט מען זעהר לאַכען. נעבאַלעוועט האָט מען מיך כּלל נישט. מען האָט מיך נישט געקישט, נישט געגלעט, נישט געהאַלזט, ווי אַנדערע קינדער, און אַז איך האָב אַ מאָל געוויינט, האָט מען מיך נישט איינגעניטען מיט לאַקעטקעס, מיט צוקערקעלעך, מיט שפּילעכלעך, נאָר מיט פּעטש און מיט קלעפּ. דאָס וואָרט רחמנות האָב איך קיינמאָל נישט געהערט. איך האָב נישט געהערט, אַ שטייגער, מען זאָל זאָגען: אַ רחמנות, ער האָט נעבעך נישט געגעסען; אַ רחמנות, דאָס פּנים איז איהם נעבעך געשוואָלען; אַ רחמנות, ער האָט נעבעך זיך נישט איסגערוהט, ער קוקט נעבעך אָב און וואַלגערט זיך נעבעך; אַ רחמנות, ער ליידט נעבעך קעלט, ער געהט נאַקעט, באָרפֿיס; אַ רחמנות, עס שידערט איהם די ביינער, ער האָט נעבעך אויף זיך קיין ליים פֿלייש ניט. איך האָב געהערט נאָר זאָגען: קוקט נאָר

אָן דאָס שענע פּנים, די אָנגעבלאָזענע צורה, די רויטע פּיסקעלע, די בעקעלעך; קוקט נאָר אָן דעם פרעסער, עס נעמט איהם שוין אימער די סכנה; זעהט נאָר דעם שענעם נפש, ער הייבט שוין אָן זיינע קונצעלעך — צאַפּלען, ציטערן און קלאַפּען מיט די ביינדעלעך... און קריעכט׳ס אַ קינד אין אויף דער וועלט אַ איבעריגע זאַך, איטליכען גריזט אין די אויגען, מען ווינשט איהם נעבעך שוין ערשט דעם טויט נאָך ליגענדיג אין בויך, מען נעהמט איהם אויף ביים געבוירען ווערען ווי אַ בעקאַונטער, נאָך איידער ער קוקט אָן די ליכטיגע וועלט איז מען איהם נעבעך שוין דבי־שונאים. איז ער שוין דאָ, האָדעוועט ער זיך ווי עס איז אין דערוויקט אפילו ביי זיינע אייגענע עלטערן נישט קיין געפיהל פון רחמנות צו זיך, סידען ווען ער ווערט נעבעך מסוכן קראַנק, ערשט דענסטמאָל רופט זיך אין זיי אָב דאָס מענשליך האַרץ, וואָס איז פערשטיינערט געוואָרען פון צרות און לייד און דער ביטערער אָרעמקייט: ערשט דענסטמאָל צוגיסען זיך אין זיי די אבות׳ע ריינע עלטערנס־געפיהלען און שטעלען זיך פאַר דאָס גאַנצע אומגליקליכע לעבען פון זייער בידנע קינד נעבעך, וואָס אַזאַ מיעוס׳ע, בשר׳ע נשמה איז אומשולדיג פערוויסט, פערשוואַרצט געוואָרען נעבעך, נישט געהאַט קיין גוטע, רוהיגע שעה. זיי כאַלען זיך דאָס אַלצדינג אויס מיט שרעקליכע פאַרבען און זייער האַרץ שרייט, וויינט מיט בלוטיגע טרעהרען. אַז אַ פערשטיינערט האַרץ עפענט זיך, איז עס נאָר אַ מיך בשעת דאָס איז לאָזט און עס גיעסט די קריהנע — דאָס האָב איך אין דער לעצטער צייט אַליין געפיהלט — עס טראָגט, קאָכט, רייסט מיט אַ שרעקליכער קראַפט! זעהר אָפט טאַקי בעווייגען דעריבער אָרעמע עלטערן זייער׳ס אַ קינד אַ סך שטאַרקער און ריהרענדיגער ווי די רייכע לייט...

געהאָרעוועט האָב איך זיך ווי אַ ווילד פערד און כמעט — פאַרגרעבט, פאַרווילדעט, און האָב אין מיר געהאַט די אַלע מיאוס׳ע קונדייסקע זאַכען מיט אַלע אָבשניצלעך. אַ טבע האָב איך געהאַט קוקען יענעם אין מויל אַריין בשעת ער האָט גערעדט און קוקען אויך אין די אויגען. די מאַמע מיינע פלעגט מיך דערפאַר נישט איין מאָל הרג׳נען — שלאָגען און אויסרייסען מיר שטיקער פלייש. אַ מאָל אַז איך בין עפּיס געלעגען קראַנק און די מאַמע איז צו מיר גוט געוואָרען, האָב איך מיך שטאַרק פערקוקט איהר אין די אויגען, און אַז איך האָב געזעהן, אַז זי לאָזט זיך קוקען, נישט צורעדען קיין קרום וואָרט, האָב איך מיך נישט געקענט איינהאַלטען און זי אַ פרעג געגעבען: איך בעט דיך, מאַמע, וואָס איז עס פאַר

אַ מענשעלע ביי דיר אין די אויגען? די מאַמע האָט אַ שמייכעל געטאָן און געענטפערט: נאַ־עַ־לע, דאָס קליינע מענשעלע איז די נשמה! דאָס קליינע מענשעלע איז ניטאָ אין קיינעם׳ס אויגען, נישט אין די אויגען פון די חיות און בהמות, נאָר אין יודישע אויגען.

דער מאַמעס דאָזיגער ענטפער איז מיר אַריין שטאַרק אין קאָפּ און האָט אין מיר דערוועקט אַ סך פרישע צאַפּלדיגע געדאַנקען. אַז אַ מאַמע זאָגט, מסתמא ווייס זי דאָך, וואָס זי זאָגט, זי איז דאָך אַ מאַמע. אַ גרויסע, אפשר צעהן מאָל גרעסער פון מיר, איהר איין פינגער איז גרעבער פון מיין גאַנצער האַנד. דעריבער האָב איך אָנגענומען איהרע ווערטער שוין גלייך ווי אַ געוויסע, אויסגעמאַכטע זאַך און דרינען געגלויבט פון גאַנצען האַרץ.

פון דענסטמאָל אָן איז מיין כח־המדמה שטאַרק בעשעפטיגט געווען מיט דעם קליינעם מענשעלע. עס איז דאָך עפּיס גאָר אַ חידוש, אַ ציקאַווע זאַך! אין שלאָף אפילו האָב איך ניט פאַרגעסען דאָס קליינע מענשעלע, עס האָט מיר זיך געחלומ׳ט, איך האַלט דאָס קליינע מענשעלע, איך שפּיל זיך מיט דעם קליינעם מענשעלע, איך בין גאָר אַליין אַ קליין מענשעלע, שפּרינג אין די אויגען ווי אַ קליין מענשעלע! הכלל, דאָס קליינע מענשעלע איז מיר נישט אַרויס פון׳ם זינען. עס האָט מיר עפּיס זיך אַזוי געגלוסט אויך צו זיין אַ קליין מענשעלע. אַ קאַטאָוועס, אַ קליין מענשעלע איז דאָך די נשמה! אינגאַנצען גרויס ווי אַ פליי, דאַכט זיך, אַ גאָרנישט און איז דאָך דאָס חיות, דאָס לעבען!... מיר איז אַרויף אַ געדאַנק, ווי אַזוי דערטאַפּט מען דאָס קליינע מענשעלע? און האָב אָנגעהויבען וועגען דעם שטאַרק צו טראַכטען.

איינמאָל בין איך געפאַלען אויף אַן׳אויבער־הסברה. בשעת די מאַמע האָט אַיינגעבויגען דעם קאָפּ אַרויסצונעהמען אַ טעפּעל פון׳ם אויווען, בין איך פלוצים צוגעלאָפען ווי אַ פאַרמישטער — איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיר איז דענסטמאָל געשעהן — און האָב איהר פון הינטען אויף גאָט׳ס בעראָכטה אַ זעץ געטאָן מיט דעם קולאַק אין דער פּאָטיליצע, כדי דאָס מענשעלע זאָל איהר פון די אויגען האָטש אויף אַ ווײַלע אַרויס־שפּרינגען. איהר קענט אייך משער זיין, וויפיעל פעטש און קניפּ איך האָב דערפאַר געליזט. אַ חוץ דעם האָב איך אַ גאַנצען טאָג נישט גע־געסען, וואָרום די מאַמע נעבעך האָט מיט איהר שטעריען צובראָכען דאָס טעפּעל קאַליש.

אַנ׳אַנדערסמאָל האָב איך געכאַפּט נאָך אַ גרעסערן פּסק. ס׳איז אין מיר אַריין אַנ׳אַפּיקורסישער געדאַנק, נישט צו בענוגענען זיך מיט דעם גלייבן אין דער מאַמעס ווערטער, נאָר מאַקי אַליין צו פּרובירן, מיך צופּשיקאָגען איבער אַ בהמה האָט אַ מענטשעלע, אַ נשמה הייסט עס, צי ניט. גיי איך מיינער צוגעגאַנגען אויף דער גאַס צו אַ קוה, און בשעת איך האָב מיך געגומען אַריינקוקען איהר אין די אויגען, האָט זי מיך דורך געזיען מיט די הערנער און שרעקליך שטאַרק צובילט, דער צייכען איז מיר מאַקי עד היום אויף דער לינקער באַק געבליבען. די אַלע קלעפּ האָבען נישט אַרויסגעשלאָגען, פאַרקעהרט, זיי האָבען נאָך מעהר אין מיר אַריינגעשלאָגען דעם געדאַנק פון אַ קליין מענשעלע.

געלערענט האָב איך אין דער תלמוד־תורה. וואָס אַ תלמוד־תורה איז, ווייסט איהר זעהר גוט אַליין און איך פערשפּאָר עס אייך צו שילדערן. דאָס איז אַ קבר אויף צו בעגראָבען אָרעמע יודישע קינדער, צו פערשלאָגען זיי דו קעפּ און אָבצורייסען פון דער וועלט; דאָס איז אַ פאַבריקע אויף צו פאַבריצירען טויגעניכטסען, לעדינגעהער, בידנע, פערוואָהרלאָזטע אומגליקליכע נפשות; דאָס איז אַ ווינסטע גרוב, אַ לאָך, אַנ׳אומריינע חורבה אויף היהנערישע פיסלעך, ווי געוועהנטליך ביי אונז אין די שטעדטלעך, וואָס איז אַ חרפה, אַ בושה, זיי זאָלען טראָגען אויף זיך אַזאַ טייערן, הייליגען נאָמען... ווי מיר ראַכט זיך, בין איך נישט געווען אַ גראָב יונגעל. ביי אַכט יאָהר לערך האָב איך שוין געלערענט חומש מיט חבור, מיט אַלע איבערדענישען פון רש״י, האָטשע איך בין נאָך שטומפּיג געווען אויף דער עברי. אַ פּנים, מע קען זיך זיין אַ למדן און פונדעסטוועגען פאָרט אַ גרויסער נאַר, איינס צום אַנדערן האָט נישט...

די מאַמע מיינע פלעגט מיך רופען שלים־מזל און איז באמת מאַקי זעהר גערעכט געווען. אין דער תלמוד־תורה בין איך שלים־מזל׳דיגער געווען מעהר פון אַלע אַנדערע קינדער. דער רבי, וואָס פאַרדינט אָמיר נישט אַזוי צו הייסען, האָט זעהר ליעב געהאַט דעם ענין פון שמייסען, אפשר נאָך מעהר ווי דעם ביטערן טראָפּען. ער האָט פשוט גרויס הנאה געהאַט צו פּייניגען, גלאַט אַזוי זיך, די פאַרוויסטע, פערוואָגעלטע קינדערלעך נעבעך, וואָס זענען אָהן דעם אייך גענוג אָבגעקוטען און קיים וואָס די נשמה האָט זיך אין זייער דאַרען אויסגעדאַרטען גוף געהאַלטען. ער האָט געבראָכען די צובראָכענע ביינער, געצופּט, געריסען האָט דאַרע

שטיקעל ליב, און דער בעסטער חלק קלעפּ איז מיר, שלים׳מזל, אָנ־געקומען. ער האָט צום סוף אויף מיר זיך שטאַרק פאַריעסען מחמת אַ זאַך, מיך נע׳הרג׳עט־געשלאָגען אַזוי, אַז איך בין פון זיינע הענד קוים לעבעדיג אַרויס און געמוזט אויפהערען צו געהן אין דער תלמוד־תורה. די מעשה איז אַזוי געשעהן:

דער רבי האָט מיט מיר אין דער סדרא בראשית איבערגערעדט אויף דעם פּסוק „ויאמר למך לנשיו" אַזוי: למך איז געווען אַ בלינדער, תובל־קין האָט איהם געפיהרט, און אַז ער האָט דערזעהן פון וויטען זיין זיידען קין, האָט איהם זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז אַ חיה (דער רבי האָט גע־זאָגט אַ פוקס, בכדי דאָס בעסער מסביר צו זיין) האָט ער צו דעם בלינ־דען, צו למך׳ן, געזאָגט, אַז ער זאָל צילען אויף דעם פיקס, האָט ער געצילט און איהם גע׳הרג׳עט. און אַז למך איז געוואָהר געוואָרען, אַז דאָס איז גאָר קין זיין זיידע, האָט ער געפּאַטשט איין האַנד אין דער אַנדערער האַנד און ער האָט דערווייל זיין זיהן תובל־קין צוקלאַפּט אויף טויט. האָבען זיינע ווייבער דערפאַר פון איהם זיך פורש געווען, דאָס טייטש אָבגעשיידט, האָט ער זיי איבערגעבעטען, ויאמר — און ער האָט געזאָגט, לנשיו — צו זיינע ווייבער, עדה וצלה — עדה וצלה, שמען — הערט, קולי—מיין קול, נשי—ווייבער, למך—למך!...

ויהי היום איז מיט אַ מאָל געקומען אין תלמוד־תורה עפּיס אַ דייטש, אַ געגאָלטער, דאַכט זיך, אַזש פון פּעטערסבורג. מיט איהם זענען גע־קומען אַלע גבאים פאַרהערען די קינדער. צום שלים׳מזל בעדאַרף ער מיר גראָד הייסען פערטייטשען אַ שטיקעל חומש און נאָך דעם גוטען פּסוק „ויאמר למך לנשיו"! ווען האָב איך דען גערעדט מיט אַ מענשען און בפרט נאָך מיט אַ דייטש, אַ גלוח? איך האָב געפּלאַטערט, געציטערט אַזוי ווי אַ פיש אין וואַסער. עס האָט מיר גערוישט אין די אויערען, געקלאַפּט אין האַרץ, די האָר האָבען מיר זיך געשטעלט קאַפּויר, און אין די אויגען איז מיר געוואָרען פינסטער און ליכטיג צוגלייך, אַקוראַט ווי בשעת מען קוקט אין דער זון אַריין. איך האָב געפיהלט, אַז איך וועל נישט אין שטאַנד זיין אויסצודערצעהלען אַזאַ גרויסע לאַנגע מעשה מיט למך׳ן און דאָ שטעהט מיך איבער׳ן האַלז, איין קול: זאָג, זאָג! — וואָס זאָל איך טאָן, מען מוז זאָגען. עס האָט מיר פערנומען דעם אָטהעם, איך בין אַרויס מיט דער שפּראַכע, מיך שטאַרק פערבאַלעמוטעט און אַנידערגעלעגט, מ׳שטיין׳ס־געזאָגט. אַ מין טייטש: „ויאמר — אַ פיקס,

לכך—א בלינדער, לנשיו—האָבען די ווייבער פון איהם זיך אָבגעשיידט, תוכל־קין האָט איהם געפיהרט, ערה, ערה גצלה — און ער האָט איהם נע'הרג'עט" — דער דייטש איז געבליבען שטעהן, ווי מען קאָבט איינעם אָב מיט אָקרעפּ, איז אָקאָרשט פון דער הויט נישט אַרויסגעשפּרונגען פאַר כעס. ער האָט צוגערופען דעם רבי און מיט אַ בייזער איהם נעזאָגט: הא, וואָס הער איך? ווי זאָ לעהרנען זי איהרע תלמידים?! שאַנדע און שפּאָט! שעמען ז' זיך, הער רבי!... דער רבי האָט זיך געקראַצט, קאָליפּעט די נאָז און געבאַלעפּעטשעט מיט דער צינג: מיין האַרענקע, דער קנאַב האָט זיך פאַרשראָקען, דער קנאַב איז אַ גוטשקער יונגעל אויף נאמנות! ני — האָט דער דייטש געזאָגט צו מיר — פּירכטע ניכט, מיין קינד, עס ווירד דיר ניכטס געשעהן. זאָגע מיר ויאמר, וואָס מיינט ויאמר? איך אָבער האָב שוין נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר טוט זיך, האָב אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען ווי אַ ליימענער גולם און אַ זאָג געטאָן דעם דייטש גלייך אין פּנים: פּיקס!... מיין איך ויאמר, ער האָט זיך געבעטען צו די ווייבער... דער רבי נעבעך איז געשטאַנען ווי אין גע־האַקטע וואונדען און זיך שיער נישט בעגראָבען אין דער ערד פאַר גרויסן בזיון. ער האָט געלייזט פאַר דאָס זייניגע וויפיעל אין איהם איז אַריין או געהאַט אַ וויסטען, פינסטערען טאָג. זיין שווער בימער האַרץ האָט ער דערנאָך צו מיר אויסגעלאָזען. פון יענער צייט אָן פלעגט ער תמיד צו מיר זיך טשעפּען און מיך שלאָגען, כמית'ן אויף וואָס די וועלט שטעהט, ביז וואַנען מיר איז שוין אונמעגליך געווען אויסצוהאַלטען. איך בין פער־שלאָפען געוואָרען און אויפגעהערט צו געהן אין דער תלמוד־תורה.

—————

8

ד.

די מאַמע מיינע האָט געלעבט אין דחקות און נישט געהאַט פּשוט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען. זי פלעגט אַרבייטען זאָקען, פליקען פעדערן, זיך שטעלען אַ מאָל פאַר אַ וואַרטערין ביי אַ קימפּעטאָרין, און אונטער אַ פסח וועלגערן מצה. זי פלעגט טאָג ווי נאַכט געבען אַרבייטען, טאָן, און פון איהר גאַנצער אַרבייט קיים געהאַט וואַסער אויף קאַשע. ווייבערשע מלאכות האָבען אין דער וועלט נישט קיין ווערטה און ווערען זעהר ווענינ בעלוינט. וואָרים וואָס זענען דען ווייבער אינגאַנצען? וואָס פאַר אַ פּנים, וואָס פאַר אַ ווערטה, האָט מ'שטיינ'ס=געזאָגט, די גאַנצע יודענע, אַז זי איז שוין אַפילו אַ בריה? פון ווייבער, אַזוי איז ביים עולם שוין איינגערעדט, קען קיינמאָל קיין גוטס נישט אַרויסקומען, זייערע אַלע מלאכות האָבען קיין שום ממשות. עפּיס רעכטס און היך אַריין, גוט אי ניצליך, איז נישט פאַר'ן ווייבערשען מח... פונ'ם טאַטענס ירושה איז געוואָרען אַ גוטער סך=הכל: צוויי מיידליך מיט אַ יונגעל זענען געשטאָרבען, מען קען מאַקי זאָגען, פּשוט פאַר הונגער, איין גרויסער בחור האָט עריגין זיך אַוועקגעשלעפּט און איז פערפאַלען געוואָרען ביז אויף היינטיגען טאָג, מען ווייסט עד=היום נישט, וואו זיין געביין איז הינגעקומען. נעבען דער מאַמען איז געבליבען אַ קראַנק, שלאַף מיידעל, אונגאַנצען אַ צובראָכענער שאַרבען, און איך, שלים'מזל, וואָס איך בין איהר געזעסען אויפ'ן האַלז. אַנ'אַפּעטיט האָב איך געהאַט אָהן עין=הרע זעהר אַ גוטען, דאָס ביסעל עסען, וואָס איך פלעג אַלין פון איהרס נעבען אַוועקנעהמען, האָט מיר נישט געקלעקט אויף אַ צאָהן. איך פלעג אַלין בעטען עסען, עסען! האָביש וואָס עס=איז, אַבי עסען! די מאַמע נעבעך האָט געליטען און נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר צו טאָן. לייט פלעגען זי ראַטען, מיך אַוועקצוגעבען עפּיס צו אַ בעל=מלאכה, נאָר זי פלעגט פערהאַרפּען מיט'ן קאָפּ אין דערביי רעדען מיט האַרץ:

— אַ־אַ, די כפרה בעסער זאָל ער ווערען איידער אָבצוגעבען איהם צו אַ בעל־מלאכה, צו פערשוואַרצען מיר דאָס פנים אין דאָס פנים פון זיין טאַטען עליו־השלום!... ער, דער טאַטע זיינער, וועט דאָך דאָרט נישט קענען רוהיג ליגען אין קבר. ס'שטייט, רב טעביל דעם מלמד'ס אַ זוהן זאָל זיין אַ בעל־מלאכה, איינגעקויפט אין דער חברה פ"ין! ס'איז דאָך נאָר אַ חעהטיג אַזוינס צוהערען. אַ, נישט דערלעבען, נישט דערדאַרען, רבוני של עולם, זאָלען עס מיינע שונאים.

גאָט האָט צום סוף דער מאַמע געהאָלפען, מיך אַריינצוגעבען אין אַ קלייט פון צעלניק. זי איז געוועזען איבערגליקליך אין האָט געמיינט, איהר זוהן איז שוין אַ סוחר.

נאָר איהר זוהן אָבער איז גאָר געוואָרען אַ הונד! איך וועל עס אייך באַלד טאַקי מפורש זיין.

מיין עובדא איז געוועזען אָנצוהאַפּען איטליכען, וואָס איז דורכגעגאַנגען, מיט אַ ליאַרעם, מיט אַ געשריי און שלעפּען איהם אין קלייט אַריין. איז עמיצער פאַרבייגעגאַנגען אויף דער גאַס, פלעגט מען מיך אָנרייצען אַזוי ווי אַ הונד און איך האָב בעדאַרפט אַרויסלויפען, שרייען און אָנהאַנען: אַהער, פאַני! וועבעלנע טיכלעך, ליינוואַנד, שלייקעס, מעסערלעך, קאַלאָשען אַמעריקאַנישע, ים־שיימענע שטעקלעך, מאַנדעל־זייף, פּאָמאַדע! וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכען. תחילת איז מיר דאָס געוועזען אַביסעל פריקרע, ווי גייט מען עס גלאַט אַרויס שרייען אויף דער גאַס און פאַרשטעלען יענעם דעם וועג, ס'איז דאָך עפּיס משונה ווילד! איך פלעג אַביסעל אונטערפאַלשעווען, מאַכען די שפּיל בקיצור און אַריינברענגען דאַדורך אין כעס מיין בעל־הבית מיט דער בעל־הבית'טע, וואָס פלעגען מיך זידלען, אויסמישען גלייך מיט דער בלאָטע און אויפּוואַרפען מיר, אַז איך פרעס איבוכם זייער זאַלץ און ברויט. האָטש איך נעבעך האָב געהאָרעוועט, געאַרבייט איבער מיינע כוחות און געטאָן אַלערהאַנד מלאכות אין קלייט און אין שטוב, דערצו נאָך בין איך געוועזען אַ משרת ביי די עלטערע משרתים, פלעג זיי פאָלגען אין פייער, און וואַסער אַריין, קריכען זיי אונטער די נעגעל און בין נאָך זעהר גערן געוועזען, אַז איך האָב דערביי פון זיי נישט געהאַפּט קיין פּסק אין טריקען פון זייערע הענד אַרויס. ווער שמיסט, ווען אַ משרת'ל פון דער אַנדערער קלייט פלעגט אַ מאָל אַרויסרייסען אַ קונה ביי מיר פון די הענד, דאָ האָב איך שוין געמענט

זיך געזעגענען מיט דעם לעבען. אלע ביי אונז אין קלויז זענען איך מיר
ארויף, דער מיט דער צונג, דער אנדערער מיט דער האנד און מען
האט מיר געגעבען וויפיעל און מיר איז אריין. מיין מאמע און דער טא-
טע, ר' טעביל דער מלמד, עליו השלום, האבען דענסטמאל איך גוט
געלייזט, מען האט זיי חלילה נישט פארגעסען. געגעבען אי און דער מא-
מען, אי און דעם טאטען אריין, העט-העט ביז אברהם אבינו! פון עסן
און אזא ביטערן שווערען טאג איז גאר קיין רעדע נישט געווען, איך
האב געפאסט, נישט טועם-טעם געווען. מען האט מיר אפילו מתיר גע-
מאכט עסען הערים, קרענק, נאר אזוי ווי עסען ווערים, קרענק איז
נישט פאר קיין מענשליכען מאגען, האב איך פערבראכט דעם טאג פשוט
אין א תענית. און אזעלכע תענתים פלעגען מיר אפט זיך מאכען א פאר
מאל און וואך. אז איך האב א קיק געטאן, ס'איז שלעכט, האב איך א
נעהם געגעבען זיך צו מיין זאך בשלמות. זוי באלד אז עמיצער, וואס ראכט
זיך נאר אז ער איז א קונה, האט זיך א זייז געגעבען פון דערווייטענס,
אז מיינער האט ווי אנ'אבגעריסענער הונד פון דער קייט געשווינד אקג-
גען איהם זיך אלאז געטאן, פארשרינגען איהם דעם קאפ מיט דעם גאנ-
צען צעמעל סחורות, איהם פערלאפען דעם וועג און געשלעפט פאר די
פאלעס. איך פלעג אפילו א מאל פון אזעלכען בעקומען א קלאפ אדער א
שפיי אין פנים, נאר איך אבער פלעג מיר מאכן מאן דאס מייניגע, גלייך
ווי מיר איז גארנישט געשעהן. מיט דער צייט האב איך דרינען מיך אזוי
איינגעוועהנט, אז דאס שרייען איז ביי מיר געווען א חדוה, א ברייד. איך
פלעג זעהר הנאה האבען, ווען עס פלעגט מיר זיך מאכען אריינדערבאפען
עפיס א פריין, איהם פערדרילען דעם קאפ און צווישען דעם צעטער נייני
צעלניק-סחורה איהם איך רעכענען מיט א געשריי: מאוישע פאני פארו-
זשעסקי הארצוועהטיג מיינע איוף דיין קאפ! פאמאדא, מבית, צריעת דיר, פאני

דער דאזיגער ענין המסחר מיינער איז דער גאס פלעגט מיך אפט
ברענגען אין א ספסוך מיט משרתים פון אנדערע קלייטען, וואס פלעגען
איך אנחאפען קונים און שרייען. מיר האבען זיך געריסען און דרייסען,
אקוראט ווי אנדערע בעלי-בתים האבען זיך געריסען צווישען זיך אנזוע-
ניג און די קלייטען איבער'ן לויעבנס, נישט-מעהר נאר מיט דעם חלוק:
ביי זיי האט מען געווארפען מקחים, אראבגעלאזען די פרייזען, און ביי אונז,
משרתים, האט מען געווארפען קלעפ, אראבגעלאזען פעטש. און אזוי ווי
איך בין געווען דער קליינסטער, דער שלאפסטער, איז פארטרעבענט גע-
ווען א מציאה, די אלע בעסטע קלעפ מיט די הייסע פייערדיגע פעטש,

על פי מענשליכקייט, מיר איינעם צו־צולאָזען. אזעלכע מתנות אָבער זעהען מיר נישט וואויל בעקומען, און פון אַזעלכע מצות על פי מענשליכקייט, בין איך אויס מענש געוואָרען. הגם צו אַזעלכע מיני מסחרים איז אַ מענש נישט אַזוי שטאַרק נייטיג, אָהן דעם קען מען אייך זיין אַ „מענש“, אַ משרת הייסט עס, נאָר כח, געזונד אָבער בעדאַרף מען דאָך מאַקי האָבען, און איך בין געוואָרען, פשוט איז פשוט, אויס מענש, דאָס הייסט אָהן כח, אָהן קראַפט, קיים וואָס איך האָב מיר געהאַלטען אויף די פיס. אַ קאַטאָוועס וואָס איך בין נעבעך אויסגעשטאַנען! און שטוב האָב איך בעדאַרפט טאָן, העלפען אין בעל־הבת'ישקייט, און קלייט האָב איך בעדאַרפט אַרבייטען, ראַמען, קעהרען, איטליכען בעדינען, איטליכען צופרידען שטעלען. און עסען פלעג איך יסורים, קלעפּ האָב איך געליזט פון פרעמדע אי פון אייגענע. דער גרויסער משרת אין קלייט פלעגט מיר נאָך מעהר פון אַלע טאָן צום טויט. איהם איז עפּיס נישט געפעלען געווען, וואָס איך נעבטיג אין דער קיך, וואוהין ער פלעגט זיך שטילערהייד אַריינכאַפּען. ער פלעגט זיך אַלץ זוכען צו מיר, ווי מיך פון דאָרט משלח צו זיין און בכלל מיינער פטור צו ווערען. איך בין איהם געווען עפּיס ווי אַ דאָרען אין די אייגען. פינדעסטוועגען וואָלט איך עס אפשר אַלצדינג איבערגעטראָגען, ווען עס זאָל נישט געווען זיך מאַכען די מעשה מיט אַ קנעפּעל.

איך האָב אַ מאָל דערזעהן אין קלייט, וואַלגערענדיג זיך, אַ מוטערפערלען קנעפּעל, וואָס האָט געפינקעלט, געלויכטען מיט אַלערליי קאָלירען און פערשיינט די אויגען אַזוי, אַז איך האָב בעקומען צו איהם אַ גרויסען יצר הרע. דערביי איז מיר אַרויף אייפ'ן זינען מיין קראַנקע שוועסטער, איך וועל איהר עס געבען אַ מתנה, ‏? וועט אַ שבת, אַ יום־טוב, דערמיט זיך איינפּוצען און זיך בעריהמען פאַר איהרע חבר'טעס. דער דאָזיגער געדאַנק האָט מיר נאָך אונטערגעגעבען חשק, און אַז איך האָב גענומען דאָס קנעפּעל און אַריינגעלעגט עס אין קעשענע, איז דער גרויסער משרת, וואָס האָט עס אַלצדינג פון דערווייטענס צוגעזעהן, באַלד צוגעלאָפען צו מיר מיט אַ געשריי: „אַזוי, שייגעץ, גנב איינער, דו לעגסט אין קעשענע? זעהט איהר — בעל־הבית'טע, האָט ער געזאָגט — יענע

זאַכען, וואָס האָבען געפעהלט, איז איך זיין מלאכה׳ דאָס האָט ער שוין געזאָגט בכיון, כדי אַרויסצושאַרפען איין מיר זיינע איינענע חבאים, אַ פנים, און איך געדענק ווי פון שלאָף, אַז ער פלעגט אַ מאָל מאַכען אונטערדריקען דער רינסט קלייני־קייטען . . . קורץ, מען האָט מיר געמאַכט אַ וויכטען פינבטי־רען סוף, גוט אויסגעפּאַטשט און אַרויסגעטריבען.

ה.

די מאמע האָט מיך ווידער בעקומען צו זיך צו נאָכט אין א גיטער, מזל'דיגער שעה! איך זאָג נישט אימזיסט „אין אַ מזל'דיגער שעה", וואָרום יענע צייט גראָד איז געווען די צייט, וואָס זי האָט ערגיין בײ א בעקער געײַעלגערט מצה, און דורך איהר חשיבות איז איהר געראָטען, אויסצואַרבייטען דאָרט פאַר מיר אַ התמנות פון אַ גיסער, דאָס הייסט אונטערצוגיסען וואַסער, מיט אַ פסח'דיג קריגעל, דער קנעטערין, וואָס דענסטמאָל האָט עס בײ מיר אַזוי פיעל פערנומען ווי די גרויסע שטעלע פון אַ שר־המשקים. איך האָב מיך מיט דער שטעלע בײ זיך אין האַרץ מיהם נעווען און געקוקט אויף זיך עפּיס מיט דרך־ארץ, ווי אויף א מענשען, וואָס מען בעדאַרף צו איהם אָנקומען און זיין הילף איז שטאַרק נייטיג. אין דער ערשטער צייט איז מיר אפילו אָנגעקומען שווערליך צו צושטעפּען אַקוראַט די מאָס וואַסער, און עס זענען דורך מיר חמץ'דיג געוואָרען עטליכע מיערעס און מען האָט מיר דערפאַר מיאוס אָנגעריבען אַ נאָז, נאָר דערנאָך איז עס בײ מיר געגאַנגען ווי אַ פּיטער. איך האָב מיך געהאַלטען בײ זיך פאַר איין גיסער אין דער וועלט, אפילו אין פּאַריז קען שוין קיין בעסערער פון מיר נישט זיין. צווישען די מענשען, וואָס האָבען ביים בעקער זיך איבערגעוואָרפען מצה באַקען, איז געווען אויך איינער, א דרדקי־מלמד. ער איז געווען מיט מיין גיסען זעהר צופרידען און מיך אַפילו אַ קניפּ געטאָן אין בעקעלע. די מאַמע מיינע האָט מיט דעם מלמד עפּיס אַלין גערעדט, גערעדט, דערנאָך האָט זי מיך צוגערופען און געזאָגט: זעהסט־דו, יצחק־אברהם'צע, רב עזריאל נעמט דיך צו, בײ זיך אין חדר, פאַר אַ בעהעלפערל! דערבײ האָט זי געמאַכט צו דעם מלמד: איך חידוש מיך מעהר נישט, רב עזריאל, ווי אַזוי דאָס איז מיר ביז אַצינד נישט אַרויף איפ'ן מוח! זיין טאַטע, עליו השלום, ווי איהר ווייסט, איז געווען אַ מלמד, זאָל דער זוהן זיינער, איהם צו לאַנגע יאָהר, אויך זיין אַ מלמד, נאָר אויך די אייגענע מעשה טאַקי, זאָלט

איהר מיר געזונד זיין, אַז דער מה, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין ידען געדאַכט, ליגט מיר, שונא־ציין, אין דער ערד. איהר האָט דאָך מיינעם, אייך אויף צו לאַנגע יאָהר, געקענט. איך די איינע־נע מעשה, מסתמא איז דאָך אַזוי אָנגעשריבען געוואָרען, דער זיהן זאָל איך בלייבען ביים טיטעל. אַז זיין ליבען נאָמען איז נידא, איז מיר אייך ניחא. נימערערגער, זאָל זיין מוט'ן טייטעל...

ס'איז אָבער נישט געווען, ווי די מאַמע האָט געזאָגט. מיט'ן טי־טעל, ס'איז גאָר געווען מיט דער וויג, מיט דער ציג וכדומה מיט אויער־בע זאַבען! רב עוריאל־מלמד'ס ווייב האָט מיך גענומען אין איהרע הענד אַריין, מיט מיר געשמאַק געקנעלט און מיך מכבד געווען מיט אַלערליי מלאכות. איך בין ביי איהר געווען אַ פאַרשטעקעל, אַ קאָרק, מיט וועל־כען זי האָט פערשטאָפט אַלע לעכער. אַלע טאָג אין דער פריה האָב איך בעדאַרפט, ווי אַ יוד פאַרפעהלט נישט דאַוונען, אָבפידרען די ציג אין דער טשערעדע. זעלטען, זעלטען אַז ר' עוריאל פלעגט זי, די ציג הייסט עס, מיט זיין כבוד אַליין פיהרען פאַר די הערנער און איך פלעג זי מיט אַ רימעל פון הינטען אָנטרייבען. אָבגעפאַרטיגט זיך מיט דער ציג, איז געגאַנגען אַ סדרא פון אָנטראָגען האָלץ, צוגייפקלייבען אין דרייף, אייפ'ן מיכט, דאַרע שפענדלעך, אויסגיסען די פאַמיינעצע, אויסקעהרען די שטוב און האַלטען אויף די הענד דאָס קליינע קינד מיט אַ נאַס פערקאַ־טשעט העמדעל, וואָס האָט געוויינט, זיך געריסען נאָך דער ברוסט, גע־צאַפעלט מיט הענטלעך און מיט פיסלעך, זיך פערגאַנגען, פערקייכט און, מחילה, געפייפט מיט'ן נעועל. איך האָב עס בעדאַרפט אַיינגערטען, איינ־טראַכטען שפילבלעך, בלאָזען אין קילאַק ווי אויף אַ טרימייט, קנאַקען מיט דער צונג, מאַכען „סאָראָקע־וואָראָנע“ און זינגען „פי־פי־פי“, „ציגע־לע־מיגעלע“ און נאָך אַנדערע קינדערשע לידלעך. חלילה אָבציישטעלען זיך אַ רגע! די רביצען האָט געעפענט אַ פיסק און איינגעגאָסען אויף מיר אַ תוכחה, האַלטענדיג די קאָטשערע, גאָר אויף צו פלעטען מיר דעם מה.

איבערגעקומען בשלום אָט די האָזיגע מלאכות, בין איך געלאָפען צונויפנעהמען די קינדער אין חדר אַריין. דאָ האָט זיך אָנגעהויבען גאָר אַ ניי קאַפיטעל — דער „מידה־אני“ מיט אַלע תרי״ג בעהעלפערשע מלאכות: פוצען שטיוועלעך, שיכ'עך, אַרויסנעהמען נאַסע יינגלעך פון אינטער די איבערבעטען, איסזוכען זיי דאָס אָנטאָן, פערשפילען שפענעערס, אָב־

דיכען שליכפערס, אָבבלאָזען פעדערען פון יארמעלקעלעך, אָבווישען נעזי=
לעך, שלעפען מיט גוואלד פון דער שטיב אין ארויסשטופען אין דרוי=
סען... אָט אזוי בין איך געגאנגען פון שטוב צו שטיב ביז איך האָב
ציגייפגעזאמעלט די גאנצע קאָמאנדע. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען דער
משנה וויילדער מארש, וואָס מען האָט איהם געמעגט איף חדושים אָנ=
קוקען. פאראייס אין אונטער מיר ליופען, שפרינגען, קריכען יונגלעך אין
דער „פאָלנער פאָרמע“, מיט אַרויס־געשטעקטע העמדלעך אונטען פונ'ם
שפענצער. דער געהט טרויעריג מיט אַנ'אראָבגעלאָזענעם קאָפּ, ווי צו
דער שחיטה, יענער האַלט אַ שטיק ברויט מיט אנ'איי אין עסט, איינער
מאַכט קוקוריקו! און דער אַנדערער — ציגעלע מע־מע־מע! איך אַליין
געה האָפערדיג אין דער מיט, אָנגעלאָדען אין די קעשענעס, אין דעם
בוזעם, אין אַ קוישעל איופ'ן אָרעם פלעצלעך מיט פּוטער, ברויט בע=
שמירט מיט שמאַלץ, ריפטלעך ברויט מיט אַ ווידעל פון אַ הערינג, מיט
טעפלעך קאַשקע, זויערמילך, קעז, ציבעלעס, קנאָבעל און שאר ירקות,
און פוהר פון ביידע זייטען בייַ די הענטלעך אַ האַלב טוץ יונגלעך. אַ
טייל יונגלעך הליפען, סמאַרען מיט דער נאָז, אַ טייל שפאַרען זיך איין
און ווילען נישט געהן, אַ טייל פאַרדרעהען דעם קאָפּ אַהינטער, וויינען
שרייען: מאַמע, מאַמע! היך אויף אַ קול איבער דער גאַנצער גאַס...

אָנקומענדיג אין חדר האָט דער רבי מיט דעם עלטערן בעהעל=
פער איבערגענומען דעם גאַנצען עטאַפּ קליינע אַרעסטאַנטלעך, און זיך
גענומען צום שמיסען. איך האָב בעדאַפט דערלאַנגען ריטער און
האַלטען פאַר די פיסלעך. אָבגעשפּילעט און געלענט איופ'ן ביינקעל
האָט דער רבי מיט זיין כביד אַליין, אַז די אָבגעשמיסענע קינדער
האָבען זיך אַ לאָז געטאָן שפּילען איופ'ן בערגעל מיסט אין דרויי=
סען, האָב איך מיך גענוצט אָברוהען — וויגען דאָס קינד, רבי
עוזריאל דעם מלמד'ס קדיש, זינגען איהם דערביי „אונטער היקעלעס
וויגעלע שטעהט אַ ווייס קלאָר ציגעלע“, אָדער איינפלאַנטען אַ
מאָל אַ מאָטיק פאָרים, געהן איופזוכען די היהנער, שרייען אַ־קיש!
און טרייבען דעם האָהן מיט זיין פעקעל ווייבער, די לעפטשיכעס,
אַראָב פונ'ם בוידעם אי פונ'ם דאַך. אין אַ פאָר שעה אַרום האָב
איך מיך אַיינגעשפּאַנט געהן ברענגען די יונגלעך וואַרמעס אין חדר
אַריין און אַזוי האָב איך מיך געדרעהט אַהין־אַהער, אָנגעטיפּעט ביז
פאַרנאַכט.

פאַרנאַכט איז געקומען די צייט אָבציפיהרען די האָפטע קינדער אַ

היים. מיינע צאָן=קדשים זענען ליסטיג געלאָפן, געשפּרונגען, דער מיט
אַ אונטערגעשלאָגענעם אויג, יענער מיט בלויע צייכענס אויף דער באַק,
איינעם האָט געפּלאַמט אַנ׳אייער, דעם אַנדערן איז אַביסל אויסגעצופּט
געוויין אַ פּאה. קיינער אָבער האָט פאַר שמחה דערויס זיך גאָר נישט גע=
מאַכט. אַלע האָבן געשטיפּט, געוואַלט, געיאָגט לעבעדיג=פריילעך. אין
דער צייט איז אויך די משוגענע קוה צוריק געגאַנגען פּנ׳ס פעלד מיט
די פעטסטע ציגען פאַראיים. איך האָב אָבגעלאָזען מיינע צאָן=קדשים אין
געגאַנגען מקבל=פנים זיין ר׳ עוריאל דעם מלמד׳ס ציג, האָב זי אַ האַפּ
געטאָן בייַ די הערנער אין אָבגעפירט אַ היים אין איהר רוה אַריין.
דערמיט האָב איך זי אָבגעהאַלטען פון אַ גרויסער מיאוס׳ער עבירה —
שפּרינגען ערגעץ אין אַ פרעמדען גאָרטען אַריין, אין מיר האָב איך פאַר=
שפּאָרט אַ קאָפּדרעהעניש זי צו זוכען, ווי עס פלעגט זיך מאַכען אַ מאָל,
ביז שפּעט אין דער נאַכט.

מכח מיין עסען איז דער מריבר געווען אַזוי: ר׳ עוריאל האָט מיר
צו=געזאָגט קעסט ביי זיינע בעלי=בתים, ביי איינעם אַ טאָג, ביים אַנדערן
צוויי וואָכען, אָדער אַ חודש, ווי עס האָט זיך געלאָזט. נאָר באמת בין
איך געווען אויף קעסט נישט ביי די בעלי=בתים. נאָר וואָס דען? — ביי
זייערע קעכינס, וואָס האָבען געהאַט אַ מיגו נישט צו האַלטען ר׳ עוריאל׳ס
התחייבות אין מיך לאָזען פשוט הונגערן, אין וואָס דאָס האָבען זיי זעהר
אָפט געמאַכט. איך ווידער פון מיין זייט, הגם אין מיינע תנאים איז
נישט געשטאַנען צו טאָן דאָרט עפּיס אַ מלאכה, פונדעסטוועגן האָב איך
פאָרט נישט געקענט אַזוי גראָב זיין, אָבציזאָגען זיך, ווען מען האָט מיך
מכבד געווען מיט אַרבייט. איך פלעג רייבען חריין, שאַרפען מעסערס,
שייערן, רייניגען די שבת׳דיגע מעשענע לייכטער, געדן צים שוחט קוי=
לען עופות, לויפען אין דער רינכט׳ס שלוחות אין קליישעל נאָך פעפער,
נאָך אינגבער מיט צימערינג צום קוגל, וכדומה נאָך זאַכען אין דעם
בעל=הבת׳ישקייט.

ס׳איז געווען אַרום תשעה=באב=צייט. איך האָב מיך שטאַרק מכבד
געווען, אָנגעגרייט בלי=זין — הילצערנע שווערדלעך פאַר מיינע יונגלעך,
אָבגעפאַרבט זיי, די שווערדלעך הייסט עס, מיט שוואַרצע יאַגעדעס אין
מיט אַנדערע מיתה=משונה=פאַרבען אין געהאַפּט דערפון צו האָבען אַ שעה
נעם גראָשען. נאָר פלוצלים האָט אויף מיר זיך אָנגעריקט אַ חמאַרע אין
צישטערט מיינע האָפענונגען. ר׳ עוריאל האָב אין יענער צייט בעראַפּט

גראָד שלאָגען מיט־שלעק עפּיס איינעמס א נגיד'ס א יונגעל, א בן־יחיד ל וואָס איז געווען שטאַרק צוּבּערינג ביי די עלטערען. דאָס יונגעל איז פער־שלאָפען געוואָרען און געלעגען קראַנק אין בעט. די מאַמע מיט דעם טאַטען האָבען געליאַרעמט, געשריגען און געזאָגט: זיי מוזען דעם רב עוריאל'ן גוט אָנלעדיגען און צוּנעהמען ביי איהם דעם גאַנצען חדר. רב עוריאל האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקען, געזיפצט א וועג ווי זיך צו רייניגען, און ארויפגעלעגט די גאַנצע שולד איף מיר, דאָס איז, האָט ער זיך פאַרענטפערט, דעם בעהעלפער'ס מלאכה. ער איז, האָט ער געזאָגט איף מיר, אַ גרויסער שייגעץ, אַ ווילדער עכבראָש! דאס יונגעלע פון זיין זיט האָט געשוויגען, שטאַרק מורא געהאַט, ווי געוועהנליך, אויסצוזאָגען פונ'ם חדר. עס איז אָנגענומען געוואָרען, אַז איך בין שולדיג, און ביי ביידע צדדים איז געבליבען, מיך גוט אויסצופּאַטשען און אַרויסצוטרייבען פונ'ם חדר. איך בין געוואָרען דאָס כפּרה־הינדעל און מען האָט מיט מיר, שלים'מזל, טאַקי באַלד געשלאָגען כפּרות!

ו.

טאַ! — האָט די מאַמע מיינע זיך אָנגעריפען אין אַ שטיקעל מיט עפּיס אַ יודענע, אין בשעת מעשה געקוקט אויף מיר — אויך די אייגענע מעשה, ווי זאָגט מען עפּיס, אסתר, אַ מענש טראַכט און גאָט לאַכט. איך האָב פון מיין זייט יוצא געווען, זיך געלעגט, ווי מען זאָגט עפּיס, וואָלט איהר מיר געזונד זיין, אין דער לענג און אין דער ברייט, נישט צו פערשוואַרצען מיינעם דאָרט אין קבר דאָס פּנים, נאָר גאָר גנוג, שונאי ציון, אַז עס פעלט אַלין מיט דער פיטער אַראָב. איך האָב איהם אַזוי ווי איהר קוקט איהם אָנ=עט, אסתר, שוין געשטעלט אויף עטליכע ערטער. ער האָט געקענט דאָרט ווערען אַ לייט, מאַכן וואָס ליט הייסט, אַז גאָט אין לייט וואָלטען מיר מקנא געווען. נאָר גנוג, אסתר, געהם האָבען דאָ איינ=עט אַ מיתה=משונה אין ווער די כפרה, אַז עס קומט גאָר אויס, דיר אויף צוזעצניש, שונאי ציון, פונקט ביזבעריק! אויך די אייגענע מעשה, ווי זאָגט מען עפּיס, אַז דאָס שלים'מזל לאָזט נישט אָב אַ מענשען, מוז מען אַנבייגען דעם קאָפּ. אַז מען קען נישט אַריבער, זאָגט דער עולם אַ ווערטעל, מוז מען אַרונטער. יאַק ניטאַ ריבאַ טאָ אי ראַק ריבאַ, זאָגט אַפילו אויך דער פויער להבדיל. איהר זעגט דאָך אַ וואוילקענעוודיגע, אסתר, טאַ! צו אַ בעל=מלאכה, לאָז זיין צו אַ בעל=מלאכה. מסתמא איז דאָך איבען אַזוי אָנגע'התמ'עט געוואָרען, אַז מעביל דעם מלמד'ס זוהן זאָל זיין אַ בעל=מלאכה, וועה אין ווינד איז מיר! אויך די אייגענע מעשה, מה אנו מה חיינו, געה פרעג דעם רבונו של עולם קשיות!

אין עטליכע טעג אַרום בין איך אַריינגעטרעטען פאַר אַ לעהרינג=יונגעל צו לייזער דעם שניידער

לייזער דער שניידער איז געווען אַ קליין דאַר יודעל מיט אַ בלייך פּנים'על, זעהר כפּרוטנע, אַ ריהרענדיגעס ווי קוועקזילבער, מיט אַלע

שניידערשען פּאַסטעמקעס — אַ פאַלגע מיט די ביינער. מען האָט איהם געקענט ריפען אַ וויבערישער אַ מאַנסקער שניידער, אָדער, נאָך גלייכער, נישט קיין וויבערישער, נישט קיין מאַנסקער, ווייל ער האָט זיך אונטערגענומען נעהען אַ וויבערישע, אַ מענישע קליידער, אַלצדינג אין דער וועלט, אפילו אַ היטעל אויך, און האָט קיין זאַך נישט רעכט געקענט. אונטער זיינע הענד פלעגט אַ יפה מגולגל ווערען אין אַ שלאָף־ראָק, אַ שלאָף־ראָק אין אַ קאַפּאָטע, אַ קאַפּאָטע אין אַ קליידעל און אַ קליידעל אין אַ קינדערש לייבעל. דערצו איז ער געווען אַ בריה. עס האָט ביי איהם אויסגעגעבען תמיד מאַטעריע אַקוראַט וויפיעל מען בעדאַרף, און איהם איז נאָך אייך איבערגעבליבען אַ היבשער שטיק יתור. אונטער אַנ׳אָסיען, די רעכטע צייט, ווען ביי יודען אין דער פאַמיליע הייבען אָן קליידער איבערגענייצעוועט און מגולגל ווערען פון איין מלבוש אין דעם דעם אַנדערן, דענסטמאָל איז ער געווען פערוואָרפען מיט אַרבייט.

לייזער האָט פון זיך הנאה געהאַט און זיך געהאַלטען פאַר דעם בעסטען שניידער ווען נישט אין דער גאַנצער וועלט, על כל פנים פאַר דעם בעסטען אין בעזלידעוו, ווייל ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס איהם פעהלט. אַז מען פלעגט איהם אַ מאָל ווייזען עפּיס אַ גוט שטיקעל אַרבייט ערגיץ פון דער פרעמד, פון בערלין אַ שטייגער, פלעגט ער גע־בען אַ שמייכעל און נישט וועלען אַפילו דעם כבוד אָנטאָן, דערצו זיך רעכט צוקוקען און צו בעטראַכטען, ווי דאָס איז גענעהט, ווי עס נעהט דער שניט.

— עט! — פלעגט ער שמייכלען מיט אַ קנייטשעלע און יענעם אָב־שלאָגען די פליגעל — עט, וואָס איז דאָ אַזוינס פאַר אַ חריפות? וואָס האָט מען דאָ געפונען אַזוינס וואָס צוזעהן? אַזעלכע אַרבייטען האָב איך שוין אין מיין לעבען טויזענטער מאָל איבערגעמאַכט. מען בעדאַרף נאָר צו אַלין האָבען מזל, אַבי ס׳איז אין בערלין, הע, הע, איז שוין גוט.

אַ צינגעל האָט לייזער געהאַט אַ געשליפענעס, זעהר אַ געלויפיגב. אַז עמיצער פלעגט וועלען איהם אויסמאָלען, ווי ער זאָל איהם נעהען, האָט ער יענעם נישט געלאָזט אויסרעדען, פערחאַפּט און גערעדט אַלין אַליין:

— איך וויים, איך ווייס־ווייס־וויים! זייט זיכער, איך וועל אייך מיט גאָט׳ס הילף מאַכען אַ שטיקעל אַרבייט נאָך בעסער ווי איהר אַליין ווילט.

דאָס ערשטע מאָל איז מיר דען צו מאַכען אַזאַ אַרבייט? איך ווייס, זייט זיכער, איהר וועט צופרידען זיין.

ביים אָבבּרעננגען די אַרבייט, אַז יענער פלעגט זאָגען: דאָ קוועטשט איהם, דאָ קנייטשט זיך, דאָ ליגט נישט גוט, דאָ איז שמאָל, האָט לייזער נישט געוואָלט גאָר הערען, אַלץ גערעדט, גערעדט און פערשאָטען מיט רעד:

— חלילה, ווי פאַלט איהר איים אַזוינס צו זאָגען? עס קוועטשט נישט! עס טאָר גאָר נישט קוועטשען, עס הייבט נישט אָן אפילו זיך צו קנייטשען. גיט נאָר אַ ציה, זייט מוחל, אַהין אַביסעל. עס ליגט גוט אַזוי ווי אויסגעגאָסען. נאַט אַייך נייס — ס'איז שמאָל! וואָס הייבט שמאָל? אַז סע טאָר נישט זיין שמאָל! איהר האָט ערשט זיך געגעסען און זענט אַביסעל פול, דאַכט זיך אַייך אויס, אַז ס'איז שמאָל. איך זאָל פאַרקרינקען אין דעם היגען הקדש, וואָס מיר איז דערפון אַראָבגעפאַלען, ביי מיינע יודישע נאמנות! מען איז קוים איסגעקיבען ווי מיט קרעפעל־פלייש. ס'איז איבערגעבליבען פונ'ם אונטערשלאַק אַ שמאָל פאַסעקעל פערקעל, האָב איך עס אַייך אבגעבראַכט. בעסער ווי איך האָב אַייך געמאַכט, קען מען שוין מאַקי ערגיץ נישט מאַכען. איהר וועט זיך אַביסעל איינגעהן, וועט איהר געוועהנט ווערען. טראָגט געזונד!

ביים צאָהלען פלעגט זיך אָנהייבען אַ דינגעניש. ער האָט אַוועקגערעדט אַ שעה מיט חרמות, אָבגעלייבט אין מאָג אַריין זיין אַרבייט, אויסגערעכענט איטליכעס פיצעלע בעזונדער, וואָס האָט איהם געקאָסט, געמאַכט אַ שניידערשען חשבון און געשטעלט פאַר עדות אונטער די אייגען דעם קרעמער, דעם שטיקלער אי די יודענע פונ'ם שאַפּקעלע, און אָבגעשאָטען פשוט מיט ניין מאָס רעד, ביז מען האָט איהם מוסיף געווען נאָך אַ צעהן גראָשען. טאַ. פלעגט ער דערנאָך מאַכען, גיט חאָטש אַביסעל בראַנפען... מיט אַביסעל בראַנפען האָט ביי לייזער'ן זיך אָנגעהויבען און אויסגעלאָזען אַלע געשעפטען. ער איז נישט געווען חלילה קיין שכּיר, זיך נישט געוואַלגערט אין די גאַסען. נאָר טרינקען האָט ער געקענט. די מלאכה האָט ליעב דעם טרינק — איז געווען זיין ווערטעל. און ער האָט מאַקי אמת ליעב געהאַט די משקה. ציליעב דעם פלעגט ער זיין אַ גאַנצער מאַכער אין דעם צעך, האָבען אַזאַ התקרבות מיט דעם צעכמייסטער, אַרייסווייזען זיך אין שטאַרק אַרבייטען בשעת עפּיס אַ וויבּאָר, ווייל געוועהנטליך געהט עס דאָ נישט אָהן אַביסעל בראַנפען. ליי־

ווער'פּנשמה האָט נישט'קשה געפּיהלט, וויא מען בעקומט דעם בוזעמין מראָפּען. נאָר זאָגען, אז פאַר אַ כוסה האָט ער פערקויפט זיין הארץ, זיין פערשטאַנד, ער האָט אויפגעהערט צו פיהלען, צו פאַרשטעהן וואָס גוט אין וואָס שלעכט — חלילה, דאָס נישט. פער'בוס'עט האָט ער עס נישט, ער האָט טאַקי ביי זיך געהאַט זיין שכל און ווי אלע אנדערע זעהר גוט געוואוסט דעם אמת, ער האָט נאָר פער'בוס'עט, פערקויפט זיין גאַלקע...

לייזער דער שניידער האָט מיך גלייך ביי מיין אָנקומען צו איהם שטאַרק גענומען אין דער אַרבייט און מיט מיר אָנגעהויבען דעם אַלף=בית פון דער מלאכה. דער אַלף=בית איז נישט בעשטאַנען הדינען, ווי מען האַלט די נאָדעל, ווי מען בעדאַרף אַ שטאָך טאָן — ניין! דאָס איז נאָך געווען ציפריה, דעם דאָזיגען כבוד האָט מען מיר נאָך אַ לאַנגע צייט נישט אָבגעגעבען. לייזער האָט מיט מיר אָנגעהויבען פון דער התחלה — פון זיין פאַמיליציע, האָלין טראָגען וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכען. פּבית דער אייגענער אַלף=בית, וואָס ביי דעם צעלניקער און ביי עזריאל דעם מלמד, נאָר מיט אַביסעל פאַרענדערונגען, ווי עס פאַסט צו אַ שניידער, דהיינו: געהן אין מאַרק נאָך כשר'ע פאָדים; אַריינשטעלען פּריעסלעך וואַרימען אין איבען, ביי לייזער'ן גופא אין שטוב, אָדער אַ מאָל ערגיץ ביי אַ שכן: זיבען אַ מאָל צעהן אין טאָג אונטער'ן מיט, אונטער די ביינק, דעם פינגערהויט, אָדער אַ דין נאָדעלע; אַריינציהען פאַרשטריגעם און אָבטראָגען מיט דעם בעל=הבית ערגיץ אַ שטיקעל אַרבייט. און אַזוי ווי לייזער האָט געהאַט אַ ווייב, אַ בעל=הבית'טע, אַ בריה אַ יודענע, האָט זי זיך מיט מיר שטאַרק אָבגעגעבען, איינגעזוכט ביי זיך תמיד פאַר מיר אַרבייט און מיר נים געלאָזט חלילה לעדיג זיצען קיין רגע. די מאַמע מיינע האָט נאָך לעת=עתה נישט געהאַט זיך וואָס צו שעמען פון מיין מלאכה, און מיין טאַטע ר' טעביל דער מלמד האָט נאָך דערווייל געקענט רוהיג ליגען אין קבר: זייער זוהן האָט זיי נאָך נישט פערשוואַרצט דאָס פנים, ביז דער נאָדעל איז נאָך געווען גאַנץ ווייט. און מכה שלאָגען — הדינען האָט מען זיך נישט געדונגען. אַ מאָל האָט מיך געשלאָגען לייזער, אַ מאָל לייזער'ס ווייב און אַמאָל בײדע אינאיינעם מאַקי, אָדער זיי ביידע, נאָר אויף אַנ'אַנדער מין אופן, דהיינו אַזוי: לייזער האָט פריהער אָבגעשמעקט עטליכע פעטש לייזעריכען און לייזעריכע האָט זיי מיר געטריי איבערגעגעבען מיט פּראָצענט, מיט געשמאַקע עטליכע קניפּ דערצו, אָדער פאַרקעהרט, לייזעריכע האָט מיט

אַ מאָל צום ערשטען אַרײנגעלענט מיט איהרע אײגענע הענד, װיפיעל זי האָט נאָר געקענט אין לײזער'ן, און לײזער האָט נישט געקענט אויסהאַלטען, ער זאָל עס באַלד נישט אַרײנװאַרפען אין מיר... לײזער מיט'ן װײב האָבען געלעבט װי אַ פּאָר טױבען, גלײך אין אַלע זאַכען: בײדע זענען געגאַנגען אין ספּאָדיק, בײדע האָבען געהאַט אַ גלײכע דעה, בײדע האָבען מורא געהאַט אײנער פאַר דעם אַנדערן, זיך געהאַלזט, אַרומגענומען און זיך געשפּילט מיט דעם שענסטען בעסטען — מיט פּעטש...

קײן האָניג האָב איך בײ לײזער דעם שנײדער נישט געלעקט. איך האָב געאַרבײט אין שטוב װי אַן אײזעל און געכאַפּט פון אַלע זײטען קלעפּ, דענסטמאָל האָב איך געמײנט, אַז דאָס אַלצדינג מוז מען אַ לעהרע־יונגעל טאָן און אָהן דעם חלילה, דאָס הײסט, אָהן פּאָמײניצעס־טראָגען וכדומה און אָהן קלעפּ, הײסע פײערדיגע פּעטש, װעט ער נישט קענען זײן אַ בעל־מלאכה, אַקוראַט װי אָהן קלעפּ קען מען נישט לערנען און מאַכען פון אַ למדן. אַ שפּיגעלע האָב איך פאַר מיר געהאַט לײזער'ס אַנ'אַרבײטער. אַ דאַרער, אײנגעהײקערטער, אײסגעבלײכטער בחור, װאָס ער האָט זײנע בעסטע יונגע יאָהרען פערבראַכט בײ לײזער'ן, געטאָן עבודת פּרך און געליטען ביז ער איז געקומען צו דער מדרגה האַלטען אַ נאָדעל און שטשאָבען. דעריבער פלעג איך, שלימ'מזל, נעבעך מקבל באהבה זײן אַלע פּעטש און אפילו נישט הױך װײנען.

אײנמאָל אונטער אַ פאַר־פּסח רופט דער בעל־הבית צו מיר זיך אָן:

— איציק אברהמ'ל, גיב נאָר אַ שפּרינג אין קרעמעל, האַפּ, פערהאַפּט זאָלסטו װערען, פאַר אַ גראָשען כשר'ע פּאָדים אין בעזאַרף, װאַרפען זאָל עס מיט דיר, אָט פון דעם דאָזיגען קלײד דעם פעדער־חלק, דערנאָך דעם אונטער־חלק. זשיװאָ, ממזר!

איך געדענק, װי שטאַרק איך האָב מיך דערפרעהט דענסטמאָל איבער דעם כבוד — זיצען בײ דעם טיש און האַלטען אַ נאָדעל, גלײך װי מען װאָלט מיך אויף אַ חתונה מכבד געװען האַלטען די חופּה־שטעקענס. הײדאַ! איך האָב מיך אַנידערגעזעצט בײם טיש אַקעגען דעם אײבגעבליבטען בחור, פרעהליך, לוסטיג אין מיט בײדע הענד געהאַלטען דעם אונטער־חלק, װי עפּיס אַ טײערע זאַך, אַנ'אָבן־טוב. דער שנײדער האָט אויף אַ בײ־קולבען צוגעװײנגען אַ שטיקעל פון כל־נדרי, באַלד אַ מלך־עלי'ן, באַלד איז ער איבערגעגאַנגען אין אַ מאַרש, צוגעשאָקעלט מיט'ן קעפּעל

אין צוגעפיקט צום טאַקט מיט די פּיסקעס, באַלד האָט ער געזאָגט א המצאה׳לע איבער מיר, איבער דעם אויסגעבליכטען בחור, אין דערביי ארויסגעשטעקט אַ שפּיץ צינגעל, באַלד האָט ער געזונגען וויינענדיג ווי מען בעזעצט א כלה און באַלד האָט ער געזאָגט, ווי דער מאַרשאַליק, געזאַמען. „ושיווא, איציק אברהמ׳ל! — האָט ער מגיה־וביה טאַקי געזאָגט מיט אַ נגון, — שנייץ אָב דאָס ליכט, ממזר! גיה גיכער, אָנגעבלאָזענע ציהה! אַביסעל גיכער, איציק אברהמ׳ל, חאַפּ ביי מיר נישט, ממזר, קיין דרעמעל!״ אין איך, שטאָך דאַ שטאָך, שטאָך דאַ שטאָך אין דעם קלייד, אין די פינגער, וואו עס האָט זיך פּאָפּאַדעט. נאָר ווער הערט אַ שטאָך בשעת אויפ׳ן האַרץ איז פרעהליך?...

פלוצלים אָבער האָט אויך מיר זיך אָנגעריקט אַ חמאַרע: אין דער גאַנצער שטוב האָט אָנגעהויבען צו שטינקען סמאַלינע. מען זוכט דאָ, מען זוכט דאָרט און מען געפינט לסוף, אַז ביי מיר, שלים׳מזל, סמאַלעט זיך דער אינטער־חלק יענער אונטער־חלק, וואָס איך האָב בעוואָרפען! וואָרום בשעת איך האָב אָבגעשנייצט דאָס ליכט, איז אַ שנויץ דערויף אַראָבגעפאַלען! אַ געוואַלד, אַ געשריי, אַ געפילדער, וואַליי פּעטש, קולאַקעס און קלעפּ איז מיר געפאַלען ווי האָלץ! איך האָב גענוג געהאַט פאַר דאָס מיינגע. דער שניידער פּריווט זיך מאַכען פינ׳ם אונטער־חלק אַ פעדער־חלק, אַרבעל, עס געהט נישט! ער האָט שוין געבעך פונ׳ם קאַסטען אַרויסגענומען דעם שטיק יתור פון דעם קלייד, נאָר מוטשע זיך, שונאי ציון, פון היינט איבער אַ יאָהר, עס געהט נישט! חאָטש צערייס זיך! חאָטש טו דאָ פּימער אַריין, עס געהט נישט! דער אונטער־חלק מוז טאַקי בלייבען אַן אינטער־חלק, פון אַ חזיר׳ש עקעל קען מען קיין שטריימעל נישט מאַכען...

— הער נאָר אוים, איציק אברהמ׳ל! — האָט געזאָגט לייזער — דער אוים, ממזר׳יק, יינגאַטש איינער, אַ קרענק דיר אין די ביינער! פּאַטשען דיך האָב איך שוין מעהר קיין כח נישט, אַז די בעל־הבית׳טע וועט קומען פונ׳ם מאַרק, וועט זי דיך מסתמא אייך דערוואַרמען אַביסעל אין אויסטאַפּען דיר די ביינדעלעך. זי האָט אויך אַזאַ רעכט גלייך ווי איך און זי וועט דיר איהרס נישט שענקען. נאָר דאָס אַלצדינג אָבער איז אַלץ גאָרנישט, אַ היוניק אַקעגען דעם, וואָס דו וועסט ערשט לייזען שפּעטער, באם עס וועט מיר ניט איינגעהן מיין הכברח.

לייזער דער שניידער האָט באַלד טאַקי זיך פערטראַכט איבער

דעם אונטער-חלק און געדערט צו זיך אַליין: „פאַר וואָס נישט מאַכן אַ קעשענע... פינ'ט לאָך אַ קעשענע?... אַי וואָס?... עט, מילא וואָס מאַכט עס אויס?..." דערנאָך האָט ער אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויגען און אַ געשריי געטאָן:

— פּאַשקאָל וואָן ממזר! אַלע-לולע (הללוהו) כל צבאיו, הינט זאָלען מיט דיר האַנדלען!

איך האָב מיך אַרויסגעריקט פון אונטערן טיש ווי אַ קעצעלע, און געוואַרט מיט אַ פּערקלעהמט האַרץ אַ וויסטען סוף.

די דאָזיגע טרויערדיגע מעשה איז געשעהען מיטיאָך תהילת אָויענט. פרייטאָג, געדענק איך ווי היינט, האָט דער בעל-הבית מיר געהייסען אָבטראָגען נאָך איהם דאָס קלייד צו דעם אַרענדאַטאָר'ס וויב. די אַרענדאַטאָרקע גיט אַ בליק — אַ דונער, אַ שלאַק: אַ קעשענע סאַמע אונטען!

— וואָס איז דאָס אַזוינס, שנייד'ערל לעב? — האָט זי זיך צעשריגען — ס'טייטש, וואָס איז דאָס — דאָס? איך וועל, אסור הניה, אַזאַ קלייד בשום אופן נישט צונעהמען!

— אַי — האָט לייזער מיינער געענטפערט מיט אַ זיס לעבעלע און איהר פערשלאָגען די רייד — אַי, שרייט, כ'לעבען, נישט, ברײנדעלע! אַזוי העלף מיר גאָט ווי איך האָב אייך געמאַכט גיט! איך האָב אייך געגעהט דאָס קלייד נאָך דער סאַמע לעצטער מאָדע. ס'טייטש, ביי אַלע פּריצ'עס זענען היינט איינגעשפּאָלטען קעשענעס אונטען. אַ משוגע'נער מאַכט היינט קעשענעס פאָרענט! איך זאָל אַזוי, רבונו של עולם, פּטור ווערען פון מיין מלאכה און נישט בעדאַרפען זיין קיין שניידער (אַזוי נעהמליך פלעגט ער זיך שווערען, ווי דער שטייגער פון אַלע אַנדערע יודישע בעלי-מלאכות) ווי שען דאָס זעהט אויס! אַ שאָד, כ'לעבען, וואָס איהר קענט נישט אַליין מיט אייערע אייגענע אויגען אָנקוקען דעם זיבעטען חן, וואָס דאָס האָט. מאַפּט, כ'לעבען, נישט, ברײנדיל, ס'איז גוט! אָט טראָגט געזונד. פאַרניצט געזונד, צעררייסט געזונד! ניט נאָר קריטשענע מיין לעהרעניונגעל, ער פאַרדינט, כ'לעבען, ער האָט נעבעך די אייגען זיך אַרויסגענומען און אַ סך געהאָרעוועט אויף דער קעשענע. מיר קומט אויך, כ'לעבען, אַ כוסה!

לייזער איז געווען פאַרטעבעט אין בעלידעזו פאַר איינעם פון די

בעסטע שניידער, וואס גערען נאך ששורנאלען, אין דער ארענדאר דארט איז געזעסן איינער פון די גרעסטע נגידים, היינט אז מען האט געזעהן זיין ווייב, די ארענדארקע, געהט ארויס אנטאן מיט א קעשענע, זענען דערנאך אלע בעולירעווער מאדנע ווייבלעך ארויסגעגאנגען אנטאן מיט איינגעשפאלטענע קעשענעס. נאר הגם מיין קעשענע איז אריין אין דער מאדע, איך אבער בין דערפון נישט געהאלפען געווארען. לייזער האט מורא געהאט, איך זאל מיט דער צייט נישט ארויסווארפען עפיס אזעלכע נייע מאדעס, וואס וועלען איהם חלילה אנמאכען בויכוועהטאג, און מחמת מורא נישט געוואלט געבען מיר א שטאך ארבייט. ער האט מיך אין גאנצען אפגעשענקט זיין ווייב במתנה גמורה, זיך נאר איבערגעלאזען דאס רעכט, מיר א מאל אבצושטעקען א פאטש. וואס טויג מיר, האט ער זיך אנגערופען, אזא פערשלעפטע קרענק, אזא מין קינדלער? אין דערביי אבגעזאגט זיין געוועהנליכען פסוק: אלע-לולע כל צבאיו, הינט זאלען מיט איהם האנדלען!... לייזעריכען האב איך א מאל א שאדען אנגעטאן, נישט ווילענדיג איהר צובראכען א טאפ מיט אייער און געמוזט לסוף דורך דעם עוקר זיין.

פון האט מיך דערנאך אבגעגעבען צו אלערליי אנדערע בעלי-מלאכות, וואס א וואך צו אנ'אנדערן. איך אבער בין געווען א שלים'מזל און ערגיץ נישט געהאט קיין גליק. איטליכער בעל-מלאכה בעזונדער האט מיך דאס ערשטע בעקאנט געמאכט מיט דעם בעל-הבת'ישקייט און מיך איינגעשפאנט אין דעם יאך, אין בעל-הבית האב איך איף מיר געהאט, עפיס א שטיקעל, א פרעהליכער קבצן, ער פלעגט מיך אלץ שיקען צווישען די איטליכע ערטער — רייטען ביי הוזרים הויר-האר פונ'ם רוקען. נארעלע, אזוי איז געווען תמיד זיין ווערטעל: פון א חזיר א האר איז אייך גוט. ביי א חזיר איז א מצוה צו רייסען... בשעת ארויס-טראגען א פאמיניצע פלעגט דער דאזיגער פרעהליכער קבצן אויף שפאס אויפשטעהן און מאכען מיט א נגון:

— הן כבוד לאיצינא! טראג, טראג, איציק אברהם'ניא, איך זאל דערלעבען טראגען דיר צו דער תתונה ווען אין א רעשיטע! טראג, איצינא, טראג. אין דיינע יאהרען האב איך גענוג פאמיניצעס איבערגעטראגען!...

דעם דאזיגען שטיקעל האב איך אין הארץ ליעב געהאט, ער איז מיט מיר זיך בעגאנגען בעסער ווי אלע אנדערע. איך וואלט מיך ביי

איהם געהאַלטען און אפשר עפּיס וואָס איבערגעלערנט, נאָר ער איז אָבער שטאַרק קראַנק געוואָרען, אָנגעהויבען שטאַרקער ווי פריהער צו הוסטען, צו שפּייען מיט בלוט, וויל ער איז נעבעך שרעקליך אָבגעקי־מען, געהאָרעוועט, געאַרבעט איבער די כוחות, כדי צו זיין די ווייב און קינדער, און עבען האָט ער נעבעך געליטען יסורים. היין א דאַר שטיקעל ברויט מיט עפּיס וואָס־ס'איז דערצו, איז אין זיין מויל נישט גע־קומען. דעם טעם פון פלייש האָט ער שוין לאַנג פאַרגעסען. ביי א שמוּ־עס א מאָל פלעגט ער אַליין שפּאַסען: פלייש — דאָס איז נישט קיין ייִדי־שע זאַך. איך משוגע'נער האָב מיר טאַקי איינגערעדט א שטיקעל לונ־און־לעבער שבת אין טעפּעל!... מען האָט איהם נעבעך איינ א וועגע־לע אַוועקגעפיהרט אין הקדש אַריין און ער איז דאָרט טאַקי באַלד געשטאָרבען...

———

ז.

ויהי היום — איז אין בעולידעיז אָנגעקומען איינער פון די אַרומ־פאָהרענדיגע חזנים און האָט ביי אונז שבת געדאַווענט מיט משוררים, דער עולם איז פון אַלע קלייזלעך איהם געלאָפען הערען. אַ טייל האָבען זיך נוהג געווען, ווי זאָגט מען עפּיס, ווי פּראָסטע בעלי־בתּים — האָבען אָבגעדאַוועט ותיקין, פריהער טאַקי גיט קדוש געמאַכט אין דערנאָך געגאַנגען הערען. ס'איז געווען אַ שרעקליכע איינגעפּאַפּט, מען האָט זיך געשטופּט אויף די קעפּ און איך האָב צווישען דעם עולם אויך זיך אַריינגעשטופּט הערען דעם חזן, ווייל איך האָב ווי אַלע יודען זעהר ליעב געהאַט זינגען.

דער חזן האָט געהאַט אַ קליין משורר'על, אַ פּייפער, אין מיינע יאָהרען. איך האָב איהם עפּיס אַזוי מקנא געווען, ווי ער שטעהט זיך ביים עמוד אונטערגעהאַלטען דאָס בעקעל מיט דער האַנד און טרעלעליקעט, אַז איך וואָלט פון מיר באָדאַי דאָס העמד אַוועקגעגעבען, אַבי זיין ווי ער אַ משורר'על. איך האָב אויף דעם דאָזיגען משורר'על געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ דעמבטמאַל, ווען מיר יונגלעך זענען אַלע געזעסען אין פּאָלעש בשעת לייענען. איך בין פאַר איהם אינגאַנצען בטל געוואָרען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויף דער וועלט איז שוין נישטאָ קיין בעסערס פון אַ משורר'על. ווי קום איך צו אַיהם! אַז דאָס משורר'על האָט נאָר גע־עפענט דאָס מויל, נו האָט מיינער זיך גענומען איהם אַריינקוקען אין דעם מויל, און ווען עס וואָלט נאָר מעגליך געווען אַריינצושפּרינגען אין איהם ווי איך שטעה און גיה, וואָלט איך עס געטאָן מיט גרויס פערגעניגען, מיך פּשוט מחיה געווען.

אַהיים קומענדיג פון דער שול האָב איך מיך אַלין געפּרוּווט נאָכ־מאַכען דעם משורר'על. ביי די זמירות האָב איך מיך שטאַרק צולאָזט אויף אַ קיל'כען און טרעלעליקעט אַזוי, אַז די מאַמע האָט גרויס תענוג

געהאַט. נאָר איך האָב כלל נישט געמיינט די זמירות ווי נאָכצומאַכען דעם משורר'על. עס האָט מיר עפּיס זיך געווינגען. דאָס מויל האָט מיר נישט געקענט אויף אַ רגע זיך צומאַכען. מען האָט שוין אָבגעגעסען וואַרמעס און איך האָב טאַקי אַלץ נאָך געזונגען, געמאַכט שטייגער. דאָס זינגען איז לסוף איבערגעגאַנגען אין קונדס אַריין און איך האָב מיך געריסען אויף אַלערליי משונה ווילדע קולות. אַז די מאַמע האָט דאָ אַ קיק געטאָן, אַז איך וויל גאָר נים אויפהערען און לאָז זי נישט אַ ביסעל אָברוהען נאָכ'ן קוגעל, האָט זי מיך גוט איסגעבאָכעט און אַריינגעוואָרפען פון דער שטוב. וואוהין לויפט אַ יונגעל שבת ביי טאָג? מסתמא אין בית מדרש אַריין. הע, הע! דאָרט האָב איך געטראָפען די גאַנצע ווייכע חברה, די אַלע רעכטע קונדסים. איך האָב געמיינט, אַז נאָר איך איינער האָב נאָכגעמאַכט דעם משורר'על, ניין! אַלע אַנדערע האָבען דאָס אייגענע געטאָן וואָס איך. איטליכער בעזונדער איז געווען שטאַרק בעשעפטיגט, דער האָט געקוויטשעט, דער געריטשעט, דער האָט געברומט ווי דער באַס, יענער נאָכגעמאַכט דעם פיסטעל-זינגער, איינער האָט זיך משונה געקרומט, זיך געריסען אויפ'ן האַלז, געהירזשעט, געציגעלט זיך ווי דער חזן, און דער אַנדערער האָט זיך צילאָזט אויפ'ן ביי'קיל'כען ווי דער פלייטער. דערנאָך האָט די חברה, אַלע אינאיינעם, זיך אַ נעהם געטאָן אָבצושפּילען דאָרט אויבען אין דער ווייבערשער שול דאָס שענע בעטלער'ל, מיט וועלכען דער חזן האָט געזאָגט מי-שברך. מען האָט געמיאַקעט, געפּישטשעט, געסווישטשעט, געהילכט, געשריגען ביז דער שמש האָט אונז אָבגעשפּריצט מיט וואַסער און אונז מיאוס טאַקי אַרויסגעטריבען.

באמת, מיזט איהר וויסען, האָב איך טאַקי געהאַט אַ דין קול'כען, אַ שען געלענקעל. איך פלעג אַ מאָל אינטערהעלפען לייזער דעם שניידער בעזעצען אַ כלה, אָדער אונטערהעלפען איהם אין אַ מלך-עליון. לייזער פלעגט דערביי קיקען אויף מיר און זאָגען מיט אַ שמייכעל, ווי איינער, וואָס עס טוט איהם שטאַרק הנאה: גיט, ממזר'ק איינער! אַזוי, אַזוי. אין דיין טאַטען אַריין, ממזר!... מיר איז אַריין אין קאָפּ צו בעטען די מאַמע, זי זאָל מיך אָבגעבען צום חזן. איך האָב מיך צו איהר צוגעזעצט ווי אַ זלידנע, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז זי האָט מיך געמוזט פיהרען טאַקי צום חזן. די אָרעמע פאַרוויסטע אַלמנה נעבעך איז שוין אויך גערן געווען אַזאַ סחורה ווי איך פטור צו ווערען. אַז דער חזן האָט מיר געהייסען אַ קוויטש טאָן און דערנאָך געזאָגט, ער נעהמט מיך צו, האָב איך

פאר שמחה געמיינט, אז די וועלט איז מיינע. איך בין גאר ניט אין שטאנד צו שילדערן, ווי מיר איז דענסטמאל געווען איפ'ן הארצען. די מאמע מיינע איז אפנים דערפון געווען שטארק צופרידען, מאכי שטארק, וואס שטארק הייסט, ווארום אין א שטיקעס מיט איהר בעקאנטער יודענע האב איך געהערט, ווי זי האט צו איהר געזאגט אזוי:

— איך די אייגענע מעשה, אסתר, זאלט איהר מיר מאריך ימים זיין, וואס קען א מענש יענעמס תכלית פארזארגען? ציבריך דיר, שינא־ציין, דעם קאפ, צוריים זיך אין שפרינג דיר אפילו פון דער הייט, אסתר, וועסט גאר נישט מאכען. ווי זאגט מען עפיס, אסתר, אז השם יתברך דערהייבט א מענשען, ווייסט מען גאר נישט פון וואנען איז דאס איהם געקומען. איך זאג עב אקעגען מיין יתום, זאג איך עס. איך די אייגענע מעשה, לייט האבען געזאגט צו א בעל־מלאכה, אסתר, לאז זיין צו א בעל־מלאכה. וואס וואלט פון איהם געווארען? בעדארף גאר דער איבערשטער הסד טאן און בעווייזען, אז נים אזוי ווי לייט זאגען, ניין, אסתר. נא דיר גאר א חזן!... געדאנקט און געלויבט איז, אסתר, השם יתברך, מיין יתום איז שיין א צונד פארזארגט, ער איז א לייט, איך מיינע לייבע געזאגט געווארען! איך האב עס גאר אזוי פיעל ביי זיין ליכטן נאמען נישט פארדינט. דא האבען בעשיינפערליך נאר זבות־אבות זיך יעמיהט.

מיט דעם חזן בין איך מעהר ווי א האלב יאהר ארומגעפאהרען אויף דער וועלט. מיר, שלים־מזל, איז ביי איהם איך שלעכט געווען, ערגער פון אלע איבעריגע משוררים. איך האב נישט'קשה גוט ביטער גע־קויפט. דער שטייגער איז געווען. ווען דער חזן האט ערגיץ געדאווענט, האבען די משוררים בעדארפט אונטערהייבען קיקען איפ'ן עולם. זעהן, איב זיין דאיינען געפעהלט, וואס זאגט מען איף זיין געמבע אין ווי ער ועצם עברי, און אז דער חזן האט אין דערהיים עמיצען ארוף געטאן ביים נאמען, מיט עפיס א מין ווינק דערביי, האט עס געהייסען: נו זאג נאר, איז מען עפיס צופרידען געווען? כמעט תמיד אבער איז דער גורל ווי איף צו להבעים געפאלען איף מיר. עס קען אפשר זיין דעריבער, וויל די איבעריגע משוררים פלעגען באלד נאכ'ן דאווענען מאכען פליטה און איינגעטריקענט ווערען. קוים האט ער נאר א זאג געגעבען: אברהם'קע! און דערביי דערלאנגט דעם געוויסען ווינק, אז מיינער, וואס דאס נישט געוואיסט קיין הבמות, איז ארויס מיט דער שפראכע: חזן.

מען האָט געלאַכט, מאַקי זעהר שטאַרק עפּיס געלאַכט! נו, פלעגט ער מיך אָנגעהויבען ביים איער, הרעהען און דרעהען, ציהען און ציהען, אַז איך זאָג אייך, דער שניידערקעס קלעפּ זענען אַקעגען דעם קאַטאָוועסליך געווען.

אַמאָל האָבען מיר קרעניץ אין אַ שטעדטעל געדאַווענט שבת פרשה שקלים. דער חזן האָט צום דאַווענען זיך שטאַרק מכין געווען, ווייל ער האָט אַרויסגעקוקט אויף יענעם שטעדטעל'ס הונות. שבת־צונאַכטס האָבען צו איהם זיך פערקליבען מענשען אַ גאַנצער עולם, מען האָט געטרונקען פּונש, וויין, און ס'איז געווען אַ פרעהליכע מלוה־מלכה. דער חזן האָט געמאַכט חן, זיך געפּיעסטעט, זיך גענקלאַפּט איפּ'ן האַלז, אַז ער האָט אַביסעל זיך צוגעקיהלט און מיז ערליכע מינעי אָבהיטען זיין כלי, זיך ווי דער שטייגער איז אַלין געקווינקעלט, געקווינקעלט און פון דעםסטוועגען האָט ער דעם עולם, ווייטער טאַקי ווי דער שטייגער איז, פּאָרט צוליב געטאָן, געזאָגט „אליהו'ס" און געזונגען אַ וואָלעכיל. דעם חזן איז גראָד אויסגעקומען נייטיג נאָך עפּיס צו שיקען, און ווי ער האָט אַרויף געטאָן: אבּרהם'קע! האַ־האַ, דאָ האָט מיינער געפּעגנט אַ פּיסקעל און אַ זאָג געגעבען: „חזן, מען האָט פון אייך געלאַכט! נאָנן הייך אייף אַ קיל אין פרעהליך, ווייל איך האָב נעהאַט אין קאָפּ אַ ביסעל משקה. דער חזן נעבעך איז געוואָרען אָנגעצונדען, רויט אָנגעבלאָזען ווי אַן אינדיק, דאָס פּנים האָט איהם זיך געמינעט און דער גאַנצער עולם איז געבליבען עפּיס ווי צומישט מיט אויסגעגלאָצטע אייגען. איך האָב געמיינט, אַז דער חזן וויל מיר נישט גלייבען. בערעדעווידיגט בין איך גראָד דעםסטמאָל געווען פון'ם ביסעל פּונש, נו האָב איך מיך צולאָזט מיט מיין זיס צינגעל און אָנגעהויבען צו שווערען: „ווי איך בין אַ ייד, חזן, מען האָט פון אייך געלאַכט! אָט־אָ די דאָזיגע מענשען מאַקי האָבען שטאַרק חוזק געמאַכט!... ווער שמועסט, יענער, יענער, וואָס טרינקט און סוד'עט זיך אַלין מיט אייך, ער האָט, כ'לעבען, זעהר געלאַכט בשעת מיר האָבען געאַרבייט אין דער קדושה. עפּיס האָט ער, דאכט זיך, געזאָגט: קאַטשאַן! חיים איך וואָס קאַטשאַן הייסט? אינדיקזיימען צו קאַטשעקעפּטער...

דער חזן האָט פערביסען די ליפּען, כלומר'שט געמאַכט זיך לאַכענדיג און געזאָגט דעם עולם אויף מיר, אַז איך בין אַ שוטה, המיניאַטע, ווייבּ נישט, ווער עס האָט מיך געשוירען, צו די אַלע מגילות בין איך נאָך גראָד איצט אַ ביסעל פאַרלעקט אייך, נאָר ער מיז אויא אַנשיקעניש האַלמען צוליעב דעם קיל'בען. דעם עולם איז געוואָרען עפּיס אייך פריקרע.

די מלוה־מלכה האָט זיך נישט געקלייעט און מען איז זיך פונאנדערגעגאנגען עפּיס צושטערבעט. איהר קענט אייך מישער זיין, וואָס איך האָב דערנאָך געליטן. דער חזן האָט מיר געוויזען, וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבען און דאָס ביסעל פונש איז מיר באָקאָם אויסגעפאַלען.

איך בין מיט דעם חזן ווייטער אַרומגעפאָהרען, זיך אויסגעשלעפּט אין אַ סך יודישע שטעדטל'עך און אויף שבת נחמו זענען מיר אַריינגעפאָהרען קיין צבוע'טשין. דער חזן האָט אַרויסגעקוקט אויף צבוע'טשיטשער תונות. ער האָט דאָרט אײַנגעלעגט די וועלט און געאַרבייט אויף אַלע כלים. די גבאים האָבען איהם געבעטען, ער זאָל דאָרט פערבלייבען אויף ימים נוראים. און דערנאָך וועט מען מיט איהם זיך אויסגלייכען, אַלעדינג, אם ירצה השם, גומר זיין. איך בין דערוויל אַביסעל בעקאַנט געוואָרען מיט צבוע'טשיטשער קונדסים און בין, ברוך השם, ביי דער דאָרטיגער וויכער חברה געווען אַ שטיקעל חשוב. דהיינו, אַז ס'איז אויסגעקומען צולויפען מיט אַ הוראַ נאָך דעם דאָרטיגען שטאָדט־משוגע'נעם, האָט מען מיך געלאָזט לויפען פאָראויס. אָדער מען האָט בעדאַרפט עמיצען מאַכען אַ פאַנפע, פלעגט מען דערינן נעהמען קליאַטשע פון מיר פון דער קאַפּאָטע, און ווען ס'איז אַמאָל געראָטען אַרויסצוגנב'נען פונ'ם שמש'ס שאַפּקעלע דעם שופר, פלעגט מען מיך מכבד זיין מיט דעם ערשטען בלאָז. עס וואָלט מיר אָנהייבען אפילו צו ווערען רעכט גוט, נאָר וואָס העלפט מען אָבער, אַז ס'איז נישטאָ קיין מזל!

הערט נאָר מיין סוף ביים חזן! ראש השנה קענט איהר זיך פאָרשטעלען ווי מיין חזן נעבעך האָט געהאָרעוועט. ער האָט געאַרבייט, ווי מען זאָגט, אויף אַלע זאַפּאַטאָקעס, געדרעהט איטליכעס וואָרט אַמאָל צעהן אַרויף און אַראָב, אויסגעטייטשט עס מיט דעם פינגער, פון דער געבבע איז ער פליצים אַריין אין דעם ביי־קול — היידי־די־די אַהער, היידי־די־די אַהין, און איז שיער נישט געקראַכען אויף די גלייכע ווענד. דער באַס איז אָהריפּנעט געוואָרען פונ'ם שטיינער מאַכען, ביי איטליכען שטיקעל אַ ניי שטויגערעל, נאָך אַמאָל לאַטימדום־דום־דום!! ווידער אַמאָל לאַטימדום־דום־דום!! ער איז אָבגעגאַנגען מיט שווייס און זיך אַלין געוואַשט מיט דעם פאַטשיילכען, וואָס איז איהם נישט אַרויס פון דער האַנד, מיט וועלכער ער האָט עס געדרעהט אין דער ליפּטען. דעם פלייטער נעבעך האָט שוין נישט געדינט דאָס קול, ער האָט בעדאַרפט אַריבערשרייען דעם באַס, נאָר עפּיס דעם חזנ'ס אַ וואָרט — אַ פּיק, אַ קייטש, און איך, שלימ'מזל, האָב כמעט אַלע

רגע בעדאַרפֿט אַ קוויטש טאָן, מאַ־טע־ניאַ! אָדער אַ לאַנגען טראַמטאַמ־טי! אַזש נו... הכּלל, מען האָט געאַרבייט, זיך געריסען איף וואָס די וועלט שטעהט.

אין דער שוהל האָט געדאַווענט אַ יונגער־מאַן, אַ נגיד. ער איז געווען אַ ביסעל פֿון היינטיגער וועלט, אַ דיקער, אַ געזונטער, אַ פּשיקעל ליין און זעהר אַ גוטער מענש. ער פֿלעגט ליעב האָבען זיך נאַריש צו מאַכען מיט קינדער און ער האָט שרעקליך פֿיינט געהאַט דעם חזן פֿאַר זיינע מיאוס׳ע העויות. אַז דער חזן איז אַביסעל זיך צופֿאָהרען אין דעם „אתה זוכר“ וואָס אין דער מוסף׳דיגער שמונה־עשרה, זיך געגאַנגען אַ גאַנג ווי איף אַ פּאָטשטאָווען וועג, אַרויסוואַרפֿענדיג געמאַכטע ונאַטור׳ליך „פּאָמאָליִודיעצקי“, האָט צו מיר ווי אַ קעצעלע זיך צוגערוקט דער ליין, דער נגיד, און עפּיס מיט אַ ג׳ערנסט פּנים׳ל מיך שטילערהייט אַ פֿרעג געטאָן: זאָג נאָר, קליינער, קענסט־דו מאַכען אַ ווינשעל? און מניה־וביה מאַך איז שוין ביי איהם אויף דער אונטערשטער ליפּ פֿאַרטיג געוואָרען אַ ווינשעל, אַזאַ גרויסע, אַזאַ רויטע, אַז איך האָב מיך שטאַרק צולאַכט. אָבער דערנאָכמאָל גראָד האָט דער חזן שוין אויסגעמאַכט אַ ונאמר׳ל אין געהאַרט, איך זאָל מאַכען טראַמטאַ־מאַ־טי! אַז דער עולם האָט געזעהן, דער חזן איז עפּיס געבליבען שטיל ווי דערוואָרגען, האָט מען אָנגעהויבען פּאַטשען איף די סטענדערס. דער חזן האָט מיט כּעס זיך אַרומגעקוקט צו מיר, גלייך ווי איך וואָלט איהם גע׳גזל׳ט, אָדער נישט געוואָלט אָבגעבען וואָס איהם קומט. די אויגען האָבען איהם געפֿייערט און דאָס פּנים איז איהם געווען רויט, אויסגעפֿריעט ווי אַ צימעס. דער באַס האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו מיר מיט אַ כּרום, ווי אַ קוה צו אַ קעלבעל, נו, הייסט עס, ענטפֿער שוין אָב דיין טראַמטאַ־מאַ־טי! נאָר קוים וואָס איך האָב מיך גענומען מיט פֿינגער צום גאָרגעל אַ הילך צוטאָן, האָט דער נגיד אַקעגען מיר געמאַכט נאָך אַ מאָל אַ ווינשעל, און איך האָב נישט־הילענדיג, פֿון דער העלער הויט, אויסגעשאָסען אַ געלעכטער הויך איך אַ קוויטש! דער חזן האָט זיך צוטומעלט, פֿערפּלאָנטערט, פֿערבלאָנדעט, און אַרויסגעשפּרונגען פֿון די האָלאַבלעס, זראָב פּנ׳ם גלייכען שליאַך, האָט איבערגעהיפּערט אַ שטיק שמונה־עשרה אין דערנאָך גיך געכאַפּט עטליכע גריזען. דער עולם האָט פֿון אַלע זייטען געטומלט פֿערוואונדערט: אַי, אַי! געקלאַפּט און געפּאַטשט איף די סטענדערס, די ווייבער דאָרט אין דער ווייבערישער שוהל האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען און אין איין אָטעם אַ געשריי געטאָן: אוי, עס ברענט!... דאָ האָבען שוין ווידער די

מאַנסבילען זיך דערשראָקען, זיך אַנגעהויבען שטיפען אין ארייבלייפען פון דער שיהל. דער כלל, ס'איז שוין געווען א צעררודערטע ראיזנען. דער עולם איז שרעקליך נישט צופרידען געווען.

אויף מאָרגען נאָך ראש-השנה האָט דער חזן מיך אַרויסגעטריבען אין אַליין איז ער נעבעך בבושה והרפה אוועקגעפאָהרען, זיך ווייטער ערגיץ אַרומשלעפען. איך, שלים'מזל, בין איבערגעבליבען אין צבוצ'-טשיץ ווי איפ'ן וואַסער.

ח.

ראש־השנה האָב איך אין צביע׳משין געגעסען ביי א יידען, וואָס איז שווער אַקוראַט צו בעשטימען, וואָס פאַר א מענש ער איז געווען: עפּיס נישט קיין חסיד, נישט פון היינטיגער וועלט, עפּיס אַ אַזין אַ אַהער און דאַרט זיך ווידער נישט אַהין נישט אַהער; נישט געקליידעט אַלטפּעטעריש, נישט היינטיג מאָדיש, נישט, ווי מען זאָגט, פליישיג, נישט מילכיג, עפּיס „נאָ“ האַלבגעבראָטען, גלאַט פאַר זיך עפּיס אַ מין יוד. איך האָב דערנאָך אין דער וועלט בעגעגענט אַ סך אַזעלכע מיני ידען, נאָר איך בין קיינמאָל אויף זיי קיין מבין נישט געווען און נישט געקענט רעכט פאַרשטעהן, וואָס פאַר א מענשען זיי זענען... אז איך בין געבליבען עלענד, זיך אַרומגעבלאָנקעט ווי א שעפעלע איינער אַליין, נישט געהאַט מיט וואָס א טאָג איבערצוקומען, האָב איך מיך מישב געווען און בין געגאַנגען צו דעם דאָזיגען ידען און האָב איהם דערצעהלט מיין אומגליק, די גרויסע צרה וואָס מיך האָט געטראָפען. דער דאָזיגער יוד איז געווען בטבע נישט קיין שלעכטער, א שותק, אַ רענדעל אַ וואָרט, ער האָט מיך שווייגענדיג איסגעהערט און אַלין געגלעט די וואָנסעס. דערנאָך האָט ער פערטראַכטערהייט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד, איך זאָל בלייבען, האָט עס געהייסען, און געזאָגט אין שטיב, מען זאָל מיר געבען עפּיס עסען. ביי נאַכט, אַרום זייגער צעהן, עלף, אַז אויף דער נאָך האָט מען שוין נישט געזעהן קיין מיטינגע׳נעם הונד, און אין דרויסען איז געווען האַטש אַנ׳אייג אַרויסצונעהמען, איז ער מיט מיר געגאַנגען הינ־העט אין עק שטאָדט ערגיץ אין אַ פערוואָרפען געסעל. אין דעם דאָזיגע־ געסעל איז געווען רוהיג, שטיל ווי אויף אַ בית־עולם, עס האָט נאָר זיך געהערט דאָרט אַ רוישען פון ביימער, וואָס דער ווינד האָט צו־ווילען מיט זיי געטרעסעט, ווי מיט אַ לולב, אויך אַ געשישקערײ פון עטליכע איבערגעבליבענע דאַרע בלעטלעך ערגיץ דאָרט אויף א בוימעל און א קיל פון אַנ׳אָסענדיג רעגענדעל, וואָס האָט צו־ווילען געקראָפען אויף

אָראָבגעצאָלענע בלעטער און אויף פערטריקנטע גראָז פֿון אלערליי מיני גאָרטענזאַכן. אין דער מיטן איז אַ רונדע אַנשיינען געוואָרן, האָט פֿון דערווייטענס זיך געלאָזט הערען אַ געקלאַפּעריי ערגיץ פֿון אַ מיהל און אַ ליאַרעם, אַ געוויין פֿון אַ האַסטיג פֿלייצענדיג וואַסער. קוים האָט דער ווינד ווידער אויף דאָס ניי אָנגעהויבן, האָבען מיט אים, ביי'ם אָנהויב בלאָזען זיך פֿון דער שטאָדט, פֿערטראָגן כטישטשטש'ע, פֿערטישטשע מיני קולות: אַ קרעה פֿון אַ האָהן, אַ מריקען פֿון אַ קוה, אַ סקריפּ פֿון אַהין=און=אַהער זיך שלײדערענדיגען טויער, אַ געוידער, אַ געטומעל פֿון אַ בעל=הבית'ישער פֿאָהרענדיגער יאַזדע און אַ בילען פֿון ערגיץ אַ בעל=הבית'ישען הונד. אַ פּנים, אַז אין יענעם געסעל זענען נישט געווען קיין יודען, זיסט וואָלט דאָך דאָרט נישט געווען קיין געדרענגער מיט בייזער, איף דער ערד וואָלט דאָך נישט געווען צווייעט, צושפּרייעט, קיין בלעטער, און מיין יוד וואָלט דאָך געמוזט טאַפּען דעם וועג, ער זאָל חלילה אין דערמיט גאָס נישט אַרויף אויף אַ קוה, אָדער נישט אָנשלאָגען זיך אין ציבראָבענע מרעפּלעך פֿאַר איטליבער טיר. מיין יוד איז אַלין געגאַנגען, נישט צורעדען מיט מיר אפילו איין וואָרט, ביז צום סוף זענען מיר צוגעקומען צו אַ הייפּעל און אַריינגעגאַנגען דאָרט אין אַ נידריגס, נישט קיין גרויס הייזעל. אין אַ קליין פֿאָרצימער האָט געצאַנקט אַ ליכט, דאָרט האָט מיין יוד איסגעטאָן זיין אויבערקלייד און איז אַריינגעגאַנגען אין צווייטען הויז, מיר אָבער האָט ער געהייסען וואַרטען דאָ אין דעם פֿאָרצימער. מיר איז גראָד אויסגעקומען דאָרט שטעהן אונטער דער צוגעמאַכטער טיר, האָב איך געהערט אָט אַזאַ מין שמועס:

„עד כאן אומרים בשבת הגדול“, — דערמיט האָט זיך געענדיגט דאָס לעצטע בלעטעל פֿון די, וועלכע דער רב האָט מיר געגעבען, און אַזוי ווי ס'איז געווען שוין שפּעטליך ביי=נאַכט, האָב איך געלייענט קריאת=שמע און זיך געלעגט אויף מיין אָרט אין בית=מדרש שלאָפֿען.

ט.

קיים וואָס איך האָב דערלעבט מאָרגען פריה אָבצוואַוונען, האָב איך עפּיס איבערגעהאַפּט אין דער גיך, איבערגעלאָזען ווייטער איף דעם שמש מיין ביידעל מיט דעם פערדעל און מיך געלאָזט צום רב.

אין שטיבעל ביים רב האָב איך געטראָפען אַ היבשען עולם מענשען, אָהן עין־הרע — דינים און נגידים. דער רב אַליין איז דאָרט ניט געווען. אַלע אין שטיבעל זיצען עפּיס אַזוי ווי פערטראַכט. נגידים זיצען אפילו תמיד אַביסעל פערטראַכט, פערזאָרגט, און קוקען אויף יענעם מיט אַ מרה־שחורה'דיגען פנים, עפּיס אַזוי, אַז עס ווערט פערקילט אין בויך, עס גליסט זיך אַוועקגעהן און זיי מעהר נישט אָנקוקען. איך ווייס אָבער נישט, אַז מען האָט געלד, וואָס האָט מען דאָ אַזוי צו טראַכטען, צו זאָרגען און צו מאַכען אַזאַ ערנסט פנים? דאַכט זיך, צו געלד באַדאַרף מען עפּיס ניט האָבען אַזעלכע הייבע געדאַנקען. מען קען, דאַכט זיך, האָבען אין קאַסטען געלד און קוקען אויף אַ מענשען גלייך, נישט מיט קיין קרום פנים... מילא גאָרנישט, נישט דאָס בין איך אויסען.

— וואָס זיפצט איהר אַזוי, ר' חנא? — האָט איין נגיד דעם אַנדערן געפרעגט.

— איך זיפץ, ר' בעריש — האָט ר' חנא געענטפערט — איף דער אבדה, וואָס מיר האָבען פערלאָרען. יצחק־אַברהם איז געווען וועהר אַ נוצליכער מענש, מיר האָבען אַלע אין איהם געהאַט אַ בריאה, אַ מהיער און אַ בעל־סוד. ער איז אונז צופריה אָבגעשטאָרבען. ער האָט באַדאַרפט האָטש נאָך עטליכע יאָהר לעבען. אַ שאָד בלעבען! מיר מעגען מאַקי אַלע זיפצען איף אַזאַ גרויסע אבדה. קיינער איז יצחק־אַברהם אַזוי נישט אָבגעשטאָרבען ווי דער שטאָדט, אונז אַליין, מיין איך!

— מאַקי גאַנץ אמת, ר' חנא — האָבען אַלע געענטפערט און זיך שטאַרק פערטראַכט.

— איך האָב נאָך היינט אַ חתונה — האָט זיך אָנגערופען איין דין — איך בין מסדר קדושין.

— און מיר הלש'ט גאָר דאָס האַרץ — האָט געזאָגט דער אַנ־דערער דין — פון אַלע זאַכען וואָלט איך גענומען עפּיס אין מויל אַריין. מיר איז שוין מאַקי צייט צו עסען, איך האָב נאָך היינט הוץ אַ גלעזעל צוקאָריע נישט טועם־טעם געווען.

— מיינע מערידען מהיען מיר אָן גאָר צרות! — איז אַריין אין דער מיט נאָך אַ דין — זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס טהוט איהר עפּיס צו אייערע מערידען? מעהרענצימעס, זאָגט מען, זאָל דערצו גוט זיין. ווייס איך? איך האָב אַלין ביז אַהער געהאַלטען פון געקאָכטע פלוימען מיט צענעס.

— צו מערידען איז די בעסטע רפואה — האָבען יענע צוויי דינים זיך גלייך אַרויסגערעדט — זיך גאָר נישט ווישענדיג מאַכען און גאָר נישט טאָן, מיר האָבען עס בקבלה פון אונזערע טאַטעס...

איך בין געזעסען ווי אויף שפּילקעס און געצעהלט די מינוטען, דער רב זאָל אַריינקימען, איך זאָל שוין זוכה זיין צו הערען דעם סוף פון דער גאַנצער מעשה און צו וואָס בין איך דאָ אַזוי נייטיג געווען. ס'איז מיר צו גרויס געווען איטליכע רגע און איך בין מיד געוואָרען וואַרטענדיג. גאָט האָט געהאָלפען, דער רב איז אַריינגעקימען מיט אַ גוקיימשען שטערען, וואָס האָט בעוויזען, אַז אינוועניג אין קאָפּ זענען דאָ פיעל מחשבות, און מיט אַ פאַרענטפערן זיך, וואָס ער האָט געלאָזט דעם עולם אויף זיך אַ ביסעל וואַרטען. ער איז געווען, זאָגט ער, טרוד אין אַ האַרבער שאלה מיט אַ לונגען־לעבער.

— זענט איהר, רבותי, דאָ אַלע? — טהוט דער רב אַ פרעג, אַנידערזעצענדיג זיך אויף זיין שטול.

— אַלע, רבי, אַלע, חוץ איין רב פייביש פעהלט צום מספר.

— רב פייביש איז היינט אַ בעל... ווי זאָל איך זאָגען? אַ בעל־שמחה... הברה קדישא, רב פייביש מיין איך, ווערט נעהמען אַ גוטען רח"ש קבורה־געלט פון יצחק אַברהם'ס יורשים, מיין איך — רופט זיך אָן איינער פון די נגידים מיט אַ שטאַרק פערקרימטער, עסיג־זויערער צורה, וואָס האָט די גאַל אין מויל.

— איך בעט איבער אייער כבוד, רבותי, וואָס איך פאַרנעהם אייך

מיט אַזאַ מעשה — ווענדעט זיך דער רב צו דעם עולם — איהר זענט דאָך מענשען, סוחרים, איטליכער פון אייך איז אַ מרוד, פאַרהרעהט אין זיינע עסקים אין האָט אַודאי קיין צייט נישט! נאָר וואָס זאָל איך מאַן, ס'איז דאָך אַ מצוה מקיים צו זיין צוואת המת. ער, עליו השלום, האָט עס פון מיר פערלאַנגט אין פערדינט מאַקי מיט רעכט, מען זאָל ממלא זיין די בקשה זיינע, אַזוי ווי איהר וועט צום סוף אַליין אַרויסזעהן. זייט-זשע מיר הונדערט מאָל מוחל, רבותי!

— גיש'קשה, ניש'קשה! — האָבען די אַלע נגידים זיך אָנגערופען — אַדרבה, רבי, די מעשה געפעהלט אונז זעהר. מיר וואָלטען נישט מיד געוואָרען זי צו הערען ביז אין סוף אַריין האָטש אַ טאָג מיט אַ נאַכט, אַזוי שען געפעהלט זי אונז. אין גאָר אָהן דעם, האָט יצחק אברהם עס מאַקי ביי אונז אַלע פערדינט, מיר זאָלען פון זיינעט וועגען אויעקלעגען אַביסעל צייט אין הערען זיין בעשרייבונג. מסתמא וועט דאָך עס צו עפּיס פיהרען. דער סוף מוז אַודאי זיין וואונדער-שען און מיר וועלען קיין חרטה נישט האָבען, וואָס מיר האָבען אַזוינס געהערט.

דער רב, זאָל לעבען, נעהמט עפּיס אַ פעקעלע פאַפּירען אין אייז-הוסטענדיג זיך אַביסעל, מהוט ער אַ זאָג:

— מיר זענען נעכטען, דאַכט זיך, געבליבען דערביי: „האָב איך געהערט אָט אַזאַ מין שמועס”.

— יאָ, דאָ! דאָ! — רוף איך מיך אָן, און מהו אַ לייג פאַר דעם רב די עטליכע בלעטלעך, וואָס ער האָט מיר געגעבען נעכטען.

— אַ-אַ, גוט, גוט, רב מענדעלי! — מאַכט דער רב פריינדליך צו מיר און שטעלט מיך פאָר פאַר דעם עולם:

— דער דאָזיגער אורח, רבותי, איז רב מענדעלי... אונזער רב מענדעלי! איך האָב איהם געלאָזט זיך מטריח זיין צו מיר, ווייל ער איז נייטיג צום ענין. אַצונד, רבותי, הערט, זייט מוחל, וואָס עס שטעהט געשריבען ווייטער.

עס הערט באַלד מאַקי, ווי דער שטייגער איז, אַהוסטעריי, אַ נאָז-שנייצעריי, מיט די ביינקלעך אַ געריקעריי. דער רב, זאָל לעבען, קוקט אַריין ערענסט אין די פאַפּירען, גלעט די באָרד אין וואַרט, ביז דער עולם וועט זיך בערוהיגען.

י.

אונטער דער צוגעמאַכטער טיר — הייבט דער רב אָן לייענען ווייטער — האָב איך געהערט אָט אַזאַ מין שמועס:

— גוטען אבענד, הערר גוטמאַנן!

— ווילקאָממען, הערר יאַקאָבזאָהן! אָ, וואָס פאַר אַ גאַסט! שאָן זייט דריי וואָכען וואַרען זי ניכט ביי מיר. וואָס זאָל עס דייטען, הערר יאַקאָבזאָהן?

— ליבער הערר גוטמאַנן, ווי האָב איך געקאָנט? זי ווייסען דאָך, היינט איז די הייליגע פייערטאָגיגע ימים טובים־צייט, און די היעזיגע יידען זענען אַצונד נאָך מעהר פאַנאַטיש ווי אַנ'אַנדערס מאָל, זי קענען דאָך מיין לאַגע, ווי אַבהענגיג איך בין פון דיזע לייט, זיי זאָלען מיך, אַ שטייגער, דערזעהן געהן צו איהנען...

— זי האבען פאָלקאָממען רעכט, הערר יאַקאָבזאָהן. אויך אַזוי האַבען זי רעכט. יאַ, זי זינד אַבהענגיג, זי האַבען פאַמיליע.

— האָט איהר שוין געענדיגט אייער ווערק, הערר גוטמאַנן?

— יאָ, יאָ, דאָס בוך איז מערקווירדיג געלונגען. זעהר אַ ניצליכער בוך! שאַדע נור, דאָס ביי אונז זעהר וועניג מענשען זינד, וועלכע העב־רעאיש לעזען.

— זאָגען זי בעסער, הערר גוטמאַנן, דאָס איהר קיין בעלוינונג פאַר אייער אַרבייט האָט, און זי מיסען אָפטמאָל נעבעך דאַרבען און דערצו נאָך אויספערדולדען ליידען פערפאָלגונג און רדיפות.

— גלויבען זי מיר, הערר יאַקאָבזאָהן, דער שרייבער, דער דיכ־טער, בעהויפּט אייגענטליך קיינע אַנדערן לאָהן אויסער פערשטאַנדען צו ווערדען. פערפאָלגונג, רדיפות, מאַנגעל, דיזע שפּאָרנען נור זיין גייסט צו אַרבייט אָן, ערשט דענסטמאָל גלויבט זיך אַרבייטען, און פערדינטע פערפאָלגונג'ס, אומ'גליק, איזט עבען זאָ דעם מענשען אַנגענעהם ליעב ווי פער־דינטע בעלוינונג. פיר די וואַהרהייט, דעם אמת, צו ליידען, איזט אייגענטליך

קיין ליידען. ליידען הייסט חנפ׳ענען, צביע׳טשען, זיך זעלבסט פערלייגנען, זיין געוויססען, זיין הערץ, זיין שכל צו פערקייפען. זי מיינען, איין חנף, איין פאַלשער מענש צו זיין איזט איינע גרינגע, לייכטע אַרבייט? חלילה! עס איזט אָבער עבען זאָ שווער ווי איין גנב צו זיין, דער חונף, דער צביע׳ק, דער פאַלשער, מוז איבמער זאָ פורכטען, איממער זאָ איף דער הוט זיין, זיך שטענדיג זאָ היטען ווי דער גנב. גלויבען זי דען, דאָס אַלע מיינע פערפאָלגער, וועלכע מיך רודף׳ן, רעליגיעז, אמת פרום און גליקליך זינד? אַ, ניין, ניין! איין געוויססער טייל פון זיי רודף׳ען, פערפאָלגען מיך בלאָס איים נייד, אויס קנאָה. גאַנץ פשוט, זיי פיהלען זיך פאַר לעדיגע, אונוויסענדע, אונגיצליכע מענשען, זיי שטעבט, פאַר וואָס איז דאָ איין פערשטענדיגער מענש, וועלכער איף זיי אַ מבין איזט און נעהמט זיי דורך און דורך מיט אָפענע אויגען. זיי שייען זיך פאַר אָפענע אויגען זאָ ווי פעלדער־מייזע פאַר די שטראַהלען פון דער ליכטינגער זון.

— ווירקליך, הערר גוטמאַנן, מיט זעלכע אייגענשאַפטען און זעלכע גוטע מחשבות זינד זי באמת מאַקי בעניידענסווערטה, מען דאַרף זי טאַקי מקנא זיין. וויססען זי, וואָס איינענטליך בין איך יעצט צו איהנען געקאָממען? איהר האָט מיר שיין איינינע מאַל געזאַגט, אַז איהר בדייכט נייטיג אַ יונגעל צו שיקען, אַ מאַל, אַ גאַנג. אַצונד האָב איך אַזעלכען בעקאָממען און האָב איהם געבראַכט. עס שיינט, ער איז אַיין עהרליך יונגעל, חאָטשע אַביסעל אַ לעקיש, ניט געשליפען.

איך האָב דעם דאָזיגען שטיקס כמעט אין גאַנצען פערשטאַנען, דאָס הייסט נישט דעם געדאַנק, דעם פשט דערפון, דאָס איז געווען נישט פאַר מיין מח, איך האָב נאָר פערשטאַנען ווערטער. אַ טייל ווערטער זענען געווען פון אינזער לשון, יודיש־דייטש, און אויפ׳ן ביסעל דייטשע ווערטער האָב איך שוין געקענט ווי ס׳איז מיך אָנשטייסען, מחמת אַרומפאָהרענדיג מיט דעם חזן האָב איך אַלע סאָרטען מענשען געהערט רעדען. דער חזן אַליין פלעגט ליעב האָבען אַריינצוזואַרפען אַ מאָל אין זיין שמועס עפּיס אַ דייטש׳ס וואָרט, ווען עס האָט איהם נעפאַסט, און רעדען מיט אַ פתח, וואו בײ אינז, פראָכטען עולם, קומט אויס מיט אַ קמץ — גיט שבת! גוטע וואָך, קנאַבעל, וכדומה. אַ מאָל פלעגט איהם נאָך גאָר איינקימען צו זאָגען, אַז ער זינגט נאָך נאָטען

און קאַרטיש ראַזינען קען ער אויך... די תלמוד-תורה האָט מיר אויך געגעבען אביסעל דייטש פון די מיטשווערטער און חומש, ווי אַ שמינער: „יעלבה" — און אַ נעפעל, „וסעדו לבכם" — און לעהנט-אונטער אייער האַרץ, „ורכי" — מיין דיך, „מחשף" — ענטפלעקט, „באחי" — איינגעמיהאַבין, „בין המשפתים" — צווישען די געמאַרקען, „ותהללה" — און דו האָסט זי פאַרשוועכט, „קוממיות" — האָפערליך, וברוטה נאָך אזעלכע מינשען. און דער צעלניק-קליים האָב איך אויך געהאַפט עטליכע דייטשע ווערטער פון די עלטערע משרתים, וואָס פלעגען אַמאָל און אַ שמועס מיט אַ קינה זיך צולאָזען אויף דייטש: „מיין האַר, קיקען זיי און די וואַרע! איך האָב בנאמנות ניכט מייער געביטען. שיין וועלוועלער פון באַרשטש, זאָג איך איהנען. זיי וועלען, מיין האַר, קיין חרטה ניכט האַבען". נאָר חוץ דעם גאָר פאַרשטעהען מאַקי אַלע יודען דייטש. ס'איז דאָך פאָרט זייער מאַמע-לשון...

די טיר האָט פלוצלים זיך געטאָן אַ'עפען און מען האָט מיך אַריינגערופען אין דעם צווייטען חדר. מיין יוד, זעה איך, זיצט אָקן רעם היטעל. דער דייטש נעהמט מיך אָן ביי דער האַנד און זאָגט צו מיר גאָר פריינדליך:

— נו ליבער, יונגער מענש! דו ווילסט ביי מיר אין הויז זיך שטעלען? ביי מיר וועסט-דו נישט האָבען קיין שווערע מלאָכות. דו וועסט בעדאַרפען טאָן געוועהנטליכע זאַכען און געהן אַמאָל אַ גאַנג.

איך האָב אויסגעשטעלעפּעטשעט אַ פּאָר אויגען און עפּיס אַזוי תמ'-עוואַטע געקוקט, אַז דער דייטש האָט נישט געקענט זיך איינהאַלטען אַ שמייכעל צו טאָן. ער איז מיר אָבער זעהר געפעלען. זיין פנים האָט אויסגעזעהן עפּיס אַזוי גוט און ער האָט מיט מיר גערעדט עפּיס אַזוי פריינדליך, נישט ווי אַלע אַנדערע, ווי דער שניידער, דער חזן, אַ שטיי-גער, און ווי די מאַמע מיינע אפילו. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ רוהיגער, גוטער מינע, אַז עס האָט מיך צו איהם עפּיס געצויגען. איך האָב אויפגעהויבען די האַנד צו מיין שמיישען-מיטצעל (וואָרים איך בין שטענדיג געגאַנגען אין אַ שמיישען-מיטצעל, סיי ווינטער, סיי זומער און די גרויסע היצען, בשעת אפילו איך בין געגאַנגען באָרפיס), האָב עס אַ קאַפּ אונטערגעהויבען און געהאַלטען איבער דעם קאָפּ, דערנאָך האָב איך עס אַ רוק געטאָן אויף איין זייט, אויף דער אַנדערער זייט קאָפּ, אַ ביסעל אַ בייג געגעבען צום פנים, אַ שלעפּ געטאָן פון אונטען,

אַהין-אַהער, אַ קאַפּעלע העכער, און מיט דער אַנדערער האַנד אַ טאַפּ געגעבען די פּאות, אַ קראַץ די פּאָטיליצע. איך האָב בשום אופן נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט דעם קאָפּ און מיט דעם היטעל, ביז לסוף האָב איך מיר געטאַכט האַרין און האָב עס איין גאַנ׳ס בעקאָוועה ראַפּטאַם אַראָבגעהאַפּט פון׳ם קאָפּ. איך האָב בשעת מעשה געפיהלט, ווי איבער מיין הוילען קאָפּ ווערט עפּיס אַ קיהל ווינטעלע, גלייך מען וואָלט מיר געשירען. אַלע רגע האָב איך געמוזט מיך אַ טאַפּ טאָן ביים קאָפּ. כ׳איז מיר פאַרגעקומען ווילד משונה, עפּיס ווי אין באָד!

— נו מיין ליבעס קינד — האָט דער דייטש געזאָגט און אַרויפגעלעגט זיין האַנד מיר אויף דעם אַקסעל — דו ביסט אַ גוטער בורש! ווי הייסט-דו?

איך בין געשטאַנען פערדולט, אַקוראַט ווי אַ מאָל פאַר יענעם דייטש אין דער תלמוד-תורה. האָב געעפענט אַ מויל, איינגעשטעקט אַ פּאָר אויגען און געקוקט לעקישעוואַטע, גאָר ווי אַ נ׳אָנגעמאַלטער גולם.

— ווי הייסט-דו? — האָט דער דייטש מיך נאָך אַ מאָל אַ פרעג געטאָן.

— איך ווייס?!

— ס׳מיינט, דו ווייסט נישט, ווי דו הייסט! ווער דען-זשע ווייסט?

— די מאַמע — האָב איך געענטפערט — די מאַמע מיינע פלעגט מיך רופען יצחק אַברהם׳צע, דער תלמוד-תורה-מלמד — איצע אַברהם׳עלע, דער שניידער — ממזר׳ק איציק אַברהם׳על, דער שיסטער, בשעת ער פלעגט מיר צו-ווינטשעווען, ווען איך האָב געטראָגען די פּאָמיניצע, האָט מיך גערופען — איטצוניאַ אַברהם׳וניאָ, און דער חזן — אַברהם׳קע. היינט ווי זאָל איך וויסען ווו אַזוי איך הייס?

— גערעכט! — האָט דער דייטש געזאָגט מיט אַ שמייכעל — נאָר זיבען נעמען ווי יהרו האָבט-דו פאָרט נישט. די האָסט נאָר איין צונויפגעפּאָרטען נאָמען: יצחק-אַברהם, זעהר אַ שעהנעם נאָמען, נאָך די אָבות. איך וועל דיך טאַקי אַזוי רופען. די הייסט ביי מיר איזאַק אַברהאַם, נו, זאָג, ווילסט-דו ביי מיר זיין, אַברהאַם?

— איהר זאָלט מיך אָבער נישט הרג׳ענען, שלאָגען. איך האָב שוין, כ׳לעבען, קיין גאַנץ ביינדעל נישט.

ביי דעם דייטש האָבען זיך געשטעלט אין די אויגען טרעהרען.

ער נעמט מיך אין ביים אקסעל און ארייננקוקנדיג מיר גלייך אין פנים אריין, מאכט ער אזוי:

— נעבעך, נעבעך! עס ווייזט אויס, דאס ער האט זעהר פיעל געליטען. אזוי יונג און האט שוין נעבעך קיין גאנץ ביינדעל נישט! יא, יא. — האט ער זיך אנגערופען דערנאך צו מיין יודען — יא, ער איז ווירקליך פליטה, זעהר נאאיוו, תמ'עוואטע, אבער איין גוטער בורשע.

מיין יוד האט געשוויגען און נאר געגלעט די וואנסעס.

— ניין! — האט דער דייטש ווידער צו מיר געזאגט — איך וועל דיך, אייך מיין יוארט, נישט אנריהרען. דו ביסט דאך אזא מעניש ווי איך, חוץ דעם ביסט דו נאך איין עלענטער אויך, זיי רוהיג, איך וועל דיך נישט שלאגען, נו, בלייבסט=דו ביי מיר?

— יא! — האב איך געענטפערט, און בין געבליבען ביים דייטש.

י״א.

דער רייכמאַן איז נעבעך געוועזן זעהר אָרעם, נאָר די אָרימקייט
אָבער האָט בייא איהם אין הויז קיין שליטה נישט געהאַט ארייַנצוזייען
זיך מיט איהר אומריינקייט, פוילקייט, אָבגעלאָזענהייט און מיט אַלע איה=
רע איבעריגע מיאוס'ע סימני דלות, ווי געוועהנטליך בייא אַלע אַנדערע,
און בפרט נאָך בייא יודישע אָרעמע נישט קיין פּאַרמעגליכע לייט. אין
שטוב בייא איהם איז געוועזן ריין, אַלצדינג אויף זיין אָרט. עס האָט גע=
לויכטען, געפינקעלט און איטליכס ווינקעלע. די מאַדאַם, זיין ווייב, האָט
אַבמינג געגעבען און איטליכער שפּאַרינע, איז נישט געזעסען קיין רגע
לעדיג, האָט געקאָכט, געבאַקען, געשמירט. געריינגט, געאַרבייט, גע=
נעהט, פעררוכט גרעט, און בייא די אַלע דאָזיגע מלאכות, וואָס מאַכען
אַנ'אַנדערן בייז ווי אַ רוח, איז זי שטענדיג געוועזן רוהיג שטיל, מיט אַ
פרעהליך פּנים. צו אַלצדינג האָט זי געהאַט צייט. ווי פערטראָגען אין
דעם בעל=הבית'ישקייט זי איז געוועזן, איז איהר פונדעסטוועגען נאָך אי=
בערגעבליבען צייט צו נעהמען אַ מאָל אַ בוך אין דער האַנד, צו לייענען
און וויסען, וואָס מהוט זיך, וואָס הערט זיך אויף דער וועלט. דער מאַן
איז בייא איהר געוועזן נעהייכט און געקרוינט. זי האָט פון איהם אי פון
זיין שרייבען געהאַלטען עולם=ומלואה, נישט צוגעלאָזען צו איהם קיין
שום עגמת=נפש, וואָס האָט איהם געקענט שטערען פון דער אַרבייט,
און איז געווען מיט איהם באמת איין גוף, איין נשמה. זייער עלטסטע
טאָכטער, אַ פיינע, אַנ'עדעלע, פלעגט ציהעלפען דער מוטער, פלעגט
וואַשען, פרעסען, טאָן וואָס מען בעדאַרף און זעהר שען שטריקען. זי
האָט געהאַט אויף איבערצובייטען נאָר איין קלייד, אָבער ווי שען און
ריין איז עס תמיד געוועזן, גאָר שפּאָגעל=נייא, ווי ערשט פון דער נאָדעל!
אַלע טאָג, און איין בעשטימטער צייט, פלעגט זי לערנען מיט איהרע
צווייא קליינע שוועסטערלעך, וועלכע זי האָט מדריך געווען, זייא געגעבען
אַ גוטע ערזיהונג, האָט זייא תמיד געצוואָגען און געפיהרט ריין וויס אָנ=

געמאַן. דער עלטערער זוהן האָט געלערנט אין אוניווערזיטעט. פו דאָרט פלעגט ער אָפֿט שיקען אהיים צו די עלטערן הייסע וואַרימע בריעף. אין וועלכע ער פלעגט זיי טרייסטען און בעטען, זיי זאָלען זיך נישט זאָרגען, נישט אָבעסען זיך דאָס האַרץ דערפֿון, וואָס זיי זענען נישט אין שטאַנד איהם צו העלפֿען מיט עפּיס געלד אויף זיינע בעדערפֿענישען. אמת טאַקע, ס'איז איהם אַביסעל ענגליך, ער ליידעט אַביסעל מאַנגעל, אָבער ער האָפֿט, אַז ער וועט ווי עס איז זיך איבערדרעהען און נישט שטאַרבען פֿאַר הונגער. נישט קשה, פלעגט ער אויסלאָזען די בריעף מיט אַ טרייסט, דאָס וואָס איהר האָט מיר געגעבען, האָבען עס אַנדערע רייכע טאַטעס און מאַמעס זייערע קינדער בשום אופֿן נישט געגעבען; איהר האָט מיר געגעבען אַ סך מעהר פֿון געלד: איהר האָט מיך געלערענט, אויסגעבילדעט מיין פֿערשטאַנד; איהר האָט אויך איינגעאיידעלט מיין האַרץ, אַריינגעלערנט אין מיר גוטע געפֿיהלען: ליעבשאַפֿט צו מענשען, רחמנות צו בידנע אומגליקליכע לייט, און מיך געוועהנט זיך צו בעגנוגען מיט ווייניג, איבערצוטראָגען צרות אונטער אַ שלעכטע צייט מיט אַ פֿרעהליך געמיטה — אַזעלכע מדות טובות, וואָס רייכע עלטערן קענען זיי מיט זייער געלד אַליין און מיט דעם גאַנצען פֿאַרמעגען זייערע קינדער נישט געבען"... דעם זהנ'ס ראָזיגע בריעף פלעגען אַלע אין שטוב זעהר אָפֿט לייענען הויך, זיך בשעת מעשה פֿרעהען און צוגלייך זיך בעוואַשען מיט טרעהרען. הכלל, דאָס איז געוועזען זעהר אַ טייערע, זעלטענע פֿאַמיליע. איך האָב דענסטמאָל אָבער נאָך גאָר אַזוי ווייט קיין שכל נישט געהאַט דאָס אַלצדינג צו פֿערשטעהן, אַקוראַט ווי איך בעשרייב עס דאָ איצט, איך האָב נישט מעהר ווי געפֿיהלט, אַז גוטמאַן און זיין ווייב זענען עפּיס גאָר אַנדערע מיני מענשען, נישט אַ שטיינער ווי ליזער דער שניידער מיט ליזעריכען, ווי רב עזריאל דער מלמד מיט זיין פלונית'טע און אויך נישט אפילו ווי דער רייכער צעלניקער מיט זיין ריקער, געזונטער צעלניקערין, די אשת־חיל, וואָס האָט געהאַט אַ פּיסק אויף שרייפֿען, געטראָגען אַ האַלז פּערעל, אַ זיידען קלייד און אינגאַנצען איז זי געוועזען פֿערשמירט, פֿערשלומפּערט. איך האָב מעהר נישט ווי גלאַט געזעהן, אַז דאָס איז נישט דאָס הויז, נישט, מ'שטיינ'ס־געזאָגט, יענע יודישע אָבגעלאָזענע, צוקראָכענע קינדערלעך, נאָר אין תוך אַריין אָבער צו פֿערשטעהן, ריכטיג אָבצושאַצען דעם ווערטה פֿון דעם דייטש'ס פֿאַמיליע, דאָס איז דענסטמאָל נאָך נישט געוועזען פֿאַר מיין מוח.

דער דייטש מיינער איז געוועסען טאָג ווי נאַכט און זיין בעזונדער

צוטער, אַרום איהם האָבען זיך געוואַלגערט ביכער איבער׳ן טיש און אונ־טער׳ן טיש, און ער האָט אַליין געשריבען. ער איז געזעסען אין דעם שריי־בען זעהר פערטיפט, אַריינגעטאָן דעריגען מיט לייב און לעבען, און מען האָט בעשטיינפערליך געזעהן, אַז ער דאַרף דערפון חיות. ער פלעגט דער־ביי אַ מאָל רעדען צו זיך אַליין, לאַכען, אָדער קריצען מיט די ציינער, גלייך ווי ער וואָלט מיט עמיצען עפּיס געהאַט וואָס צו טאָן. האָט מען איהם אַ מאָל אין דער מיט מפסיק געווען מיט עפּיס אַ זאַך, פלעגט ער זיך אַ כאַפּ טאָן פּלוצלים, גלייך ווי ער וואָלט אַראָפּגעפאַלען פון׳ם הי־מעל, האָט געקוקט עפּיס צוטראָגען און געענטפערט בידעס, נישט גע־שטויגען, נישט געפלויגען. איך פלעג נישט איין מאָל מאַכען מיט די אַקסלען און אויסקלערען, נישט צו וויסען, וואָס ער האָט געזאָגט. שטי־וועל האָב איך איהם פערשפּאָרט צו פּוצען, וואָרום ער איז זעהר זעל־טען איבערגעגאַנגען. דערפאַר האָט ביי איהם דער האַלאַט אין די שלאָפ־שיך זעהר מיאוס קריעה געריסען.

מיין עיקר אַרבייט איז געווען — פּאָלגען אַ גאַנג. ער פלעגט מיך אָפט שיקען אויף דער פּאָסט, אָבצונעהמען און אָפּצופירען בריעף, אָדער „פּאַסילקעס״. אַ מאָל פלעגט ער מיך שיקען צו איינעם מיט אַ קווי־טעל, אָדער מיט אַ בוך וכדומה נאָך אַזעלכע גענג. דאַכט זיך אין פּלוג, האַ, וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ אַרבייט? זעהר אַ גרינגע זאַך, נאָר אָבער ניין! ס׳איז נאָך אַזאַ ביטערע, מיאוס׳ע שווערע אַרבייט גאָר נישטאָ. אַז איך פלעג אַ מאָל אָבטראָגען איינעם אַ קוויטעל, פלעגט ער פאַרדרע־הען שטאַרק מיט דער נאָז, גלייך ווי ס׳איז איהם פערגאַנגען אַ ריח פון שאַרפען, עפּעס אָנגעריבען חריין, און מיט אַ בייז פּנים מיר הייסען קו־מען מאָרגען. מאָרגען האָט ער געזאָגט — איבערמאָרגען. איבערמאָרגען האָב איך איהם אין דער היים נישט געטראָפען, און ביים קומען צו איהם שפּעטער נאָך אַ מאָל, פלעגט ער שיין אויף מיר אַ היק טאָן: וואָס ווי־ל אָט־אָ־דאָס יונגעל פון מיר האָבען? עפּיס איז דאָך פון איהם נישט פּטור צו ווערען! אַן אַנדערער פלעגט פּשוט אָנזאָגען זיינע משרתים, מען זאָל מיך נישט לאָזען אויף דער שוועל; אַ דריטער פלעגט איבערלייענען דאָס קוויטעל, קווינקלען זיך און אַוועקגעהן, מיר נישט צו זאָגען אַפילו אַ וואָרט; אַ פערטער פלעגט זיך אָנרופען: זאָג דעם הערר דיינעם, אַז איך בין נישטאָ אין דער היים! פאַרשטעהסט־דו?... הכלל, מען פלעגט מיך טרייבען, אויסמייכען ווי אַ ג׳עפיש. אַז מען האָט מיך נאָר דערזעהן פון דערווייטענס מיט אַ קוויטעל צי מיט אַ ביכעל, פלעגט מען פראַסט

די טיר פערשליסען, אָדער אָנרייצען אויף מיר אַ הונד — אַ מיתה... מען האָט געזעהן, אַז פיעל פון יענע בעלי-הבתים, צו וועלכע איך בין געגאנגען, בעקומען פשוט דעם שלאַק, דער רוח נעהמט זיי צו פאַר אַ ביבעל, עס מאָרדעוועט עפּיס מיט זיי די ביינער. פאַר וואָס זיי האָבען דערפאַר אַזוי מורא? — דאָס האָב איך דעמאָלט נישט געקענט פאַרשטעהן. האָט איינער אונטער צעהן אַ מאָל זיך שוין דערבאַרעמט און צוגענומען אַ ביבעל, פלעגט ער עס באַלד טאַקי אַ שליידער געבען צו אַל-די-שוואַרצע יאָהר, ערגיץ אונטער אַ בעט, אָדער אונטער אַ באַנק, און מיר געבען אַ צעריסען קערבעל אָהן אַ נומער... יענע צייט איז פאַר מיר געווען זעהר אַ ביטערע. איך ווינש, אַלע מיינע שונאים זאָלען געפרובט האָבען, געהן מיט ביבלעך צו יודישע נגידים, הערען דערביי זייערע שטעכווערטלעך, זעהן, ווי עס ענדערט זיך זיי דאָס געשטאַלט, ווי זיי בלאָזען זיך אָן, ווערען אש-להבה, און אָנקוקען זייער פינסטער פרצוף-פנים!

מיין יודעל, אָדער הערר יאַקאָבזאָהן, פלעגט אָפט קומען צום דייטש שפעט ביי נאַכט, זיצען דאָרט אַביסעל און שמועסען. און ווען איך בין נישט מיד געווען, פלעג איך אַ מאָל זיך צוהערען אונטער דער טיר צו זייער שמועס, גלאַט אַזוי, אַבי די צייט צו פערטרייבען. איינמאָל האָב איך געהערט, ווי יאַקאָבזאָהן האָט עפּיס דערצעהלט פון אַ דאָקטאָר שטיינהערץ און זיך אַלץ שטאַרק געחידוש'ט.

— עט — האָט גוטמאַן זיך אָנגערופען — וואָס הידוש'ט איהר זיך דאָ אַזוי, הערר יאַקאָבזאָהן, און ווערט נתפּעל? דער דאָקטאָר שטיינהערץ איז אַ קליין מענשעלע און דעריבער טאַקי איז ער אַזוי רייך און ביי איטליכען גאָר די נשמה. איז דען עס ביי אייך אַ נייס? עס פערשטעהט זיך, אַז מען ווערט אַ קליין מענשעלע, איז מען דאָס לעבען און מען דערגרייכט אַלצדינג אויף דער וועלט.

איך בין פערצאַפּעלט געוואָרען הערענדיג די דאָזיגע ווערטער. כ'מיטיש, גוטמאַן, מיין הערר גוטמאַן, זאָגט אייך, אַז אַ קליין מענשעלע איז די נשמה און איז רייך!... פאַר גרויס וואונדער האָב איך אַ שפּרונג געטאָן, זיך אָנגעחאַפּט ביים קאָפּ און בין גקויקן שטאַרק צוטראָגען. גוטמאַן אָבער האָט מיך גראַד אַ רוף געגעבען, און אַז ער האָט דערזעהן מיין נאַריש פּנים דעמאָלט, איז איהם אונמעגליך געווען זיך איינצוהאַלטען, נישט צו טאָן אַ שמייכעל. מיין יודעל האָט אָנגעקוקט מיך, געשטאַ-

קעלט מיט דעם קאָפּ און געמאַכט: ע-ע! ער איז נאָך טאַקי אלץ תּמ׳עוואַטע, דער איינענער לעקיש וואָס פריהער!...

און א קורצע צייט אַרום האָב איך ווידער געהערט איבער דער מיר, ווי יאַקאָבזאָהן האָט אין אַ שטיקס גערעדט פון איסר וואַגנער, ווי רייך און גליקליך ער איז, און שטאַרט דער גאַנצער פיהרער. זיין חשיבות, זיין שטאַרקייט איז עפּיס גאָר שלא כדרך הטבע!

— ס׳איז גאַנץ פּשוט — האָט גוטמאַן געזאָגט — איסר וואַרגנער איז אַ קליין מענשעלע, און איז ביי דעם גביר די נשמה. דאָס אָרצדינג איז דוקא כדרך הטבע, ס׳איז גאַנץ נאַטירליך, און מען האָט זיך דאָ גאָר נישט צו חידוש׳ען.

— יאָ, טאַקי זעהר אמת, גוט איף דער וועלט איז טאַקי נאָר אַ קליין מענשעלע! — האָט יאַקאָבזאָהן געזאָגט מיט אַ זיפץ, זיך באַלד מאַקי געזעגענט און אַוועקגעגאַנגען.

יב.

ברוך־הבא, קליין מענשעלע! ווידער דאָס קליינע מענשעלע, נאָך אַ מאָל מאַקי מיינע ערשטע, פריהערדיגע געדאַנקען! דאָס קליינע מענשעלע איז מיר געזען זעהר אַנ'אָנגעלעגטער נאַסט, פונקט ווי געוואָנשען, אין דער רעכטער צייט ווען איך בין געווען זעהר צובראָכען, דערשלאָגען פון די צרות, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען, און בין שטאַרק גערן געווען האָטש אַביסעל זיך אויסצורוהען. אַ גאַנצע נאַכט, נאָך דעם פריהערדיגען שמועס, האָב איך שטאַרק אומרוהיג מיך געוואָרפען פון איין זייט אויף דער אַנדערער און ביי מיר אַלץ געטראַכט אַזוי: איטר וואַרנער איז אַ קליין מענשעלע, אַ נשמה, און אַ רייכער גליקליכער מענש. הייסט דאָך עס, אַ פנים, אַז מען איז אַ קליין מענשעלע איז מען אַ רייכער. אַ גליקליכער! און אַ פנים טאַקי, ווי ס'זעהט אויס, קענען מענשען ווערען קליינע מענשעלעך אויב נאָר זיי ווילען. און אַז זיי ווערען קליינע מענשעלעך, ווערען זיי אי רייך אי גליקליך און דערגרייכען אַלצדינג אויף דער וועלט, האָב איך דאָך טאַקי, אָט אַ פנים, זעהר רעכט, וואָס מיר האָט תמיד זיך געלוסט ווערען אַ קליין מענשעלע. יאָ, דאָס אַלצדינג איז רעכט, טאַקי זעהר גוט! די שאלה איז אָבער, ווי אַזוי ווערט מען אַ קליין מענשעלע? ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער? ווען אפילו איך זאָל מיך דאָ אפילו בייגען, קרימען, אײַנהויקערען זיך און צעהנטען, וועל איך דאָך פאָרט נישט ווערען אַ קליין מענשעלע. אַ פנים, אַז אַ קליין מענשעלע צו זיין איז אַ גרויסע קונץ, טאַקי אַ קונץ, וואָס אַ קונץ הייסט, נאָך אַ סך אַ גרעסערע ווי צו מאַכען מיט דער רייף און אַלע אַנדערע קאָמעדיאַנטסקע קונצען. דרינען מוז אודאי שטעקען עפּיס אַ גרויסע המצאה, וואָרום זיסט, וואָלטען דאָך אַלע געקענט זיין קליינע מענשעלעך, נשמה'לעך, רייכע און גליקליכע לייט!...

אָט די דאָזיגע אַלע געדאַנקען האָב איך זעהר לאַנג אַלץ גע־

טראַכט, געטראַכט איף מײַן געלעגער, און אַז איך בין לסוף אַנשלאָפען געוואָרען, האָט מיר זיך געחלום׳ט וואונדער־שיינע זאַכען.

עס האָט מיר זיך געחלום׳ט, איך בעגעגען איף דער גאַס אַ קליין מענשעלע, וואָס אַרבייט מעשים, דרעהט זיך און וואַרפט זיך איף אַלע זייטען. אָט שפּרינגט עס צו צום קהל־טישעל, חאַפּט זיך דאָרט אַרײַן צווישען אַ געזעמעל קהל׳ס־לײַט, דרעהט און מאַכט מיט זיי געבעך די קאָמעדיע. דער עולם לאָזט זיך נישט לאַנג בעטען, נעהמט זיך צום בײַטעל און בעצאָהלט איטליכען גאַנץ פײַן פאַר „די אָנשטעל"... פון דאַנען איז עס, דאָס קליינע מענשעלע הייסט עס, ווי אַ גלגול אַרײַן צו דעם בעל־טאַקסע אין בוזעם, איהם געטאָן אַ געשמאַקען קיצעל, בײַדע האָבען געלאַכט, עס האָט זיי עפּיס משונה הנאה געטאָן, און דערנאָך איז עס אַרויס צוריק אינגאַנצען ווי אָבגעגילדעט פונ׳ם בעל־טאַקסע׳ס קעשענע. דער בעל־טאַקסע נעבעך האָט דרײַ מאָל אויסגעשפּיגען און באַלד טאַקי זיך געמאַכט גאָר אַנדערע קעשענעס!... פונ׳ם בעל־טאַקסע׳ס קעשענע איז עס פון אַרײַן אין דעם מויל פאַר אַ פּאָר שיינע נפשות, בשעת זיי האָבען זיך געזעצט מאַכען „בפּראָטעסטענע צענעס" איף פלײַש. נאָר וואָס זיי זענען גרייט געווען אַרויסצוגיין: פונף און פערציג גראָשען אָנ׳אָקע, האָט עס זיי עפּיס אַ שמיר געגעבען, אַרײַנגעחאַפּט זייער צונג אין זיין העמבעל, די שיינע נפשות, נעבעך, האָבען זיך פאַראײַקעט און גאָר אַ זאָג געטאָן: זעכציג!... פון זייער מויל, וואָס איז געוואָרען, נישט פאַר קיין יודען געדאַכט, אַ „חאַליעזע", האָט עס ווי אַ דבוק זיך אָנגענישעפּעט אין אַ גביר׳על, מיט איהם געדרעהט־געדרעהט, געקעהרט וועלטען און געמאַכט פון איהם אַ לעדערנעם דישעל... פון דעם לעדערנעם דישעל איז עס מגולגל געוואָרען אין אַ „קאָבלעפּעל". פונ׳ם קאָבלעפּעל אין אַ טלית־קטן און אין אַ קירזן רעקעל, און פּלוצלים זיצט עס גאָר רײַטענדיג איף דעם ראָש, איף דעם קהל׳שען צאָפּ, וואָס פּיטערט זיך געוועהנליך צווישען דער טשערדע שטאָדט־בהמות!... הכלל, דאָס קליינע מענשעלע האָט געאַרבייט, געטאָן און אַלצדינג, וואָס עס האָט געטאָן, איז עפּיס אויסגעקומען נאָר גוט, גוט און גוט. איך האָב איהם אַזוי שטאַרק מקנא געווען, אַז איך האָב אויש אָנגעהויבען מיך צונויפצוציהען, האָב אַרונטערגענומען די פיס אונטער זיך, זיך געקריכט, געקוועטשט און אײַנגעהאַלטען דעם אָטהעם, ביז איך האָב אויפגעהערט צו דענקען, צו פיהלען, צו זעהן און צו הערען — און פּלוצלים בין איך, אוי וואויל איז מיר, געוואָרען אַ קליין מענשעלע, אַזוי קליין ווי אַ פלוי! איך האָב מיך

פשוט מחיה געווען. ס'איז מיר אָבגעגאַנגען די ביינער, ליכטיג געוואָרען אין אַלע רמ"ח אבֿרים. באַלד מאַקי בין איך געוואָרען אַ נשמה, בײַ איטליכען האָב לעבען, און דאָס גליק האָט מיר אָנגעהויבען צו געהן פון אַלע זייטען. איך בין געפֿאָהרען אין אַ קאַרעטע, אָנגעטאָן ווי אַ שׂררה, אַלע האָבען מיר אָבגעגעבען כבוד, מיר צוגעטראָגען דאָס שענסטע, דאָס בעסטע, קיין קייטעל איז געגאַנגען. איך האָב געטאָן, וואָס איך וויל, און געפֿיהרט די גאַנצע שטאָדט בײַ דער נאָז. איטליכער האָט פון דערווייטען אויף מיר געטייט מיט די פינגער: זעהט, זעהט! אָט פֿאָהרט די נשמה, אָט געהט די נשמה, אָט רעדט דאָרט עפּיס די נשמה, אָך, קוקט נאָר אָן די נשמה! שאַ! וואָס זאָגט עפּיס די נשמה? וואָס, איהר האָט גדן=געלד? לעגט עס אַיין בײַ דער נשמה! איהר האָט עפּיס אַ משפט, אַ בוררות? געהט, כ'לעבען, צו דער נשמה! איהר בעדאַרפֿט אפֿשר האָבען אַ מיכה? צו אַ טובה איז נאָר די נשמה! אַ חכם, אַ בעל-עצה, אַ חשוב, אַ מאַכער, אַ גבאי, אַ צונויפֿנעהמער, איז מאַקי נאָר די נשמה!...

פּלוצלים אָבער האָב איך אָנגעהויבען זיך אויסצינלייבען, אויסציהען, עפּיס האָט אָנגעהויבען ליכטיג צו ווערען מיר אין די אויגען—און גוט מאָרגען דיר, ממזר'וק, איציק=אבֿרהם'על! איך אַליין מאַקי ליג, ווי ביים טאָטען אין ווינהויז, אויף מיין געלעגער. איך טאַפּ מיך: דאָ אַ נאַפּ, דאָרט אַ טאַפּ, יאָ, ווי איך בין אַ יוד, איך בין עס טאַקי אַליין! איך שלים'מזל מיט מיין אייגענעם כבוד, אינגאַנצען ווי גרויס איך בין. פון וואַנען, טראַכט איך, האָב איך עס פּלוצלים דאָ מיך גענומען? אָך, האָב איך עס אַביסעל מיך פיינט געהאַט, פאַר וואָס איך בין אויפגעשטאַנען און פאַר וואָס איך בין עס טאַקי אַליין!...

נו האָב איך דערנאָך בײַ מיר געטראַכט: ניש'קשה! איך וועל שוין דערגעהן, ווי אַזוי מען ווערט אַ קליין מענטשעלע מיין מיט זאָל דאָ אפילו זיין, ביז איך עס דערגעהן. דאָ האָב איך באַלד אָנגעהויבען ווידער צו טראַכטען אַזוי: בשעת מיר האָט זיך גע'חלום'ט, אַז איך בין געוואָרען אַ קליין מענשעלע — אַ רייכער, אַ גליקליכער, אַ פיינע=בריה און אַ גאַנצער מאַכער אין שטאָדט, האָב איך עס דענסטמאָל, דאַכט זיך, אויפגעהערט צו דענקען, צו פיהלען, צו זעהן און צו הערען, איז דאָך אַ פּנים מיסטע, אַז מען קען אַנדערש נישט זיין אַ קליין מענטשעלע, סיידען מאַקי מען ביז פריהער אויפהערען צו דענקען און צו פיהלען, דאָס הייסט, פשוט איז פשוט, מען זאָל לגמרי גאָר נישט דענקען, גאָר נישט פיהלען, יענער

זאָל אפילו דאָ פאַר דיר די כפּרה ווערען אין זיך אַ מעשה אָנטאָן. נאָר וואָס טהוט מען אָבער דערצו? ווי אַזוי הערט מען עס אויף צו דענקען און צו פיהלען? עס איז דאָך מאַכן די גאַנצע מלאכה, דרינען ליגט דאָך מאַכן דער הונד בעגראָבען! איך בין געפאַלען אויף אַ המצאה — פּרעגען מיין הייבּר. איך האָב אָבער צוריק מאַכן זיך מיישב געווען: ס'מיטשט ווען גוטמאַן זאָל וויסען דעם סוד דערפון, וואָלט ער דאָך אַליין געבליבען געוואָרען אַ קליין מענשעלע! ער וואָלט דאָך געווען רייך, זיך נישט אַזוי געמאַטערט, נישט אַזוי געליטען נויט און פערשפּאָרט זיך נעבּיך שוואַרצען דעם פּנים, שיקען ביכלעך און איבערוואָרפען זיין די מיינונגען פון איטליכען בעזונדער. איך האָב איבערגעקלערט די זאַך אויף אַלע זייטען און בין געבליבען ביי גאָרנישט.

·

דעם גאַנצען טאָג דערנאָך בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַ דולער: עס האָט מיר זיך געשפּאָלטען דער קאָפּ, איך האָב נישט געוואוסט, וואָס איך טהו און אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. צו וואָס איך האָב מיך צוגעריהרט, האָב איך אָנגעמאַכט שאָדען. איך האָב יענעם טאָג צובראָכען צוויי טהע־גלעזער; עטליכע פּאָרצעלאַיענע טעלער זענען מיר פון דער האַנד אַרויסגעפאַלען, האָב איבערגעקעהרט אַ טינטער מיט טינט און פערביטען די יוצרות ביים סאַמאָוואַר: אין דעם אָרט פון'ם וואַסער האָב איך אַריינגעשאָטען קוילען און אין דעם אָרט פון די קוילען אַריינגעגאָסען וואַסער. אַלע אין שטוב האָבען מיך אָנגעקוקט שטאַרק פערוואונדערט, זיך געקושקעט און געפיהלט, אַ פּנים, אַז ס'איז מיט מיר עפּיס נישט גלאַטיג. גוטמאַן האָט אָנגעוויזענדיג אויף מיר דער מאַדאַם זיינער, אַנידערגעלעגט אַ פינגער אויפץ שטערען און איהר געזאָגט שטיל: ביים יונגעל איז דאָ, אין קאָפּ, עפּיס נישט רוהיג. נאַריש תמ'עיזאַטע האָט ער תמיד אויסגעזעהן, נאָר היינט ועהט ער עס נאָך מעהר אויס. ער איז נעבעך ווי שטאַרק דערשלאָגען, ער איז נאָך נאָר אַ קינד!...

אַ לאַנגע צייט בין איך געווען עפּיס ביין ווי צעהן רוחות, זיך אַלץ געקרימט, נישט געווען צופרידען, נישט מיט זיך און נישט מיט דרינען אין דער וועלט. דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט שרעקליך שטאַרק, עס האָט מיר דאָרט אינווייניג געריישט, זיך געדרידעוועט ווי אין אַ מיהל, עפּיס ווי אַ קול האָט מיר אַלץ געשריגען: יצחק אברהם! וואָס וועט פון דיר זיין פאַר אַ תכלית, ביז וואַנען וועסט־דו אַזוי פערשוואַרצט ווערען און זיין פערוואָגעלט? ווער אַ קליין מענשעלע, יצחק־אברהם! טהו אַלצ

רינג, וואָס די קענסט, און יעדער אַ קליין מענטשעלע, וועסט־די לעבען גליקליך, אין עושר, אין כבוד און אויסגלייבען דיר דיינע ביינער!... דאָס קול האָט נישט אויפגעהערט קיין רגע מיר צו פּיקען דעם קאָפּ. איך בין ארומגעגאנגען ווי א נעבעכיגער, שטאַרק צומישט און מיר קיין עצה נישט געקענט געבען, וואָס מען טהוט, וואָס מע' הייבט אָן. פּלוצלים איז מיר ווי א בליץ אַריין דער געדאַנק — זיך שטעלען פאַר א משרת׳ל ביים דאָקטאָר שטיינהערץ! ביי איהם וועל איך גאַנץ גוט מיך צוקוקען צו איטליבען פּיצעלע און מיט דער צייט דערגעהן דעם סוד, ווי אַזוי מען ווערט אַ קליין מענשעלע.

מען בעדאַרף זיין אזא משוגע, אַזאַ דערשלאָגען יונגעל ווי איך בין געוועזען, צו פאַרשטעהן מיין האַרץ, דעמאָלט און די משונה שטאַרקע געפיהלען, וואָס דער דאָזיגער געדאַנק האָט אין מיר אויפגעוועקט. איטליכער איף דער וועלט, אַפילו אַזעלכע, וואָס פאַרשטעהען אַנ׳עסק, גאַנץ קלוגע און מילא־דעלמא־זאַכען, טאַקי איטליכער, ווי איך האָב עס שפּעטער מיט דער צייט אַרויסגעזעהן, האָט זיך זיינע מאַנקאָליעס, זיינע זאַבאַבאָנעס, זיינע נאַרישקייטען, שגעונות, וואָס ער רעדט זיי זיך איין, וואָס עס ליגען איהם איינגעבאַקען אין האַרץ, און איטליכענס איינגערעדטע זאַכען קומען פאַר דעם אַנדערן עפּיס משונה ווילד, אָהן טעם, אָהן ריח. קיינער קען נישט אַריין אין יענעמס לאַגע, פיהלען זיין האַרץ און פערטראָגען זיינע נאַרישקייטען, איטליכער נעהמט נאָר אַ ראיה פון זיך. איינער לאַכט פון׳ם אַנדערן און אַלע זענען משוגע!...

איך האָב אויסגעזוכט אַ מעקלער, איהם צוגעזאָגט אַ שען מעקלערײ, אַז ער זאָל מיך אַריינדרעהען פאַר אַ משרת׳ל ביים דאָקטאָר שטיינהערץ. עס האָט נישט געדויערט לאַנג, האָב איך אָבגעטראָטען, כמעט זיך אָבגעטראָגען, פון מיין גוטען הערר גינזמאַן, פאַרגעסען דעם ווי געווינד און איבערגעגאַנגען איף מיין ניי אָרט צום דאָקטאָר!

———

יג.

מיט מיין אַריבערטרעטען דעם ערשטען מאָל די שוועל פון׳ם דאָקטאָר׳ס הויז בין איך געגליכען געוואָרען נאָר צו אַ חאַזן, וואָס האַפּט זיך אַריין צום גאַסט אין אַ שפּעלטעל פון אונזער בעט, זיצט דאָרט איבער דעם גאַנצען טאָג, אַרויסנעהמענדיג זיך די אייגען קוקענדיג, וויען וועלען מיר, מענשען, זיך שוין אָבּפּאַרטיגען פון אינזערע געשעפטען, זיך אַריינ-לעגען אין בעט, זו זאָל שוין קענען למזל מאַכען מיט אינז בעקאַנט-שאַפט, איבערשביעסען אַבּיסעל מכּח דער פּרנסה. די גאַנצע כּונה פון איהר קימען איז דאָך טאַקי נאָר דאָס שטיקעל פּרנסה — צו האָבען פון אונז, פיינע בריות, די יניקה... דער דאָקטאָר שטיינהערין, דער פיינער בריה, איז פערטראָגען געוועזען ערגיין אין וויבטיגע זאַכען, געשאַרט געלד פון אַלע זייטען, און איהם איז גאָר אויף דעם זינען נישט געקימען, אַז היינט פּריה האָט צו איהם אין הויז זיך פערקליבען עפּים אַ וואַנץ — מטזר׳זק איציק אַברהם׳ל, וואָס וועט איהם דאָ גוט נאָבקיקען אַלע זיינע געננ, האַפּען דעם סטריה ויינעם אין דער פּרנסה און לערנען זיך בײַ איהם די קינין, ווי צו פערוואַרפען זיך אין אַ קליין מענטשלע.

אַ גאַנצען טאָג האָב איך געאַרבײט, געטאָן די מלאָכות, וועלכע די מאַדאַם האָט מיר געגעבען, און שטילערהייט אין האַרין אלין געגאַרט, איי, איך זאָל שוין דערלעבען זעהן דאָס קליינע דאָקטאָר׳ל! מיט אַמאָל עפענט זיך פאַרנאַכט אויף די טיר און עס קימט אַריין אַ היבער מענש, אַ בורלאַק מיט אַ בייך, הייך און גרויס ווי גיג-מגוג. קיים וואָס איך האָב איהם נאָר דערזעהן, האָב איך איסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען און איהם אָנגעקוקט, אויף מיין שטייגער, שטאַרק תּמ׳עוואַטע. דעם בורלאַק איז מיין קוקען נישט געפעלען. ער האָט מיר הורבגעטאַבען מיט זיינע אויגען און אויף מיר בייז, אויף יוני׳ש, אַ היק געטאָן:

— טשטאָ טי טאַק סמאָטריש, באָלוואַן!

אזא לשון האב איך נאך קיינמאל נישט געהערט, איך בין געווא־
רען צומישט. האב אנגעהייבען צימערן, פלאטערן און א זאג געטאן,
אליין נישט צו וויסען וואס דאס מויל רעדט:

— איך הייס איציק־אברהמ׳ל, הייס איך... אברהמ׳קע!... איך
בין א יתום... דא א משרת׳ל, בין איך דא!...

— ווידנא בשטא טי באלשאי דוראק! — האט זיך אנגערופען דער
בורלאק — נו־ושע דו, פון היינט אן סמאטרי! אז איך וועל קומען,
זאלסטו פון מיר געטשווינד אראבנעהמען דעם פעלץ, די קאלאשען,
סלישעש ?!

איך האב מיך פאר איהם עפיס אזוי איבערגעשראקען, אז איך
האב אינגאנצען, ווי גרויס איך בין, מיך דערלאנגט א וואורף אויף דער
ערד און שטארק ארומגעהאפט מיט מיינע הענטלעך דעם בורלאק׳ס גע־
זונטע פיס, אויסציטאן איהם די קאלאשען. גאט האט מיר געהאלפען
איבערצוקומען בשלום דעם דאזיגען שרעק און דער בורלאק איז אין זאל
אריין. איך האב שפעטער אביסעל אריינגעבראכט דעם סאמאוואר און
א גאנצען אווענד דעם שענעם פארשוין מיט דער מאדאם בעדינט.

ביי נאכט האב איך אויף מיין געלעגער אלץ געטראכט, ווער זאל
עס זיין אט דער דאזיגער בורלאק, אט־א דער פעמפיק? א גאנצע נאכט
זיצט ער עפיס אליין מיט דער מאדאם און מאכט מיט איהר קוטצוניו־
מוצוניו, ער זי — ליובעניו, און זי איהם צוריק — קעצעלע. וואס איז
דאס עפיס פאר א מין קעצעלע? און וואו איז ערגיץ, וואונדער איך מיך,
דער דאקטאר אליין — אזוי האט א פאר טעג כסדר דער פעמפיק געמאכט
זיינע לאנגע וויזיטען. ווי ער איז נאר ארויס אדער אריינגעגאנגען, האב
איך מיך אויסגעצויגען אויף דער ערד, אנצוטאן אדער אויסצוטאן די
קאלאשען. ער פלעגט בשעת מעשה זיך האלטען ביי די זייטען און קוקען
מיט גדלות אויף דער סטעליע. ס׳איז איהם קיין פיצעל אפילו נישט
אנגעגאנגען, אז ער האט מיט זיינע גראבע פיס ווי מיט קאפיטעס מיר
צוגעקלעהמט די פינגער. איר האב טאקי לעת עתה נאך אלץ נישט
געוואוסט, ווער זאל עס אזוינס זיין, אט דער פעמפיק, אט־א דער
געזונטער עשו?

אבגעפארטיגט זיך איינמאל אין אווענד פון מיין ארבייט און איבער־
געלאזט דאס קעצעלע שפילענדיג זיך מיט דער ליובעניו, בין איך מיר

אַרומבערגנגאַנגען אונטען אין דער קיך, אַביסעל בעסער בעקאַנט צו ווערען מיט דער קעכנע, און האָב זי דאָרט אויך עפּיס מיט אַ רחמנות־פּנים׳ל געטאָן אַ פרעג:

— זאָגט מיר, דוואָסיע, איך בעט אייך, ווער איז עס אָט־אָ דער, וואָס קומט אָפט צו גאַסט? וואָס איז עפּיס אַ גאַנצער שמעלקע מיט דער מאַדאַם און שלאָפט... אין ספּאַלניע?

— האַ, וואָס?! — האָט די קעכנע געמאַכט און מיך אָנגעקוקט פערוואונדערט — וואָס זאָגסט־דו? ס׳טייטש, עמיצער שלאָפט אין דער ספּאַלניע! וואָס הייסט עמיצער?

— ווי איך בין אַ ייד! — האָב איך מיך אָנגעהויבען צו שווערען — זאָל איך גלייך אויפגעריכט ווערען! זאָל איך אַזוי הערען שופר של משיח, ווי איך אַליין מיט מיינע אייגענע אויגען און אויערן האָב איך איהם געזעהן און געהערט אַריינגעהן אַהין! ס׳טייטש, אידאי, איך זאָל מיט אייך טאַקי אַזוי געזונד און גליקליך זיין! ווי הייסט ער עפּיס דאָרט ביים שפּיץ־נאָמען, קעצעלע, צי קאָטערל? ווייסט איהם דער שוואַרץ יאָהר!

— נו, און דער בעל־הבית? — האָט די קעכנע געפרעגט מיט אַ פרעהליך פּנים׳ל און די אייגעלעך האָבען איהר זיך צופלאַקערט אַזוי ווי אין אויוועען בשעת חלה־באַקען.

— דער בעל־הבית! — האָב איך געענטפערט און ביי דעם נאָמען עפּיס אַביסעל געשטאַמעלט, ווי איינער וואָס וועדגט זיך און וויל פאַר יענעם עפּיס נישט אַרויסרעדען — דער בעל־בעל־הבית נעבעכט, אַ פּנים, נישט אין דער היים. ער האָט געמוזט ערגיץ אַוועקפאָהרען אַרבייטען אין זיין עסק...

— נו, אַז ס׳איז יאָ אַזוי די מעשה — האָט די קעכנע געזאָגט מיט עפּיס אַ ווילד געלעכטערל — בין איך טאַקי אַ בעלן אַליין אַרויפצוגעהן זעהן. איך וועל מיר אויסזוכען עפּיס אַן׳אויסרעד. ס׳איז כדאי, כ׳לעבען, צו זעהן, אַז די דאַמעס זענען נישט בעסער פון די דינסטען... זאָלען זיי נישט מאַכען אַזוי קיין חן!

אין עטליכע מינוט אַרום איז די קעכנע צוריק אַראָבגעקומען פער־פלאַמט, רויט אָנגעצונדען ווי אַ העליש פייער און האָט אויף מיר נעבעך געעפענט אַ פיסק מיט טויטע קללות:

— אַ דו עכבריש, יונגאַטש איינער! ביסט דאָך ווערטה, מען זאָל

דיך דאָ צודרייסען ווי אַהערינג, זאָל מען דיך צודרייסען! ס'איז דאָך אַ חברה פון אזא כמאַלקאַטש, פון אזא פערשטונקענע נשמה, פון אזא שטיק פלייש, אזא וועריבריע בהזר'ל! אברהם עזות־פנים, צו דיין קאָפּ, צו דיין לייב און לעבען! וואָס עס האָט געוואָלט זיין מיר און כל ישראל, רבונו של עולם, מאַך צו דיין קאָפּ! פערהאַפט זאָלסט דו ווערען, רבונו של עולם. אוי, קיין תחית המתים זאָלסט דו, ליבער האַרצינער פאָטער, נישט אויפשטעהן! אַזוי יונג און קען שוין צונויפפיהרען אַ וואַנד מיט אַ וואַנד, לאָקש—ביידעם—פּאָלעצע! ס'טייטש, אויף קיין גוט אָרט זאָלסט דו נישט ליגען, דער הערר אַליין, ס'טייטש, ווצט דאָך עס מיט דער מאַדאַם דאָרט אין ספּאַלניע!

— נאָט איז מיט אייך, דוואָסיע! וואָס זאָגט איהר? בין איך אַרויס מיט דער שפּראַכע פערדריכטען מיין מזל ביי דער קעכנע — בעטראַכט זיך נאָר, דוואָסיע, וואָס איהר רעדט. ס'טייטש, אָט־אָ דער הייבער בורלאַק, אָט־אָ דער גראָבער פּעמפּיק!...

— אַ רוח אין דיין מאַטענס־מאַטענס־מאַטענס־מאַמען אַריין, שייגעץ!

— האָט די קעכנע זיך צושריגען אויף אַ קוויטש אין אַ האַפּ געטאָן די קאָטשערע — ס'טייטש, שייגעץ, דעם בעל־הבית רופסטו בורלאַק, רופסטו, שייגעץ! אַרויס, שייגעץ, וואָרום איך וועל דיר דאָ פּלעטען דעם קאָפּ!

איך האָב מיך אַרויסגערוקט נעשווינד פון דער קוך און בין מיר ווידער אַרויפגעגאַנגען אויבען, שאַ־קיטש. אַז איך האָב מיך אַנידערגעלעגט אויף מיין אָרט אין פאָדערציממער שלאָפען, האָב איך נישט געקענט פאַר גרויס וואונדער קיין אויג צו־מאַכען און אַלץ ביי מיר געטראַכט: וואָס הער איך און וואָס זעה איך? דער דאָקטאָר איז גאָר אַ הייבער, אַ גרויסער, אַ דיקער! היינט וואָס זשע האָט גוטמאַן געזאָגט, ער איז אַ קליין מענטשעלע?! זאָל גוטמאַן זאָגען אַ ליגען, אַזאַ גראָבען ליגען? ניין, עס קען נישט זיין! גוטמאַן האָט קיינמאָל קיינעם נישט אָבגענאַרט, וואָס גוטמאַן האָט געזאָגט, איז תמיד געווען אמת. וואָס טהוט זיך דאָ אַזינס? דאָ מוז אידאי עפּיס זיין... צי שטעקט הרינען נישט אפשר גאָר אַ כשוף, אַ קאָמעדיע? ווי באַלד אַז מענשען קענען אַמאָל זיך פערוואַרפען אין אַ וואָלף, אין אַ וואָלקעלאַק, אין אַנדערע אַלערליי געשטאַלטען, וואָס דאָס איז דאָך אַ געוויסע זאַך, אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, וואָרום איך האָב עס אַ סך מאָל געהערט דערצעהלען פון אַלטע יודען מיט גרוי־גרויע

בערד, מילא איז דאָך נאָך גרינג צו גלויבען, אז מענשען קענען אויך זיך פערוואַרפען אין קליינע מענשעלעך אין הירבדעם מאַכען אַ גליק! נאָך אַמאָל, דאָ! אז אַ מענש קען ווערען אַ וואָלף, אַ חיה רעה, וואָס לויפט ארום משוגע׳נער־ווייז אין בילד, וואָס פרעסט אין איז מוכן ווערען צו בעגעגענען, איז דאָך פון אַ מענשען אין אַ קליין מענשעלע זיך צו פאַר־קעהרען עפּיס גאָר נישט אַזוי שווער. מען בלייבט דאָך מאַקי ביי דעם פריהערדיגען געשטאַלט, מיט דעם אייגענעם פּנים, זוי אימליבער, נאָר פון גרויס ווערט מען קליין... יאָ, איך געה, דאַנקען גאָט, דאַבט זיך, איוף אַ שטיקעל הדך. די מעשה דערפון איז, אַ פּנים, מאַקי אַזוי. דאָ שטעקט עפּיס אַ דמצאה׳לע, אַ פּאָקים! מען מוז די זאַך בעטראַכטען, גוט נאָכקוקען און דערגעהן דעם סוד, די וועלט זאָל אפילו זיך איבער־קעהרען!

מיט דעם דאָזיגען נייעם געדאַנק מיינעם, האָט מיין קינדערישער שכל, ווי איהר זעהט, געשטעלט פענסטער אַ פּיסעל און שוין געמאַכט אַ טריט ווייטער. אַנשטאָט וואָס פריהער איז מיין גלייבען און דעם קליי־נעם מענשעלע געווען מגושם, שטאַרק קינדעריש — עס קומען גלאַט בפשטות אויף דער וועלט אַזאַב פאַרטיגע קליינע מענשעלעך, איז ער איצט שוין אויסגעפינטער, אויסגעאיידעלטער, עס ליגט שוין אין אידם אַ כונה, עפּיס אַ כח, אַ רוחניות־זאַך מיט אַ דרך הטבע, דאָס הייסט: קומען אויף דער וועלט קומען מענשען מאַקי אַלע גלייך ווי זיי זענען, נאָר אַ טייל מענשען קענען זיך פערוואַרפען און ווערען אַ מאָל קליינע מענשעלעך דורך שמות, דורך היחות. דרינען ליגט שוין גאָר עפּיס אַנ־אויבער־הסברה!...

אַז איך בין אין עטליכע טעג ארום געשטאַנען אונטער דער טיר, וואָס געהט פון דעם פּאָדערצימער אין דעם דאָקטאָר׳ס קאַבינעט אַריין, איז מיר אויסגעקומען צו האָרכען אַזאַ מין שמועס צווישען דעם דאָקטאָר און דעם רופא זיינעם.

— היינטיגע וואָך, דאָקטאָר, האָט איהר געהאַט אָהן עין־הרע זעהר אַ גוטע. איך האָב אַייך, נישט׳קשה, אַ סך צוגעשאַרט. איך מוי פּאַר אייך דאָס מיינע בשלמות. ציפּויק אומעטים אַייער גרויסקייט, וואָס נאָר עפּיס, זאָג איך, מען בעדאַרף האָבען אַייך, אַייך, נאָר אַייך. און איהר פּאַר מיר, דאָקטאָר, מאַכט זיך ניט וויסענדיג.

— וואָס זאָגסט דו, געטצעל? ס׳מייניש, און נעכטען, ערשט נעכטען?

— וואָס, דאָקטאָר, נעכטען? וואָס איז אונזס געווען נעכטען?

— ער האָט אַ קירצען זכרון! ווי הייסט, דו האָסט פאַרגעסען, גנעצעל? צוליב וועמען האָב איך נעכטיגען קראַנקען געהייסען שטעלען אַ דרייסיג פּיאַווקעס, צווישען אונז גערעדט, ער האָט אויך בעדאַרפט דיינע פּיאַווקעס, ווי איך מיט דיר. אַ נאַס טיכעל צום קאָפּ וואָלט גאַנץ גענוג געווען. פע, מעגסט זיך, כ'לעבען, שעמען, גנעצעל! נאָר צוליב דיר, וואָרהאַפטיג, בין איך נעכטען געווען אַ קליין מענשעלע!...

— איהר, דאָקטאָר, זענט געווען נעכטען אַ קליין מענשעלע, ווי איהר זאָגט, און איך בין געווען צוליב אייך אַ קליין מענשעלע תמיד, אי אייערנעכטען, אי נעכטען, אי היינט. צווישען אונז גערעדט, האָט דען דער היינטיגער חולה בעדאַרפט אַ דאָקטאָר? ער האָט פאַרזאָגט דעם קאַמער. אייך מיר קוקענדיג נאָר האָט ער זיך געריפען און איצט איז שוין דאָ אַ האָפנונג, אַז ער וועט זיך מאַכען שיין בעדאַרפען אַקעגען אַ פּאָר וואָכען רופען און נאָך צוויי מאָל אין טאָג. נישקשה, ער איז רייך, אַ חזיר, ער מעג קרענקען, נישקשה, אַ פּאָר וואָכען...

— נו, נו, וואָס זשע ווילסט דו, גנעצעל?

— פּיאַווקעס, דאָקטאָר! איך האָב אַ סך פּיאַווקעס!...

— זיי רוהיג, גנעצעל? דו וועסט אידם שטעלען פּיאַווקעס. שאַ! האָסט דו נאָר גוטע סחורה, גנעצעל? דו ווייסט דאָך, איך בין אַ מקפיד אין אַזעלכע זאַכען...

— גוטע פרישע פּיאַווקעלעך, דאָקטאָר, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפען! איך אַליין האָב אויך פיינט יענעם צו נאַרען...

הע-העי! אזוי איז גאָר די מעשה?! — האָב איך געטראַכט ביי מיר אין האַרצען, נאָכדעם ווי איך האָב געהערט אַזאַ שמועס אין די זאַך אַביסעל בעסער גענומען, ליגענדיג ביי נאַכט אויף מיין געלעגער — אַ פּנים, ווי איך דער דאָ און זעה, הייסט אַ קליין מענשעלע נישט פשוט זיין אַ קליינעטשקער, ווי איך, נאַריש, האָב פריהער געמיינט. מען קען נאָר זיין אַ גרויסער, אפילו אַ גאַנץ גרויסער, און פאָרט אַ קליין מענשעלע, מען קען דערביי מאַכען אפילו בלייבען אַ גרויסער, תמיד מאַכען אַ גרויסער. איך בין מיך משער, אַז אַ קליין מענשעלע הייסט נאָר צאַפּען פרעמד בלוט און איינגענומען געלד... אָט וואו דער הונד ליגט בעגראָבען! איצט-אָ האָב איך אַ ביסעל שוין אָנגעהויבען רעכט צו פאַרשטעהן און קומען צום אמת'ן שכל. אָט וואָס הייסט רייבען זיך אין דער וועלט, צווישען לייט!

נאָר וואָס העלפט עס אָבער, וואָס איך ווייס שוין פון לאַנג גוט, אַז איך
בין דאָך נישט קיין דאָקטאָר, קיין רופא און קען נישט שטעלען קיין
פּיאַווקעס, מיז זוכען עפּיס אַנדערע מיטעל. עפּיס בעסער אַזוי זוי אַזאַ זאַך,
נאָר אויף אַנ'אַנדער אופן, עפּיס צאַפּען און פאָרט נישט צאַפּען פּשוט
בלוט. דערצו מוז אודאי זיין נאָך אַ סך אַנדערע מיני תחבולות. וואָס מען
מיז זיי דערגעהן. דאָ האָב איך שוין פּשוט מעהר נישט וואָס צו טאָן.
וואָס-זשע מהוט מען ווייטער? האַ! גיט מיר פּלוצלים אַ קלאַפּ אין קאָפּ.
אפשר איבער וואַרגער! בלעבען, מאַך איך צו מיר אַליין, דאָס איז נאָר
נישט קרום. מען בעדאַרף זיך אַריינדרעהען מאַכן צו איבער וואַרגער, ווי
איך בין איוד צו איבער וואַרגער! דאָס האַרץ זאָגט מיר עפּיס: צו איהם,
צו איבער וואַרגער! איבער וואַרגער איז דאָך אויך אַ קליין מענשעלע און
זעהר אַ גרויסער פאַרנעהם. האַ?!...

אָט אַזעלכע געדאַנקען האָבען מיר זיך געדרעהט אין דעם קאָפּ און
מיך נישט געלאָזען שלאָפען כמעט די גאַנצע נאַכט. יענע נאַכט בין איך
עלטער געוואָרען מיט עטליכע יאָהר מעהר און געפיהלט אין מיר עפּיס
אַ פאַרענדערונג. אויף מאָרגען האָב איך נישט געטאַכט לאַנג שיהות,
איינגעזעצט מיין בעקאַנטען מעקלער, איהם צוגעזאָגט נאָך אַ בעסער
מעקלעריי ווי פריהער און נאָך אין עטליכע טעג אַרום האָט ער מיך
אַריינגעשלייערט צו איבער וואַרגער.

יד

— נאָר איין וואָרט, רבי, ניש'קשה!... הא, וואָס, זאָל איך — לאָזט זיך אין דער מיט לענגען הערצן אונטער דער טיר עפּיס אַ גראָב קול און באַלד בלאַקן, נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער. ריקט זיך אריין אין שטיבעל אַ געשפּיקעוועטער ייד מיט אַ פערוואַקסען פּנים. אָהן אַ קאַפּאָטע, נאָר אין אַ פערלאַטעטע לייבעל, פון וועלכען עס קוקען ארויס שמיקליך פערשמוצטע ציצית, וואָס באַמבלען זיך אויף די קניע, און אין גראָבע תחתונים, מחילה, מיט גרויסע מגושמדיגע שטיוועל, אויף וועלכע ס'איז געלעגען אפשר אַ פּוד בלאָטע נאָך פון פאַר אַ יאָהרען און וואָס האָבען פון זיך ארויסגעגעבען אַ שטאַרקען ריח עפּיס פון שווים אינאיינעם מיט דיאָך.

— א, בעני! — זאָגט דער רב, אַ קוק געבענדיג אויף דעם ראָזיגען פאַרשוין — וואָס ווערסט דו עפּיס זאָגען, בעני?

— וואָס זאָל איך זאָגען? — ענטפערט בעני, אַ קראַץ געבענדיג זיך אין דער פּאָטיליצע — עס, גאָרנישט, זאָג איך. געלד פאַר'ן חודש האָב איך שוין ביי דער רבי'צין אָבגענומען. וואַסער נאָך געבעטען ביי נאַכט די אַלע זיבען מאָל אָבגעגעבען. האָב געבעטען די גאַנצע נאַכט האָב איך געהאַט האָם פּיהרעניש. רב יצחק אַברהם'ס שטאַרב ראָט מיך, ניש'קשה, גוט אָבגעפיהרט, די שענע מיינע „בולי=בתים", נעבען איהם אין שכנות, האָבען דאָס וואַסער אויסגעזאָפּען, געבליבען די בולי=בתים אָהן וואַסער, נו נישטאָ וואַסער, נישטאָ מיט וואָס צו קאָכען. ווער שולדיג? דער וואַסערפיהרער, איך שולדיג. יענעם גלוסט זיך שטאַרבען, נו, מילא? ניין! געהט עס איים צו וועכען? צום וואַסערפיהרער, צו זיין קאָפּ. געה פיהר זיי, אַ אין הד'ערד אריין! פיהר זיי וואַסער. די גאַנצע נאַכט נוט געשלאָפען. אַ קענען טאָג אַז ציגעטאַכט אַנ'איינ האָב איך, קומט וועקט די מאַמע, זאָל לעבען, מיך, וועקט מיך: בעני, בעני!

שטעה אויף, די מיר פאַרקרעמעל, בעני. איך צום ערשטען מנין געה איך, חאַפּען אַ קדושה, פון דער מהל, בעני, געה איך אויפ'ן הייליגען אָרט איך, יאָהרצייט האָב היינט איך. אויפ'ן פּריפּעטשיק האָט געשטעלט אַ טעפּעל קאַליש האָב איך, גיב דאָ אכטונג צום טעפּעל קאַליש. גיסט אַרויס די מאַמע און לעג מיך. דרעמעל איך, האָרך איך — פּיק, פּיק, פּיק. דער האָהן מיט די הוהנער, אין דר'ערד אַריין, שמעהען פּיקען אַ ריפּנעל ברויט, געשמאַק איפּ'ן מיט פּיקען זיי. אַ-קיש! שריי איך. אַ-קיש דיר היינט, אַ-קיש דיר מאָרגען, וואָס ווייסען הוהנער? פּיקען טאַקי אַלץ. בעדאַרף, גראָד, אַ, אין דר'ערד אַריין, ליגען אַ הילצערנער לעפעל, אַ פליישיגער, חאַפּ דעם לעפעל, לאָז מיך צו די הוהנער. האָרך איך, לויפט איפּ'ן פּריפּעטשיק, מיינער חאַפּט שמעקט אַריין, ניט הוהנער אַריין, דעם פליישיגען לעפעל אין דעם מילכיגען טעפּעל אַריין, און מאַכט אָן אַ שאלה! דער לעפעל פליישיג, רבי, וואָ-רען? פון דער-ני-דאָך ניט געקאַרבט מיט דריי קאַרבען, ווי אַ יודיש מילכיג לעפעל. פליי-שיגס דערמיט, ווי איך בין אַ יוד! ניט געגעסען. אסור חזיר! לאָמיך אַזוי בעהיט ווערען פון קריינק! דאָס טעפּעל מילכיג, עס שטעהט דאָך תמיד פאַנ'ם פּריפּעטשיק איף דער מילכיגער באַנק. ווען מיין ציג מיר געפּגר'ט, איז איום מיר מילך, אַפּיג מיר מילך!... היינט, רבי, פּסק'ענט מיר אַ שאלה!

— עפּיס אַ גרויס טעפּעל? — פרעגט דער רב.

— גרעסער פון מיין קאָפּ — ענטפערט בעני — אפשר אַקיגען אַנ'עמער, איך זיף מיך דערמיט אָן פיל ווי אַ פּעכעל אין אַרבייט איינען דעם גאַנצען טאָג אָהן אַ פּאַפּאַס.

— כשר! — פּסק'עט דער רב.

בעני געהט אַרויס און אַ ווייבעל לויפט אַריין מיט אַ יאָמער, אַ קלאָג:

— רבי, איך האָב שוין מעהר קיין כח נישט איבערצוהאַלטען! איהר האָט אודאי וועהר גוט געמיינט, רבי'ניו, וואָס איהר האָט צווישען אונז געמאַכט אַ לעבען, נישט צוגעלאָזט קיין גט, נאָר אַזאַ לעבען איף אַלע מיינע שונאים געזאָגט געוואָרען. איינע טייערע ווערטער ווענען צו איהם אזוי פיעל צוגעשמאַנען ווי אַנ'אַרבעס צו דער וואַנד. ער האָט רעדען אַ וועלט, ער טהוט זיך טאַקי זיינס און מאַכט מיר אַלין דעם טויט. איך טוואַרין דאָס פּנים, ליי, באָרג, קויף-אָן איפּ'ן מאַרק אייער, הינער,

וואָס ס'איז עפּיס צו פאַרדינען. אַבי צו דערהאַלטען די נשמה פון די הונגעריגע, אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע קינדערלעך. און ער... ער ווייסט נישט מעהר ווי די חסיד'אַרניע, וואו ער פאַרברייננט די גאַנצע טעג מיט זיינע ליעב אונבעטערן איוועזן, טרינקען, שמועסען, דערציעהלען מעשיות און קומט ער אהיים, מוז איהם אַלצדינג זיין. ער וויל עס הויבט אַ קוק טאָן אויף די קינדער, פרעגען חומש פון יוצא זיינען, וואָס זיי מאַכען. זיי געהען איהם בכלל נישט אָן, ווי זיי וואָלטען געווען פרעמדע. צו מיר רעדט ער נישט קיין גוט וואָרט, גלייך ווי איך וואָלט געווען צו איהם פאַרקויפט, זיינס אַ דינסט, וואָס איך בין נישט מחויבת צו וואַשען איהם די פיס און טרינקען דאָס וואַסער. איך ווער נישט מעהר פון איהם אַלײן: שטיאָ! טפּיש'טע! שלה! אונטער עפּיס אַ יום־טוב באַהערט ער זיך אַוועק צו זיין רבי'ן, נעהמט בייַ מיר צו דאָס לעצטע און ליגט דאָרט אָב אַ צייט מיט זיין קאָמפּאַניע, אַזעלכע ווי ער. עס זאָל עס איהם אָנהויבען אַריין אַ היים, אַ ווייב מיט קינדער, וואָס הונגערען נאָך אַ שטיקעל ברויט און קוטען נעבעך אָב. לאָמיך אַמאָל אָנקומען ווען זיך אָנרופען מיט עפּיס אַ וואָרט, סטראַשעט ער מיך, ער מוז מיך גאָר אַרויסוואַרפען, מיך מאַכען פאַר אַ וויסטע עגונה, און ווייזען מיר, ווער עלטער איז, וואָס אַ יודענע איז אַזוינס. אַ יודענע, זאָגט ער, איז אַ גאָרנישט מיט אַ נישט! היינט און דער פריה קומט ער פנ'ם קלייזעל, און שטיב איז קאַלט, האָבש וועלף צו טרייבען, שוין סעדר פון צוויי טעג אַז קיין רויך פון מיין קוימען איז נישט געגאַנגען. די קינדער ציטערען, זאַפּלען און בעטען עסען. דאָס קליינע קינד און וויעג איז שוין היזעריג שרייענדיג, וויל נעבעך זייגען און ביי מיר איז נישטאָ קיין קאָפּ מילך. פון וואַנען זאָל עס זיך נעהמען, אַז איך דאַרב און צוויי טעג איז און מיין מויל קיין ליעפעל געקעכטס נישט געקומען. שמיא! מאַכט ער מיט אַ גרינג געמיטה, לעג מיר אריין אין קלומקעל אַ העמד מיט דער שבת'דיגער קאַפּאָטע. איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז ער קלייבט זיך פאָהרען „אַהיים“ מיט זיין כנופיא, עס געהט דאָך אַ חנוכה. דאָס האַרץ איז מיר געווען זעהר פאַרביטערט, נעהם איך און רוף מיך אָן: גזלן איינער! וואָס טראַכטסטו דיר זיך? קוק האָטש אָן דיינע קינדער, ווי זיי דאַרבען, ליידען, און דו האָסט אין זינען פּוסטע נאַרישע זאַכען! מילא דאָס ווייב, זאָגסטו, איז אַ גאָרנישט, אַ שטיאָ, אַ יודענע, אַ צווינג, אָבער די קינדער, גוואַלד דיינע קינדער!... ווי איך האָב עס איהם נאָר אויסגערעדט, אַז ער פאַלט עס אויף מיר אָן מיט אַ בעס, מיט אַ געפּילדער: אַווי, שטיאָ! דו וועסט עס מיך צוויי זידלען

אין אָנריפען נאַריישקייטען אזעלכע הייליגע זאַכען, וואָס זענען נישט פאַר דײַן ווײַבערשען מוח!... אױ, די שפלה אײנע! מי הײנבינט מקל אין אַ'נען, איך מוז דיך איך איבונ, מאַך איך איבונ איינקוואַרפען, אז די זאָלסט בלײַבען אַ וויסטע עגונה. נישקשה, איך בין אַ סאַנסביל, און דוך, שפלה, מוז איך אָנלערנען, די זאָלסט וויסען, וואָס איז פּוינס אַ ווײַנע... ער האָט זיך נישט געקיהלט מיט די רעד און מיך נאָך אָנגעהייבען צו קנײַפען. נאָט, זעהט, זײַט מוחל, ווי ער האָט מיר צוקנײַפען די הענד, ברוין און בלוי מיר געמאַכט דאָס לײַב! גוואַלד, רבי, ראַטעוועט מיך! לאָז ער מיר געבען גט. איך האָב שוין מעהר קיין כח נישט אויסצוהאַלטען!...

— געה שוין, געה אַהיים! — זאָגט דער רב מיט אַ ווײַבער צישעדיגער שטימע און די אויגען בעפײַגמען זיך אידם פאור הצנות — איך וועל נאָך היינט שיקען דעם שמש, ער זאָל אידם צו מיר ברענגען.

קוים איז דאָס ווײַבעל אַרויס, קומט די שמש'טע אַריין, שאַרענדיג מיט די פּאַנטאָפעלעך, אָנגעטאָן די יפּע איך אין אַרבעל, מיט אַ רײַליך אונטער'ן אָרם.

— גאָט העלף! — מאַכט זי צום רב מיט אַ פריש בניסיל, נאָבריגם ווי זי האָט פריהער מיט דער האַנד אַ שמיר געטאָן די מזוזה און אַ קיש געגעבען די פינגער — איך האָב געוואָלט איך אַרגע מטריח זײַן דעם רבי'ן, מאריך ימים זאָל ער זײַן, מיט אַ „שאלת נשים“. נאָט איך, רבי, זײַט מוחל, דעם לײַלעך.

אַז דער רב האָט זיך אָבגעפאַרטיגט מיט דעם לײַליך, איז ער צוגעגאַנגען צום טיש און אָנגעהייבען ווייטער לייענען:

ט.

איסר װאַרגער איז געװען אײנער פֿון די פֿאָרנעהמסטע בעלי־הבתּים אין צבֿיעטשין, אַלע האָבען פֿאַר איהם געהאַט דאָס דרײ־יאָהרי־גע קדחת אין עס האָט מיט איטליכען געװאָרפֿען, אז ער האָט אַרױס־גערעדט אַ װאָרט. װאָס מײנט איסר, עפּיס אַ קלײניגקײט איסר! איסר אַלײן האָט נישט געראַנדעלט, נישט אַרײנגעבאָן קײן האַנד אין קאַלטע װאַסער, אין פֿון דעסטװעגען האָט בײ איהם אין שטוב תמיד געקאָכט װי אין אַ קעסעל, דער אַרײן, יענער אַרױס, קינד אין קײט אַלע בײ רב איסר׳ן. מײנט איהר אפשר, איסר איז געװען אַ גרױסער למדן, אַ גרױ־סער יחסן? — חלילה! אפֿילו נישט קײן קלײנער. ער האָט קױם־קױם געקענט דאַװענען אין איז געװען, װי מען זאָגט, „המבֿין בעבֿריתו“, דאָס הײסט, פּטשימפּעט איך דער עבֿרי. פֿון דעסטװעגען האָט ער געהאַט אַ טלית־אין־תּפֿילין־זאַק װעהר אַ גרױסען, װעהר אַ גראָבען פֿון עטליכע בני־פֿרועה׳לעך, אַרומגעריאַמעװעט מיט רױטע קרײקעס. דאָרט אינװײניג האָט זיך געפֿונען אי אַ סידור „דרך החיים“ מיט אַלע נײטיגע דינים, אי אַ תהלים מיט מעמדות, אי אַ „תיקל׳“ אין אַ „שערי ציון“. אַ האַנד צום שרײבען האָט ער געהאַט װעהר אַ שװערע, די פֿעדער האָט, װי אױף צו להכעיס, בשום אופֿן נישט געװאָלט בײ איהם געהן אין זײנע שליחות: ער האָט זי געשמיפּט אַ הין אין זי איז גאָר פֿערקראָכען קײן בײבעך, זי האָט געשפּריצט, געמאַכט קלעקען, געקריצט, געדרינעט אין זיך גע־שטעלט דיבאָם. עס האָט איהם נעבעך גענוג מיה געקאָסט איטליכס גע־שריבען װאָרט, אין אידער ער האָט בײ איהר אַרױסגעקומען שװאַרץ אױף װײס זײן התימה „איסר“ װענען איהם די אײגען פֿונ׳ם קאָפּ שיער נישט אַרױסגעקראָכען אין איז פֿשוט אָבגעגאַנגען מיט שװײס. ער פֿלעגט דערנאָך זיך װישען דעם שטערען מיט דעם אַרבל פֿונ׳ם העמד אָדער פֿון דער קאַפּאָטע אין כאַפּען. גלײך װי ער װאָלט געדראָשען האָלץ. די מעלה אָבער קען מען אױף איהם יאָ זאָגען, אז אין דעם אײסלענען איז

ער נישט געווען, ווי אַנדערע, אַ שטאַרקער מחמיר, אָבער ער האָט בײַ איהם נישט געשפּילט קיין וויכטיגע ראָלע. שבעה פּאַרקס צו היטען, אָדער שמעה אַפילו גאָר נישט, מאַכט איך נישט אויס איהם. כדי דאָס זיך אָנשטויסען, נישט קשה. און ווען ער פלעגט דרינען אַ מאָל עפּיס מסיבה זיין, דאָ איז איהם די פּנים דוקא בײַגעשטאַנען און די מינטען. ער פלעגט זיך באַן אַ יאָג, מאַכען אַ צוק מיט אַ קלעק און דערביי האָט ער זיין געקומט יוצא זיין לכל הדעות. פון זיינע אלע זאַכען שטעל איך דאָ אויס אַריס זיין „וויהאב״ מיט זיבען גרייזען און זיין עברי־ווערטער אין דער הגדה: „תרח אבי, אברהם ואבי, נחור ועבדו״. דערביי דערפון ווייס איך בעסער געפעלען, ווייס איך נישט, מיר אָבער זענען בײדע גלייך געוועזן געפעלען.

מילא דאָס האָט איהר איסר׳ס לומדות, און וואָס אָנבעלאַנגט זיין יחוס, איז נישט געווען מיט וואָס זיך איבערצונערמען. ער האָט נישט געשטאַמט פון דער גילדענער פּאָהן און האָט אין דער יוגענד קיין פּלוג־לעך מיט פּוטער נישט געגעסען. דער אמת מאַכט איז, אַזוי ווי איך בין עס שפּעטער דערגאַנגען — ער איז געווען אַ קליין מענשעלע אין הערצען האָט ער אַ יום בעסער געמאַכט ווי אַן׳אַנדערער מיט זיין תורה און מיט זיין כתורה. בײַ דעם צבוע׳מישער גביר איז ער באמת מאַכט געווען גאָר די נשמה, נאָר עפּיס — איסר. הכלל איסר, איסר, נאָר איסר! איסר איז געווען זיין נשמה, זיין פּוס, זיין האַנד, זיין אַלץ מיט אַנאַנדער, און דערביי ממילא אַ גרויסער חשיב, דער גאַנצער כל־ילך און דער שטאָדט.

אָט פון דעם רב איסר׳ן האָב איך אַ סך זאַכען מיך איינגע־לערנט. ער, מאַכט נאָר ער, איז מיין אמת׳ער רבי. ער האָט מיר גע־עפענט די אויגען; ער האָט מיר אין דעם מויל אַ פינגער אַריינגעלעגט און מיר געגעבען צו פאַרשטעהן וועהר פּיעל זאַכען, וואָס געהען אין דער וועלט פאָר, מיר פאַרענטפערט האַרבע קשיות, דערקלערט גניבות, רעכ־טענישען בײַ אונז אין דער פּיהרונג; ער האָט מיך געשמעלט אויף אַ שטיינער, מיך אויסגעריבען, אויסגעשליפען און געמאַכט פון מיר אַ כלי. קורץ, ער האָט מיר געוויזען אַ וועג און ענטפּלעקט דעם סוד, ווי צו ווערען אַ קליין מענשעלע.

דאָס לייענען ווערט דאָ ווידער איבערגעריסען. די רבי׳ניצע קומט אַריין, האַלטענדיג אין איין רעדען, און מחוט זיך אַ שטעל גלייך אַקעגען דעם רב.

— נישט אויסצוהאַלטען — זאָגט זי עפּיס ווי אַביסעל בייזליך — אַ פּילע שב״כ, אָהן עין־הרע, אַלע: וואו איז דער רב? דער רב, זאָג איך, איז אַנ׳ער פּערנומען. עס העלפט נישט. נים רב! ווער איז דען דאָרט נישטאָ? די נעבעכינע צוויי יודען פון דער דין־תורה — דאָ! דער בעדער — דאָ! פּערריבט איהם שטאַרק נוט, שרייט ער, די באָד, הייצט ער מעהר ניט, איז אויס שכירות דעם רב. די קצבים מיט אַ נייעם לונג־און־לעבער — אויך דאָ! דער משולח פון רב מאיר בעל־הנס, דער פון ישיבה, יענער פון די נשרפים און די עגונה מיט די דריי קינדערליך — אַלע אַלע דאָ! עס העלפט נישט קיין רעד, דער רב אַליין מוז צו זיי אַרויסגעהן. איך וויל מיך אפילו זיי מעהר נישט ווייזען.

דער רב הייבט זיך אויף פון׳ם אָרט, בעטענדיג דעם עולם מוחל זיין אַ ווײַלע, אויף איהם וואַרטען.

— אַ, רב מענדעלי! וואָס מאַכט איהר גוטס? — ווענדעט זיך צו מיר די רביצין, נאָכדעם אַז דער רב איז אַרויסגעגאַנגען — שוין אַ לאַנגע צייט טאַקי, רב מענדעלי, זענט איהר הי ביי אונז נישט געווען. האָט איהר אונז, וויבער, עפּיס געבראַכט נייע ספרים?

— פאַר וויבער ספרים! — מהוט אַ שמייכעל איינער פון די נגידים, וואָס מיט אַ פערקרימטע עסיג־זויערע צורה.

— די מאַנסבילען מיינען, אַז נאָר פון זייערט־וועגען בעדאַרף מען דרוקען ספרים — רופט זיך אָן מיט פערדראָס די רביצין — אַלצדינג פון זייערט־וועגען. וויבער האָבען גאָר קיין נשמה נישט, זענען גאָר קיין מענשען נישט און בעדאַרפען אויף דער וועלט קיין זאַך נים האָבען. גענוג פאַר זיי אַז דאָס וואָס זיי לעבען, וואָס זיי טראָגען, וואָס זיי האָבען קינדער און האָדעווען זיי, וואָס זיי קאָכען וואַרמעס, היטען־אָב די מאַנען און ווערען פערשוואַרצט.

— געלויבט איז דער אייבערשטער, וואָס מען זעהט זיך געזונט — ענטפער איך — נישט קשה, רביצין, איך האָב אין אייך נישט פערגעסען. איך האָב אייך געבראַכט אַ „תחינת ארץ ישראל", גאָר אַ שפּאָגעל־נייע. זעהט איהר, רביצין קרוין, איהר בעשולדיגט אומזיסט די מאַנספּאַרשוינען, מען האָט אייך, כ׳לעבען, אויך אין זינען. קומט, זייט מוחל, און בעטראַכט די תחינות, וואָס מען מאַכט פאַר אייך אָן. וואָס ווילט איהר האָבען? מיר דאַכט זיך, מען האָט שוין גענוג, איבערגענוג אייך, וויבער, אָנגעמאַכט... נישט דאָס בין איך אויסען.

— אײַ־אײַ, רבי׳צען! — חאַפּט זיך אָן אַ נגיד מיט אַ זיס שמייכעלע — איהר װילט, כ׳לעבען, מאַכען אַ מרידה אונטער די װייבער! דערענדיג איך, װעלען דאָך אונזערע װייבער פּעקדייסען די נעז. אָנהייבען פּאָדערן עפּיס גאָר נײַע זאַכען און אונז נאָך חלילה װעלען נעמען! נאָר איך פרעג אײַך, רבי׳צען, אַז ס׳איז שוין יאָ געקומען צו רעד, זאָגט־זשע, װאָלט איהר מיר געזונד זיין, פאַר װאָס־זשע האָט פּאַרט שלמה המלך אָנגעשריבען, אַז אפילו אונטער טויזענט װייבער האָט ער ניט געפונען אי איינע אַ רעכטע?

— טאַקי דעריבער האָט ער נישט געפונען — איז די רבי׳צען אַרויס מיט אַ תירוץ — װייל ער האָט געהאַט, מחילה, טויזענט װייבער. מאַנסבילען, װאָס זיבען צו האָבען אַ סך װייבער, קענען טאַקי איינע אַ רעכטע אױך נישט האָבען. זאָגט מיר, איהר װאָלט אײַך זייער שטעלע בעסער געװען, מאַנסבילען?...

— נאָר פאַר װאָס אָבער — האָט נאָך איינער זיך אָנגערופען — שטעהט אין אונזערע ספרים, אַז די גאַנצע חכמה פון אַ אשה בעשטעהט אינגאַנצען נאָר אין דעם שפּינדעל?

— ס׳איז דעריבער — ענטפערט די רבי׳צען — װייל דאָס האָט אָנגעשריבען אַ מאַנסביל. אידאי זענט איהר די חכמים, אַז איהר, מאַנסבילען, געװעלטיגט אין האַלט די װייבער נעבעך אין אײַערע הענד! דער שטאַרקער בלייבט תמיד דער קלוגער, דער גערעכטער, װי זאָגט מען עפּיס: דער מלאך־המות שעכט און בלייבט גערעכט. נאָר װערטעליך אין דער זייט. איך פרעג אײַך נישט מעהר, װי קענט איהר אונז אָבפּסק׳ענען אַזעלכס, װאָס מיר װייסען און װאָס מיר זעהען מיט אונזערע אייגען, אַז ס׳איז נישט אַזוי! װעניג װייבער נביאות אי חכמות זענען בײַ אונז יודען געװען אַ מאָל אין די אַלטע צייטען, און װעניג װייבער חכמות, בריות, זענען דאָ בײַ אונז אױך היינטיגע צייטען, װאָס שטעהען אַ סך העכער פון אַנדער׳ע מאַנסבילען? מיר דאַכט זיך, אַז טאַקי דאָ, בײַ אונז, אין דער שטאָדט, קען מען אויפצעהלען פיעל װייבער, װאָס נאָר זייער בריה׳שקייט און חכמה אַליין האָבען די מאַנען צופערדאַנקען אַלצדינג, זייער כבוד אי זייער עשירות. װען נישט די װייבער זייער׳ע, װאָלט פון זיי גאַרנישט געװאָרען. פינדעסטװעגען זאָל אויסקומען אַ מאָל עפּיס בײַ אַ שטאָדט־זאַך, איער בײַ עפּיס אין אַנדערן װיכטיגען ענין, װייסט מען נישט מעהר װי די דאָזיגע בעלי־הבתים, װאָס טויגען נישט, מחילה, אַ קאַן אַנ׳עק צו־

בינרען. הייבער זענען פאררעכענט ווי גארנישט, די דעה האבען נאר
בעלי-הבתים. אלין בעלי-הבתים, איך אסיפות—בעלי-הבתים, אין שיהל—
בעלי=הבתים, אפילו אין מרחץ אריין, מחילה, רופט מען אויך נאר בעלי=
הבתים — בעלי=הבתים אין באד אריין!...

— עפיס זענט איהר מיר היינט, רבי׳צען, זעהר אויפגעבראכט—
האט דער נגיד ווייטער זיך אנגערופען -- עפיס רעדט איהר מיט פער=
דראס, ס׳איז אייך, א פנים, עפיס נישט גוט אויפ׳ן הארצען און איהר
לאזט אויס אייער כעס צו די מאנסבילען, נעבעך!

— וואס זאל איך טאן? — ענטפערט די רבי׳צען מיט א זיפץ טיעף
פונ׳ם הארצען - אז ווען עס קומט צו רעד פון אונז, ווייבער, און איך
בעטראכט אונזער פינסטערע, ביטערע לאגע, קאכט זיך טאקי אין מיר
איבער דאס בלוט.

— נאט, רבי׳צען! — חאפ איך מיך אונטער און גיב דער רבי׳צען
א תחינה, וועלכע איך האב ארויסדערטאפט פונ׳ם פעקעל — איך ווייס,
אז די תחינה איז פאר אייך גוט. פאר אייך, רבי׳צען, איז טאקי,
כ׳לעבען, גוט די תחינה...

— אמת טאקי, רב מענדעלי! האט די רבי׳צען זיך אנגערופען צי=
שאקלענדיג מיט׳ן קאפ — פאר אונז, בידנע ווייבער, איז טאקי נאר גיט
תחינות, איין איינציגע רפואה צו הערצער פול מיט מכות, מיט וואונ=
דען; איין=איינציג מיטעל אויסצוווייגען זיך האטש א מאל און אויסצוגיסען
דאס שווער ביטער געמיטה אין הייסע ווארמע קוואלען טרעהרען... ס׳איז
נאר א וועהטיג, א צווענעניש, ווי די מאנסבילען, וואס פארשטעהען
נישט אין ווילען גאר נישט פארשטעהן אונזער הארץ, ווי זיי לאכען,
שפאטען פון די ווייבערשע תחינות און פערגינען אונז נישט אויך די דא=
זיגע איינציגע רפואה. זיי זאלען זיצען א מאל אין דער ווייבערשער שיהל,
א שבת אדער א יום=טוב, און צוזעהן דארט ווי א סך אומגליקליכע ווייי=
בער, וואס האבען זיך קיים ארויסגעריסען פון דער היים: די מיט א פינ=
סטערע דאליע פון איהר מאן, יענע א ווייסטע עגונה, איינע מיט א שווער
טראגען, די אנדערע מיט א פערביטערט געמיטה פון איהר׳ס א זייגענ=
דיגס, קראנק קינד, וואס לאזט זי דורך די נעכט נישט שלאפען און פער=
מאטערט זי נעבעך, די מיט געשוואלענע, אבגעבריהטע הענד פונ׳ם
שטעהען ביים אויבען און יענע מיט א פערזארגט, אויסגעבלייכט פנים פון

דער שווערער פּאַטשטשענע, פֿונ׳ם שטענדיגען געהן אין יאָך, — ווי די דאָזיגע אַלע פּעראַמטערטע דערשלאָגענע נעבעך שטעהען אַרום דער זאָגערין דאָרט, יאָמערען, קלאָגען מיט איבערגעהייבענע אויגען צום באַרמהאַרצדיגען, געטרייען פאָטער אין הימעל, בעוואַשען זיך מיט טרערען און וויינען פון זיך אַרויס די נשמה — ווען זיי, די מאַנסבילען זאָלען עס בעטראַכטען און ציהען מיט זייערע אייגענע אויגען, וואָלט, כ׳לעבען, זיי זיך נישט געעפענט דאָס מויל צו שפּעטען פון די ווייבערשע תחנות...
אַ דאַנק אייך, רב מענדעלי! וואָס איהר האָט אין מיר נישט פאַרגעסען. איך וועל אייך באַלד אַריינשיקען פאַר דער תחינה — אַזוי האָט די רביצען אַ זאָג געטאָן צום סוף, ווענדענדיג זיך צו מיר, און איז שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען.

אַלע מענשען אין דעם שטיבעל זענען געבליבען שטיל, ווי דאָס לשון האָט זיי אָבגענומען. די רביצען מיט איהרע רעד האָט אויף מיר אָנגעוואָרפען עפּיס אַ מרה שחורה. איך בין מיר געזעסען אומעטיג אין אַ ווינקעל און צוקייט דער רביצענס איטליכס וואָרט. איהרע ווערטער זענען געווען אָנגעזאָפּט ווי אַ שוואָם מיט שאַרפע, ביטערע געפיהלען, האָבען מיך געשטאָכען, געצופּט און אָנגעהאַפּט ביים האַרצען, וואָס מעהר איך האָב זיי צוקייעט. מיר איז דענסטמאָל געווען צו מוטה עפּיס גלייך ווי מען וואָלט פאַר מיינע אויגען געפּאַלטשעט אַ לעבעדיגען מענשען, אַרויסגענומען דאָס וואַרמע, נאָך צאַפּלענדיגע האַרץ, עס געעפענט, געשניטען אַריינצוקוקען און זעהן אַלצדינג, וואָס דאָרט אינוועניג געהט־פאָר. איך בין זיך מודה, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען איז מיר איינגעקומען, ערנסט צו בעטראַכטען די שלעכטע לאַגע פון די ווייבער, צו פאַרשטעהן זייער האַרץ, און צו האָבען אויף זיי רחמנות. עפּיס נאָר טאַקי אַזוי, רעכען איך, מוז זיך פיהלען אַ גוי, אַ גוטער געלערענטער גוי, אַז ער הייבט אָן צו בעטראַכטען די לאַגע פון יודען, צו שעצען זייער ווערטה און זיי צו בעדויערן פאַר די צרות, וואָס זיי, שלאַפּינקע, שטעהען־אויס פון די אומות־העולם — די שטאַרקע בעלי־הבתים זייערע...

דער עולם אין שטיבעל הייבט זיך אָן צו ריהרען און איך שלאָג מיך אַרויס פון די געדאַנקען.

— וואָס זיפצט איהר אַזוי, רב חנא? — האָט אין נגיד זיך אָנגערופען און אַליין אויך עפּיס ווי אַ קרעכץ געטאָן.

— עט, רב בעריש — האָט רב חנאָ געמאַכט מיט א קנײטשעל — איך ווייס, כ׳לעבען, נישט, וואָס יצחק־אברהם וויל האָבען מיט זיין מעשה. עפּיס קומט דאָ פאָר אַזעלכע ווערטער, וואָס פּאַסען כלל נישט פאַר איהם. וואָס זאָגט איהר, רב בעריש, צו די שמעכעלערטלעך? איהר זענט אַ מבין, וואַהין זיי דערלאַנגען? ווער ווייסט ביז וואַנען דאָס לייענען וועט גאָר געדויערן. איך האָב היינט אסיר נישט קיין צייט. איך זיץ דאָ ווי אויף שפּילקעס.

— איך זיץ אייך, כ׳לעבען, ווי אויף שפּילקעס — האָט רב בעריש געענטפערט — אויב איך בין אַ מבין, רב חנאָ!... פע, פע! איך האָלט מיך אַוועק פון יצחק אברהם׳ן קיינמאָל נישט געריכט! ער איז, דאַכט זיך, נישט געווען קיין נארישער מענש און פערשטאַנען אַ׳עסק... אפשר וואָלט אַ סברה געווען, מיר זאָלען איצט טאַקי אַוועקגעהן. מיר זענען דאָך בעשעפטיגטע מענשען. אָט, כ׳לעבען, פאָלגט מיך, לאָמיר אַוועקגעהן.

— חלילה, חלילה! — האָבען זיך עטליכע נגידים אָנגערופען — עס וועט אויסזעהן, אַז מיר האָבען זיך געפינען געטראָפען. אדרבה, דוקא זיצען אויסהערען ביז אין סוף אַריין. דאָס בעסטע איז זיך נישט־וויסענדיג מאַכען.

רב חנאָ האָט ווייטער אַ זיפץ געטאָן און רב בעריש האָט מיט דער האַנד זיך אָנגענומען ביי דער נאָז און געברומט עפּיס אינטער זיך, ווי איינער, וואָס איז שטאַרק ברוגז.

— אַ, גוט מאָרגען, גוט מאָרגען! — זאָגט רב פייביש אַריינקו־מענדיג אין שטיבעל זעהר פרעהליך, בגלופין, און דאָס פּנים פלאַמט איהם, ווי ביי איינעם, וואָס איז אַביסעל פאַרלעקט — איך בין ביז איצט מריד געווען און נישט געקענט מיך אויסרייסען אַהער. וואָס איז די מעשה? — האָט ער געמאַכט אַ קוק געגענדיג איף די נגידים — וואָס זיצט איהר עפּיס אַזוי אומעטיג?

וואָס איז די מעשה, רבי פייביש, וואָס איהר זענט אַזוי פרעה־ליך? — פרעגען איהם די נגידים. כלומר׳שט פאַרשטעהען זיי ניט, וואָס איז די מעשה, אז ער האָט אין חברה־קדישא געהאַפּט אַ לעק.

— מען האָט שוין, אַ פּנים, דערוויל אָפּגעלייענט אָהן מיר — זאָגט

רב פייביש — א שאָד, כ'לעבען, וואָס איך האָב נישט געהערט. עס האָט געמוזט זיין זעהר שען.

— אַזאַ יאָהר זאָלט איהר האָבען — ברומט רב בעריש שטיל אונטער דער נאָז.

נישט'קשה, רב פייביש, ס' איז פאַר אַייך, מיין איך, נאָך אַייך גענוג איבערגעבליבען — טרייסט איהם מיט אַ ביטער שמייכעלע איינער פון די נגידים, וואָס מיט אַ פערקרימטע, עסיג=זויערע צורה.

— אַ, גוט מאָרגען, רבי! — זאָגט רב פייביש יום=טוב'דיג צום רב, וואָס איז צוגעקומען צום טיש — זייט מיר מוחל, רבי, וואָס איך האָב מיך פאַרשפעטיגט. ביז אַצינד בין איך פערטראָגען געווען אַלץ וועגען יצחק אברהם'ן. חברה האָט ערשט למול זיך איינגעגלייכט וועגען דעם קבורה=געלד. ביידע צדדים האָבען אַביסעל זיך איינגעשפּאַרט, פער'עקשנ'ט. חברה איז אָבער געווען גערעכט אין האָט טאַקי אויסגעפיהרט. פון וועמען דען זאָל חברה אָבלעקען אַ ביינדעל, אַז נישט פון אַזאַ פּנ=טען בר=מינן? — אַ שאָד, כ'לעבען, רבי, וואָס איהר האָט דערווייל געלייענט אין, איך האָב נישט געהערט. אָ=וואַ, אָ=חאַ! אַזאַ מעשה, כ'לעבען, מעג מען הערען — מתוק מדבש! פּשוט מחיה געווען דאָב איך מיך נעכטען הערענדיג זי פון אַייער כשר'ן מויל. דער סוף מוז זיין גאָר אַנטיק. אַ שאָד, כ'לעבען, אַביסעל פערשפעטיגט, אָ=וואָ.

— אידאי, רב פייביש — רופט זיך אָן דער רב, זעצענדיג זיך אויף זיין שטיל — אידאי האָבען מיר דערווייל אָהן אַייך היבש אָבגעלייענט, נאָר נישט'קשה, ס'איז נאָך געבליבען שירים. אָט וועל איך מיך טאַקי נעהמען לייענען ביז אין דעם סוף אַריין.

טז.

דער רב האָט נישט געמאַכט לאַנג קיין שיהות און אָנגעהויבען ווײַ־טער לייענען אזוי:

כמבע איז איסר געווען אַ פערביסענער, זעהר אַ בעהאַלטענער מענש, מען האָט ביי איהם קיינמאָל נישט געקענט וויסען דאָס מינדעס־טע, וואָס ער דענקט און ווי מען האַלט מיט איהם. וואָס ער האָט גע־מיינט, האָט ער נישט גערעדט, און וואָס ער האָט גערעדט, האָט ער נישט געמיינט. אפילו דאָס ווייב זיינס האָט ביי איהם גאָרנישט געוואוסט, ער האָט פון איהר און פון זיינע קינדער זיך געהאַלטען תמיד וויט. אַלע אין שטיב האָבען פאַר איהם געהאַט דרך־ארץ — ער האָט נישט גערעדט, נישט גע'מענה'ט קיין סך און קיים האָט ער עפּיס אַרויסגערעדט אַ וואָרט, האָט עס געמוזט בעשאַפען ווערען, מאַקי גיך אין דער הייסער רגע. זיין פּנים איז שטענדיג, אין אַלע צייטען און אין אַלע אומשטענדען, געווען אַלץ איינס: תמיד ערענסט און ווי עפּיס פערטראַכט. קיין הויך געלעכ־טער האָט מען פון איהם קיינמאָל נישט געהערט. זעלטען־זעלטען נאָר פלעגט ער מיט אַ פערמאַכט מויל מאַן עפּיס אַ שמייכעל, נאָר דאָס זויערע שמייכעל איז אָבער געווען נישט מעהר ווי אַ ציה מיט איין זייט פון די דינע ליפּען, דער איבעריגער טייל פּנים האָט דערפון אפילו נישט געהאַט קיין רמז דרמיזא, איז געבליבען אַייז קאַלט, די אויגען גלעזערנע, אַזוי ווי פריהער.

אַ גוטען בר־דער אָבער האָט איסר געהאַט, אין וועלכען ער האָט געקלעפּט מיט לייב און לעבען. מיט איהם איז ער שוין געווען בערע־דעוודיג, זיך נישט פאַרשטעלט אויף קיין האָר. מיט איהם האָט ער ליעב געהאַט צו פערברייננגען אָפט די צייט ביי אַ גלעזעל וויין, און אַריינ־צולאָזען זיך אין אַ שמועס. מיט איהם איז איסר עפּיס ווי איבערגעבי־טען געוואָרען און איז געווען גאָר ניט דער איסר. פאַר איהם איז געווען

זיין האַרץ אָפּען אויף ביידע טייערען און ער, דער גוטער ברודער זיינער, האָט אַהין געקענט אַלע צייט פראַנק און פריי אריינגעהן, איבערלייענען דאָרט און וויסען איסר׳ס אַלע סודות. ווער שמועסט, אַז איסר איז נאָך געווען אַ קאַפּ פאַרלעקט, דענסטמאָל פלעגט ער שוין גאָר אויסקנעדטען די האַנד פינ׳ם האַרצען און וואָס אויף דער לינג דאָס אויף דער צינג. ער פלעגט געוועהנטליך מיט זיין גוטען ברודער זיך פערקלייבען צו זיך אין צימער, גאַנץ אָבגעזונדערט, אַוועקשמייסען און אויסרעדען זיך פריי דאָס האַרץ. פאַר מיר אָבער איז עס קיין סוד נישט געווען. איך האָב שוין לאַנג בעקומען די נאַטור, צו שטעהן אונטער דער טיר און זיך צו־הערען צו דעם, וואָס מען רעדט.

איך וויל דאָ אייך איבערגעבען אַ מקצת פון איסר׳ס שמייסען מיט זיין גוטען ברודער, צו וועלכע איך האָב מיך אונטערגעהערט, וואָס דאָס וועט אייך אַביסעל חאָטש דערקלערען איסר׳ס גאַנג, איסר׳ס שטה און דעם לעבען און איסר׳ס בלוק אויף דער וועלט, און וועלכען איך האָב איי־זענפעסט מיך געהאַלטען.

— הער נאָר אויס, גוטער ברודער! — האָט איסר וואָרגער זיך אָנגערופען איינמאָל, אַז ער איז געקומען מיט זיין גוטען ברודער עפּיס פרעהליך, אַביסעל פערקנאַקט, און מיט איהם זיך אַנידערגעזעצט ביי זיך אין דעם בעזונדערען צימער. הער נאָר, דו, טפּש איינער! איך זאָג דיר, אַז אַזאַ טייער, אַזאַ גוט פאָלק, ווי יידען זענען, איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ. טאַקי זעהר אַ גוט פאָלק, אַ גאָלדענס, בנאמנות! מען קען פון זיי האָבען — אַ גראָשען...

— זאָג בעסער, איסר, אַ נאַריש פאָלק, ס׳איז נאָך אַזעלכע נאַ־ראָנים ווי יודען אויף דער גאַנצער וועלט גאָר נישטאָ!

— גערעכט, גוטער ברודער! וואָס אמת איז טאַקי אמת. ס׳איז נאָך אַזאַ טייער, אַזאַ גוט, אַזאַ נוצליך, אַזאַ גאָלדען, אַזאַ נאַריש פאָלק ווי אונזערע אתה־בחרתניקעס, גאָר נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ!

— וואָס האָסט־דו עפּיס אַזוי זיך צורעדט, איסר, און די שבחים פון כנסת־ישראל? גענוג גערעדט! דערציעהל נאָר בעסער, מיט וואָס האָט זיך אויסגעלאָזען דער סוף פון דער היינטיגער אסיפה?

— וואָס פאַר איין אסיפה?! וואָס פּלוידערסט־דו מיר עפּיס, גו־טער ברודער!

— רעד רבורים, איסר! וואָס הייסט, דו האָסט פאַרגעסען די אסיפה, היינטיגע אַסיפה מכּח דעם פלייש?

— ווייס איך פון וואָס די רעדסט, מפּיש איינער! א וויכטיגע זאַך אַביסעל די אסיפה! זי האָט געהאַט אַזאַ מכּשית, ס׳שטינ׳ס-געזאָגט, ווי אַלע אנדערע ייַערע אסיפות. חע-חע, יודישע אסיפות!... דו האָסט בעדאַרפט שטעהן דאָרט און זעהן עפּיס שענס. אַריינקומענדיג אַהינצו, האָב איך געטראָפען אַ געהודער. דער עולם האָט געזוישעט, געזווישעט סכנות, ווי די פליגען! איך האָב מיך מישב געווען, וואָס וועל איך דאָ מיך שטעלען א ים ברייען מיט דעם גאַנצען פּעקעל שׂטים, און נישט לאַנג געטראַכט מהי איך אַ זאָג. גלאַט אַזוי און דער וועלט אַריין: מה רעש, אַז מעהר מיט עטליכע גראָשען? ס׳איז נאָך נישט גאָר אַזאַ אומ-גליק. גלייבט מיר, יודען, אַ סך אַ גרעסערער אומגליק קען זיין, אַז דער בעל-טאַקסע וועט אין כּעס ווערען און הלילה זיך וועלען אָבזאָגען! גלייבט מיר יודען, ס׳איז אַזוי. — תּאמר מיינסט-דו, איך האָב געוואוסט, וואָס איך רעד, פאַר וואָס ס׳איז אַזוי? אמיר! נו, האָסט-דו בעדאַרפט זעהן, ווי עטליכע שענע בעלי-הבתים, וואָס האַלטען זיך פאַר קלוגע, געניטע מענשען, האָבען געמאַכט ערענסטע פּנים׳לעך, זיך גענומען פאַר די בערדלעך און מיט אַ נאַריש קנייטשעל זיך אָנגערופען: טאַקי אמת, ס׳איז אַזוי. מען האָט גאָר נישט צו רעדען, אַזוי, ס׳איז געווים אַזוי... דער איבעריגער עולם האָט אַקעגען דעם נישט געהאַט, וואָס צו ענטפערן, גלייך ווי אַקעגען אַ געוויסער, שיין אַיין איינגעמאַכטער זאַך, און זענען אַלע כּמעט ווי געבליבען עפּיס ווי דערוואָרגען. עמיצער זאָל עס זיך בערעכענען, האָטש זיך אַליין פרעגען: פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? איינער נאָר, עפּיס אַ שייגעץ, אַ ממזר בן-הנדה, אייף וועלכען איך האָב שוין לאַנג אַנ׳אויג, האָט נישט געוואָלט נאָכגעבען און אַלץ גע׳טענה׳ט: ס׳איז גאָר נישט אַזאַ אומגליק, אדרבה, אדרבה... איז דען אַ בעל-טאַקסע מסיני? ניש׳קשה, אָהן אַ בעל-טאַקסע קענען מענשען אייף דער וועלט אייך לעבען. נאָר די קלוגע, נעניטע בעלי-הבתים, וואָס פאַרשטעהען אַנ׳עסק, האָבען אויף איהם געקוקט, ווי אייף אַ יונגעל, נישט קיין געני-טען מענשען, מיט וועמען ס׳איז גאָר נישט כּדאי צו רעדען, און האָבען איהם אפילו נישט מזכּה געווען מיט אַ וואָרט. פינדעסטוועגען, הערסט-דו, וויל איך דעם דאָזיגען שייגעץ פערזאָרגען, דו וועסט מיר מוזען, גוטער ברודער, אייף איהם אָנשרייבען אַ שיר-המעלה, צילעגען איהם אַ גוט קנייטעל, עס זאָל רייסען, גוט אָנרייסען... דו ווייסט דאָך, איך האָב דערצו אַ שווערע האַנד.

— דאָס, איסר, איז אַ שפּעטערדיגע זאַך. מסתמא וועט שוין זיין רעכט. לאָמיך שוין נאָר דערלעבען הערען, מיט וואָס די אסיפה האָט היינט זיך אויסגעלאָזען.

— וואָס פאַרשבּעהסט=דו דאָ נישט, טפּש איינער! ס'איז דען נאָך אזאַ גוט, גאָלדען פאָלק ווי יודען ערגיץ דאָ? מען האָט אַלצדינג נאָכ=געגעבען, אַרויפגעצויגען נאָך עטליכע גראָשען, מעהר נאָך, וויפיעל מיר האָבען אַליין זיך געוואונשען, און מען איז זיך פינאַנדערגעגאַנגען שטאַרק צופרידען. איך בין, טפּש איינער, אודאי צופרידען...

— אודאי, איסר, מעגסט=דו צופרידען זיין, אָבער...

— וואָס אָבער? — טפּש איינער! וואָס אָבער? אָבער אַ רחמנות! ווילסט=דו אפשר זאָגען? האַ, אַ רחמנות אויף אַ שטאָדט אָרעמע ליט! געה שוין געה, נאַרעלע איינער, מיט דיין נאַרישען פּיסטען וואָרט רחמנות! רחמנות, זאָג איך דיר, האָבען אויסגעטראַכט נאָר שלאַפע, שלים'מזל'ניקעס, שאָף, וואָס ווילל זיי פיהלען ווייער שלאַפקייט, אז זיי זענען טויגעניכסטען, אָהן כח, אָהן בריה'שקייט צו דערלאַנגען ווייער וואונש, צונעהמען אַלצדינג וואָס זיי פערלאַנגען; פיהלען, אַז זיי פעהלען אי נעגעל, אי ציינער, זיך צו ראַנגלען און ווערהען, — דעריבער האָבען זיי, אָט די שאָף, אויסגעטראַכט דאָס וואָרט רחמנות, עס גענומען פאַר אַ כלי=זין, צו שרייען, מיסר'ן, בעטען רחמים, מאַכען רחמנות=פּנים'לעך, און מיינען דערמיט צו פּועל'ן... ס'איז אָבער שווינדעל, גוטער ברודער, לויטער שווינדעל! מען פאַרשטעהט, ניש'קשה, אַזעלכע אָנשטעלען. מען פאַרשטעהט, פאַרשטעהט אזאַ מוסר מיט אַזעלכע מוסר=זאָגער... איך בין שוין, ברודער, אַנ'אָנגעלערענטער, אַנ'אויסגעריבערט לולקעלע, אַ שטיקעל מבין, ברוך=השם, אין דעם סדר העולם, האָטשע נישט אזאַ גרויסער למדן. מען ברויכט גאָר דערצו נישט קיין גרויסע לומדות, געטוג, כ'לעבען, נאָר אַ גלייכען שכל, אַ שטיקעל תפיסה, קען מען שוין תופס זיין, אין וואָס די גאַנצע וועלט בעשטעהט. זי בעשטעהט פון צווי צדדים: פון שטאַרקע און פון שלאַפע, פון וועלף, חיות רעות און פון שאָף, בהמות טהורות — די נעהמען און יענע גיבען דאָס היטעל. אַנדערש קען עס גאָר נישט זיין. ביטע איבער די יוצרות, וועט אויס=קומען פונקט דאָס איינענע. לאָז דער שלאַפער, אַ=שטיינער, נאָר בע=קומען כח, הע=הע! שווימט ער אַרויף פון אויבען, ווערט ער דער פּריץ און צופיהרט זיך די הענטלעך; לאָז דאָס שעפעלע דערטאַפּען נעגעל און

צייהן, וועט עס שטארק קראַנקען, שאַרפֿען די צייהן און אַראָבציהען די הייט. פריוו, אַ שטיינער, איינעם פֿון די התמנות־שרייער, פֿון יענע שלים־מזל'ניקעס און מכר־זאָגער, פריוו זיי געבען עפּיס אַ התמנות און קהל. אויף אַנ'אַנדערענס אַ שטעלע, אבי ער וועט נאָר דערשמעקען זיין כח, אַז ער האַלט די ביטש, הייבט ער שוין אָן צו שטייסען און צו געוועלטיגען ביד רמה. נעהם איינעם אַ נעבעכעל און גיב די מאַקסע איהם איבער, הייבט ער דאָס אייגענע מאַכען, רעהרנען בלק מיט דעם עולם — ציפּען, רייסען און אַרויסציהען די קליי פֿון די ביינער. „ני דאַי באָך אין איוואַנא פּאַנאַ!״ איז דאָ אַ ווערטעל. זעהר אַ גלייך, אמת'דיג ווערטעל! משיגע צו הסר־דעה האָט „פּאַן״ בעדאַרפט זיין איוואַנען איבערגעבען די ביטש. בלייב דיר ביי דיין התמנות־פּנים'ל, דו גוטע כשר'ע נשמה, דו פרום שעפּעלע, זאָג דיר מוסר, זידעל, שריי וויפֿיעל דו ווילסט, פֿון דיינע נעגעל און צייהן, ווען דו זאָלסט זיי נאָר בעקומען, וואָלט, כ'לעבען, טייזענטער מאָל נאָך ערגער געווען!...

— חלילה, איסר, וואָס פאַלט דיר איין? איך מיין נאָר נישט קיין התמנות. נאַט איך גאָר רחמנות! עפּיס אַנדערש גאָר מיין איך. דו איסר, זאָג איך, מעגסט אודאי זיין צופרידען. מהיכא תיתי. אָבער איך, איך!...

— רעד־זשע, טפּש איינער, ווערטער!... אַזוי! דו ווילסט אויך צופרידען זיין? גער־זשע, זיי מוחל, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר אַהין... שטעק אַריין די לאַפּע, וועסט דו אויך חאַפּען אַ לעק. ביסט נישט קראַנק, כ'לעבען, אַליין צו בעשטעקען דיין שטעדטעל. דער רוח, נישט'קשה, האָט דיך איך נישט גענומען. מאָרגען, ברודער, געהט אַ נייע סדרא פֿון זעהר פֿיעל קהל'שע ענינים, מען וועט מוזען, פאַרשטעהסט, אַביסעל צו־קנעלען. היינטיגע וואָך געהט ביי אונז תרומה. ווען, זאָגסט דו, טפּש איינער, ווען האָבען מיר פּרשה שקלים?

ווידער אַ מאָל אין אַ שמועס מיט זיין גוטען ברודער, זיצענדיג מיט איהם אין שטיבעל ביי אַ גלעזעל וויין, שטאַרק איינגעראַכט, האָט איסר'ן זיך געעפענט אַ מויל און אָנגעהויבען צו רעדען אַזוי:

— זעהר קלוג, טפּש איינער, האָסט דו געטאָן, וואָס דו ביסט אַצינד געקומען, איך געה אַרום מיט אַ פֿיל האַרין מחשבות, ווי אַ קוה מיט פֿילע אייטער, עס בורטשעט אין מיר, בורטשעט און קען מעהר זיך נישט איינהאַלטען. איך מוז שטילערהייט אַ מאָל האָבען דאָס האַרץ אָמ־

ריידען. אזוי פיעל הערען און זעהען ווי איך און שטענדיג שווייגען, טראָגען אין זיך, איז איבער אַלעס מענשליכע כוחות. זאָל איך נישט האָבען, צו אַלדי שוואַרץ יאָהר, אַזאַ שווערע האַנד, וואָלט איך אויף פּאַפּיר מיך אַמאָל אויסגעגאָסען און אָנגעשריבען אַ שען „פּריאַטעל", כ'לעבען... פּאַסמאַקעווע נאָר דעם זיין, ברודער! דאַ, וואָס זאָגסט דו אויף איהם? דאָס האָב איך היינט בעקומען אַ מתנה פֿאַר עפּיס אַ געשעפּטעל.

— זעהר אַ גוט גלעזעל וויין, איסר... פֿאַר אַ געשעפּטעל, זאָגסט דו, וואָס איז דאָס געווען פֿאַר אַ געשעפּטעל?

— עט, אַ געשעפּטעל! לעמיל'ס עפּיס אַ משפּט. לעמיל, דער שוטה, האָט מיך שוין לאַנג געבעטען, איך זאָל איהם דרינגען אַ טובה טאָן, גלייך ווי איך וואָלט געווען אין „סוד" דער גאַנצער מהיער. די נאַראָנים ביי אונז אין שטאָדט מיינען, אַז אַלצדינג איז אָנבעלאַנגט אין מיר, אַבי איך וויל נאָר, קען איך העלפען. באַשר עטליכע שרייבערליך עסען ביי מיר אַמאָל שבת פיש, וויל די נשמה גערעט זיי אויס נאָך יודישע פיש, מיינען שוין אונזערע נאַראָנים, אַז איך בין מיט אַלע דאָרט ביי גרויס ביז קליין איין לעבען. ביים פּראָקוראָר פישט, אַ בל-ולך! מיט דעם פּאָליצמייסטער איבגעקאָכט — ברידער! אַלצדינג געוועגדעט זיך אין מיר. נאָר זאָל זיין אַזוי, טפּש איינער. זאָלען זיי, די נאַראָנים, מאַכען זיך מיינען און מיך קומען אַלין בעטען טובות. ביי מיר איז פֿאַר זיי תמיד איין ענטפער: מיר וועלען זעהן, מיר וועלען זעהן! מיט אַ ממה-נפשך, פֿאַרשטעהסט דו, זאָג איך עס — שפּילט יענער אויס, הייבט ער: איך, איסר, האָב געזעהן, חאָטש איך האָב אַזוי פיעל געזעהן, ווי איך זעה מיינע אויערען, און נעהם דערפֿאַר אַראָב פֿון איבען אַ מנה יפה. אַי וואָס, יענער פערשפּילט, פֿערליר איך דאָך נישט מיין ווערטה, מיינע תקיפות. יענער דענקט זיך אַזוי: איך האָב פערשפּילט נאָר וויל רב איסר האָט נישט געוואָלט זעהן, אָבער ווען רב איסר וואָלט טאַקי באמת געוואָלט זעהן, וואָלט איך גאַנץ זיכער טאַקי אויסגעשפּילט. נו, האָט יענער אויף מיר אַביסעל פֿאַראיבעל, לאָז ער מיך קוסען ווערגען, לאָז ער מיך רופען קנאַקניסעל! אָבער איך האָב מיין שם „תקיף" נישט פֿער-לוירען. עט, ער וועט זיך איבער'רוגז'ן, נאָך אַמאָל טאַקי קומען בעטען מיין לאַסקע און איך וועל איהם ווידער נאָך אַמאָל טאַקי ענטפערן: מיר וועלען זעהן, מיר וועלען זעהן. פֿאַרשטעהסט-דו, ברודער? — לעמיל'ן

האָב איך איהך אזוי געענטפערט: מיר וועלען זעהן! און איהם דערביי מאַקי בתורת עצה אָנצוהערעניש געגעבען, אָבצושטעקען עפּיס דאָרט דעם, יענעם, פאַרשטעהסט=דו? האָרט וואו מען בעדאַרף... איך האָב זעהר גוט געזעהן, אַז מיין זעהן אַליין קען אַזוי פיעל העלפען, ווי א טויטען באַנקעס. לעמיל, דער שוטה, אָבער איז ביי זיך געזעסען גאַנץ זיכער, אַז איך זעה און בעט דעם נגיד מיינעם, ער זאָל איהך זעהן. היינט ביי טאָג, אין דער גאַס, האָסט דו בעדאַרפט זעהן, ווי לעמיל מיט'ן ווייב זענען ביידע מיך בעפאַלען פאַר אַנ'עדה יודען מיט א שמחה, אַ פריידע און מיט טרעהרען איף די אייגען: „רב איסר, מאַטעניו, נשמה'ניו! טאַקי פריהער גאָט, דערנאָך אייך, נשמה'ניו, האָבען מיר צו פערדאַנקען מיט אונזער עסק, וואָס מיר האָבען היינט איינגעשפּילט. ווען איהר, רב איסר, זאָלט זיך דאָ נישט געווען אַריינלעגען, וואָלטען מיר נעבעך געקענט געהן מיט די האָר. מיר זאָגען און מיר וועלען עס טאַקי דער גאַנצער וועלט זאָגען: אַז נאָר רב איסר, איין רב איסר! פערשטאַנען האָב איך, אַז געהאָלפען אייגענטליך דאָ האָט געהאָלפען מיין אָנצוהערעניש — לעמיל האָט, א פנים, אָבגעשטעקט, גוט אויסגע=פאָלגט מיין עצה. האָסט בעדאַרפט זעהן, ברודער, בשעת מעשה, ווי זיי האָבען מיר דאָ אַזוי געדאַנקט, וואָס פאַר אַ קנייטשעלע איך האָב געמאַכט, גלייך ווי איינער רעדט: אי! וויפיעל געזונד און לעבען האָט מיר אייער עסק געקאָסט! וויפיעל מיה האָב איך דערביי געהאַט ביז איך האָב גע'פועל'ט! — לעמיל האָט מיר שפּעטער אַביסעל אָבגעשיקט אַהיים מיין רה"ש אין דערצו נאָך עטליכע פלעשלעך גוטען וויין. נו, טפּש איינער, הא?... וואָס זאָגסט דו אויף דעם ווין?

— הלואי, איסר, לאָז מען אַזוי האָבען צו זאָגען אויף דיר, אויף דיינע נאַראָנים און דעם גאַנצען שווינדעל... לחיים!

— ווער דערהאָרגען, טפּש איינער! שווינדעל, זאָגט ער, שווינ=דעל! פאַר וואָס הייסט דאָס ביי דיר שווינדעל? וואָס זענען דען די אַלע עסקים, אַלע מסחרים, האַק=אין=פאַק פון אייבען ביז אַראָב, נישט קיין שווינדעל? איך זאָג דיר: אַלע עסקים! אַלע, אפילו אין עולם=הבא=זאַבען אויך. פאַרשטעהסט דו?... אויף וואָס בעשטעהען דען אַלע מסחרים נאָך גאָר פון דער התחלה, ווי אַזוי הערען זיי געפיהרט און מיט וואָס לאָזען זיי זיך אויס לסוף? אפשר אויף דעם אמת, מיינט דו זיכער מיינען? ניין, ברודער! אמת איז נאָר אַ ווערטעל, וואָס איטליכער פאַרשטעהט עס אויף

זיין גאַנג, אויף אַזאַ אופן ווי איהם טויג, ווי עס פּאַסט איהם צום ענין. דער אמת׳ער אמת איז גאָר נישטאָ. איך קען מאַקע גאָר נישט זיין, ער האָלט איך געשאַרט, פאַר אונזערע פיהרונגען, פאַר אונזערע מסדרים וואָלט ער גאָר נישט געווען קיין גוט אַרטיקעל. טויזענטער קאַנטאָרען, טויזענטער קליטען און טויזענטער אַנדערע זאַכען אַזוינע, וועלכע די זעהסט היינט ביי אונז, וואָלטען ווי שפּין־געוועב זיך פונאַנדערגעפלויגען, און עס וואָלט פון זיי קיין זכר, קיין שריד ופליט נישט איבערגעבליבען. אַסך נגידים אונזערע וואָלטען מיט די מאַרבעס זיך אַרומגעשלעפּט. נאָר ווייסט, וואָס נאָך און נאָך אין נאָך אַזיינס וואָלטען געווען... אפשר איך אַרבייטען, מיינסט דו, בעשטעהט עס אַלצדינג? אויב אַזוי, ביסט דו אַ נאַר! אַרבייטען אַרבייט אַ בעל־מלאכה: אַ האָלץ־העקער, אַ שטיינער, אַ וואַסערפיהרער, אַ טרעגער, וכדומה. מיט אַרבייט וועסט דו קיין סך נישט פערדינען, דו זאָלסט אפילו טויזענטערהייט אַרבייטען, וועסט דו פאַרט צעהן מאָל אין טאָג פגר׳ן פאַר הונגער. נעה גיב זיך מאַקע אָב, אַ שטיינער, מיט אַ לעמיל׳ס אַנ׳עסק, וועסט דו דערויף אַרבייטען, שוויצען — וועסט האָבען דאָס לויפעניש, זיך אָבשרייבען די פינגער אין לבּה, אַז עס וועט דיר שוין געראָטען, וואָס וועט דיר קלעקען דאָס פערדינסט? די חלה וועט דיר נישט קלעקען אויף דער המציאה, חלילה, אָבער, אַז געראָט דיר נישט, איז פערלוירען דיין מיה און בלייבסט נאָך ביי דער וועלט אַ קאַבטשאַן, אַ מינגעניכטס, וואָס פאַרשטעהט נישט מאי דקאָ־אמרי רבי׳צען און קען אַ קאַץ אַנ׳עק נישט צובינדען. דו האָסט פּילע פּיש אין פער־שטינקענע הערינג... קנייטש, ברודער, נישט אַזוי דעם שטערען! איך זאָג דאָ דיר גאָר נים אַזאַ פילוסופיאָ, נאָר פּראָסטע, ריינע ווערטער. פילוסופיאָ טויג איך אויף כפּרות. צו־גרויסע חכמות איז דוקא אַ גרויסער חסרון, די וועלט האָט עס פיינט, היט זיך דערפאַר ווי פאַר פייער, און איז טאַקי געראָטען. גרויסע בריות, געלערענטע מענשען געהען אַרום און צוריסענע שטיוועל אָהן פּאָדעשווען. פיעל בעסער געהט עס אין דער וועלט דעם קליינעם מענשעלע. מען בעדאַרף גאָר אַזוי נישט טויגען, זיין אַ גרויסער חכם, אַ בריה. דער עיקר, וואָס מען מוז אָבער האָבען, איז: אַ פּיסקעלע אויף שרויפלעך, עס זאָל זיך דרעהען, ווען עס קומט אויס, אין אַלע זייטען; אַ צינגעלע אָהן ביינער, עס זאָל זיך וואַרפען אַהין־אַהער, אַ לעק דעם, אַ לעק יענעם; אַ רוקען, וואָס זאָל קענען, אַז מען בעדאַרף, זיך בויגען, איינהויקערן און צעהנטען... — חנפה׳נען, צביע׳טשען, לייגערן, הייסט עס! — וועסט־דו זאָגען, מאַכענדיג דערביי אַ פּרום

פּנים׳על. נו, לאָז זיך זיין אזוי, וואָס זאָל מען טאָן? געלד מוז מען האָבען, אָהן געלד ביסטו דאָך אודאי גאָרנישט, נאָך מיזערער מאָל קלענער, ווי דאָס קלייננסטע קליין מענשעלע. דו ביסט אַ קליין אַ געמיין. וואָס איז, ברודער, אין דער וועלט אַ קבצן? דו קענסט דען דיר גאָר אזוי מיטען זיין, אַ פּנים, ווי נגידים האָבען פיינט אַ קבצן! דאַכט זיך, זיי רעדען אַמאָל מיט איהם און האָבען אויף איהם אַמאָל כלומר׳שט רחמנות, און אמת׳ן אָבער קענען זיי איהם נישט ליידען, ער איז זיי גרוים אין די אייגען און טראַכטען: צו וואָס דרעהט זיך אזא נפש אויף דער וועלט גאָר אַרום? עפּיס קומט ער זיי פאָר, ווי אַנ׳אָנשיקעניס — אַנ׳איבערביינדעל, אַ שטיק ווילדפלייש און עס גיט זיי עפּיס אַ שטאָך אין הארץ, אַז זיי דערזעהען איהם. זיי דאַכט זיך אַלץ, אַז ער איז איסען אויף זייער לעבען — אויף זייער ביטעל; אַז ער איז להוט נאָך זייער נשמה — נאָך זייער געלד. איך האָב אָסור נישט קיין ווערטער דיר עס אזוי וויט אַרויסצוזאָגען. ביסטו, ברודער, אַ קבצן, ביסטו־דו אָבגעשטאָרבען פון דער וועלט. דייני פריהעררינע פריינד, באָס זיי זענען רייך, האַלטען זיך פון דיר וויט. מאַכען זיי דיר אַמאָל אַ זיזיט, האָט עס נאָר אַ פּנים, ווי אַנ׳איינגעקומענע גבירה האַפּט זיך אַמאָל אַראָב ערגיץ אין אַ קליין שטעדטעל, אויף קבר־אָבות צו אַ געשטאָרבענעם טאַטען, אַ קבצן, איבערצענדיג זיך דערבייא אין פּעלד, אין דימאַנטען, דאָס אָרעמע קליינע שטעדטעל זאָל אָנקוקען, זאָל פון איהר הנאה האָבען... אין חומש צי אין שיר השירים, דאַכט זיך, שטעהט איך, ווי זאָגט מען עפּ׳ס: העני חסיה נח־מעס (עני חשוב כמת), דאָס הייסט אַ קבצן שמעקט מיט קברית־בלעטלעך... אין געלד, ברודער, בעשטעהט די גאַנצע הבטה, אַלגרינג... האָסט דו געלד, האָסט דו די וועלט און יענע וועלט. נאָר היינטיגע צייט געלד צו האָבען הייסט, ווי עס האָט תמיד אין אַלע צייטען געהייסען — זיין אַ קליין מענשעלע, אין אַ קליין מענשעלע הייסט, לאָז זיך זיין, ווי דו, ברודער, זאָגסט — חנפ׳נען, צבוע׳טשען, וואָס אין דער קאָרט... לחיים, גוטער ברודער!

— לאָמיר זיין געזונד, איסר, און האָבען תמיד אַזעלכע לעמלעך! נו, איסר, דיין גביר, ביי וועלכען דו ביסט די נשמה, וואָס איז ער אַזוינס?

— אָט פון איהם, ברודער, וויל איך נישט רעדען. פאַרשטעהסט־דו? איך וויל פון איהם נישט רעדען. פון דער צייט, וואָס איך האַלט איהם אויף דער אַרענדע, וויל איך פון איהם נישט רעדען.

— וואס הייסט, איסר, אויף דער ארענדע? נאט אייך נאר א נייס! וואס הייסט, דו האלטסט דיין גביר אייף דער ארענדע? א מיהל איז ער, צו אלדי שווארץ יאהר, אדער א קרעטשמע, וואס דו האלטסט איהם אויף דער ארענדע?

— וואס מאכט עס אויס, טפשׂ איינער? וואס איז די נפקא־מינה: א גביר, א מיהל, א קרעטשמע, א רוח, א טייפעל און דער שווארץ יאהר ווייסט, וואס נאך אזעלכעס? אלץ איינס, אבי אן ארענדע!... העהעהע, ברודער! דו ביסט נאך גאר א מלמד, א שוטה, מיין איך, א פריין. מען מוז דיר נאך אלצדינג אויסטייטשען. נו, לחיים! מאך־זשע, ברודער, נאך א כוס'ה... אצונד וועל איך פרובירען ווי ס'איז דיר עס דערקלערען. עס וועט זיין מאקי אביסעל שווערליך, נאר ניש'קשה, וועסט נישט קראנק זיין זיך אנשטויסען. לאמיר מאקי אנהייבען פון א מיהל:

א וואסער אדער א ווינט איז אויף דער וועלט א גרויסער כח. קומט דאס מענשעלע, וואס וויל מיט אלצדינג זיך בענוצען, שטעלט אנידער א געבוי מיט רעדער, מיט שטיינער, און מאכט, אז דאס וואסער אדער דער ווינט זאל דרעהען די רעדער. די רעדער ווידער דרעהען די שטיינער און עס מאהלט זיך. פארשטעהסט דו? היינט, טפש'ל מיינער, לאמיר געהן ווייטער. ראשית חכמה איז כח, דערויף שטעהט די וועלט מיט אלע זאכען און איהר. א נגיד, ווי דו ווייסט, איז אין דער וועלט אויך א גרויסער כח. אלע ווערען פאר דעם נגיד בטל, ווערען פאר איהם די כפרה; אלע קריכען אין „שאפקעס" פאר דעם רייכען, אי אזעלכע אפילו, וואס ווי קומט פון איהם לחלוטין גאר נישט ארויס; וואס האבען פון איהם נישט געהאט א מאל, האבען פון איהם נישט אצונד און ווערען פון איהם נישט האבען אי שפעטער, קיינמאל נישט, אפילו א טרונק וואסער, נאר מהיען עס גלאט, ווייל א רייכען קומט כבוד, גאר אהן א שום נוצען פון איהם, ווייל א נגיד קומט אלצדינג. און איך, איסר, זאג: ניין! דער עיקר, וואס אין א נגיד בעדארף מען שעצען, איז נאר זיין געלד, דער נוצען הייסט עס, וואס מען קען האבען פון זיין געלד. פארשטעהסט דו? זיין געלד איז נימער 1, און ער אליין נימער 0, גאר־נישט הייסט עס. אזא נגיד, זאג איך, וואס ניצט דיר כלל נישט, זאל ביי דיר אזא ארט פארנעמען ווי גארנישט. ווי באלד אז נישט דער עיקר, צו אלדי רוחות, וואס־זשע איז מיט איהם אזוי דער יחוס? קוק זיך אויף איהם אפילו נישט אום און הער איהם אזוי ווי און טשערנעוויטין

די מגילה... היינט בעדאַרפסט דו וויסען ווייטער, אַז אַ קלוגער בעדאַרף מיט אַלצדינג אין דער וועלט זיך בענוצען. פֿאַרשטעהסט דו? אצינד וועל איך דיר עס איבער'חזר'ן נאָך אַ מאָל. — נעהם דעם כּוס אין דער האַנד און זאָג מיר נאָך, מיט בינה, טפּש איינער, זאָג: אויף כּח בעשטעהט אַלצדינג. אַ נגיד מיט געלד איז אין דער וועלט אַ גרויסער כּח, און אַ קלוגער בעדאַרף מיט אַלצדינג אין דער וועלט זיך בענוצען, בכן בעדאַרף מען פֿונ'ם רייכען קענען מאַכען אַ נוצען. וואָס מיינסט דו, מען זאָל ביי איהם פּשוט גראָב נעהמען געלד, נאָר געלד? ניין! מען בעדאַרף אויך געבען איהם קענען שטעלען אַ ווינטמיהל, ער זאָל מיט זיין ווילדען כּח טרייבען און דרעהען אַייערע רעדער — עס זאָל זיך מאַהלען! אָדער מען בעדאַרף געבען איהם זיין אַזוי ווי אַ קאָמעדיאַנט געבען דער קאָמעדיע, אָדער ווי אַ ציגיינער געבען זיין בער. האָסטו דו מיר, מיהלנער, אָבגעמאָכט אַ פֿיל מעסטעל פֿונ'ם קאָרן דיינעם, ני גיעה מאָהל דיר געזונטערהייט אין מיין ווינטמיהל! האָסט דו בעצאָהלט מיר, קאָמעדיאַנט, פֿאַר אַ בילעט, געה־ושע דיר אַריין אין דער קאָמעדיע מיינער און זעה די שיינע אָנשטעלען! אָדער האָסט דו געגעבען מיר, ציגיינער, עטליכע גראָשען, וועל איך הייסען מיין בער דיר טאַנצען! פֿאַרשטעהסט־דו? איך האַלט מיין גביר אויף דער אַרענדע, האַלט איך! דו ווילסט צום גביר, צו מיין ווינטמיהל — גיב־ושע מיר אַ „מעסטעל“. איך בין דער אַרענדאַר. דו ווילסט, מען זאָל פֿאַר דיר מאַכען די קאָמעדיע, דיך „אונטערהאַלטען“ אַביסעל מיט אָנשטעלען — בעצאָהל מיר פֿריהער פֿאַר אַ בילעט, איך בין דער קאָמעדיאַנט. אָדער ווילסט־דו אפשר, מיין גביר זאָל זיך פֿאַר דיר שטעלען אויף די לאַפּעס, לעגען זיך פֿאַר דיר אין דער לענג, אין דער ברייט, און ברומען — צאָהל פֿריהער מיט עטליכע גראָשען, גיב מיר, זיי מוחל, וואָס מיין גוטער ווילען וועט זיין, איך בין דער ציגיינער!... היינט פֿאַרשטעהסטו, טפּש'ל? גענוג פֿאַר היינטיגס מאָל געלערענט!... לחיים, גוטער ברודער!

— לחיים, איבער, פֿאַר דיין ווינטמיהל! לחיים, לחיים, פֿאַר דיין קאָמעדיע און פֿאַר דיין בער! דיינע רעדער זאָלען זיך דרעהען, דיין קאָמעדיע זאָל אָנגעהן, און דיין בער זאָל טאַנצען, טאַנצען...

יז.

עס פאַרשטעהט זיך, איסר'ס דרך, איסר'ס בליק איף דער וועלט, איז פאַר מיר תחלת געווען צו הייך, און אַ סך ווערטער דערפון גאָר תרגום. איך האָב גאָר ניט געוואוסט, מיט וואָס מען עסט עס. נאָר יענע ווערטער זיינע אָבער, אַז געלד צו האָבען הייסט צו זיין אַ קליין מענשעלע, און אַ קליין מענשעלע הייסט חנפה'נען, צביע'טשען, ליגנערן— דאָס האָב איך באַלד טאַקי איינגעהאַפט. אַ=אַ דאָ בין איך שוין דערגאַנגען דעם רעכטען סוד. אָבער גאַנץ גוט וואָס הייסט אויגנס חנפה'נען, צביע'טשען — דאָס האָב איך נאָך לעת=עתה נישט רעכט פערשטאַנען.

איך מוז דאָ בעמערקען, אַז דעמאָלסטמאָל האָב איך נאָך נישט גיט געוואוסט בכלל צו אונטערשיידען, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. אַנ'עברה האָט ביי מיר געהייסען: קוקען, אַ שטיינער, איף די כהנים בשעת דוכנ'ן; נישט שלאָגען קיין כפרות, נישט געהן צו תשליך; שניידען די נעגעל כסדר, נישט איבערהיפּערן אַ פינגער איבער אַ פינגער; נישט צולעגען צו די אָבגעשניטענע נעגעל דריי פּיצלעך האָלץ, אָבגעשניצט פון אַ סטענדער צי פון אַ טיש, זיי זאָלען איף יענער וועלט דאָרט דינען פאַר כשר'ע עדות; נישט גלייבען אין אַ בעל=שם; נישט גלייבען אין אַ לין; נישט גלייבען, אַז אין דער גרויסער שוהל דאַוונען ביי נאַכט מתים; נישט גלויבען אין עולם=התוהו — דאָס הייסט: נישט גלייבען, אַז אַ סך מענשען געהען אַרום צווישען אונז, דאָ איף דעם עולם, זיי האַנדלען, דאַכט זיך, זיי מאַכען געשעפטען, זיי פאָהרען איף ירידים, קויפען און פערקויפען, הי=האָ=הו! און באמת זענען זיי גאָר מתים, טויטע=געשטאָרבענע, נעבעך, אויף דעם עולם=התוהו... נישט גלייבען, אַז צום בעוליודעווער פלעגען קומען מתים צום משפט, געפיהרט פון'ם מלאך=הדומה מיט אַ קאָמאַנדע מלאכי=חבלה ווי אַרעסטאַנטען אָדער נישט צו גלויבען, אַז „ער" טאַקי, עליו השלום, האָט געהאַט קפיצת=הדרך — פון דאַנען און הימעל איז ביי איהם געווען אַ שפּיי, ער איז דאָרט געווען

א חשיב, געראַטן אין דער האַנד דעם שליסעל פֿון קינדער, פֿון שני אין
רעגען; נישט גלויבען אין א גלגול, דאָס הייסט, נישט גלייבען, אז
מענשען ווערען מגולגל אין בהמות, חיות און עופות, אז א געוויסער
עושר, ווי עס שטעהט געשריבען, איז געוואָרען א מאָל א חזיר; איינער,
עפּיס א פיינע בריה — איז געוואָרען, נישט פאַר אונז געדאַכט, אנ=
עזעל; נאָך איינער, עפּיס אַ גרויסער פּאָדראַטשיק — אַ פייגעל, וואָס
האָט, נישט פאַר יודישע קינדער געדאַכט, שטאַרק אָנגעפּיפּט... ווייטער
איינער, עפּיס א „גלאַבנע", איז געוואָרען אַ פיש נעבעך, פונקט מיט אזאַ
„גאָלאָס", אזא שטימע, ווי פון אַ שלייען... קורץ, אָט אזעלכע מיני
זאַכען האָבען ביי מיר געהייסען עברות. אָבער חנפה'נען, צבוע'טשען,
זיין א קליין מענשעלע, דאָס איז אין מיין צעטעל נישט געשטאַנען, מהיכא=
תיתי, פאַר וואָס נישט זיין אַ קליין מענשעלע? מען איז דאָך רייך און
גליקליך, איז דאָך טאַקי גוט. אַ קליין מענשעלע האָט מען נישט די
העזה צו הרג'נען, צו שלאָגען — און אַז מען שלאָגט, טהוט דאָך עפּיס
אַזוי וועה! אַ שניידער, אַ שניידערקע, אַז דערלאַנגט אַ טעלעפּעטשע,
ווערט דאָך אַוש פינסטער אין די אויגען. ווער שמיעכט — אַ חזן, אַז ער
דרעהט ביים אויער, קען מען טאַקי יאָהרצייט פאַרגעסען. און אויסציהען
זיך אויף דער ערד אָנצוטאָן, אָדער אויסצוטאָן יענעם קאַלאָשען, בשעת
יענער האַלט זיך ביי די זייטען און קוקט אויף דער סטעליע, דאָס איז,
ב'לעבען, אויך עפּיס נישט קיין געשמאַקע זאַך. אידאי האָט מיר זיך
געגליסט זיין אַ קליין מענשעלע גלייך ווי די אַנדערע, פּטור צו ווערען
מיט אַ מאָל פון אַלע צרות און לעבען ווי יענע אַלע גליקליך, און עושר
און כבוד. דעריבער טאַקי פלעג איך בעשטענדיג מיט גרויס חשק מיך
אונטערהערען אונטער דער טיר, בשעת איסר וואַרגער פלעגט שמועסען
מיט זיין גוטען ברודער. איך האָב זיך אָנגעהערט זעהר פיעל זאַכען און
דערנאָך טאַקי זוכה געווען צו פאַרשטעהן גוט זיינע ווערטער. איך האָב
אידם מיט דער צייט אַ סך בעסער פערשטאַנען ווי דעם תלמוד=תורה=
מלמד.

אמת טאַקי, אַ לעקיש בין איך געווען אין דער יוגענד, זעהר נאַ=
רישעוואַטע, נאָר ווי שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, בין איך נישט
געווען אַ נאַר פון דער נאַטור, וואָס דען=זשע? אַ געמאַכטער. די מעשה
דערפון איז, וואָס תמיד, פון דער קינדהייט אָן, בין איך געווען פער=
וויסט, פערוואָגעלט און דערשלאָגען. מען האָט מיך איופגעהאָרעוועט מיט
קללות, גראָבע מיאוס'ע ווערטער, מיט שמיץ, מיט קלעפּ און מיט טיט=

שלעג. ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט אין מיר אַריינגערעדט, מיר געבראָכען די ראַרע ביינער. נו ווי זאָגט מען עפּיס: פון על־חטא ווערט מען נישט פעט; פון אַ סך שלאָגען ווערט מען טאַקי דערשלאָגען. א קאַטאָוועס עפּיס, וואָס מיין לייב, מיין אויסגעדאַרט, איסגעדייוועט לייב, האָט אין זיך געבעך אַריינגענומען! איך געבעך ליד הונגער, קעלט, פיהל, ווי עס געהען מיר אוים די כוחות, עס שטעכט מיך אין אלע גלידער, ס'איז מיר נישט גוט — איז אָנשטאָט מען זאָל זאָגען: אַ רחמנות, אַ קינד געבעך געהט אוים, אַ מענש, אָדער לאָז זיך זיין אפילו גלאַט א נאָמט בעשעפעניש צאַנקט געבעך ווי אַ ליכט, ער איז הויט אין ביין,— נעהמט מען נאָך און מען רייסט מיר מיין דאַרע־קוואַרע שטיקעל פלייש, נעהמט מען נאָך און מען גיט מיר נאָך וועהטיג אי שטעכעניש, נעמט מען נאָך און מען צופּט מיר דאָס איבעריגע שטיקעל הויט אוים!... איך בין פשוט געווען פערטויבט, פערטומעלט און פערדולט. היינט דערצו נאָך, בעדאַרף מען וויסען, בין איך געבוירען געוואָרען און בעוליודקע, וואָס אין תוך אַריין איז זי אַ קליין שטעדטעל, און אַ קליין־שטעדטעלדיגער בלייבט טאַקי אַ קליין־שטעדטעלדיגער. די קליין־שטעדטעלדיגע לייט זענען עפּיס טאַקי גאָר אַנדערע מיני מענשען, מיט אַנדערע חושים, מיט אַנ'אַנדער טעם, אַנ'אַנדער ריח, אַנ'אַנדער מח. זיי שטינקען נישט, זיי שמעקען נישט, נישט פיש, נישט פלייש, עפּיס פאַר זיך מיני ברואים... איך וויל דערמיט אייך נישט מעהר אויסבריי'ען, אַז איהר זאָלט זיך נישט וואונדערן, ווי קומט עס, וואָס אַזוי אַ נאַר, אַ לעקיש ווי איך, פלעג אַ מאָל פּאָרט פאַלען גלייך אין דענקען מיט אַ גאַנג. אמת טאַקי, אַ נאַר בין איך געווען און בין מיט מיין נאַרישקייט געפאַלען איטליכען אין די אויגען, אָבער פונדעסטוועגען נישט קיין נאַטירליכער, נאָר גלאַט אַ פערדולטער, אַ דער'הרג'טער, אַ דערשלאָגענער. עס האָט מיר אין קאָפּ נישט געפעהלט קיין קלעפּקע, נאָר די קלעפּקע איז נאָך נישט געווען בעאַרבייט, אָבגעהובלעוועט. אָט־אָ דאָס בין איך געווען. דעריבער האָב איך מיך נאָך געקענט שפּעטער עפּיס אויסלעהרנען, מיך עפּיס אָנשטייסען, און דעריבער האָב איך געקענט איבערנעהמען רב איסר וואַרגער'ס תורות.

ביי איסר וואַרגער האָב איך אַהעקגעדינט אַ סך יאָהרען. אין דעם משך צייט האָב איך מיך אויסגעשליפען, האָב גוט פערשטאַנען און נעקענט אַלצדינג, וואָס אַ קליין מענשעלע בעדאַרף צו קענען, וואָרום איך פלעג זיך שטאַרק צוהערען מיט קאָפּ, און בין געווען הרינען אַ מתמיד.

איך האָב שוין געקענט אין מיין נראד אָבאַרבייטען מעשים, מאַכען פיילע תנועות און געהן אלין מיט שפיצלעך. די גרעסטע הנאה האָב איך געהאט אָבציטאָן איינעם איף מערקיש, גלייך ווי איך וואָלט מיך אין איהם ניקם געוויען, האָטש ס'איז נישט געווען פאַר וואָס. גלאט די זאך אליין — דאָס אָבבאָן איף מערקיש און דאָס אויסדרעהען זיך דערנאָך גראָד ווי איף א טעלער, האָט מיר געמאַכט פערגניגען, פונקט ווי אַנ'אָרמען ישיבה־בחור מאכט פערגניגען אַ שטיקעל אויפטהו אין דער גמרא. צו קומט דערפֿון עפּיס ארויס צו ניין, אָבער אַ שענער איינפאַל, אַ שטי־קעל שכל, איז דאָך עס דערוויילע!... דאָס געפיהל פון יושר, פון רחמנות, האָט ביי מיר נישט דערלעבט נאָר אָנהויבען צו וואַקסען.

„יושר איז א גימילאַסטיק, וואָס לאָזט זיך ציהען ווי מען וויל, דאָס איז א „כי הנה כחומר”, וועלכס דער מענש האָט ביד צו ביגען עס אַזוי אי אַזוי, צומאַכען דערפון עפּיס, וואָס עס איז נאָך זיין פערלאַנגען. רחמנות, דאָס איז אַנ'איינגעמראַכט וואָרט, איינגאַנצען נאָר אַ שווינדעל. דו, אַז דו ביסט שלאָפער פון מיר, ביסט אַ שלים'מזל'ניק, אַ מיינעניבטם, ווילסט־דו מיך אַיינרעדען כלומר'שט רחמנות;” — אַזוי האָט געזאָגט איסר וואַרגער

איך בין געווען איסר'ס אַנ'אמת'ער תלמיד, האָב מיר געגעבען מיה, מיך געפלייסט, דעם רבי'ן מיינעם צופרידען שטעלען, מאָן אַלצ־דינג נאָך זיין געשמאַק, ווי איהם געפעלט, דערפאַר האָב איך געפינען חן און לייטזעליגקייט אין זיינע איינען, אַזוי אַז ער וואָלט פאַר מיר, ווי מען זאָגט, קיין זאַק באָרשטש נישט גענומען.

אַז איך בין עלטער געוואָרען, האָב איך אָנגעהויבען מיך שטאַרק צו בעטראַכטען און זיך אַליין אַלץ פרעגען: „מתי אעשה לביתי?” ווען, הייסט עס, וועל איך שוין אָנהויבען עפּיס מאַקי צו מאָן, איך זאָל איינ־געריכט ווערען? „יאני באתי בימים” — און איך בין דאָך שוין אַ בחור, ברוך־השם, מיט אַ כימן בערדעל! אמת מאַקי, איסר'ס תורה קען איך גיט, קען זי מיט אַלע פשט'לעך, נאָר „לא המדרש עיקר — פלעגט דער תלמיד־תורה־מלמד זאָגען — נישט דאָס לערנען איז די קונץ, דער עיקר איז די מלאכה: דאָס שמייסען”. איך האָב אַלץ געטראַכט, גע־טראַכט, אַזוי לאַנג־אַזוי בריטט, ביז איך בין געפאַלען איף אַ הסברה אַזוי: אַ־אַ, דו נאַר איינער! — מאַך איך צו מיר אַליין — איסר וואַרגער, דער רבי, זאָגט: „אַ קלוגער בעדאַרף מיט אַלצדינג איף דער וועלט זיך

בענוצען. דעם נגיד, זאָגט ער, בעדאַרף מען שעמען איף דער אַרענדע מיט איהם שפּילען די קאָמעדיע, מאַכען מיט איהם די קאָפּיקעס — ס'טייטש, איסר אַליין איז דאָך שוין אויך אַ נגיד, נאָ נעהם־זשע איהם. שוטה איינער, אויף דער אַרענדע, ווער, די בהמה, איסר'ס אַרענדאַר. איסר'ס נשמה! איסר אַליין איז דאָך אויך אַ כח, ט, נעהם אין שטעל אַ ווינטמיהל, איכר זאָל דרעהען דיינע רעדער! ס'טייטש, געבראָטענע טויבען פליהען דיר אין מויל אַריין, און דו, בהמה, שרייסט עסען!...

איך וויל אײַך דאָ נישט אַ ים ברייען, איך הייב־אָן איסר'ן חנפה'נען, זוך מיר אויס טויזענטער וועגען, ווי צו איהם זיך צו־שמייכלען, ווי איהם אינוועניג אין האַרץ אַריינצוקריכען, ביז איך האָב איהם למזל דערטאַפּט און ווער, אין אַ גוטער שעה, זיין נשמה!... איסר איז דאָך נישט מעהר ווי אַ מענש, ער האָט אויך ליעב געהאַט, מען זאָל איהם חנפה'נען, קעצקען, מען זאָל איהם בעוואונדערן און פון איהם שטאַרק הנאה האָבען; הגם ער האָט זעהר גוט געוואוסט, וואָס פאַר אַ האַפּט, וואָס פאַר אַ ממשות דאָס חנפה'נען האָט. ער אַליין, אַ שטיינער, אַז ער זאָגט איינעם: איהר זענט דאָך אַ חכם, אַ גיבער, אַ פרומער, אַ בעל־צדקה, אַ כשר'ער, עהרליכער מאַן, הייסט עס גאָר קאַפּויר: אַ שוטה זענט איהר, אַנ'אַכזר, אַ צביע'ק, אַ קאַרגער הונד, אַ גנב־שבגנבים, דאָס שוואַרצאַפּעלע פון'ם אויג! אַזוי איז שוין, אַ פּנים, אויף דער וועלט, אַז איטליכער לאָזט זיך אײַנרעדען, איטליכער האָט ליעב זיך צו נאַרען... נאָר מיינט נישט, אַז דאָס איז מיר גרינג אָנגעקומען. נישט אַזוי גיך טהוט זיך, ווי עס רעדט זיך. עס האָט לאַנג געדויערט ביז מיר איז געראָטען צו ווערען איסר'ס חשוב. אײַך וועט אפשר קשה זיין, ווי ווערט עס פון אַ משרת אַ חשוב? אי, האָט איף מיר קיין פאַראיבעל נישט: אייב אַזוי, קענט איהר דאָך נישט די וועלט! כמעט אַלע משרתים זענען חשובים, און כמעט אַלע חשובים זענען משרתים...

אַז דער עולם האָט דאָ אַרויסגעזעהן מיין חשיבות, אַז איך בין איסר'ס נשמה, זיין חשוב'ער משרת, האָט מען מיך אָנגעהויבען צו גלעטען, אָבצוגעבען מיר אַ ברייטען גוט־מאָרגען, ווי דער סדר־העולם איז. אַזוי געוועהנטליך איז שוין דער אײַנפיהר מששת ימי בראשית. אייבען און אונטען, אויף דער וועלט, אַז מען בעדאַרף עפּיס האָבען צו דעם פריץ, זעהט מען פריהער זיך צו־שאַרען צו זיינע חשוב'ע משרתים, זיי צו געפעלען. אַריינצולאָזען זיך מיט זיי אין עפּיס אַ שמועס מיט זיבען רעדעלעך, צו ווערען כלומר'שט מיט זיי נאָהענטע שמעלקעס, אַז אגב

מאַכן אַריינשטופּען זיי עפּיס אין העמטעל, טראַכטענדיג זיך דערביי, לאָמיך זיי פערשטאָפּען דאָס מויל, לאָזען זיי זיך נישט קרימען, נישט כּישופן זיין, נישט בילען. אָדער גאָר אַזוי: נישט'קשה, לאָזען זיי דעם פּריץ ביים וועג געהענדיג אַריינלאָזען אין אייער אַ גוט וואָרט, אַ משרת אַ מלייץ יושר קען אַ מאָל זעהר פיעל העלפען. דאָס זאָגט אַ משרת פּועל'ט אַ מאָל ביי זיין אדון, קענען עס גרויסע לייט נישט פּועל'ן — דער משרת וויבט ביים אדון דאָס האַריין און פאַרזעהט איהם מיט אַלעלבע זאַכען, וואָס מען טאָר נישט זאָגען... האָט איינער בעדאַרפט צו איסר'ן — און ווער האָט דען נישט בעדאַרפט צו איסר'ן? — דאָ האָט ער שוין פרייהער אָבגעניצט מיין לאַכען, עס זאָל זיין באַוויליגט פון מיר, איך זאָל בעטען פאַר איהם רחמים און דערמאָנען איהם צו גוטען ביי אַ שמועס מיט רב איסר'ן. פון געלד און מתנות איז שיין קיין רעדע נישט געוועז מיט „יהי-רצון" אַליין איז מען נישט אָבגעקומען. יענער האָט געמיינט אבי ביי מיר האָט ער גע'פּועל'ט, אַז איך זאָל ביי רב איסר'ן פערוואָרפען פאַר איהם אַ וואָרט, איז ער שיין געהאָלפען, האָבט איך האָב מיר געוואוכט מיינס, אַז איסר אַליין קען איהם אַזוי פיעל העלפען, מאַכן אויף איסר'ס רעד, „ווי אַ טייטשען באַנקעס". וואָס אַרט עס מיך? לאָז ער מיינען און געבען געלד. און ווען אפילו ס'איז אַ מעגליכקייט געוועזען יאָ צו העלפען, וועט דאָך איסר נעהמען אין מאָן זיינס גאָר אָהן מיין שתדלנות. יהיה-איך-שיהיה, אַזוי צו אַזוי, וועט דאָך איסר אַליין נעהמען געלד און מאַכען ווי דער שטייגער זיינער: „מיר וועלען זעהן, מיר וועלען זעהן, מיר וועלען זעהן!" היינט צו-וואָס מיג איך נאָך דאָ אין דערמיט? נאָר ווייטער מאַכן, וואָס אַרט עס מיך? לאָז יענער מיינען און געבען געלד.

אָט אויף אַזאַ אופן האָב איך מיר אָנגעהייבען בוסלעבתייז נתגדל צו ווערען, צו נעהמען אויף זיך לייב און מאַכן צוזויפגעקליבען שענע עטליכע גילדען.

יח.

פּיצען און קליידען זיך, דאָס איז געווען מײַן גרעסטע פֿאַרגעניגן, ווי דער שטייגער איז פֿון אַלע אויפֿגעקומענע משרתים, וואָס האָבען ליבּ אַרויפֿצוציהען אויף זיך אַלצדינג, וואָס נאָר זיי קענען — צו געהן בּע־האַנגען מיט בּליטשענדיגע קייטעלעך, קנעפּלעך, פֿינגערלעך און זייערע שטיוועל זאָלען גלאַנצען ווי די שפּיגעלעך, בּכדי אײַנצורײַסען דער וועלט די אויגען, זי זאָל זיך אויף זיי וואונדערן און הידושן. שבת פֿלעג איך געוועהנטליך מיך אויספּוצען ווי אַ כּלה און דורכגעהן זיך מיט מײַנע חבֿרים, צו ווײַזען זיך אויף חרושים פֿאַר דער וועלט און צו בּעטראַכ־טען די אַלע ווײַבּלעך און מיידלעך, וואָס געהען קאָמפּאַניעס־ווײַז שפּאַ־צירען. איך האָב געקענט אין דער שטאָדט כּמעט אַלע דינסטען און גע־וואוסט מעשׂיות, היסטאָריעס פֿון אַ סך ווײַבּלעך, צווישען וועלכע איך האָב געהאַט זעהר פֿיעל בּעקאַנטע.

אַז איך האָב איינמאָל שבת־נאָכט״ געשפּאַצירט מיט חבֿרה אין דער שטאָדט, וואו עס האָבען זיך געטאָפּטען יודישע מענער און ווײַבּער און סאַמעטענע מלבּושים, בּעהאַנגען מיט פּערל און מיט אַלערליי מיני צי־רונג, איז מיר אַקעגען געקומען עפּיס אַ מיידעל, אָנגעטאָן זעהר פּראַכט און אַ סיטצען קליידעל, ריין ווי זילבּער. איהר פּנים האָט געשײַנט ווי דער ליכטיגער מאָרגענשטערן און פֿאַרשיינקעלט אַלע אַנדערע מיט זייערע פּערעל און דימענטען, זיי האָבען אַקעגען איהר זיך אָנגעזעהן ווי אַ ליכט אַקעגען דער זון. בּיי דער זײַט איז איהר געגאַנגען אַ יונגער מאַן, אַ סטאַטעטשנער, זעהר שען געוואַקסען. איהר שענקייט האָט מיר פֿאַרבּלענ־טען די אויגען, איך בּין געבּליבּען אַ היבּשע צייט שטעהן ווי צוקלאַפּט און נישט געהערט נישט געזעהן, וואָס אַרום מיר טהוט זיך. אַז איך בּין שפּעטער אַבּיסעל צו־זיך געקומען און מיך אַרומגעקוקט, האָב איך זי מעהר שוין נישט געזעהן. זי האָט דערווײַל זיך פֿאַרמישט צווישען דעם עולם און פֿאַרשוואונדען געוואָרען, אַזוי ווי אַ פֿליהענדיגער שטערן אין

די זומער־נעכט. נאָר איהר בילד אָבער איז מיר געבליבען איינגעבאַקט טיף אין האַרצען. און פון יענער צייט אָן האָב איך זי נישט געקענט אויף אַ רגע אַרויסשלאָגען פון׳ם קאָפּ. עס האָט תמיד פאַר מיר זיך אויסגעמאָלט איהר פנים, איהר געשטאַלט, און ביי־נאַכט, אין דער פינסטער, האָבען אַקעגען מיר געפונקעלט, געלויכטען איהרע ברענענדיגע אויגען ווי צוויי ליכטיגע שטערען אויס דעם שוואַרצען אָבגרינט העט־העט אויבען אין הימעל. עס האָט מיר אַליין געדאַכט, אַז זי איז מיר שוין לאַנג בעקאַנט, דאַכט זיך, איך האָב זי אין מיין לעבען שוין אַ מאָל געזעהן, נאָר ווען און וואו האָב איך נישט געקענט מיך דערמאָנען. דאָס איינשפּאַרעניש עפּיס זיך צו דערמאָנען און נישט קענען איז אַזאַ מין צער, וואָס צו פיהלען עס — איז אינשטאַנד נאָר יענער, וואָס איז דערמיט געפּריווט געוואָרען. דאָס האָט מיר געקראַצט. געפּיקט אין קאָפּ אַ גרעק, מאַקי נאָר משוגע צו ווערען. איך האָב מיר פאָרגענומען, אַז איך מוז מיך דערגעהן, ווער דאָס מיידעל איז און אויפזוכען, וואו זי זיצט.

אַ מאָל בין איך צווישען טאָג און נאַכט גראָד געגאַנגען ערגיץ אין אַ פאַרלעגען געסעל. דער בלויער לויטערער הימעל האָט ביי די ברעגען זיך בעדעקט מיט שוואַרצע פּאַסען וואָלקענס, און וועלכע עס האָבען צייטענווייז זיך דורכגעוואָרפען בליצען ווי לאַנגע פייערדיגע שטריפּעלעך. אין דעם געסעל איז געווען שטיל, נישט קיין פוס פון אַ מענשען, און איך בין מיר געגאַנגען זעהר פערטראַכט, עפּיס שטאַרק מרה־שחורה׳דיג. פּלוצלים דערהער איך אַ ביטער געשריי, וואָס האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ. איך גיב אַ בליק — אַקעגען מיר לויפט איינער מיט אַ פּעקעל גיך און געשווינד, ווי אַ גנב, וואָס וויל אַנטרונען ווערען. שטעה! האָב איך אַ געשריי געטאָן, זיך געשטעלט בעהאַרצט דעם פאַרשוין אַקעגען און אויפגעהויבען אויף איהם מיין גראָבען שטעקען. יענער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, אַרויסגעלאָזט פון די הענד דאָס פּעקעל און אַליין איז ער אַנטלאָפען, גיך פאַרשווינדען געוואָרען. נישט ווייט פון מיר נעבען אַ פּלויט איז געלעגען אויף דער ערד עפּיס אַ מענש. אַז איך בין צוגעלאָפען צו איהם מיט דעם פּעקעל, האָט ער אפילו קיין ריהר זיך נישט געטאָן. אין דרויסען איז דערווייל טונקעל געוואָרען פון אַ שטיק שוואַרצער חמאַרע, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויבען אין הימעל. איך חאַפּ אין אַיילעניש אָן דעם מענשען ביים קאָפּ און מונטער איהם. מיט אַ מאָל הויבט אָן שטאַרק און אָפט צו בליצען, איין בליץ נאָך דעם אַנדערן, און איך דערזעה אַקעגען מיר אַ פּאָר אָפענע ברענענדיגע אויגען. עס האָט מיר אַ

קלאַפּ געגעבען אין האַרץ, דער קאָפּ האָט מיר זיך פאַרדרעהט און איך בין געבליבען שטעהן שטאַרק פערטישט. איך האָב דערקענט זי — דאָס איז געווען זי!...

זי האָט מיר דערצעהלט, אַז זי איז פריהער אַביסעל געגאַנגען אַליין דאָ אין דעם געסעל, איז אונטערגעשפרונגען עפּיס אַ פּאַרשוין, האָט איהר דערלאַנגט אַ שטאַרקען זעץ איבער דער האַנד און געשווינד אַרויס־געהאַפּט בײַ איהר דאָס פּעקעל מיט העמדער, וואָס זי האָט, ווי אַ נעה־טערין, אָנגענומען ערגיץ אין אַנ׳אָרט. ווען איך זאָל נישט געווען אונטער־קומען און אָבנעהמען בײַם גנב די זאַכען, — האָט זי געזאָגט מיט טרעה־רען אין די איינגען — וואָלט זי געבראָכען געוואָרען פון ברויט און נאָך אַרײַן אין אַ מיאוס׳ן רוף בײַ לײַט. קיינער וואָלט איהר מעהר קיין שטאָך אַרבייט נישט געגעבען. זי האָט מיר געדאַנקט פונ׳ם גאַנצען האַרצען, דאָס פּנים האָט איהר דערבײַ געפלאַמט און איטליכער בליק פון איהרע פייערדיגע אויגען האָט מיך געבריהט, גע׳שרפה׳ט. איך האָב געפיהלט, אַז אָט־אָט ווערט מיר אינווענינ צושמאָלצען דאָס האַרץ ווי וואַקס.

— גאָט זאָל אײַך בעצאָהלען! — האָט זי מיר צולעצט געזאָגט מיט אַ ציטערדיג קול, און געוואָלט געהן איהר וועג.

— ניין, ניין! — האָב איך מיך אָנגערופען צוקאָכט, איך וועל אײַך בשום אופן נישט לאָזען געהן איצט איינע אַליין, איך מוז אײַך אונטער־פיהרען ביז צו אײַער היים.

זי האָט זיך עפּיס ווי געקווײנקעלט, דאָס פּנים איהרס האָט געזאָגט, אַז איהר איז עפּיס פריקרע צו געהן אין דער צייט מיט אַ פרעמדען יונ־גען־מאַן. נאָר איך האָב זי נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, געשווינד גענומען צו מיר אין האַנד איהר פּעקעל העמדער און בין מיט איהר גע־גאַנגען ווייטער דורך געסלעך, וואוהין זי האָט מיך געפיהרט. דעם גאַנ־צען וועג האָבען מיר נישט גערעדט כמעט קיין וואָרט. איך האָב נאָר אונטערוויילעכם אויף איהר געקוקט און געציטערט, ווי אין אַ קדחת. און ווען זי האָט מיך אָנגעריהרט בײַ דער האַנד בשעת־מעשה, אַז זי פלעגט אַלץ וועלען צונעהמען בײַ מיר דעם פּעקעל, נישט מטריח צו זיין מיך מיט דעם טראָגען, איז מיר דורך דעם גאַנצען לײַב דורכגעלאָפען עפּיס אַ קעלט, דאָס בלוט איז מיר געבליבען שטעהן פערגליווערט אין די אָדערען און עס האָט מיר פערנומען דער אָטהעם. אַזוי זענען מיר בײדע

געגאנגען ביז זי האט מיך צוגעפיהרט צו א שטיב, וואס איף דעם מי־רעל, אין היף אריין, איז געהאנגען א קליין ווייס שילד מיט שווארצע כתיבה׳טע אותיות: „דא זיצט גאלדע יאקאבזאהן די נעהטערין״.

— יאקאבזאהן! — טהו איך א זאג פערוואונדערט, דערמאנענדיג מיך אין יאקאבזאהן, וואס האט מיך א מאל ארויסגעפיהרט פון דער טיט, נאך דער מעשה מיט דעם חזן, אז איך בין געבליבען ווי אויפ׳ן וואסער, אין ביי וועלכען איך האב געגעסעןביידע טעג ראש־השנה.

— יא! — רופט זי זיך אן — איך הייס גאלדע יאקאבזאהן. וואס איז עפים אייך אזא וואונדער?

— אייער טאטע איז מיר פון גאנץ לאנג בעקאנט — האב איך גע־ענטפערט — ער האט מיר א מאל געהאלפען אין א שלעכטע צייט.

— מיין טאטע איז שוין עטליכע יאהר טויט — האט זי געזאגט מיט א זיפץ, טיעף פונ׳ם הארצען.

— אייך געדענק איך, אז איהר זייט נאך געווען א קליין מיידעלע —זאג איך מיט א שמייכעל, שוין מיט מעהר מוטה ארייננקוקענדיג איהר אין פנים, ווי א שטיקעל בעקאנטער. —

— אזוי! זעהר אנגעלענט, כ׳לעבען!

און איידער מיר האבען זיך געזעגענט האט א שטארקער דונער געטאן און א שלאקס־רעגען האט אנגעהויבען צו פלייצען ווי א מבול. זי האט מיך געבעטען ארייננצוגעהן מיט איהר צו זיך אין שטוב, איבער־ווארטען דארט דעם רעגען. עס פארשטעהט זיך, אז איך האב עס גע־טאן בשמחה און בין פון דעם רעגען זעהר שטארק צופרידען געווען. פון מיינטוועגען האט געמעגט גיסען א מבול, גאר קיינמאל נישט אויפהערען, און איך זאל בלייבען מיט איהר אינאיינעם אין שטוב ווי אין נח׳ס תבה.

די שטוב, אין וועלכער איך בין אריינגעגאנגען, איז בעשטאנען פון איין חדר, איבערגעטיילט אין דער מיט מיט שפאנישע ווענטלעך. איין העלפט איז געווען א צימער איף צו שלאפען, די אנדערע העלפט—א צימער אויף צו זיצען. ביים ערשטען אנבליק האט מען געקענט זעהר גרינג ארויסזעהן, אז דארט וואוינען מענשען ארעמע, אבער נישט קיין

פילע, אָבגעלאָזענע. דאָרט האָבען זיך געפונען עטליכע אַלטע בענקלעך מיט אַ קאַנאַפּקעלע, איבערגעצויגען מיט אַ געלבליכען, אָבגעליאַקעטעטען סיטץ. נעבען דער וואַנד איז געשטאַנען אַ קאָמאָדע איבערגעדעקט מיט אַ טישטוך, ווייס ווי שניי, און דערויף איז געווען אײַנגעשטעלט שמאָכטעליען: אַ פּאָר קליינע פּאָרצעלײַנענע טעלכלעך מיט רויטע קוויטען, אַ צוויי בלויע געשליפענע קעלישקעלעך, אַ פּישקעלע אַ שילדקרעטענס, אַ שפּיגעלע און קליינע פּאַרפוּמע־פלעשלעך, וכדומה נאָך אַזעלכע קליינינגקייטען, וואָס זענען געווען די גאַנצע צירונג, דאָס שיינדעל אין שטיב. דערצו האָט מען נאָך געקענט צורעכענען די עטליכע בלימענטעפּלעך אויף די פענסטער, און מיט וויד איינגעשטריקטען פּאָרטרעט פון משה רבינו, האַלטענדיג די לוחות אויף דער האַנד. נעבען פענסטער איז געשטאַנען אַ טיש, אָנגעלעגט מיט ליינוואַנד, מיט פּאַטטערנס פעדעמלעך און מיט אַלע אַנדערע זאַכען, וואָס צו דער אַרבייט.

אַרײַנקומענדיג אין שטיב, האָט גאָלדע מיך פאָרגעשטעלט פאַר איהר מוטער, אַ דאַרע, אַ שלאַפּע יודענע פון אַ יאָהר פופציג, דערצעהלענדיג איהר אין־קורצען דאָס גאַנצע בעגעגעניש איהרס, ערשט נישט לאַנג, אין געסעל דאָרט. די מוטער האָט מיר געמאַכט אַ שענעם ברוך־הבא און מיך געבעטען זיצען. נעבען עק טיש אויף אַ בענקעל איז געזעסען אַ קליין מיידעלע פון אַ יאָהר אַכט, זי האָט כלומר'שט עפּיס ווי גענעהט און אונטערוויילעכס אויף מיר געקוקט מיט גנבה'שע אייגלעך. גאָלדע האָט זיך אויך געזעצט נעבען טיש און פונאַנדערגענומען דאָס פּעקעל, וואָס זי האָט געבראַכט. איך בין געזעסען ווי אַ חתן־בחור און נישט גערעדט קיין וואָרט. אייפ'ן האַרצען איז מיר געווען פרעהליך, איך האָב געקוקט, ווי גאָלדע אַרבייט מיט איהרע ווייסע פולע הענטלעך און עס האָט מיר עפּיס שטאַרק הנאה געטאָן.

עטליכע מינוט איז מען אַזוי געזעסען שטיל, דערנאָך איז געוואָרען אַ רעד איבער דעם וועטער, ווי נויטיג דער רעגען איז, די אַלטע האָט אפשר אַ מאָל צעהן איבערגע'הזר'ט, אַז דאָס געהט נישט קיין רעגען, נאָר ברויט געהט עס, און האָט געמאַכט האָפענונגען, אַז נאָך דעם רעגען וועט מיט עטליכע גראָשען זיבער וואָלוועלער ווערען דער מקח פונ'ם פוד מעהל. גאָלדע האָט עפּיס זיך איבערגעווינקען מיט דער מוטער און איז אַרויסגעגאַנגען. די אַלטע איז געבליבען נעבען מיר, האָט אַלץ גערעדט און אַרויסגעקומען אין שמועס דערויף, ווי דער מאַן איה־

רער. א ליכטיגען גן־ערן זאל ער האבען, האט א צייט געבענקט געקרענקט און פערקרענקט דעם לעצטען גראשען, ביז ער איז געשטארבען, און איבער־געלאזט זי, וויסטע אלמנה, מיט צוויי קינדער ווי אויף דעם וואסער. נאר גאט ברוך־הוא אבער האט זי געבענשט מיט א באלבטער, וואס איז חיים אין דער וועלט צו זוכען איהר גלייכען. איהר גאלדעניו איז ניט אין פרום, מיט אלע מעלות. זי ארבייט נעבעך טאג ווי נאכט, נעהט, שטיקט און נעמט זיך די אויגען ארויס איבער דער נאדעל, ווי ס'איז ארויסצוברענגען דאס שטיקעל פרנסה. מען לעבט מאקי און התקות, און צרות, איהר בוטערע, שווערע ארבייט קלעקט קיים־קיים אויף די נייטיגסטע בעדערפעניש, נאר ניט צו פארזינדיגען, מען לעבט דאך פארט. גאט ווייסט וואס פון אונז וואלט געווארען, ווען נישט גאלדעניו.

— א ודאי מעג איך מיך פרעהען, זיך שעצען גליקליך מיט אזא מתנה פון זיין ליבען נאמען, נאר ווי ווייטג אין מיר אבער דאס הארץ — זאגט זי מיט א שמארקען זיפץ און טרעהרען שטעלען זיך איהר אין די אויגען — ווי טהוט מיר, איי, וועה דאס הארץ קוקענדיג, ווי גאלדעניו ארבייט אויף אונז אלע מיט נייט־שווייס, נעבעך, שטעלט איין דאס געזונד, דאס לעבען, און פארגינט נישט אויף זיך אליין אויסצוגעבען א מאל, איהר זאלט זאגען, אפילו א צובראכענעם שילינגער. וואס איך בעט זי א מאל: גאלדעניו, נשמה מיינע! האב רחמנות אויף דיין לעבען, קויף דיר עפיס אויף צו דערקוויקען זיך, און רוה זיך אביסעל אוים, נשמה מיינע: ענטפערט זי אלין מיט א געלעכטער: איך בעדארף מיך נישט קוויקען, מאמע! עס נידעט מיך הלילה נישט ביים הארצען. לאזען זיך קוויקען יענע, וואס זיצען פארלעגט די הענד און וויסען אליין נישט, וואס עס נעהט זיי אב. אויף אויסרוהען זיך איז דא ביי אינז א גרויסער טאג שבת. אט אזוי ענטפערט זי אב תמיד מיט א ווערטעל און טהוט נאכי ווייטער דאס איהריגע שטיל, פיין, ווי א שטילע טויב. לאז מיר זיין פאר איהר קאפ!...

אין מיטען שמיעס איז אריינגעקימען גאלדע און אנידערגעשטעלט אויפ'ן טיש א טאין מיט פיער גלעזער טהע!

אז מיר האבען אבגעטרונקען טהע, האט דער רעגען אויפגעהערט. גאלדע האט געהייסען איהר שוועסטערל זיך געהן לעגען שלאפען.

— געה, שיינדעלע — האט זי צו איהר געזאגט, און זי א גלעט געטאן איבער דעם קעפעלע — דיר איז שוין צייט צו שלאפען. דו וועסט בעסער פריהער אויפשטעהן. דיין לעהרער וועט שוין היינט נישט קומען.

שיינדעלע האָט אַ קוש געטאָן די מוטער, אַז די שוועסטער, געוואָגט איטליכען אַ גוטע נאַכט, און געגאַנגען שלאָפען. מיר איז שוין אויך צייט געווען צו געהן. איך האָב מיך אויפגעהויבען פונ׳ם בײנקעל, זיך געזעגענט און אַוועקגעגאַנגען.

די האַלבע לבנה האָט געשײנט און איז ווי אַ גילדען שיפעלע זיך געשוואומען אין דעם גרויסען, בלויען ים פון דער לופט, וואָס איז געווען רוהיג, שטיל אָהן אַ שום ווינטעלע. דער הימעל האָט מיט טויזענטער ליכטיגע שטערען אַראָבגעקוקט ווי אַ פאַרליבטער חתן אויף דער געליבטער ערד, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גרין קלייד פון גראָז, פערפוצט מיט אַלערליי שענע בלומען, פון וועלכע עס האָבען געשמעקט זייסע, געשמאַקע ריחות ווי פון די טייערסטע פאַרפומעס. פרעש האָבען לוסטיג געקוואַקעט אין די טײכלעך אין ערגיץ פון אַ גאָרטען האָט זיך אָנגערופען אויף זיין קול אַ סאָלאָוויי, איין בריה אויף דער וועלט — אַ כפרה אַלע חזנים!... מיר האָט עפּים אויך זיך געזינגען אויפ׳ן האַרץ. איך האָב געהענדיג אונטערגעזונגען אין אַלײן נישט געהערט וואָס. נאָר צוקומענדיג נאָהענט נעבען דער הײם, האָב איך מיך עפּים ווי אַ האַפּ געטאָן אין דערהערט לײזער דעם שנײדער׳ס אַ ניגונ׳דעל, ווי מען בענטשט אַ כלה. אָ, אין דר׳ערד אַרײן, פאַלגע! האָב איך אין שפּאַס געשאָלטען לײזער׳ן און מיט אַ פרעהליך שמײכעלע איהם אָבגעשיקט צו אַלדי שוואַרץ־יאָהר.

הערט אַ מעשה! נאָך אַזאַ פרעהליך בעגעגעניש האָט די גאַנצע נאַכט מיר זיך גאָר גע׳חלומ׳ט — עפּים טרויערדיגע סצענעס: מען ווײנט מיך אָב מיט טרעהרען, קולות פון מענשען שרײען עפּים אַרויס ווי פון דער ערד — געוואַלד, וואָס האָט מען צו אונז געהאַט!...

יט.

איך האָב אָנגעהויבען צו ווערען בײַ גאָלדען אין שטיב אַנ'אָפטער גאַסט, עס האָט מיך געצויגען אַהינצו עפּיס ווי אַ מאַגנעט. מיך האָט געצויגען צו איהר נישט איהרע מעלות און מדות טובות, ווי זי דער־נעהרט זיך כשר און האַלט איהם שען־פֿיין אַנ'אַלמנה מוטער און אַ שוועס־טערל מיט איהר אַרבייט. ניין! אַזעלכע זאַכען האָט איפּר'ס אַ תלמיד נישט געקענט שעצען. געלד, דאָס איז געווען בײַ מיר דער אַרשין אויף צו מעסטען דעם מענשענס מעלות, אייך דאָס וואָג־שאָל, דאָס געוויכט אויף אָבצוּוועגען אַלע מיני מדות טובות. אַ קלוגער, אַ בריה — אַ מענש, האָט בײַ מיר געהייסען דער, וואָס האָט געלד און לעבט אין וואוילטאָג. ווי אַזוי ער האָט דאָס בעקומען און אויף וועמענס הוצאות ער לעבט — דאָס מאַכט גאָר נישט אויס. און אַזעלכע זאַכען געהען אַריין מיט זייערע רעכנונגען נאָר אָרמעלייט, שלים־מזל'ניקעס, מחמת קנאה און פּערדראָס, ווי איך מחמת דעם, כדי מיט זייער בערעדען יענעם, צו פאַרגלעטען דערווייל זייערע אייגענע פעהלער, פאַר וואָס זיי זענען שלים־מזל'ניקעס, מויגעניבמטען, און צו קיהלען זיך דערמיט אַביסעל דאָס האַרץ, צו טרייסטען זיך כלומר'שט פאַר דער וועלט, אַז דאָס אָרעמקייט זייערס איז נאָר פאַר זייער גוטען האַראַקטער, דערפאַר, וואָס זיי קענען נישט ווי אַנדערע זיין פאַלשע, נידעריגע מענשען. ניין! נישט גאָלדע'ס שענע, גוטע מעלות זענען מיר געפעלען, מיר איז געפעלען געווען נאָר איהר שען פנים, מיך האָט געצויגען צו איהר אַ מגושמ'דיגע ווילדע ליבשאַפט. וואָס איך האָב מיט דער ליבשאַפט געמיינט, דאָס האָב איך מיר נאָך אַליין קיין חשבון נישט געקענט אָבגעבען — איך בין מיר דערווייל צו גאָלדען געגאַנגען. תחלת האָב איך איהר געבראַכט אַרבייט, מיר געלאָזט נעהען בײַ איהר העמדער, מאַנישקעס און דערנאָך פלעג איך מיר שוין אַזוי קומען גלאַט ווי אַ גוטער בעקאַנטער.

אין דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין געגאַנגען צו גאָלדען, פלעג

איך דאָרט אין שטוב ביי איהר אַלץ טרעפֿען יענעם יונגען-מאַן, וועלכען איך האָב דאָס ערשטע מאָל שבת בעגעגענט, געהענדיג מיט איהר שפּאַצירען. ער איז געווען דאָרט זעהר היימיש ווי אַן'איינגענער, אַ גאַנצער בן=בית, ער פֿלעגט לעהרנען מיט שיינדעלען, העלפֿען אין שטוב, ברענגען אַ מאָל מיט זיך פֿונ'ם מאַרק נייטיגע זאַכען, איך אַ מאָל לייען און געבען אונטער אַין איינגער צייט. קיינער אין שטוב האָט איהם נישט געאירצט און איהם גערופֿען פּראָסט ביים נאָמען -- מיכל.

מיכל איז געווען אַ שרייבער, וואָס פֿלעגט לעהרנען מיידליך אין וונגליך שרייבען, און ציהען דערפֿון זיין שטיקעל פּרנסה. פֿון אַ שמועס אַ מאָל מיט דער אַלטער, האָב איך מיך דערגאַנגען, אַז מיכל איז אין דער פֿאַמיליע אַ גאַנצע אָנהאַלטעניש, אַ גרויסע שטיצע, אָהן איהם וואָלט אויסגעקומען אַ מאָל זעהר שלעכט. ער איז איהרער אַ קרוב און איז גאָלדעניו'ס שוין כמעט אַ חתן. לעת=עתה איז דאָס נאָך פֿאַר דער וועלט בסוד, נאָר אין אַ קורצער צייט פֿערהאָפֿט זי, אם=ירצה=השם, מאַכען תנאים און ברעכען טעפּ. די דאָזיגע ווערטער האָבען מיך געשטאָכען אין דער זיבעטער ריפּ, נאָר איך האָב מיך געמאַכט נישט=וויסענדיג, גלייך ווי עס געהט מיר גאָר נישט אָן.

זינט יענער צייט האָב איך געהאַלטען מיכל'ען פֿאַר אַ שונא, וואָס שטעהט מיר אין וועג, און האָב אַלץ געטראַכט, ווי איהם ביי=צוקומען. איך פֿלעג מיך ווי אַ קעצעלע צושאַרען צו גאָלדען אי צו דער מוטער מיט גוטע, זיסע ריידעליך, שפּילען זיך מיט שיינדעלען, און ברענגען איהר אָפֿט אַ ציקערקעלע, אָדער עפּיס אַ שפּילכען, אין דער האָפֿנונג צו ווערען דורכדעם אַ חשוב און אַראָבשטופּען מיכל'ען, אַוועקשטעלען איהם אין דער זייט. איינמאָל האָב איך מיך אפילו געפּרוּווט געבען עפּיס געלד, אַז איך האָב בעמערקט אין שטוב איז עפּיס איינג; נאָר גאָלדע האָט מיר געהייסען צוריקנעהמען דאָס געלד, עפּיס מיט אַזאַ שמייכעלע, וואָס האָט מיך געלעהרענט דרך=ארץ און וואָס איז געווען אַ סך ערגער ווי אַ פּאַטש. דאָס האָט נאָך טויזענד מאָל מעהר פֿערשטאַרקט מיין שנאה צו מיכל'ען. עס האָט מיך געברענט ווי אַ העלישע פֿייער, נאָר וואָס מעהר אָבער די שנאה מיינע צו איהם איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער, האָב איך מיך אַלץ מעהר פֿאַרשטעלט, גערעדט מיט איהם ציקער=זיס און געוויזען איהם תמיד אַ פֿריהליך פּנים. פֿאַרשטעלען זיך, דאָס האָב איך שוין אין יענער צייט זעהר גוט געקענט, ווייל דאָס איז די ערשטע זאַך, וואָס אַ קליין

מענטשעלע בעדארף קענען. אז איסר האט שוין פאָרגענומען זיך איינעם צו בעגראָבען. פלעגט ער איהם אויפנעהמען זעהר פריינדליך, לויפען איהם אקעגען מיט א שמחה און זיך קישען מיט איהם אין די פיסקלעך. מאכען יענעם די מיתה בנשיקה, דאס הייסט, קישענדיג ביי יענעם די נשמה „בסוד", לויט די רעד פון א חכם, דערמיט וואס מען קלייבט אויס פאר דעם חבר א שענע מיתה, א שטילען טויט, אז קיין האהן אפילו זאל נישט קרעהען... אזוי האט געזאגט איסר ווארגער!

איך פלעג קומען צו גאָלדען אויסגעפוצט און אויסגעשמירט די האָר מיט אַ סך פּאָמאַדע, כבדי דערמיט צו געפעלען און אראָבוואַרפען אין איהרע אויגען מיכל'ען, וואס איז געגאנגען פראסט געקליידט. נאר ביי גאָלדען האבען קליידער גאר נישט אזוי אויסגעמאכט. זי האט מיר נאר איינמאל דעליקאַט אָנצוהערעניש געגעבען, אַז פון צופיעלע פּאָמאַדע אויף יענעמס קאָפּ בעקומט מען דעם קאַטער. מיכל האט דערביי א שמייכעל געטאָן, און אינוועניג אין מיר האט געקאָכט, געזאָטען אויף איהם דאס בלוט. שיינדעלע האט אַ מאָל זיך אָבגערופען:

— פע, מיכל, ווי דו גערעדט, רב איציק־אַברהם'ל שיינט מאַקי, ער איז איסגעפוצט, אויסגעצויגען מיט רייטע בעקעלעך און פּאַמבעניגע ליפעלעך ווי אַ שען מיידעל.

— נאַרעלע! — האט מיכל איהר געענטפערט גאַנץ רוהיג — וואס זאָל איך טאָן, אַז איך בין אָרעם און האב נישט אַזאַ דיענסט, וואָס זאָל מיר אויף אַלצדינג טראָגען.

מיר האט זיך געדאַכט, אַז מיכל נעמט מיר אַ שטעכווערטעל, אַז איך בין אַ משרת, און וויל מיך דערמיט ביי איטליכען שטאַרק אראָבמאַרפען. איך האב עס אָבער אַראָבגעשלונגען, פערביסען די ליפען און נישט אָבגעענטפערט קיין קרום וואָרט.

אויף אַזאַ אופן איז אַוועקגעגאַנגען דער גאַנצער זומער און אַ שטיק פונ'ם אָסיען. איך בין שיער איס דער הויט נישט געשפרונגען פאַר גרויס ליבשאַפט, נאָר ס'איז גאָר נישט געווען צו מאַכען. מיכל איז מיר געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז. איך האָב געזעהן, אַז איך וועל מיך נישט אײַלען דעם ביין אַרויסצונעהמען, וועל איך דערוואָרגען ווערען. עס האָט שוין געהאַלטען, אַז אָט־אָט ווערט מיכל אַ חתן פאַר גאָלדען. די אַלטע האָט איהם ליעב געהאַט ווי אַנ'אייגען קינד און זי האָט געוואָלט

דערלעבען דעם טאָג צו נעהמען איהם פערבינדען מיט איהר טאָכטער אויף אייביגע יאָהר. זי האָט אַ פּאָר מאָל געמאַכט אַ שמועס פון די הכנות, וואָס מען בעדאַרף דערצו האָבען און אַלע אין שטוב זענען געווען פריילעך. שיינדעלע איז אויך געשפּרונגען פאַר פרייד, געשטיפּט, זיך גערייצט מיט מיכל'ען און געפאַלען איהם דערנאָך אויפ'ן האַלז, ארומגעהאַלזענדיג איהם מיט ביידע הענטלעך. גאָלדע האָט געקוקט אויף זי מיט פייכטע ברענענדיגע אויגען, וואָס האָבען אויסגעדריקט זעהר פיעל תענוג און איז רויט געוואָרען ווי פייער. ס'איז איהר דענסטמאָל אין פּנים נישט געווען אַריינצוקוקען, ווי אין דער ליבשינגער זון, אַזוי שיין איז זי געווען. איך האָב אויך געמאַכט אַ פריינדליך פּנים ווי אַ הייםישער מענש, וואָס עס טהוט איהם הנאה, אַז אין הויז איז אַ שמחה. נאָר אין האַרץ אָבער האָט מיר געברענט אַ גיהנם. אַוועקגעהענדיג פון דאָרט האָב איך געקריצט מיט די ציינער און געשוואָרען, אַז איך מוז זוכען עפּעס אַ גוט מיטעל, ווי צום גיכסטען אָבצוהיטען מיר דעם וועג צו גאָלדען.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דאָס מיטעל איז מיר געקומען אין האַנד אַריין. בשעת נעהמען רעקרוטען ביי אונז אין שטאָדט האָב איך אָבגעאַרבייט שטילערהייט, דורך אוסר'ן, און מען האָט מיכל'ען גענומען פאַר אַ רעקרוט!...

אַז איך בין געקומען צו גאָלדען, האָב איך געטראָפען, אַז דאָרט אין הויז איז תשעה־באָב. די אַלטע ליגט אין בעט, קראַנק, צובראָכען אין אייפ'ן קאָפּ אַ נאַס טיכעל מיט קאַלטע וואַסער. גאָלדע איז בלייך ווי די וואַנד מיט רויטע געשוואָלענע אויגען און דרעהט זיך אַרום נעבען דער מוטער מיט צופּאַטעלטע האָר, פערזאָרגט, פערזאָרגט ווי אַ דערשלאָגענע. שיינדעלען איז גאָר נישט צו דערקענען, אַזוי געענדערט איז זי — זיצט אַיינגענורעט אין אַ ווינקעלע, פאַרלעגט די הענטלעך און קוקט מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען אויף דער ערד. ביי מיין אַריינקומען צווינגט זיך אַלע מיט אַ מאָל, גיסען הייסע טרעהרען, אָהן ווערטער, ווי אַ נליקליכע, בשעת זיי דערזעהען זייער בעסטען פריינד.

— וואָס איז אַזוינס געשעהן? — פרעג איך ווי אַ תם און בלייב שטעהן כלומר'שט פערוואונדערט.

אַקעגען אַ פּאָר מינוט איז נישטאָ קיין ענטפער. דערנאָך רעדט די אַלטע אַרויס אויף אַ וויינענדיג קול, ווערגענדיג זיך מיט טרעהרען: אַז איך

אין ווינר איז מיר! מיכל... נישטאָ מיכל!... די תאַפּערס, ווען איז מיר, האָבען גענומען מיכל'ען!...

עס עפענט זיך איהר א פרישער קוואל טרעהרען. נאָלדע זיצט נעבען איהר אויפ'ן בעט, אָנגעבויגען מיט ביידע הענד אויפ'ן פנים. די קראַנקע מוטער לעגט איהר די האַנד אויפ'ן קאָפּ און אַלע וויינען, יאָמערען, ווי מען בעקלאָגט אַ טויטען. איך מאך אַ טרויעריג פנים, ווייז כלומר'שט, קרעכץ, און אין האַרצען טהוט מיר הנאה קוקענדיג אויף נאָלדען, וואָס צו איהר פאַרשטעלט מיר איצט קיינער נישט דעם וועג. איך עס זי מיט די אויגען, אָנקוקענדיג זי פון אויבען ביז אַראָב, ווי אַ וואָלף קוקט אויף אַ שעפּעלע, איידער ער שאַרפט די ציינער. און ביי מיר אין האַרצען טראַכט איך: נישט קשה, דו וועסט זיין מיינע, וועסט פון מיינע לאַפּעס זיך שוין נישט אויסדרעהען...

ב.

אַ פּאָר חדשים זענען נאָך דער דאָזיגער מעשׂה פאַרגאַנגען. מיכל'ען האָט מען אָבגעגעבען אין אַוועקגעפיהרט הענט וויט, פון וואַנען מען קומט נישט צוריק אַזוי גיך. ביי גאָלדען אין שטיב איז געווען אַ חורבן, אַלצדינג דאָרט האָט געטרויערט און פערלוירען זיין געשטאַלט, די בלומענטעפּלעך זענען געשטאַנען פערדאַרט, וויל ס'איז נישט געלעגען קיינעם אין זינען זיי אין דער געהעריגער צייט צו בעגיסען. די קליינגקייטען אויף דער קאָמאָדע זענען נישט אויסגעשטעלט געווען מיט אַ שענעם סדר, ווי פריהער, און אויף „משה רבנו" איז געלעגען אַ געדיכטער שטויב. ער האָט אויסגעזעהן עפּיס מרה-שחורה'דיג און אַרויסגעקוקט פון אונטער דעם גלאָז עפּיס ווי בייז, זעהר שטאַרק ברוגז. מיר, ווייניגסטענס, האָט זיך אַזוי געדאַכט, און איך פלעג מיך היטען אויף איהם אַ קוק צו געבען... שיינדעלע האָט אויפגעהערט צו לערנען, נישט געהאַט מעהר מיט וועמען זיך צו שפּילען. זי איז אַראָב פון'ם לייב, אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט און איז געוואָרען גאָר אויס קינד. אויף גאָלדען איז געלעגען די ערד, קיין פרעהליכע מינע האָט מען פון איהר נישט געזעהן. ס'איז איהר עפּיס ווי נישט ניחא געווען דאָס לעבען. די אַלטע פלעגט קוקען אויף איהרע קינדער, שאָקלען מיט'ן קאָפּ און זיך בעוואַשען מיט טרעהרען. זי פלעגט אַלץ איינפאַלען און צייטענווייז ליגען אין בעט.

איך פלעג עפּטערס קומען אין הויז, זיצען בשעת גאָלדע פלעגט אַרבייטען, פלעג זי שטאַרקען מיט גוטע, זיסע ריידעלעך און מיט מיינע טרייסט-ווערטער געוואוסט, אַלץ וואָס ווייטער-ווייטער זיך אַריינצוגנב'נען אין איהר האַרץ. שפּעטער אַביסעל האָב איך בעמערקט אין שטיב אַ ביסעל עלענד. גאָלדעס האַנד-אַרבייט אַליין, ווי שטאַרק זי האָט זיך געמאַטערט, געפּלאַגט און קריעה געריסען, האָט נישט געקלעקט אויף די אַלע לעבענס-בעדערפניש, וויל די בעלוינונג פאַר איהר אַרבייט איז געווען זעהר

קלײן. דרינען האָט בעשײנפּערליך זיך אַרויסגעװיזען. װי מיכל נערט אָב, װי שמאַרק ניצליך ער איז פאַר דער אָרעמער פאַמיליע געװעזען. זײן חלק הילף האָט איצט געפעהלט. דערצו איז נאָך גראָד דענסמאָל געװעזען מאַקי װעניג אַרבײט אויך, מען האָט בעדאַרפט געהן אײנמאָל אין דער אַפּטײק אַרײן נאָך אַ רעצעפּט פאַר דער אַלטער און דערױף איז נישט געװעזען קײן גראָשען. איך האָב מיך אײנגעשטעלט און פאַרנעלעגט גאָלדען צו נעהמען בײ מיר עפּיס געלד. גאָלדע איז רויט געװאָרען, האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען און נישט געענטפערט קײן װאָרט. מען האָט געזעהן, אַז בײ איהר אינװעניג אין האַרצען איז נישט רוהיג. דאָרט הױשט אַ שרעקליכער שטורמװינד פון ביטערע געפיהלען. איך האָב גאָלדען גע- געבען צו פאַרשטעהן, אַז איך לײ איהר עס אויס נאָר אויף אַ צײט, זי מוז עס נעהמען צוליב דער קראַנקער מוטער, װאָס געניטיגט זיך אַצינד אין דעם רעצעפּט, װאָס זעהר מעגליך, אַז דרינען הענגט אָב איהר לע- בען. די אַלטע האָט בשעת-מעשה בײ איהר אין בעט דאָרט גראָד אַ שמאַרקען קרעכץ געטאָן, גאָלדע איז פערצאַפּעלט געװאָרען, גענומען בײ מיר מיט אַ ציטערדיגער אײז-קאַלטער האַנד דאָס געלד, אַרױסגעכאַפּט אויף זיך אַ שאַל און איז געשװינד אַרױסגעלאָפען פון שטוב...

בײ מיר אין שטיבעל בין איך אײנמאָל שפּעט בײ נאַכט געלעגען אויף מײן געלעגער און נישט געקענט קײן אויג צומאַכען; עס האָט פון מיר זיך אָבגעיאָגט דער שלאָף. די ליבשאַפט מײנע צו גאָלדען האָט מיך שרעקליך געפּײניגט, נישט געלאָזט רוהען און איך האָב מיך גענומען טראַכטען, װאָס קען פאָרט דערפון װערען? ביז װאַנען נאָך װעל איך מיך אַזױ פּײניגען און נישט ברענגען די זאַך צו אַ נ׳עק. נאָר אויף װאָס פאַר אַנ׳איפּן אָבער ברענגט מען עס צו אַנ׳עק? — התונה האָבען? נאָר דאָס איז פאַר מיר זעהר אַ שװערע זאַך, דאָס לױנט מיר נישט מכמה טעמים: ערשטענס, װעל איך דורכדעם מוזען אױסטרעטען פון דינסט בײ איסר׳ן, און אַװעקגעהן פון איסר׳ן הײסט אַזױ פיעל װי אָבזאָגען זיך פון פערדינען גרינג געלט, פון אַ גליקליכען לעבען אָהן צער, אָהן מיה, אָהן קאָפּװעהטאָג און אײפּגעבען אַלע מײנע האָפנונגען אויף שפּעטער; צװײטענס, װאָס װעל איך בײ איהר נעהמען? גאָרנישט! זי איז דאָך הײל נאַקעט אַזױ װי די מאַמע האָט זי געבוירען. זי װעט מיר אָנהאָבען אַ סך קינדער, פּיפּקעלעך, װאָס װעלען מיר פאַרדרעהען דעם קאָפּ, איך װעל אױפעסען דאָס ביסעל געלד און װעל דערנאָך בלײבען אַ קבצן, אַ מוי- געניכטס, אַ לא-יוצלח צו קײן זאַך נישט אין דער װעלט, װעל לײדען,

פערשוואַרצט ווערען, ווי איך בין אַ מאָל אין דער יוגענד פערשוואַרצט געוואָרען, און צוליב וואָס? צוליב אַ ליבשאַפט!... איסר, האָב איך געטראַכט, וואָלט אויס מיר זיכער געמאַכט דעם גרעבסטען געלעכטער.

„ליבשאַפט איז נישט מעהר ווי אַ שען פּנים׳ל, אַ וויפּענבולבע, וואָס שפּילט פאַר׳ן אויג אין אַלערליי וואונדער־שענע קאָלירען און פּלוצלים צושפּרינגט עס, מען ווייסט נישט, וואוהין עס קומט אַהין. דאָס איז אַ שפּילכען, אַ קלייניגקייט, וואָס מען בעדאַרף עס מאַכן נאָר פאַר אַ קלייניגקייט בעקימען און וואָס עס לאָזט זיך זעהר גרינג איינהאַנדלען, אבי מען איז נאָר קיין שוטה נישט. ליבשאַפט — דאָס איז אַ דעקטוך, אונטער וועלכען עס לאָזט זיך גרינגער איינער דעם אַנדערען צו זיך אויף אַ צייט אַריינצונאַרען. דאָס איז אַ קינציג אויסגעאַרבייטע נעץ, צו פאַנגען דרינען שוואַכע מענשלעך, וואָס צוקריכען ווי אַ שנעע און צוגיסען זיך באַלד, ווי מען גיט זיי נאָר עפּיס אַ וואַרם"... — אַזוי האָט געזאָגט איסר וואַרגער.

זאָל איך קיין נאַר נישט זיין און דערגרייכען מיין וואונש אָט באַקי אויף דעם פּראָסטען אופן?... נאָר דאָס איז אָבער אַ ריינע אונמעגליכקייט. ווי איך האָב געקענט גאָלדען, איז נאָר אונמעגליך געווען אַזעלכעס אפילו צו טראַכטען. זי האָט תמיד געקענט עפּיס זיך אַזוי האַלטען, אַז מען האָט געמוזט האָבען פאַר איהר דרך־ארץ און די צונג האָט זיך נישט געלעגט אַרויסרעדען איהר אין די אויגען עפּיס אַ מיאוס וואָרט. איינמאָל האָב איך מיך אַרויסגעהאַפּט מיט עפּיס נישט אַזאַ שען ווערטעל, וואָס ביי אַנדערע געהט עס איין, נישט צומאַכען דעריום קיין שום פּירוש, האָט זי דערביי געמאַכט עפּיס אַזאַ מינע, אַז איך בין בבל געוואָרען און אַ קעלט איז מיר דורכגעלאָפען אין אַלע מיינע אברים. ניין! אַזעלכע ווי גאָלדע לאָזט זיך נישט איינהאַנדלען, אַריינגאַרען... מען זאָל אפילו קלוג זיין ווי צעהן ריחות. וואָס־זשע דען, לאָמיך אינגאַנצען אַ שפּיי טאָן און זי פאַרגעסען? דאָס, האָב איך געפּיהלט, איז איבער מיינע כחות, גיכער וואָלט איך מיך אָבגעזאָגט פון מיין לעבען איידער פון איהר. די ליבשאַפט מעג זיך זיין, ווי איסר זאָגט, באַקי אינגאַנצען אַ שפּילכען, אָבער איך האָב אַזאַ שפּילכען בשום אופן נישט געקענט אַוועקוואַרפען. איך האָב געטראַכט, געטראַכט און ווידער געקומען צום ערשטען — אין ברירה, מאַכן התונה האָבען! אוי, וואָס,

דאָס קען מיר דאָך שאַטען צום עסק? ניי, דערצו וועט מען מיזען נע־ביינען עפּיס אַ פּאָרטעל, מאַכען עפּיס אַ פּשרה, עס זאָל אי אהין אי אהער גוט זיין. תּשובה מיז מען האָבען און וואָס גיכער איז אַלץ בעסער, מעהר פּלאָנען זיך האָב איך שוין קיין כּח נישט. עס מיז באַלד געהמען אַ גליק. גאָלדע בעדאַרף זיין מיינע!... מיט דעם דאָזיגען געדאַנק בין איך איינגעשלאָפען און געהאַט זיסע גוטע חלומות.

אויפגעשטאַנען בין איך אַביסעל שפּעטליך אויפ׳ן טאָג און האָב בייַ מיר אָבגעמאַכט, עס זאָל אפילו דונערן און בליצען, מוז איך היינט פאַרנאַכט מיט גאָלדען מיך דערקלערען. דענסטמאָל איז גראָד געווען פאַר פּסח, גאָלדען איז זעהר איינג געווען, זי האָט בעדאַרפט זעהר פיעל האָבען און נאָך נישט געהאַט קיין אָנהויב אויף יום־טוב. צו מיין זאַך איז דאָס געווען פּינקט די בעסטע צייט. אַז איך בין גע־קומען צו גאָלדען, האָב איך זי געטראָפען איינע אַליין זיצענדיג איבער דער אַרבייט. די אַלטע איז געלעגען אין בעט אונטער די שפּאַניש־ווענטלעך, און שיינדעלע געבען איהר. מען האָט פון דאָרט נישט מעהר געהערט ווי אַ הוסטען — דאָ היסט די אַלטע און דאָ שיינדעלע, ביידע האָבען געקייכט אין איין אָטהעם, גלייך ווי זיי האָבען זיך פאַרהערט, ווער פון ביידע קייכט שטאַרקער. דערצו האָט נאָך צוגערילצט אַ גריל, און אינאיינעם איז אַרויסגעקומען עפּיס אַ משונה־שרעקליכער קאָנצערט. גאָלדע איז געווען פאַרזאָרגט, אַלץ געגעהט, געמאַכט מיט דער נאָדעל און נישט פערגונען זיך אפילו אַ רגע אויפצוהויבען דעם קאָפּ.

איך האָב מיר אָנגעהייבען אַ שמייעס מיט מיכּר זאָגען, האָב גע־מוסר׳ט גאָלדען, פאַר וואָס זי האָרעוועט אַזוי איבער די קרעפטען, פערלירט איהר געזונד און האָט נישט קיין רחמנות אויף זיך אַליין, ניעט אויף דעם הויזגעזינד, וואָס האַלט זיך אינגאַנצען נאָר אויף איהר, און נישט אויף איהרע גוטע פריינד, וואָס איהר געזונד איז זיי שטאַרק טייער און וואָלטען פאַר איהר דאָס לעבען אַוועקגעגעבען... גאָלדע האָט בייַ די דאָזיגע ווערטער אויף מיר אַ בליק געטאָן און אין דעם בליק איז געלעגען עפּיס אַזוינס, וואָס איז שווער איבערצוגעבען. איך האָב גערעדט נאָך מעהר בעהאַרצט, וואָס ווייטער־ווייטער אַלץ מיט מעהר פייער און בין אַרויס לסוף מיט דער גאַנצער שפּראַכע, אַז זי איז מיר ליעב ווי דאָס לעבען און איך וואָלט מיך געשעצט איבערגליקליך,

װען איך זאָל מיט איהר חתונה האָבען. גאָלדען איז די נאָדעל פֿון די פינגער ארױסגעפאלען און זי איז געבליבען װיזער צומישט, אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף בײדע הענד. אויף אַ פּאָר מינוט לעדך בין איך אנשװיגען געװאָרען, עס האָט מיך בעשלאָגען אַ שװײס און דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק געקלאַפּט, גלײך װי איך װאָלט איבערגעגאַנגען אַ הײבען באַרג.

דאָס הוסטען און קײכען פֿון אונטער די װענטלעך איז אַלץ געגאנגען שטאַרקער און שטאַרקער. אַ צובראָכענע שײב פֿון פֿענסטער האָט זיך געשאָקעלט אַהין און אַהער פֿונ׳ם װינד און צוגעקלאַפּט צום טאַקט עפּיס זעהר מרה־שחורה׳דיג. מיר האָט זיך געפענט װײטער אַ מיל, איך האָב גערעדט מיט הין, גערעדט־גערעדט און אַלץ אײנגערעדט גאָלדען. איך האָב געשילדערט איהר איצטיגע לאַגע, װי זי איז געקװעטשט פֿון אַלע זײטען, איך האָב איהר אָנגעװיזען אויף דער קראַנקער, שלאַפער מאַמען מיט שײנדעלען, װי זײ לײדען נעבעך און קומען אָב. נאָר צוליעב זײ אַלײן בעדאַרף זי עס טאָן. בײ מיר װעט דאָך זײ אַלע, אם ירצה השם, זײן גוט, מיר װעלען לעבען גליקליך און צופֿרידען, אַז גאָט און לײט װעלען הנאה האָבען. גאָלדע האָט מיר אַרײנגעקוקט אין פּנים און הײסע טרעהרען אין גרױסע טראָפּענס, װי פּערל, ראָבען איהר געטריפט פֿון די אויגען.

— לאָזט מיך צורוה, אַ קורצע צײט — האָט זי זיך אָנגערופֿען עפּיס מיט אַ קול פֿון געבעט, גלײך װי אײנער װאָס איז אין דער קלעמם — איך װעל מיך אַביסעל בעטראַכטען, זיך מישב זײן מיט דער מאַמע און אײך געבען אַ קלאָרע תשובה.

אַז איך בין געקומען אויף מאָרגען צו גאָלדען, האָב איך זי נעבראָפען װײנענדיג. אונטער די װענטלעך נעבען דער קראַנקער מאַמען. די אַלטע האָט מיך אָנגענומען בײ דער האַנד און געזאָגט, אָנװײנענדיג מיר מיט׳ן קאָפּ אויף גאָלדען, אַז זי װילגט אײן אָבצוגעבען מיר אין די הענד אַרײן איהר טײערן בריליאַנט, איהר שאַץ, איהר מתנה פֿון זײן ליבען נאָמען; נאָר איך זאָל אָבער װיסען, װי זי טײער צוהאַלטען, װי זי צו שאַצען. דערבײ מאַכי האָט זי צוגעשטעלט אַ פּונקט, אַז איך זאָל זיך אָבזאָגען פֿון מײן שטעלע, װאָרום װי אַ גרױסער חשיב איך בין, פֿאָרט מאַכ בין איך דאָך נאָר אַ משרת; און איהר גאָלדעניי׳ן אָבגעבען פֿאַר אַ משרת איז איהר ניט לפֿבוד, אייך איז נישט לכבוד איהר מאַן, גאָלדעס טאַטען, עליו השלום, און איהר גאַנצער משפּחה. איך האָב

מיך אַקעגען דעם געשטעלט, איהר אויסגעזעהן ווי ס'איז נישט גוט, נישט קלוג, אַבציזאָגען זיך פון אזא גילדענער שטעלע, וואָס טראָגט מיר פיעל איין און איך קען דאָרט מיט דער צייט ווערען אַ מענש, וואָס אַ מענש הייסט.

— אַ סך מיוחסים, כ'לעבען — זאָג איך מיט גדלות — ליגען מיר אַ מאָל צו די פיס, זענען מיר מקנא און ווּעלען מיר ערשט שפּעטער, אם ירצה השם, נאָך מעהר מקנא זיין. נישקשה! איך בין שוין איצט אזא מיוחס ווי זיי אַלע. נאָר ווי די מעשה איז, אצינד אָבזאָגען זיך איז זעהר קרום, אַ גרויסע עברה. לעת־עתה איז פיעל גלייכער אין אַלע איפנים, איך זאָל נעבען איסר'ן אַי נאָך דער חתונה מאַכען ווייטער בלייבען. וואָס מאַכט עס אויס? זאָל זיך דאַכטען, איך בין אַ קרעמער און זיין גאַנצענע טעג אין קלייט, אָדער איך בין אַ סוחר און פאָהר די גאַנצע זאָך אַרום. אין ליידיגע צייטען, ווי אַיך שבת און יום־טוב, וועל איך מיר צוברענגען ביי זיך אין דער היים. לעת־עתה מוז זיין אַזוי און שפּעטער איז דאָך גאָט אַ מאַטע... מסתמא וועט שוין זיין רעכט... אַי, וואָס, אַייך קומט אַלין פאָר פאָרט עפּיס משרת, ס'איז אַייך עפּיס פריקרע פאַר דער וועלט, נו, ווּעלען מיר אָבמאַכען די חתונה שטיל אָהן דער פּומפּע, אָהן רעש, אָהן געפּילדער און זיך מוזען בעגעהן אָהן די אַלע מיוחסים. אָט פון וועמען, מ'שטיינ'ס־געזאָגט, מען האָט דאָ צו רעדען!...

דער שפּיץ איז געווען, מיינע רעד זענען אָנגענומען געוואָרען, און מיר האָבען געמאַכט אַ האַנדשלאַג.

— זעה־זשע, זאָלסט אָבהיטען מיין בריליאַנט, חשוב האַלטען מיין קינד, מיין טייערע נשמה! — האָט די אַלטע נאָך אַ מאָל מיך געבעטען און זיך צוזיינט. גאָלדע מיט שיינדעלען האָבען אויך געוויינט, געחליפּעט, און איך בין דענקמאָל געווען אויף דעם זיבעטען הימעל פאַר פרייד, וואָס מיר איז געראָטען אָבצוטאַבען די זאַך גלאַט, אַזוי ווי איך האָב מיר געוואונשען.

ל"ג־בעומר אין אַ שעניעם טאָג בין איך מיט גאָלדען אינאיינעם מיט דער מימע און שיינדעלע זיך דורכגעפאָהרען נישט ווייט אין אַ דערפעל, און פאַר אַ טנין יודען דאָרט אָבגעשטעלט אַ שטילע חתונה.

כא.

די ערשטע צייט נאָך דער חתונה האָב איך געהאַט מיט גאָלדען זעהר אַ גוט לעבען. אַלע אין שטוב זענען צופרידען געווען. איך בין מאקי ווי פריהער געזעסען ביי איסר'ן אין הויז, האָב מיך געהאַלטען אין איהם איינגעפעסט און געאַרבייט אין מיין זאַך זעהר געשמאַק, נאָך פיעל געשמאַקער ווי אַ מאָל. מיר איז קיין רגע נישט אַרויס פונ'ם זינען, אַז איך בין אַ בעזייבטער און בעדאַרף האָבען געלד. איך האָב מיר גוט איבערגעחזר'ט אין קאָפּ די אַלע הלכות „קליין מענטשעלע" מיט אַלע פירושים פון רב איסר'ן, אויך מיט מיינע אייגענע הגהות, וואָס איך האָב דרינען ווי אַ למדן מופלג איינגעטאָן שטאַרק שבלדינע גאָר אַ חריפות. לאָז די וועלט פון איצט אָן פיהלען, וואָס פאַר אַ גרויסער למדן, וואָס פאַר אַ כלי־שלמה, אַ צאַצקעלע איך בין, לאָז זי נאָר מאקי פיהלען, אַז איך האָב אַ ווייב, אַז איך בין אַ בעל־הוצאה און בעדאַרף דינגט אַ סך האָבען; לאָז זי געבען געלד און איבערשטעהן מיינע הוצאות. ניש'קשה, די וועלט איז נישט קראַנק, דער רוח וועט זי נישט נעהמען! — אַזוי האָב איך בי מיר אין האַרצען אָבגעמאַכט און אַרויסגעצייכענט די מקחים אויף מיינע אַלע אָנשטעלען, וואָס איך האָב אָנגעהויבען שטאַרק מיט חשק צו מאַכען.

איסר'ס גביר, דער גרויסער בער, האָט געטאַנצט ביי איסר'ן אין דער איבער־קאָמעדיע, און איסר אַליין האָט געטאַנצט ווי אַ בערעלע אין מיין אונטער־קאָמעדיע. מיר האָבען ביידע געהאַט גרויס שפּיע. דער גאָרישער עולם איז ביי אונזליכער געלעגענהייט צו אונז געגאַנגען בעטען, אַז מיר זאָלען טאָן, מיר זאָלען העלפען, און דערפאַר געצאָהלט געלד אין טאָג אַריין. מיר האָבען געמאַכט די שפּיל און זענען ביידע געווען צופרידען. איך האָב בעקומען אַ גרויסען חשק צו געלד. וויפיעל איך זאָל נישט געוועזען פעדרינען, איז מיר אַלץ וועניג געווען, און האָב שטאַרק געציטערט איבער'ן קערבעל.

אין דערהיים ביי מיר האָט מען געלעבט זעהר קאַרג. איך פלעג

וועקן איינגעפּערט, איינקאַרגען, ווי וויט נאָר מען קען, און וועהר ברענ־זין, אַז ס׳פּלעגט אַזעקגעהן אַנ׳איבעריגער גראָשען. די אַלטע פּלעגט זיך דערוויף בלאָזען און אַ מאָל זאָגען, אַז איך צעהל די גרויפּען אין מאַג־אַריין און פערגין קיינעם נישט דעם ביסען. איך פּלעג מיך צוריק בלאָזען און איהר געבען שטעכווערטלעך, אַז אויף פּריצים איז איטליכער אַ וואָרן; אַז מען זאָל מיך אומזיסט האָרעוועען — מהיכא־תיתי, וואָלט איך איך קיין קאָרג׳ער נישט געוועזען. גאָלדען פּלעגען אַזעלכע ווערטער קרענ־קען, זי פּלעגט אַוש געל און גרין ווערען, און נישט איינמאָל נאָר אי־צוליב דעם צווישען אונז אַרויסגעקומען אַ רוגז. ס׳איז אַ מאָל געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב מיאוס מיך צוקריגט מיט גאָלדען, זי גראָב בע־לייריגט, געזידעלט ווי אַ משרת קען, בין איך אין כעס אַרויסגעלאָפען פון שטוב, אַ שטאַרקען קלאַפּ געגעבען מיט דער טיר, און אַקעגען אַ וואָך נישט געקומען אַ היים.

די פריערדיגע היסע ליבשאַפט מיינע האָט אַלין וואָס ווייטער־ווייטער זיך אָבגעקיהלט. גאָלדע׳ס שען פּנים איז ביי מיר געוואָרען אַ געוועהנטליכע זאַך, איך האָב שוין דרינען גאָר נישט עפּיס אַזוינס אַרויסגעזעהן, אַ פּנים ווי אַלע פּנים׳ער מיט אַ נאָז, מיט אויגען. גאָלדע האָט ביי מיר פערלאָרען דעם חן און אויסגעזעהן פּראָסט אַ ווייבעל ווי אַנדערע ווייבלעך. איך האָב אין האַרץ חרטה געהאַט אייף דעם גאַנצען שידוך, צו וואָס האָט דאָס מיר געטויגט, האָב איך ביי מיר געטראַכט, נעהמען מיר אַזאַ שווערען יאָך, אַ גאַנצע געזינד, וואָס פּרעסען מיר אָב דעם קאָפּ און ברענגען מיך אוים? נאָר אַ בייזע שעה איז אייף מיר דעמאָל אָנגעקומען, וואָס איך האָב מיך געלאָזט פערפיהרען פון אַ שען פּנים׳ל און אויבגעבראַכט דערויף אַזוי פיעל געלד. וואו איז דעמאָלט געוועזען מיין שכל, מיין פערשטאַנד? האָב איך מיך נע׳חידוש׳ט; ווי קום איך צו אַזאַ נאַרישקייט? איך האָב אַלין ביי מיר גערעכענט, וויפיעל די נאַרישקייט האָט מיר אָבגעקאָסט, מיט וויפיעל איך וואָלט איצט רייכער געוועזען, אַז איך זאָל זי נישט געוועזען טאָן. און דאָס האָט מיך שטענדיג געערגערט אַזוי, אַז איך פּלעג מחמת דעם זיך אַלין קריכען, קוקען אייף איטליכען און שטוב מיט אַ פינסטער פּנים און האָב נישט גערעדט דאָרט מיט קיינעם קיין גלייך וואָרט. און אַ צייט פון אַ פּאָר יאָהר איז גאָלדע פון מיר געניג אויסגעשטאַנען, זי האָט געהאַט פון מיר די גאַל, נאָר זי האָט אַלצדינג אַראָבגעשלונגען און פּלעגט אַפילו נישט היך וויינען, קיין פּיפּס אַפילו נישט געטאָן.

אין מיטען-דרינען בעדאַרף זיך גראָד טרעפען, אַז דער גרויסער גביר, הגדול והנורא, ביי וועלכען איסר איז געווען די נשמה, זאָל נאָר פּלוצלים אַ שטאַרב טאָן און די ווינט-מיהל מוז בלייבען שטעהן — די רעדער קענען מעהר זיך נישט דרעהען! ... מיט דעם גביר'ס טויט ווערט שוין רב איסר אויס נשמה, און מיט רב איסר'ס אויס-נשמה ווערען ווייטער איך דאָך איך ממילא אויס נשמה, אויס אַלין מיט-אנאַנדער. דער עולם האָט ביסלעכווייז זיך אַרומגעקוקט, זיך אָבגעהאַלטען ביז ער האָט מיט דער צייט שוין גאָר איינגעהערט צו געהן מיט בקשות צו איסר'ן. דערצו נאָך איז איסר'ן שוין טאַקי שטאַרק צוגעטרעטען דאָס עלטער, ער איז געוואָרען איינגעשרומפּט, עפּיס נאָר עיבר-בטל, נישט דאָס פּנים, נישט דער שכל, די חכמה, וואָס אַ מאָל. היינט אַז איסר איז אויס השיב געוואָרען, פאַרשטעהט זיך דאָך, בין איך אויך אויס השיב געוואָרען און שוין מעהר נישט געגאָלטען, אַקוראַט ווי אַן אָבגעריפּענע מטבע. ביי איסר'ן בין איך נאָך אַלין טאַקי געבליבען דער איינענער השיב, און נישט אויפגעהערט ביי איהם צו גילטען; נאָר ווי באַלד אָבער ער האָט מיר שוין מעהר נישט געקענט נוצען, האָב איך איהם בעדאַרפט אויף ניינציג טויזענט כפרות, איך האָב איהם אַזוי געהערט ווי אין טשערנעוויץ די מגילה. אַזוי האָט דאָך געזאָגט איסר וואַרגער! זיינע ווערטער. איך האָב דאָך בקבלה טאַקי פון איהם אַליין. איך האָב נישט לאַנג געטראַכט און אָבגעטראָטען פון איסר'ן, וואָס ער האָט ביי מיר אַ פּנים געהאַט ווי אַ נבלה.

אַ גע'פגר'ט בעשעפעניש מאַכט אויף דעם מענשען נישט אַזאַ טרויעריגען, שלעכטען רושם, ווי אַ בעשעפעניש, וואָס איז „חי גע'פגר'ט" און האָט נאָך פאַרט אַ סימן לעבען. איך זאָג עס אַקעגען מיר און אַקעגען נאָך אַ סך נפשות, ווי אַ שטייגער, אַקעגען אַן אויס-געוואָרענעם בעל-טאַקסע, אַן אָבגעזאָגטען שתדלן, אַן אויס-געמאַכטען מאַכער, אַ וואָכענדיגען כלי-קודש און אַלערליי מיני פערשיידענע, אַראָבגעוואָרפענע קהל'ס-לייט. מילא אַ פּגירה איז האָטש אַ פּגירה, עס לעבט נישט און בעדאַרף נישט קיין שום זאַך; יענע לייט אָבער, יענע נפשות, אַז זיי ווערען אויס און פערלירען זייער פּרנסה, און וועלכער דאָס חיות זייערע איז געהאַנגען אַ צייט מיט יאָהרען — זיי נעבעך ווערען אמת מאַקי פּגירות, אָבער לעבעדיגע צאַפּעלדיגע פּגירות, פּגירות — וואָס ווילען עסען, טרינקען, האָטש אַ ביסעל משקה, און בעדאַרפען אַלצדינג טאַקי האָבען! נאָר וואָס העלפט עס אָבער, אַז זיי קענען זיך נישט ריהרען;

אז די ווענט, לאַ־טליכטס, גרויסע בּיטערע קאַליקעס, האָבּען, דאַכט זיך, אַ מויל, הענד און פיס און טייגען נישט פון דאַנען אַהין!...

דאָס תּאָרין, כּ׳לעבען, דינט קיקענדיג אויף אַזעלכע לעבּעדיגע פּגירות, אַזעלכע שלים־מזל׳דיגע, מחילה, פערשטונקענע בּעטעטעניש!

אָט אַזאַ טין בּעטעטעניש בין איך געווען, נאָכדעם אַז איך האָב אָבּגעטראָטען פין איטרין. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס מען טהוט, צו וואָס מען נעהמט זיך, וואָרום חוץ מיין קליין טענשעלדיגע פּרנסה האָב איך דאָך גאָר נישט געקענט און צו קיין שום זאַך נישט געטויגט. די לאַנגע מיינע איז דענסטמאָל געווען ווערד אַ שליבעטע. איך האָב געלעבּט פון׳ם גרייטען: געבּישען קערבלעך און געגעסען. און ביי איטליכען קערי־בּעל, וואָס איך האָב צובּישען, איז מיר אָבּגעפאַלען אַ שטיק פלייש, געשטאָרבען געוואָרען אַנ׳אבר. שטענדיג בין איך געווען אין כּעס, האָב קיינעם אין שטוב נישט פערגונען דאָס לעבען און צו איטליכען בּעזונדער זיך געזיכט. ביי איטליכען גראָשען, וואָס איך האָב נאָלדען געגעבען אויף דער הוצאה, פלעג איך איהר פערצאַפּען דאָס בלוט, אלין זאָגען: וואָס וויל מען פון מיר האָבען? איך קען נישט אויסהאַלטען אַזאַ געווינד.

די אַלטע האָט פין מיר געקייעט די ערד, זי האָט זיך פאַרעבּין און האָט פאַר האַרצווערהטאַג מסיכן קראַנק זיך אַריינגעלעגט אין בעט אַריין. מען האָט געזעהן, אַז עס עקט זיך דאָס לעבען, זי וועט נישט געדויערן לאַנג, איך בין זיך מודה, אַז איך האָב איהר געוואונשען דעם טויט און עס האָט מיר אין האַרץ הנאה געטאָן, וואָס באַלד וועל איך פּטור ווערען פין אַ מויל, און די הוצאה וועט קלענער ווערען. דעריבּער האָב איך מיך פאַרשטעלט, זיך געמאַכט, כּלומר׳שט ווי איהר קרענק ריהרט מיך ביי דער נשמה, איך בין גאָר אויס מענש. איך האָב נישט געקאַרגט אויף קיין דאָקטאָר, אויף קיין אַפּטייק — אַבי גיכער זי זאָל שוין זיך איבּערפּעקלען... איך האָב זי בּעזיגט ווי אַ געטריי קינד, גאַנ־צע נעכט נישט צוגעמאַכט קיין אויג, איהר אַיינגעגעבען די רפואות און געטראַכט דערביי: ווען וועט דער מלאך־המות דיך שוין צונעהמען? ביי איטליכען אין שטוב בין איך געהייבען געוואָרען פאַר מיין געטריישאַפט, דערפאַר וואָס איך לעג מיך דאָ אַזוי אַוועק און מען האָט מיר פאַרגעבען אַלע עבירות, וועלכע מען איז פין מיר פריהער איבּערגעטראָגען. גאָלדע פלעגט מיך אָפט טרייבען פון דער מיטעדס בעט, איך זאָל געהן אַבּי־סעל מיך איבּערוהען, נאָר זי האָט עס ביי מיר בשום אופן נישט געקענט פועל׳ען,

— גענע דו — האָב איך איהר דערויף געזאָגט — דו. גענבעך, גענע לעג זיך אַביסעל צו און איך וועל מיר דאָ בלייבען אליין, נישט׳קשה.

איך דערמאָן מיך איצט מיט שרעק יענע ווינטערדיגע נאכט, ווען די אַלטע איז געלעגען שטאַרק פערדולט מיט פערגלאָצטע אויגען. גע־רעדט עפּיס נישט צו דער זאַך און אין האַרץ האָט ביי איהר שרעקליך געהריפּעט, אזוי אַז מען האָט געהערט אויף דער גאַנצער שטוב, גלייך ווי עמיצער וואָלט געזעגט האָלץ. גאָלדע איז נישט מיט נישט לעבעדיג געזעסען נעבען בעט אויף אַ בייגקעל מיט רויטע פערוויינטע אויגען און געבראָכען די הענד. שיינדעלע, די אויסגעבליכטע, אויסגעדאַרטע, אויס־געטריקענטע שיינדעלע, האָט מיט אַ פינסטער פנים געקוקט אויף דער גוססה־למות׳ר מאמע, געקוקט און געהליפּעט, און הליפּענדיג זיך שרעקליך פער־הוסט. פלוצלים האָט די אַלטע זיך אויפגעזעצט, געקוקט אויף איהרע קינדער און מיעף פּנ׳ם האַרצען דערלאַנגט אַ זיפץ.

— איך בעט דיך — האָט זי אויף אַ שלאַף קול צו מיר זיך אָנ־געריפען, נאָכדעם אַז זי האָט פריהער אָקעגען אַ מינוט שווייגענדיג מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ בליק, וואָס האָט מיך דורך און דורך דורכגע־נומען און אַלע גלידער — איך בעט דיך, האָב רחמנות אויף מיינע קינ־דער! זיי בלייבען, נעבעך, עלענד ווי אַ שטיין — יתומים אָהן פאָטער און מוטער, אָהן אַ קרוב, אָהן אַ גואל... איך וועל רוהיגער געהן פון דער וועלט, רוהיגער ליגען אין קבר, אַז דו וועסט מיר עס היילג צו־זאָגען און טאַקי מקיים זיין...

זי האָט ווידער אַ מאָל אַ זיפץ געטאָן, אַרויפגעלעגט איין האַנד צו גאָלדען, די אַנדערע צו שיינדלען איפ׳ן קאָפּ און זיי געבענטשט שטילערהייט, קיס־קים וואָס מען האָט געהערט איהר קול. ביידע קינדער זענען צושמאָלצען געוואָרען ווייגענדיג און צוגעפאַלען צו דער מוטער, וואָס האָט זיי געהאַלזט, געקישט, צוגעקוועטשט צו איהר האַרץ. זי איז באַלד מאַקי אָהן כח אַנידערגעפאַלען ווידער אויף איהר געלעגער, זיך אומגעקעהרט מיט דעם פּנים צו דער וואַנד, אַ הראָפּע געטאָן — און אַנשלאָפען געוואָרען אויף אייביג...

גאָלדע מיט שיינדעלען האָבען אַרויסגעלאָזט אַזאַ יאָמער, אַזאַ ביטער קלאָג, אַז אַ שטיין האָט עס געקענט אַפילו ריהרען. איך האָב פאַרשטעלט דעם פּנים מיט ביידע הענד און — ס׳איז אַ וועהטאָג,

א חרפה, א שרעק צו זאָגן — און עפּיס א שמייכעל געטאָן צופרידען, ווי איך האָלט פון מיר א שווערע משא אראָבגעוואָרפען.

די אלטע. דאָס איז געווען לעת־עתה דער צווייטער קרבן, וואָס איז דורך מיר געפאַלען. שפּעטער אביסעל האָט בעדאַרפט געהן א גאַנג 'אייך דער דריטער קרבן — די דאָרע איינגע־טריקענטע שיינדעלע!...

כב.

מיר איז דערנאָך שטאַרק נמאס געוואָרען צו זיצען אין דער הים
מיט פארלייגטע הענד, און לאָזען שיסלען די גוטע מתנה, דאָס שבארקע
געפיהל פון אַ קליין מענשעלע, וואָס איך האָב אין מיר געדאַכט. אַ עברה,
כ׳לעבען, אַז אַזאַ געפיהל זאָל פערפאַלען ווערען, אַזאַ גוטע מתנה זאָל
פיילען, ווערען אַ לענער=סחורה, און דער צייט אַז איך בין נאָך יונג בים
אלע קרעפטען און וואָלט דערמיט געקענט מאַכען דאָס בעסטע געשעפט,
נעה! אין גאָלד! איז דען נאָר, האָב איך געטראַכט, אין צבי׳ע׳ס׳יין א
וועלט, און וויטער איז שיין מעהר נישטאָ קיין אנדערע שטעדט מיט יו=
דען, וואו מיין סחורה זאָל האָבען אַ׳ן אָבגאַנג? די וועלט, ברוך-השם,
איז גרויס. עס זענען דאָ נאָך יידישע שטעדט. יודען זענען איבעראַל יו=
דען מיט איין טבע, מיט איין כאַראַקטער, און יודישע מאַכערס, יודישע
גבירים זענען איך דאָ, אָהן עין=הרע, ווי מיסט, וואָס לאָזען זיך
מבתנא נעהמען אויף דער אַרענדע און וואָס מען קען מיט זיי מאַכען
די שפּיל! צו וואָס=זשע זאָל איך פערזיצען מיין לעבען, פוילען דאָ אין
דער היים ביז איך וועל אויפעסען מיין ביסעל געלד און ליידען דערנאָך
דחקות, צרות און לייד ווי אַ מאָל, וואָס אַז איך דערמאָן מיך נאָך אַ
צונד, ציטערט אויף מיר די הויט און עס שטעלען זיך מיר קאָפּ די
האָר? ניין, בלייבט ביי מיר, כען בהאר דאָ מעהר אַזוי נישט זיצען!
כל=זמן איך בין נאָך יונג און האָב נאָך שענע עטליכע גילדען, מוז איך
פּריוועון דאָס גליק און אויף מזל זיך אַוועקלאָזען.

— זיי געזונד! — האָב איך אין איין שענעם מאָרגען געזאָגט נאָ׳דען,
וואָס איז דענסמאָל געווען מעוברת, און בין אַוועק אין דער
וועלט אַריין.

גליפּסק איז דער בעסטער פּלאַץ. וואָס איז מיר באַלד געפעלען.
ז׳ איז אַ גרויסע יודישע שטאָדט מיט אַ סך גבירים. וואָס לאָזען זיך

פיהרען בײ די נײַע פון איטליכען בעזונדער און איטליכער טראָגט נאָך די נאָז זײַנע אקעגען, שטיפט זיך מיט איהר פאָראויס, כבדי מען זאָל זי אָננעהמען בײ איהם צום ערשטען, ווייל ער מיינט, אַז לאָזען זיך פיהרען בײ דער נאָז איז אַ חיוב, אַ יודישע זאך, וואָס אַנדערש קען עס גאָר נישט זײַן. גלופּסק איז אַ שטאָדט מיט זעהר פיעל חברות, מיט אַלערהאַנד גבאים, מיט אַלע מיני כלי־קודש און מיט אַלערליי שעה־נע יודען. און גאָט שפּייזט פון די געהערנערטע בופלאָקסען ביז די איי־ער פון די כנים, ער שיקט דאָרט די דאָזיגע מיני בעשעפעניסען אויך צו זייער פרנסה בכבוד. קורץ, גלופּסק איז מיר באַלד מאַקי זעהר געפעלען, פאַר מיר אַקיראַט ווי געוואונשען. זי איז פאַר מיר גע־ווען דאָס, וואָס אַ שטענדיגע זומפּיגע בלאָטע איז פאַר אַ זשאַבע, וואו זי קען זיך קוואַקען און צופיהרען אַביסעל די הענד.

דענסטמאָל בין איך אַלט געוועזען אַ יאָהר דריי־פיער, און, מי יודע, אפשר פינף, זעקס, זיבען און צוואַנציג יאָהר. איך האָב מיינע יאָהרען נישט געצעהלט, און ווי אַ סך יודען בײ אונז, און יענער צייט, נישט געוואוסט, ווען איך בין געבוירען געוואָרען, און דאָס איז אויך נישט געשטאַנען פערשריבען, — וואָרום אַזוי, פאַרשטעהסט איהר, איז געווען גלייכער... און גאָר אַ הויז דעם, צו וואָס האָט עס געטייגט וויסען דער טאָג פון געבוירען ווערען איז בײ מיר, ווי בײ אַנדערע יודען, נישט קיין יום־טוב. יאָהר־צייט פונ׳ם יום־המיתה — דאָס געדענקט אַ יוד, אָבער יאָהר־צייט פונ׳ם געבורטס־טאָג — צו־וואָס? עס קומט אויס עפּיס משונה ווילד. געלד האָב איך בײ מיר געהאַט, און דעריבער איז מיר גרינג געוועזען בעקאַנט צו ווערען מיט די גלופּסקער פיינע בריות. זאָגען פלעג איך זאָגען, אַז איך טראַכט דאָ מאַכען עפּיס אַ געשעפט, אָבער און אמת אַריין האָב איך גאָר אַרויסגעקוקט אויף מיין אַרענדע, וואָרום חוץ דער אַרענדע האָב איך געטייגט אויף גאָר ניינציג כפרות. מיין גאַנצע כונה איז געוועזען צו נעהמען דאָרט דעם גרעסטען גביר אויף דער אַרענדע און מאַכען מיט איהם די קאָמעדיע, ווי רב איסר אַמאָל מיט זײַן גביר.

ווי איהר ווייסט דאָך, איז דער גלופּסקער גביר געווען אַ גרויסער פאָרנעהם אין דער גובערניע. זײַן כח איז געווען גאָר קיין קאַטאָוועס ניט. און ווי גרויס, אַזוי פּראָסט איז ער בײ זיך געווען. ער האָט ליעב געהאַט זיך אָבצוגעבען מיט אַלע נאַרישקייטען, און צו ווי־

סען אַלצדינג, וואָס פּערלויפט זיך אין שטאָדט, וואָס קאָכט זיך בײ איטליכען אין טאָפּ. און דאָס איז דאָך פאר מיר געוועזן מאַקי אַזוי ווי אָנגעמאָסטען, אַזעלכע ווי ער האָב איך מאַקי ווי אין לעבען אַרײַן בעדאַרפט האָבען. מיט אַזאַ כח ווי ער, האָב איך געפיהלט, קען מען דרעהען רעדער, קעהרען וועלטען. נאָר ווי אַזוי אָבער קומט מען צו איהם? ווי אַזוי דערטאַפּט מען איהם אין די הענד אַרײַן? דערצו, האָב איך אַרויסגעזעהן, קען כמעט אַנדערש נישט קומען, סײדען צו ווערען אַ עכטער גלופּסקער תושב, אַרײַנצודרעהען זיך ווי אַ אײגענער צווישען די גלופּסקער כלי־קדש און ווערען מיט זײ פּערקניפּט אין פּערבונדען. איך האָב אָנגעהויבען מכח דעם שטאַרק צו טראַכטען.

דערווייל איז אַוועקגעגאַנגען אַ היבשע צײַט און איך בין מיט דעם פלאַץ אַלין וואָס ווייטער מעהר בעקאַנט געוואָרען. שדכנים האָבען מיך נישט געלאָזט רוהען און אַרום מיר זיך געדרעהט, ווי די בינען. זײ איז געפעלען געוועזן, אַז איך בין אַ אַלמן. פון וואַנען זײ האָבען דאָס געוויסען, ווייס איך אַליין נישט, פאַר זײ איז, אַ פּנים, גענוג געוועזן דאָס אַליין, וואָס איך בין אַ מאַנסביל און זיץ אַ צײַט אָהן אַ ווייב, מסתמא בעדאַרף איך און וויל התונה האָבען, אַנדערש האָט זײ זיך גאָר נישט געליגט אין קאָפּ. דעריבער פלעגען זײ מיך בעפאַלען ווי די הײשרעקען אין מיר אָנשלאָגען שידוכים. איך פלעג זײ צוהערען תמיד מיט אַ שמײכעל און בײ מיר טראַכטען, וואָס אַרט עס מיך, לאָזען זײ זיך רעדען, עס איז דאָך דערווייל גלאַט גוט, אַ פערגעניגען צו שמועסען פון כלות, צו פערברײנגען די צײַט אין אַ שמועס איבער שענע מיידלעך, און דוקא מיט וועמען? מיט פרומע יודען, וואָס רעדען פון מיידלעך, שמעלקען אַרוים זייער שענקייט, זייער פײַנקייט, וואָס לויבען־אָב אין מאָג אַרײַן זייערע מעלות און לעקען פון זײ די פינגער מיט גרויס חשק און התלהבות... מהיכא־תיתי, האָב איך געטראַכט, לאָזען יודען זיך רעדען, אפילו צוזעצטערהייט, וועמען קען עס אַרען?... די שדכנים האָבען דערווייל מיך צוטראָגען איף טעלערלעך און מיט זייערע רעד מיך אַרײַנגעבראַכט אין אַ גוטען שם בײ דער גאַנצער שטאָדט: אַז איך בין שטאַרק רײַך, אָנגעשטאָפּט מיט געלד, אַ יחסן, אַ קלוגער, אַ בריה— אַ מענש, איך זינג גאָר מחיה, דערצו בין איך נאָך אַ רימענט, אָהן אַ גאַל, מיט אַ יודיש האַרץ און מיט גילדענע מעלות. גאַנץ גוט, האָב איך מיר געטראַכט, רעדט, רעדט, יודישע קינדער, נאַט

איך אַ טרונק בראַנפען און רעדט ווי וויט איהר קענט!... אײנער פון די שדכנים האָט מיר צו לעצט אָנגעשלאָגען אַ שידוך, הקא נישט קיין געלד, אָבער מיט אַ גרויסען פײנע-בריה, מיט אַ בעריהמטען יחסן, אײנער אין דער וועלט.

דער גרויסער פײנע-בריה, מיט וועלכען מען האָט מיר גערעדט, האָט געהייסען מיט אַ פיערגאָרענדיגען נאָמען: רב יוסף-מאַרקעל רב מאָניש-לייבעלעס. ער איז געוועזען אײנגעטונקט אין יחוס, געשטאַמט פון'ס פאַרצייטיגען גליפבקער רב'ס געזינד. כל ימיו האָט ער קיין האַנד אין קאַלט וואַסער נישט אַרײנגעטאָן, נאָר פון דעם יחוס וײנעם תמיד ווער שען געלעבט און אויסגעגעבען קינדער. נאָט האָט איהם געלייטועליגט מיט אַ כך דאַרע, שוואַרצע, מיאוסע מיידלעך, צו אַלע מעלות נאָך גרויסע שלימזלניצעס, נאָר ער האָט זיי אַלע אויסגעבראַכט, ווי מען זאָגט, אויפ'ן לויט. גרויסע נגידים, ווי אַ שטייגער, אויפגעקומענע כשרהים, פלוצלים רייך-געוואָרענע קליינע מענשעלעך, פלעגען פשוט אײנגעהן מיט רב יוסף-מאַרקעל רב מאָניש-לייבעלס זיך משדך צו זײן און זיך אַײנקויפען הירבעם אין יחוס. קיים האָט זײנע אַ טאָכטער דערלעבט אַלט צו ווערען פערצעהן, פופצעהן יאָהר, האָט זיך שוין געפונען אויף איהר אַ בעלן, וואָס ער איז געשווינד פערלאָפען אַנדערע דעם וועג, אויסגעכאַפט די טייערע מציאה פון זײנע הענד און נאָך איהם געגעבען אין בייטעל אַרײן. דאָס מיידעל, וועלכע מען האָט מיר גערעדט, איז געוועזען נאָך שוואַרצער, מיאוס'ער פון איהרע אַלע איבעריגע שוועסטער, מיט אַ אויסגעוויקט פנים'ל, קליין, דאַר, ווי גרוגרת דר' צדוק — אַ פייג הייסט עס, ר' צדוק'ס אַ אײנגע-טריקענטע פייג!... און פערגלייך מיט גאָלדען האָט זי אַ פנים געהאַט ווי אַ מאַלפע אַקעגען אַ מענשען. דער שדכן אָבער האָט אין איהר קיין שום חסרון נישט געפונען, בײ איהם אין די אויגען האָט זי געהאַט דעם יודישען חן.

— מילא — האָט ער געזאָגט — מילא, אַז זי איז אַביסעל טונקעל, אָדער ווײס איך נאָך וואָס אַזוינס, נו מילא, וואָס מאַכט עס אויס? ווער קוקט איף אַזעלכע נאַרישקייטען און ווער עמען בעדאַרפען אַזעלכע קלײניגקייטען אָנגעהן? מילא וואָס מאַכט עס אַ יודען אויס שוואַרצליך צי ווײסליך אַביסעל? עט, אַלץ אײנס, כ'לעבען! דער עיקר איז דאָך דער קרן אַליין... אָט איף וואָס מען

בעדאַרף קוקען. און איוב דער קרן, וואָס איך גיב אַייך דאָ פאָר, איז גוט — דאָס, דאַכט זיך, קען אַ בלינדער אפילו אויך אָנטאַפּען.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב געלאָבט פון דעם שדכן׳ס דאָזיגע ווערטער. פונדעסטוועגען האָב איך הנאה געהאַט איהם איבערצוהערען און דער שדוך איז מיר אַלץ וואָס ווייטער מעהר אין קאָפּ אַריין. עס האָט זיך מיר געגעפּענט די אויגען און איך האָב דערזעהן, אַז דער איינציגער וועג, אויף וועלכען איך קען קומען צו מיין אַרענדע און מאַכען אַ גליק, איז טאַקי נאָר דורך אזאַ מין שידוך. רב יוסף־מאַרקעל רב מאָניש־לייבעל׳ס איז דאָך אַ כלי־קודש, אַ קאָבלעפּעל, אַ גבאי און אַ סך חברות איז אַיינגעזעסען ביי דעם גביר, וואָס לעגט אויף איהם גרויס כבוד אי האַלט זיך מיט איהם עצות מכח יודישע זאַכען, הייסט אַז איך זאָל ווערען זיינער אַ איידעם, וואָלט איך דאָך געוואָרען יעדער גרינג דעם גביר׳ס נשמה, ער וואָלט דאָך ביי מיר געמאַנט נאָר א וואונדער. איך וואָלט געוועזען געהאַט שפע, אַריין אין די גרייסע אלבוב און געלעבט גליקליך, נאָך אַ סך בעסער ווי איך האָב מיר אַ מאָל פאָר־געשטעלט! נאָר אַי, וואָס, דער קרן? זי איז דאָך מיאוס? נו, מילא, באמת טאַקי, וואָס מאַכט עס אויס! נו אַז גאָלדע איז א שענע, מילא וואָס־זשע קומט מיר פון איהר שענקייט אַרויס? אַלצדינג איז גוט מיט ברויט...

איך האָב מיך דערמאָנט אין גאָלדען, און געהאַט גרויסע צרות, וואָס זי הענגט מיר ווי אַ קאָלטען און איז אויסען אויף מיין נשמה. איך האָב זי אין האַרצען געשאָלטען און געטראַכט, ווי מען ווערט פון איהר פטור.

דער שדכן האָט דערווייל געמאָן זיינס, מיר אַלץ געפּיקט, געפּיקט דעם קאָפּ און געזאָגט, אַז באם איך וועל מיך נישט איילען, וועט אַיי־טערשפּרינגען אַ אַנדער בעלן און וועט איבערכאַפּען אַזאַ גליק, אַזאַ כשר׳ע מציאה ביי מיר פון די הענד. עס וועט מיר דערנאָך משונה באַנג טאָן. איך האָב מיך געלאָזט איינרעדען און דער שדכן האָט ווי אַ בריה מיך פלוצלים צונויפגעפיהרט מיט רב יוסף־מאַרקעל רב מאָניש לייבעל׳ס, פאַר וועלכען ער האָט אָנגעזאָגט אויף מיר הרים־וגבעות און איבערדערציהלט שבחים, נאָך מעהר ווי אויף אַ יודענס כתובה. אַלץ גוט, אַלץ שען, נאָר דער עיקר, וואָס דער מחותן האָט געפאָדערט, אי

געווען, איך זאָל נישט האָבען פונ'ם ערשטען ווייב קיין קינדער. פרעמדע קינדער אָנהאַנגען זיין כאָטשע האָט ער נישט געוואָלט בשום אופן; איך האָב איהם פערזיכערט, אז איך האָב נישט קיין קינדער, דער שדכן פון זיין ווייט האָט איהם וועגען דעם געשוואָרען ביי זיינע הייליגע נאמנות, אי ביי זיין חלק עולם-הבא ובדומה נאָך אזעלכע מיני שבועות... מיר האָבען למזל געמאַכט אַ תקיעת-כף און אָבגעלעגט די תנאים אויף אַ קורצע צייט שפּעטער. איך האָב מיך געשטאַרק געמיטען טראַכטען, צו געפינען עפּיס אַ מיטעל, ווי איך זאָל דערווייל אין דער ראָזינער צייט לויז ווערען פון גאָלדען — שאַ, שטיל, קיין האָהן זאָל נישט קרעהען.

כג.

אַקעגען אַ דריי וואָכען נאָך דעם תּקיעה-כּף איז אין צביעצישין אָזענד-צייט אַריינגעפאָהרען אַ ביד און זיך אָבגעשטעלט נעבען גאָלדעס שטוב. אַ קאַלטע לופט האָט געזועהט און אַראָבגעבלאָזען פון אַ טייל ביימער די געלע בלעטליך, וואָס האָבען ליגענדיג אויף דער ערד זיך שטילערהייט געשושקעט צווישען זיך עפּיס זעהר אומעטיג און אָנגעמאַכט אויף'ן האַרצען אַ מרה-שחורה. פונ'ם ביד איז אַרויסגעקראָכען אַ מענש, וואָס איז פאַמעליך צוגעגאַנגען צו דער טיר און געבליבען דאָרט אַביסעל שטעהן מיט אַזאַ מינע, גלייך ווי איהם וואָלט עפּיס פריקרע געווען אָנצונעהמען ביי דער קליאַמקע. דער דאָזיגער פּאַרשוין איז געווען מאַהן איך מיט מיין כבוד אַליין.

ביים אַריינקומען אין שטוב האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָהן אין האַרצען און איך בין געבליבען שטעהן נעבען דער טיר אָהן לשון. גאָלדע איז איינע אַליין געזעסען אויף דער ערד, אין אַ ווינקעל, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ, מיט דעם פּנים אַראָב, אויף אַ בּיינקעל, גלייך ווי זי האָט געדרעמעלט און נישט בעמערקט ווי איך בין אַריינגעגאַנגען. אויף'ן פענסטער האָט מיט אַ רויטען פלאַם געברענט אַ חלב'דיג ליכטעל, דערביי איז געשטאַנען אַ גלאָז וואַסער מיט אַ שטיקעל ליינוואַנט. איך האָב באַלד פערשטאַנען, וואָס דאָס אַלצדינג בעטייט, און אין מיר האָבען געקאָכט פערשידענע געפיהלען. איך האָב מיך דערמאָנט אין מיין ערשטען אַריינקומען אַהער, ווי פרעהליך, ווי שעהן דאָ האָט דעמאָלט אַלצדינג אויסגעזעהן; ווי שטאַרק צופרידען האָט דאָ אַ מאָל זיך געלעבט אַ אָרמע פאַמיליע; אַלע דאָ אין שטוב האָבען זיך ליעב געהאַט, האָבען געהאַט גוטע האָפנונגען אויף שפּעטער, און מיט דער האָפנונג געלעבט דערוויל זעהר גליקליך. פלוצלים האָב איך מיך אַהער אַריינגעכאַפּט, ווי אַ קאַץ אין אַ נעסט פון גליקליכע, צופרידענע טויבען און האָב פון איטליכען געמאַכט אַ עק. מיכל איז ערגיץ פערוואָגעלט, נישט צו וויסען, וואו זיין

געבּיין איז היננעקימען, די אלטע מוטער און שיינדעלען האָב איך געטריבען אין דער ערד אַריין, און אַצונד וויל איך אינגאַנצען עקען מיט גאָלדען — פּערוויסטען איהר אויף אייביג דאָס לעבּען...

איך האָב געטאָן אַ טריט ווייטער. גאָלדע האָט ווי פון שלאָף זיך אויפגעהאַפּט און מיך אָנגעקוקט אַ רגע, עפּיס ווי צומישט. מיט איהר בלייך פּנים, אויף וועלכען ס'איז געלעגען אויסגעדריקט די גרויסע צרות, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען, אי מיט איהרע רויטע פערשוואָלענע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט איהר פינסטער געמיטה, האָט זי אין מיר אויף אַ ווײַלע דערוועקט אַ מענשליך געפיהל פון רחמנות און איך האָב נישט־ווילענדיג אַ זאָג געטאָן: וואָס מאַכסט־דו, גאָלדע?

— אַ טייערער גאַסט, כ'לעבּען! — האָט גאָלדע מיט אַ טיפען ביטערען זיפץ זיך אָנגערופען און אַוועקגעקעהרט דעם קאָפּ — נאָך אַזאַ לאַנגע צייט שווייגען האָט ער זיך פאָרט דערמאָנט און איז געקומען מנחם־אבל זיין דאָס ווייב!... אָט וואָס איך מאַך, שבעה זיץ איך... אַך, שיינדעלע, שיינדעלע!...

— גאָלדע! — האָב איך אַ זאָג געטאָן, געמאַכט עפּיס מיט דער צונג און אַליין נישט געוואוסט, וואָס איך רעד. אַזוי צומישט בין איך געבּליבען פון איהרע לעצטע ווערטער, וואָס זי האָט עס געזאָגט אַזוי טרויעריג, אַז עס האָט געקענט ריהרען אפילו אַ שטיין.

— וויסט און פינסטער איז מיר דאָס לעבּען. איך וואָלט מיר בעסער געוואונשען דעם טויט, ווען נישט ער... קום! — האָט גאָלדע, אויפשטעהענדיג פון דער ערד, געזאָגט שוין ווייבער אַביסעל, מיך אַריינגעפיהרט אין אַלקיר אונטער די ווענטלעך און איז מיט מיר צוגעגאַנגען דאָרט צו אַ וויגעלע, וואָס אינוועניג איז געלעגען אַ שלאָפענדיג קינד, מיט ביידע צוגעמאַכטע הענטלעך אויפ'ן מיילכען און אַ זיס שמייכעלע איז איהם צייטענווייז איבּער־געפלויגען איבּער דעם פּנים'ל — אָט, צוליבּ ווענען איך וויל לעבּען! — זאָגט זי, אָנווייזענדיג מיר אויף דעם קינד און דאָס פּנים ווערט איהר דערבּיי לעבּעדיגער, פרעהליכער.

דאָס קינד האָט פּלוצלים געעפענט די אייגלעך, זיך גענומען זויגען אַ פינגערל, געבּעבּעט און געמאַכט קינדערשע אָנשטעלען. די מאַמע האָט גאָר אָנגעקוואָלען און פאַרגעסען אין דער מינוט איהרע ביטערע צרות, גלייך ווי זי אַליין איז געוואָרען אַ קינד.

— קוק נאָר, זוהן — האָט זי אויף קינדעריש גערעדט צום קינד — קוק נאָר, ווער דאָ שטעהט: טיאַ־טיאַ! מיט ליעב דיר דיין נאַסט! אָט איז דיין טיאַ־טיאַ, טיאַ־טיאַ!...

עס האָט אין מיר פלוצלים אָנגעהויבען צו זידען דאָס בלוט, איך האָב דאָך דעם מחותן געגעבען אַ וואָרט, אַז איך האָב נישט קיין קינד און אַצונד זעה איך נאָר ליגט פאַר מיר דאָ אַ קדיש, וואָס טויג מיר כּלל נישט צום עסק. דאָס געפיהל פון רחמנות איז מיר באַלד אויסגעלאָשען געוואָרען, איך בין געשטאַנען אָנגעלאָדען מיט אַ ברוגז'דיג פּנים און אָנ־געקוקט בייז דאָס אומגליקליכע קינד, נעבעך, וואָס האָט אָנגעהויבען צו מאַכען פיסקעלעך און שטאַרק צושדיגען זיך.

— שאַ, שאַ! — האָט גאָלדע צו איהם געמאַכט — שאַ, נאַרעלע, וואָס האָסט דו אַזוי מורא פאַר'ן טיאַ... פאַר דיין טיאַ־טיאַ? — און בשעת זי בוינט זיך אָן צום קינד, נעהם איך אַרויס פון בּוזעם־קעשענע אַ גע־שריפטס און טהו עס געשווינד אַ וואָרף איהר אין די הענד אַריין מיט די ווערטער:

— אָט האָסט־דו דיר עס פון מיר אַ גט!...

גאָלדע בלייבט שרעקליך צומישט, גלייך ווי מען װאָלט איהר גע־געבען מיט אַ האַק איבער'ן קאָפּ, זי גלאָצט אויס אַ פּאָר גלעזערנע אויג־ען און קוקט, נישט צו רעדען אַ וואָרט.

— הער נאָר אויס, גאָלדע! — רוף איך מיך אָב צו איהר — ווי די מעשה איז, דו ביסט מעהר ניט מיין ווייב, מיר געהערען זיך שוין ביידע נישט מעהר אָן. נאָר אַז דו וועסט קיין נאַר נישט זיין, נישט מאַכען דערפון קיין רעש און האַלטען ביי זיך דאָס קינד, וועל איך דיך מסתמא נישט פערלאָזען און װעל דיר צייטענוויז צושיקען עפּיס געלד.

ביי די דאָזיגע רייד מיינע האָט גאָלדע אויסגעשאָסען עפּיס מיט אַ משונה ווילדען געלעכטער, אַזוי אַז איך האָב געמיינט, זי איז זיכער אַראָב פונ'ם זינען. דער דאָזיגער ווילדער מין געלעכטער איז איבער־געגאַנגען דערנאָך אין אַ ביטער געשריי.

— אַרויס — צושרייעט זי זיך אויף מיר, נעהמט אָן אַ שטאָלצע מינע — דו ביסט נישט ווערטה, רשע, אַ רגע צו בלייבען דאָ אין שטוב, װאו עס האָבען געלעבט אַ מאָל עהרליכע לייט, וואָס זע־ען דורך דיר

געגאנגען פון דער וועלט! זי רוהיג, איך וועל אזא פארשיין ווי די נישט נאביאגען. ס'איז מיר נאר א חרפה צו זאגען, וועמען איך האב געהאט פאר א מאן. מעגסט דיר גאנץ רוהיג חתונה האבען! איך און מיין קינד בעדארפען מיר דיין הילף נישט האבען! כל זמן איך לעב, וועל איך מיר, נישקשה, מיט מיינע הענד כשר פערדינען אונזער בעדערפעניש. ארויס פון דאנען, זאג איך דיר, און פארגעס נאר, אז דו האסט ערגיין א קינד. ארויס, אררויס!...

איך האב געשווינד מיך ארויסגעהאפט פונ'ם שטיב און בין באלד מאקי אין דער איינענער נאכט אוועקגעפאהרען.

כד.

דער שווער מיינער רב יוסף־מאַרקעל רב מאָניש־לייבעל׳ס איז געוועזן אַ טייער שליסעלע, וואָס האָט געעפענט פאַר מיר אַלע טירען פון די גרעסטע גלופסקער פיינע־בריות און מיר ענטפּלעקט אַ סך סודות פון דער גאַנצער כּנופיא שטאָדט־פיהרער. זיין יחוס און זיינע זכות־אָבות זענען מיר בייגעשטאַנען, צו ווערען אַ שענער יוד, אַ גבאי אין הבּרית, אַריינצושטעקען די נאָז אין שטאָדט־זאַכען און צו נעהמען לסוף דעם גלופסקער גביר איוף דער אַרענדע. אָט דענסטמאָל ערשט האָב איך אָנגעהויבען ווערען אין שטאָדט אַ גאַנצער טהוער. געמאַכט מיט דעם בער מיינעם די שפּיל כּרת איסר וואָרגער, און יודען האָבען געצאָהלט פאַר אַלע אָנשטעלען אין טאָג אַריין. איך האָב כּהיש טאַקי אַרויסגעזעהן איסר׳ס ווערטער, אַז „אַזאַ טייער, אַזאַ גוט, אַזאַ גאָלדען און אַזאַ נאַריש פאָלק, ווי יודען זענען, איז איוף דער גאַנצער וועלט נישטאָ“...

מיין ודוי וועט אַייך דאָ געבען צו פאַרשטעהן אַ מעשׂר מן המעשׂר פון מיין דרך און פון מיין אויפפיהרונג אין מיין לעבען.

על חטא שחטאתי באיש־קטן — דאָס טייטש: אַ קליין מענשעלע. אַ כּפּרה, האָב איך געזאָגט, אַלע מלאכות אין דער וועלט. פון זיי קען מען אייביג נישט אויפקומען, מען בלייבט דערנידעריגט, דערשלאָגען, תּמיד דעראונטער, דאָס כּפּרה־היהנדעל. לאָזען אַנדערע אַרבייטען, פון מיינעטוועגען חאָטש די כּפּרה ווערען, איך אָבער וויל לעבען זיין אַ ליידיגגעהער און טאַקי גוט לעבען.

ועל חטא שחטאתי בארענדע — די אַרענדע מיינע, זעהר אַ גרינגע איינבּרענגענדיגע פּרנסה, האָט מיר פערשטאָפּט דאָס האַרץ. איך האָב נית געגלויבט אין אמת, אין אָרענטליכקייט, אין רחמנות, אין פריינדשאַפט און אין אַלע אַנדערע גוטע מענשליכע געפיהל׳ען. איך האָב נישט מעהר געוואוסט נאָר דאָס, וואָס מיר טויג, וואָס מיר ניצט און

געריסען ביי איטליכען, אי ביי ארעמע, אי ביי אלמנות און יתומים, ווי ווייט איך האָב נאָר געקענט. אז א אָרעמאן האָט פאַר מיר געוויינט, געגאָסען טייכען טרעהרען, האָט עס מיך נישט אָנגעהויבען צו ריהרען. וואָס טויג מיר טרעהרען, פלעג איך בשעת מעשה טראַכטען, גיב בעסער געלד! תן לי הרכוש והדמעות קח לך — דאָס הייסט אויף קליינשטעטלדיג לשון: „ושיד דאוואי גראָשי!" אָדער; הונד, גיב געלד און מיט די טרעהרען וואַרג זיך אַליין!...

על חטא שחטאתי בבל תשחית — דאָס טייטש, מען טאָר ניט פערדאַרבען, און איך האָב יאָ פערדאָרבען. איך האָב גענומען א גביר, געמאַכט אַ מין בעשעפעניש אויף צווי פיס מיט אַ פנים, אַ געשטאַלט ווי ביי אַ מענשען און געמאַכט פון איהם אַ בער.

ועל חטא שחטאתי בבהמה זו — וואָס איך האָב געזינדיגט מיט דער דאָזיגער בהמה. דער פירוש דערפון איז אַזוי: אַלע ביי אונז יודען קוקען, ווי דער שטייגער איז, דעם גביר און מויל אַריין און ווילען איהם צוגאַמקען אין אַלצדינג, וואָס זיי טהוען. אין זייער גאַנצער אויפפיהרונג: אין זייער פרומקייט און אמונה=זאַכען, און זייער מגדל זיין די קינדער, און זייער לעבען ביי זיך אין דערהיים און אין מאַרק, זעהט זיך בעשיינפערליך אַרויס דעם גביר׳ס גוסט, זיין געשמאַק און זיין כאַראַקטער. די אַלע דאָזיגע הנהגות פון עפּיס אַ שטאָדט, גוטע צי שלעכטע, קלוגע צי נאַרישע, געווענדט זיך זעהר פיעל טאַקי אין דעם, וואָס פאַר אַ מין מענש דער דאָרטיגער גביר איז. דעריבער, אַז איך האָב מיט מיין גביר, די בהמה, געמאַכט נאַרישע העזיות, וואָס האָט אונז שטאַרק געפּאַסט צום עסק, זענען דורכדעם אַ סך טאַקי געוואָרען בהמות און האָבען, נעבעך, זיך מיאוס נאַריש געמאַכט. וואָס מעהר נאַרישער, איז אַלץ אויסגעקומען שענער, יודישליכער. אַ נאַר האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו גילטען, ווער שמועסט דערצו נאָך אַין עם=האָרץ, דער איז גאָר אַרויף אויף אַ הויכער מדרגה... איך, וועה איז מיר, פלעג קוקען און הנאה האָבען פון מיינע נאַראָנים. איך פלעג אויף זיי קוקען ווי דער אָקסענהענדלער אויף זיינע אָקסען און מיט אַ פרעהליך האַרץ אָבשאַצען דעם ריוח, וואָס מען קען פון זיי האָבען.

על חטא שחטאתי בגלוי=הוראות — דאָס הייסט ענטפּלעקונג פון נייע מיני דינים. דיינים, מורי=הוראות, די האָב איך געהאַלטען אין מיינע הענד, זיי האָבען געמוזט טאָן אַלצדינג, וואָס איך האָב געהייסען,

אויפטאָן אַזוינע משונה׳דיגע דינים, פון וועלכע מען האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, נישט געהערט. זיי האָבען גע׳אסר׳ט אזעלכעס, וואָס מען האָט געמיינט, וואָס כשר — געמאַכט טריף, אַלץ נאָר אַזוי ווי מיר האָט געטויגט, ווייל זיי האָבען דאָך נישט געקענט מיט מיר איינרייסען, אויס מורא, איך זאָל זיי חלילה נישט ברעכען פון ברויט. גרויסע גאַלאַנטקע היהנער, אַ שטייגער, האָבען די דיינים, נעבעך, זיי געמוזט אסר׳ן און אויסדרינגען, אַז זיי זענען נאָר מיני אָדלער, נאָר מדאי־טמא, ווייל איך האָב אַזוי געהייסען, ווייל איך האָב געהאַלטען בלאַט מיט דעם בעל־טאַקסע, און איהם האָט דאָך נישט געטויגט, מענשען זאָלען זיך גלאַט עסען אַזעלכע גרויסע היהנער, אַזוי פיעל פלייש אָהן טאַקסע און וואָס פאַר זיי קומט־איין שחיטה־געלד, ווי פאַר קליינע היהנער.

ועל חטא שחטאתי בדבור־פה — בדאָנאָסען הייסט עס. איז איינעם נישט געפעלען געוועזן אַ מאָל מיינע הנהגות אין דער שטאָדט, ער האָט נישט געקענט צוזעהן דעם שרעקליכען שווינדעל, ווי מען פאַר־בלענדט דעם עולם די אויגען; ווי מען פאַרדרעהט איהם דעם קאָפּ; ווי מען פיהרט איהם ביי דער נאָז און מען פערפיהרט איהם ביז דעם האַלז אין מיאוסע בלאָטעס אַריין — אַזעלכען פלעג איך און מיינע לייט פער־זאָרגען מיט אַ שפּריך, מיט אַ „שיר־המעלה״, אַ דאָנאָסעל הייסט עס, וואָס מיר פלעגען שיקען אַהין, וואו מען בעדאַרף. און אויף אַזאַ אופן האָבען מיר אַ סך מיילער פערשטאָפּט.

על חטא שחטאתי בהוקעס־פוקעס — איך פלעג מאַכען מיט דער רייף, צאַפּען פון דער וואַנד געלד, מאַכען פון שני גאָמעל־קעס, אַריין יענעם אין דער גרגרת, שטעהן פון דער ווייטענס אין דער־לאַנגען אַ בים, מאַכען פון שוואַרץ ווייס, רעדען מיט אַ מענשען און פון דער העלער הויט אַרומשטעקען איהם מיט פעדערען, האַפּען פיש פאַר די נעז און מאַכען פינ׳ם מויל אַ האָליעווע, וכדומה נאָך אַזעלכע פאָקוסען, וואָס אפילו פינעטע, דער בעריהמטער פאָקוסניק, איז נישט ביכולת געוועזן זיי צו מאַכען.

ועל חטא שחטאתי בוויבאָרעס — יענע מעלות, וועלכע מען בעדאַרף האָבען אין מענשען אויף אויסצוקלייבען זיי צו עפּיס אַ התמנות, ווי אַ שטייגער: עהרליכקייט, פערשטאַנד, אַ קאָפּ, אַ מויל און אַ פּען וכדומה — אָט די דאָזיגע אַלע מעלות, מיט וועלכע מען קען אַ פנים האָבען פאַר דער וועלט און פיעל נוצען ברענגען דער שטאָדט,

זענען פאר מיר און פאר מיין כנופיה געווען נאר חסרונות. איך האב בעדארפט רוקא אזעלכע, וואס האבען נישט קיין פנים פאר דער וועלט און קענען קיין נוצען נישט ברענגען דער שטאדט, וואדום דאס וואס האט געמיינט דער שטאדט, האט לחלוטין מיר נישט געמיינט. איך האב נאר בעדארפט האבען עפיס א לאפענטיצעל, א לא-יוצלח, א ליע־דערנעם דיישעל, וואס איך זאל איהם בייגען וואיהין איך וויל, וואס פאר א גראשען זאל ער פערקייפען זיין נשמה, וואס ער זאל זיך שטארק מכניע זיין און חנפה׳נען מיך מיט מיין גאנצען פעקעל. און וויל דער גלויבקער עולם איז דאך געווען תמיד שטארק פערנארישט, ווי א קליין קינד, און זיך געלאזט פיהרען ביי דער נאז, דעריבער האט ער תמיד בשעת וויבארעס איוף א גלאסנע, אדער איוף א רב ובדומה, איינ־געקליבען יענעם לאפענטיצל, יענעם טייגעניכטס, יענעם לעקיש, וועלכען איך האב געוואלט, און דורך וועלכען ער פלעגט דערנאך בעקומען טויבוועהטאג. וואס ווייסט דען א נארישׂ קינד צו בערעכענען, וואס שפעטער וועט זיין? ער איז זעהר גערן צו פאלגען אלצדינג, אבי מען גיט איהם א שמיר איבער די ליפעלעך מיט אביסעל האָניג, מען רוקט איהם אריין אין הענטעל א לעקעכעל און מען פערשטאפט איהם דאס מויל מיט א קנישיקעל... אז דערנאך וועט איהם דערפון גרימען אין בייכעל און עס וועט איהם באקים ארויספאלען, נו מילא, וועט איהם טאקי וועה טאן. דעם עולם, דעם נארישען קינד מיינעס, פלעגט דאס קנישיקעל נישט בעקומען, ער פלעגט עס שפעטער טאקי אויסקריינקען און איז דורכדעם שטארק, נעבעך, פונ׳ם פנים אראב.

על חטא שחטאתי בחברות — צדקה־חברות האב איך זעהר ליעב געהאט פאר דעם גרויסען נוצען, וואס מען האט פון זיי... מתעסקים בינקימען דאך א נאמען: בעלי־רחמים׳ס, כלי־קדש, און צו דעם האזיגען טיטעל פאלט זיי נאך שטילערהייט אויך צו א אפטער, זעהר א היבשער, א שענער גראשען. מיין שווער האט דערגרייכט דעם טיטעל „רייכטוויטעלני טאיני גבאי", דאס הייסט א גבאי, וואס הברה׳ס געלד איז ביי איהם אין די הענד בסוד־סודות און קיינער חוץ איהם ווייסט ניט, וואוהין דאס געלט קומט אהין... איך בין אויך אריינגע־ברעטען אין א סך חברות און זיך דערדינט צום טיטעל נאמן, דאס הייסט איינער פון יענע מיני מתעסקים, וואס מען גלייבט זיי אויף נאמנות: אלצדינג וואס זיי טהוען איז געטאן און זענען נישט מחויב

קיינעם רעכענונגען אָבצוגעבען... מיר האָבען אַלע, אימליכער אויף זיין שטייגער, געמאַכט האַפּ־לאַפּ אין אַלצדינג און געבליבען „ראַמע פּאָקרישקע“...

ועל חטא שחטאתי במאקסע — די מאַקסע פון פליישׁ אָדער דאָס קעסטעלע איז דאָס פער׳עפּיש׳טע, אימרינע אָרט, וואָס דאָרט האַלטען זיך וואַנצען, ווערעם און נאָך אַזעלכע מיני שרצים; זי גיט ביי אונז ארויס יענע מיני מענשעלעך, יענע מיני שלעק, וואָס עסען־אָב דעם קאָפּ און מהוען־אָן גרויסע צרות; זי איז א אַנטיקעניש, אַ פּלאָג, וואָס לאָזט זיך פיהלען אין יודישע אינטערעסען און האָט אַ חלק אין אַלע צרות. דורך דער מאַקסע זענען יודען קראַנק, דאַר, אויסגעמאָגערט און ליידען ביטערע שלאַפקייטען, וואָס געהען איבער בירושה פון דור צו דור. דורך דער מאַקסע געפינט מען זיך ביי אונז תמיד א איבעריגעד, ווי צו בעריסע דעם עולם. אימליכער גראָשען מאַקסע־געלד ציהט ווי אַ מאַגנעט צו זיך צו נאָך אַ סך יודישע גראָשענס, עס לעגט זיך אַלץ צו, עס ווערט אַלץ געהעכערט, געהעכערט אַ גראָשען אויף א גראָשען, ביז עס ווערט פון זיי אַ חובש בערגעל. דורך דער מאַקסע שפּרינגען האָפּ־מעכ־טיין אַרויס און האָבען ביי אונז אַ קיום יענע מיני נפשות, וואָס פערשווינדלען דעם עולם מיט אַלערליי נאַרישקייטען און נאַרען איהם אויס. עס שפּרינגען דורך איהר אַרויס און האָבען דורך איהר זייער גאַנצע יניקה די אַלע גאָטס־סמראָפּמשעס, קאָבלעפעל, באַבאַקעס און אַלערליי מיני בעלי־טובות, וואָס נעהמען צו פּשוט דאָס חיות מיט מענשעלעך ביי אונז כח, די שליטה, צו מאַן אַלצדינג, וואָס זיי מיינען און וואָס זיי ווילען. איך אַליין, הערה איז מיר, בין דאָך געווען איינער פון יענע מענשעלעך. איך אַליין פלעג דאָך אויך זויגען פון דער מאַקסע און געהאַלטען פאַר איהר תמיד שמאַל און אייזען, ווייל איך האָב געוואוסט דעם סוד, אַז כל־זמן ביי יודען וועט זיין די מאַקסע, וועלען זיי בלייבען אין גלות ביי אַזעלכע מענשלעך, ווי איך מיט מיין גאַנצער כנופיא, מען וועט זיי קענען האַלטען אין דער מורא ווי קליינע קינדער, אַרויפפיהרען זיי אויף נאַרישקייטען, און מאַן מיט זיי אַלצדינג, וואָס מען וויל. איך האָב געהאַלטען פאַר דער מאַקסע און די מאַקסע האָט מיך געהאַלטען אויף די פיס. איך האָב געגעסען אומזיסט דאָס שענסטע, דאָס בעסטע פליישׁ, און די אָרעמע לייט האָבען געצאָהלט טייער און געגריזעט ביינער. זיי די אָרעמע לייט, זענען

געזען די שאף אין איך דער וואלף, איך האב געביסען, געזארגען און גענוג יודיש בלוט אין מיין לעבען אויסגעזויגען...

על חטא שחטאתי ביראת שמים — אלע פאלשקייטען מיינע האב איך אריינגעלעגט אין דער יראה. עס פלעגט עפּיס איינקומען, אז אלצדינג, וואס איך טהו, איז נור לשם שמים, איך נעהם מיך אן גאט'ס קריוודע, און וויל פערהיטען זיינע יודען, זיי זאלען בלייבען מאקי דאס, וואס זיי זענען. און ווייל פאר מיר מיט מיין כניפיא איז גלייבער געווען, אז יודען זאלען בלייבען נאראנים, דערשלאגענע מענשען, דעריבער קענט איהר דאך שוין פארשטעהן, ווי מיר האט ניט געשמעקט יענע קלוגע זאכען, וואס וואלטען זיי געקענט עפענען די אייגען; ווי שטארק איך האב, כלומר'שט פון גאט'ס וועגען, מיך נאריש געמאכט און זיך אבגעגעבען מיט אלע קרעפטען, די מינדסטע נארישקייטען צו דערהאלטען; ווי ווייט פאלש איך בין געווען און וואס פאר א מין טעם מיין יראת־שמים האט געהאט. איז א מאל אנגעקומען עפּיס א גיטע זאך אויף יודען, האב איך עס געריפען א גזרה און אריינגעווענדעט אלע מיטלען אינאיינעם מיט מיינע לייט, די דאזיגע גזרה מבטל צו זיין. יודישע קינדער, א שטייגער, זאלען זיך לערנען שרייבען, רעכענען, בכדי צו פערדינען דערנאך זייער ברויט בכבוד, דאס האט ביי אונז געהייסען א גזרה. יודען זאלען זיך טראגען שען און נישט זיין מעהר בזוי ומבוזה מיט יענע קליידער, אין וועלכע זייערע שונאים האבען פארצייטענס זיי געצוואונגען זיך אנצוטאן, האט ווייטער געהייסען א גזרה. תאמר איז דא א סברה, אז די טאקסע זאל בטל ווערען, האט אויך געהייסען א גזרה... דערווייל האבען מיר צו די גזרות נישט דערלעגט, פארקעהרט, פיעל האבען דערפון געמאכט א פרנסה און לעבען זיך דארט ערגיץ... גאנץ שען נאך ביז אצינד. מיר, פישע־ישראל, מיר א שטייגער, איז פון לאפּענמיצלעך און יארמולקעס, נישקשה גענוג געלד און קעשענע ארא בגעפאלען.

ועל חטא שחטאתי בכנופיה ובבל־ולך, בלשון הרע, במאניפארגעס ובמסירות, בנצחנות, בסוף־שחור ובסיד־סודות, בעזות, בפאקטרעווען, בצביעות ובציגיינעריש; בקאמעדיעס, בקהל־שטיבעל ובקאנטארען, ברכילות וברשעות; בשטותים, בשקרים, בשתדלנות ובשווינדעל; בתנועות ובתקיפות. דער פרוש פון די דאזיגע אלע זאכען ליגט פון אייבען־אויף, און איך פערשפאר עס אייך גאר צו דערקלערען.

———

כה.

אויבען האָב איך געזאָגט, אַז כמעט בין איך נישט געווען קיין נאַר, קיין שוטה, איך בין נאָר געווען אַ דערשראָקענער, אַ פערדרייאַנגעלטער, אַזוי מיז איך אַצינד בעמערקען, אַז כפי עס ווערט אויס, בין איך, אַ פנים, פון דער נאַטור אייך נישט געווען אַזוי גראָב, שלעכט, נישט מעהר איך בין געווען פערפיהרט. די גרויסע צרות, וואָס איך בין אַמאָל אויסגעשטאַנען פון דער וועלט, און איך איבר'ס תורות האָבען מיר פערשטאַרקט דאָס האַרץ און מיך געמאַכט שלעכט. נאָכ'ן אָבטאָן אַ שרעקליכע מעשה רע פלעגט אין מיר אַ מאָל דורכלויפען עפּיס נישט קיין אַנגענעהמעס געפיהל, וואָס פלעגט מיך אייף אַ רגע אַ שטאָך טאָן ווי אַ שפּילקע, אָבער נאָר אייף אַ רגע און באַלד טאַקי איפּהערען. אָט האָב איך, אַ שטייגער, גוטמאַנען! אַזאַ בראַווער אָרענטליכער מאַן מיט אַ גוט האַרץ ווי גוטמאַן, וואָס האָט מיך אַזוי פריינדליך בעהאַנדעלט, איהם, הערט אַ מעשה, איהם און אַלע אַנדערע זיין גלייכען, האָב איך געשייבט ווי אַ עיפּוש! איז מיר צו די הענד געקומען אַזעלכע ווי ער מיט ביכלעך, האָב איך איהם אָבגעטאָן שפּיצלעך ווי דעם ערגסטען שונא. ס'איז פון מיין זייט געווען טאַקי אַ מעשה רע, איך האָב עס אַ מאָל אויך טאַקי געפיהלט, נאָר פיינט האָבען אַזעלכע האָב איך געמוזט, אַנדערש האָב איך נישט געקענט.

„יענע לייט, וואָס מאַכען ביכלעך, אַ, נישט געדאַכט וועריען זאָלען זיי! האַסען זאָל מען זיי, היטען זיך ווי פאַר פייער זאָל מען פאַר זיי! אַריינצוקריכען יענעם אין דער גרגרת וועלען זיי אויסען, אָנטאָן צרות מיט זייערע בעשרייבעכטסען אין שטעכווערטלעך. אַלץ אַגיל ואשמח — קיילעכדיג און שפּיצעכדיג איז ביי זיי. אַ נס, וואָס דער עולם האָט קיין הערנער נישט, וואָס אַזעלכע אָנשיקענישען האָבען נישט קיין געלד, קיין גראָשען ביי דער נשמה, און וועלען, געלייבט דער איבערשטער, קבצנים, גרויסע דלפנים. זיי בעדאַרפען פּאָרט אָנקומען צו אונזער גראָשען, ווייסט,

חאָלם געווען שלעכט! די איינציגע רפואה אקעגען די וואַנצען, זיי זאָלען נישט אַזוי ביסען, איז אַ גראָשען — פערשטאָפּען זיי דאָס מויל אין אגב מאַכען אינטען-אַרום זיי בענראָבען", — אַזוי האָט געזאָגט איכר ווארגער!

און איכר'ס אַ וואָרט איז ביי מיר געווען אַ תורה!

נאָר דאָס אַלצדינג איז גערעדט געווען פריהער, אַז דער יצר-הרע פֿון גיעלד איז ביי מיר געווען זעהר שטאַרק, איך האָב ווי אַ נאָסקע אַלין געזאָפּט-געזאַפּט, און די מורא פאַר'ן אָרימקייט מיט אַלע זיינע צרות און לייד איז מיר שטענדיג געשטאַנען פאַר די אייגען, וואָס-זשע פאַר אַ אָרט האָט געקענט ביי מיר און האַרצען פאַרנעהמען אַ גוט געפיהל? העכסטענס איז עס ווי אַ בליץ דורכגעלאָפען און באַלד פערשוואונדען געוואָרען. שפּעטער אָבער, אַז איך האָב מיך איבערגענוג אָנגעזאַפּט, שוין געהאַפּט די זעט, די מורא פאַר'ן אָרימקייט איז שוין אַוועק אין דער זייט, דער יצר-הרע איז געוואָרען שוואַכער, — דענסטמאָל האָט זיך אין מיר געריהרט דער פערשלאָפענער יצר-טוב, איז אַרויס פֿון אַ פערבאָרגען ווינקעל מיעף אין מיין האַרץ מיט אַ שטיקעל מוסר, פריהער געלאַסען, שטיל, געצעהלטע ווערטער, און וואָס וויטער-הויטער האָט ער זיך צורעדט אויפהויבענדיג דאָס קול, אַלין העכער און העכער, בייזער און בייזער. אומשטענדען אַזוינע, נישט קיין גוטע, מיט וועלכע איך בין אין די לעצטע יאָהרען געפריווט געוואָרען, זענען געווען ווי בוימעל אויפ'ן פייער פֿון גיהינם, וואָס האָט געברענט אין מיר.

דאָס חייב, זאָגט מען, איז דאָס הויז. ווי דאָס ווייב, הייסט עס, אַזאַ פּנים האָט דאָס הויז. און ווי איך האָב אַרויסגעזעהען, איז דאָס מאַקי אמת. מילא פֿון מיין ווייב וויל איך דאָ ניט רעדען. איך בין איהר מוחל... די רעדע איז דאָ פֿון מיין הויז. מיין הויז, זאָג איך, האָט קיין פּנים ניט געהאַט, איז געווען פערלאָזט, דאַכט זיך, נגידי'ש מעבעל, צאַצקעלעך, צירונג; נאָר דאָס אַלצדינג אומריין, שמוציג, מיאוס דערויף צוקוקען, אַ פּנים ווי אַ שוואַרץ-יאָהר. עס האָט דאָרט געהערשט אַ מרה-שחורה, געשמעקט מיט חורבה, אינגאַנצען נישט ווי אַ הויז בעדאַרף זיין. אין די יונגע יאָהרען, אַז איך בין געווען מיט ליב און לעבען אַריינגעטאָן אין דעם קערבעל, תמיד הו-האַ, פלעג איך מיך נישט-וויסענדיג מאַכען — מילא, עט, גאָרנישט! און אַז מיר האָט זיך געוואָלט אַ מאָל

אביסעל לעבען, אָנטאָן זיך תענוג, פלעג איך עס זוכען אין דער פרעמד. איך דער עלטער אָבער, אַז עס ווילט זיך האָבען רוה, זיצען אַ מאָל צווישען הײמישע, בײ זיך אין שטוב, האָב איך שטאַרק געפיהלט די עלענדקײט, דאָס אומגליק מײנס, אַז איך האָב נישט קײן הײם און דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז מיר איז נישט נידא געוואָרען דאָס לעבען. בעטראַכטענדיג מײנע אַלע מעשים אַרום און אַרום, האָב איך שטאַרק בעדויערט, אַלײן געזאָגט: רבונו־של־עולם, אַי, האָב איך געזינדיגט און אַלײן מיך געפרעגט: צו וואָס, געוואַלד, האָט עס מיר געטויגט, אָט די גאַנצע מיה, די אַלע זאַכען מײנע? צו־וואָס די רײכקײט, פאַר וועמען?... צווײ קינדער מײנע, שוואַכע, קרענקליכע, זענען מיר איידער נישט לאַנג געשטאָרבען, דאָס האָט מיר געבראַכען דאָס האַרץ. אין דערשלאָגען ווי פון אַ הונגער האָב איך מיט אַ ביטער געמיטה אַלײן געפרעגט דאָס אײגענע טאַקי: צו וואָס איז די רײכקײט, אַז איך בין אַזוי עלענד, אַז איך האָב נישט קײן דאָס... קײן הויז, קײן הײם מײן איך? אַי רבונו־של עולם, איך האָב אַזוי פיעל געזינדיגט — געוואַלד, צוליעב וועמען?!

אָט דענסטמאָל פלעגט מיר אַלײן זיך פאָרשטעלען דער גיבער אין שטילער גוטמאַן. ווי פרײנדליך, ווי צופרידען ער איז צו אַלע מענשען געווען. ער איז געווען, נעבעך, אַ אָרימאַן, נאָר ווי געלויבטען, געפינקעלט האָט אין אומליכם ווינקעלע בײ איהם אין שטוב! וויפיעל פערגניגען האָט ער געקליבען פון זײן שענער טײערער ווײב, אַ גילדענע בעל־הבית'טע, און פון זײנע גוטע, געלערענטע קינדער, וואָס האָבען איהם הערצליך געשעצט און געליבט! ער האָט געליטען דחקות. פונדעסטוועגען ווי לוסטיג און צופרידען ער איז תמיד געווען...

אַ מאָל, געדענק איך, האָט זײן ווײב, נעבעך, זעהר געוויינט. ס'איז שוין געווען נאָהענט צו פסח, אינגאַנצען עטליכע טעג, און דאָ איז נאָך נישט געווען אין שטוב קײן סימן אויף יום־טוב. ער האָט מיך אַרומגעשיקט אַ גאַנצען טאָג מיט ביכלעך, נאָר קײנער האָט זי אין די הענד אפילו נישט געוואָלט נעהמען. איטליכער, צו וועמען איך האָב אָבגעטראָגען קוויטלעך, האָט שטאַרק פאַרדרעהט די נאָז און מיר נישט געענטפערט קײן גוט וואָרט. די מאַדאַם, די גוטע טײערע מאַדאַם, זײן געטרײ ווײב, וואָס האָט איהם שטאַרק ליעב געהאַט, האָט נעבעך געוויינט און איז געווען זעהר פערזאומערט.

— אַך — האָט גוטמאַן זיך אָנגעריפען און זי געטרייסט — ווינדיג,

כ׳לעבען, נישט, נשמה מיינע, מיט דיינע טרעהרען! אונז איז נאָך בעסער ווי אנדערע רייכע דורך שווינדעל, וואָס מאַכען יום־טוב פון נישט־כשר פערדינטע געלד. מיר האָבען חלילה ביי קיינעם נישט צוגענומען, קיינעם קיין שלעכטעס נישט געטאָן. מיר ליידען?... נאָר פאַר דעם אמת צו ליידען איז פיעל בעסער און שענער ווי פון דעם שקר גליקליך צו זיין. זאָרג נישט, מיין לעבען, זאָרג, כ׳לעבען, נישט! גאָט האָט געהאָלפען, גאָט וועט ווייטער העלפען. אַ ברירה וועט ער דען האָבען? מסתמא וועט ער דאָך מיזען ווי ס׳איז עפּיס אַרויסהעלפען. וואָס ניצט מיר באמת צוויי רעק מיט א פעלין? טראָגען טראָגט מען דאָך נאָר איין ראָק, נישט קיין צוויי, און דער פעלין איז, כ׳לעבען, אויך איבעריג, עס געהט דאָך צו זומער, ליגענדיג אין קאַסטען קען איהם נאָך גאָר דער מאָיל אויפעסען. אָט, כ׳לעבען, אַבראַם, פויל זיך נישט, נעהם טאַקי באַלד דעם פעלין מיט מיין ראָק און געה פערזעץ זיי, פערקויף זיי, טהו מיט זיי וואָס דו ווילסט, וועלען מיר האָבען מצה אויף פסח, כרפס און מרור מיט אַלע זיבען זאַכען.

די דאָזיגע סצענע האָט מיר תמיד זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיינע אויגען. איך האָב געזעהן, אַז גוטמאַן איז גליקליך געוועזן אָהן געלד. איז דאָך, אַ פּנים, געדרונגען, אַז דאָס גליק בעשטעהט נישט אין געלד, נאָר אין עפּיס אַנדערש — אַז נאָר עהרליכע לייט זענען גליקליך און צופרידען. דערביי איז מיר נאָך אַרויף אויף דעם זינען, וואָס ער האָט אַ מאָל געזאָגט יאַקאָב זאָהנ׳ען: „ליידען הייסט חנפה׳נען, צבוע׳טשען. דער חונף, דער צבוע׳ק מוז תמיד זאָ זיך פירכטען, תמיד זיך היטען אַזוי ווי דער גנב״. איצט ערשט האָב איך אָנגעהויבען בעשיינפערליך אַרויסציזעהן, ווי אמת, ווי ריכטיג זיינע ווערטער זענען. גוטמאַן האָט נאָר מיט דעם שכל זיינעם פערשטאַנען, אַז דעם חונף, דעם צבוע׳ק איז אַזוי שלעכט ווי דעם גנב, וואָרום זיי אַלע מוזען שטענדיג מורא האָבען, זיך היטען, מען זאָל זיי נישט דערטאַפּען, מען זאָל נישט דערזעהן זייערע מיאוס׳ע זאַכען — און צו זיין שטענדיג אין דער מורא, צו בעדאַרפען שטענדיג זיך בעהאַלטען, איז עפּיס נישט אַזאַ געשמאַקע זאַך. איך אָבער האָב דאָס אייגענע טאַקי געפיהלט ביי מיר אין האַרץ, געפיהלט, אַז אַ פאַלשען מענשען איז עפּיס גלאַט שלעכט גאָר אָהן אַלע טעמים. עפּיס מאָנטעט עס איהם, עפּיס ליגט איהם ווי אַ שטיין אויף דעם האַרצען, עפּיס קאָכט אין איהם דאָס בלוט, דער קאָפּ ווערט איהר שיער נישט צוזעצט, עס ברענט אין איהם אַ גיהנם, אַ העליש פייער, עפּיס

איז איהם ענג די וועלט און ער ווייסט נישט, זיך וואוהין צוטאָן. ער וואָלט געשפּרונגען אויס דער הויט און גערן געוועזן פון זיך אליין צו אַנט-לויפען ערגיץ, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, הינטער-ווייט-ווייט צו אַלדי שוואַרצע יאָהר!

איך פלעג אויך האָבען בייזע, ביטערע חלומות. עס פלעגט מיר זיך אויסדראַכטען, אַז איך האלט אַ חלף און קוילע. איך פלעג הערען קרעכצען, זיפצען, חאָרהלען, גוסס'ען און מיינע פאָלעס זענען געווען פערשלומפּערט אין בלוט. מיכל, דער גוטער, דער שטילער מיכל, פלעגט מיר אָפט זיך דרעהען פאַר די אויגען, טויט בלאַס ווי די וואַנד. ער פלעגט אויף מיר קוקען זעהר בעטריבט, מיר ווייזען אויף די קייטען, אין וועלכע ער איז געווען געפענטעט, און מיט אַ טרויעריג פּנים מיך אַלץ פרעגען: גוואַלד, יצחק-אברהם, וואָס האָב איך דיר געטאָן?...

די אַלמע און שיינדעלע פלעגען אויסזאַקבען, ווי פון אונטער דער ערד, ביידע פלעגען הוסטען, זיך פערקייכען; ביידע פלעגען זיך איינ-עסען אין מיר מיט רויטע ברענענדיגע אויגען און שרייען: אָט איז אינ-זער מלאך-המות! אָט איז ער, דער רוצח, דער קוילער! פלוצלים פלעגט פון זיי ווערען אַ הויפען ביינער, פון די ביינער פלעגען אַרויס-קריכען ווערים און גיפטיגע שלאַנגען, זיך לאָזען צו מיר מיט אָפענע מיילער און מיך בייסען, שטעכען, ווי מיט שפּילקעס...

מעהר פון אַלע פלעגט מיך קריינקען גאָלדע. זי פלעגט מיר זיך אויסדראַכטען, ווי זי זיצט דערשלאָגען, פערוויסט, פעראיטערט מיט עפּיס אַ שטיקעל אַרבייט אין די הענד. זי נעהמט און צושטעכט זיך די פינ-גער, נאָר זי פיהלט אָבער נישט, גיט זיך אפילו נישט קיין קרים, זי נעהט אַלץ ווייטער, ווי אַ מאַשינע, און שאָקעלט, וויגט מיט'ן פוס אַ שווערע סקריפּענדיגע וויג, צווינגענדיג דערביי „אַליו-ליו-ליו-ליוניו" ! אויף אַ משונה אומעטיג קול. די וויג אָבער איז לעדיג, קיינער איז אין איהר נישטאָ. גאָלדע! שריי איך, וואו איז ער? וואו איז דאָס קינד? גאָלדע וויגט און זינגט ווייטער נישט צו רעדען מיט מיר קיין וואָרט:

אַ ליו-ליוליו בידנע קינד,
ווער איז דער מאַמע, וועה און ווינד!

איננעניג אין וויגעלע,
ליגט אַ קלאָר ווײַס ציגעלע —
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

ניט־זשע שרײַ, ניט־זשע וויין,
ביסט דאָך עלענד ווי אַ שטיין —
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

וויסט און פינסטער איז דײַן וועלט,
ליידזשע שטיל הונגער און קעלט—
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

דאָרט אין דרויסען, הער נאָר, הער,
וואָיעט אַ וואָלף, ברומט אַ בער —
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

לעדיג, לעדיג איז דאָס וויגעלע,
אוי, נישטאָ מײַן קלאָר ווײַס ציגעלע!
אַ ליו־ליו־ליו בידנע קינד —
ווער איז דער מאַמע, וועה און ווינד!

בײַ די דאָזיגע ווערטער שטעהט גאָלדע אויף, בלוטיגע טרעהרען טריפען איהר פון די אויגען, זי שטרעקט אויס די הענד און אַלע זייטען און שרײַט אויף אַ ווילד קול: אוי, נישטאָ מײַן קלאָר ווײַס ציגעלע! איך לויף אַרויס פון'ם שטוב שטאַרק צוקאָכט, עס דאַכט זיך מיר וועלף, בערען!... וועלף, בערען קנאַקען מיט די ציינער יונגע ביינדעלעך — און עס לאָזען זיך הערען פון דער ווײַטענס ביטערע קולות פון אַ בידנע אומגליקליך ציגעלע...

———

כו.

דאָגה בלב=איש, איז אַ מענשענס האַרץ פול מיט צרות — זאָגט דער פּסוק — ישחנה, זאָל ער אַרויסדערצעהלען. טראָגען אין זיך צרות, נישט אַרויסזאָגען זיי, איז אַ וועהטאָג, וואָס נישט צו דערדאַלטען. אַ קעסעל פון אייזען, אַ קאָכענדיגס, קען צעזעצט ווערען, אויב די צוזיפּשטיקענדיגע פּאַרע אין איהם געפינט נישט קיין אָרט אויף אַרויס=צוגעהן. ביי מיר אין האַרץ האָט געקאָכט שטאַרקער ווי אַ קעסעל — עס האָט דאָרט געברענט אַ גיהנם!... אַלטע חשבונות פון מיינע זינדיגע מעשים, ביטערע געפיהלען און שרעקליכע פינסטערע חלומות אַלע אין אייַנעם, ווי גערינטע פלאַמענדיגע ווילען פון פייערשפּייענדיגע בערג. האָבען אין מיר זיך געריסען, גאָר איטצוקומען. פיעל בעסער פאַר די זינדיגען מענשען זיין אין גיהנם, ווי דער גיהנם זאָל זיין אין איהם.

דעמסטמאָל ערשט האָב איך אַרויס=געזעהען, אַז דער מענש טראָגט זיין גיהנם און זיין גן=עדן אין זיך. דער שיפט זיינער זיצט אייפ'ן גע=ריכט=שטול אינוועניג אין איהם. אוי, איך זאָל געוועזען קענען איבגיסען מיין האַרץ, לינדערן אַביסעל מיינע וועהטאָגען! איך האָב אָבער נישט געהאַט פאַר וועמען. געלד און זילבער האָב איך ערוואָרבען אויף דער וועלט אַ סך, אָבער גוטע פריינד — נישט איינעם.

פאַר אַ גרויסען הסד פונ'ם אויבערשטען האַלט איך עס, וואָס ער האָט מיר אַיינגעגעבען אין זינען אַרויסצוזאָגען זיך, ווען נישט דורך דעם מויל, זאָל עס זיין דורך דער פען.

דער גאָט, וואָס האָט אָנגעוויזען אַ בוים, אויף זיס צומאַכען דער=מיט דאָס ביטערע וואַסער אין מרה, ער האָט עס מיר אָנגעוויזען אויף צו לינדערן מיינע יסורים — די פען.

אין שווערע ביטערע מינוטען, ווען אייפ'ן האַרצען איז מיר געווען שטאַרק נישט גוט, פלעג איך אויפ'ן פּאַפּיר איבגיסען מיין ביטער גע=

מיטה, ווי איך האָב געקענט. פריהער איז עס מיר אָנגעקומען שווערליך. איך בין נישט געווען געוועהנט, דערנאָך האָט זיך עס געגאָסען עפּיס זיי פון זיך אליין, גלייך ווי איך וואָלט איינעם אַ גוטען ברידער מיינעם דערציילט, איהם ענטפּלעקט מיין האַרץ. און פערליוף פון דער צייט איז אויסגעוואַקסען פאַר מיר אַ גאַנצע לעבענס-בעשרייבונג — און, הערט אַ מעשה, ביים איבערלייענען עס פינ'ם אָנהויב ביז'ן סוף איז מיר אביסעל גרינגער געוואָרען איפּ'ן האַרצען! די חטאים זענען מיר שוין נישט אויפגעקומען אַזעלכע שווערע, דאָס הייסט די חטאת-היחיד, מיינע זינד, זענען נישט אינגאַנצען מיינע אייגענע זינד, נאָר אויך חטאת הצבור, און זיי האָבען אַ חלק — און אפשר נאָך דעם גרעסטען חלק — די געמיינדע מיט איהרע שלעכטע איינפיהרונגען.

אָט נעהמט די יודישע תלמוד-תורות!

מען נעהמט אָרימע קינדער, יתומים, נעבעך, און פערטרייבט זיי ערגיץ אין אַ חורבה, אַ שטאַל, משטיינס-געזאָגט, וואו זיי וואַלגערען זיך הונגעריגע, אָבגעריסענע אין מיסט, אין שמוץ, חאַפּען קלעפּ און שמיץ וויפיעל אין זיי געהט אַריין, און לערנען — לערנען זיי דאָרט נישט קיין וואָרט. מען מאַכט פון זיי לעדיגע, אומגליקליכע מענשען, טויגעניכטסען, נישט צו גאָט, נישט צו לייטען. — און נישט בעסער פון די ווילדע מלמדים זענען איך, משטיינס-געזאָגט, די גבאים, וואָס טרייסלען פּיש-קעס, רייסען פון וואַנען זיי קענען, כלומר'שט פון יודישע קינדער וועגען, אין וואָרט איז ביי זיי אַלץ: מאַכען די אָרמענקע פאַר יודען — אַ מאַכען זיי פאַר בהמות, אוים מענשען!...

אַ קליינינקייט עפּיס בין איך, איך עלענד יתומ'ל, אויסגעשטאַנען קינדוויז אין דער תלמוד-תורה! איך רעד שוין נישט דערפון, ווי מע האָט געפּייניגט מיין אויסגעדייווערט שטיקעל לייב, דערויף בין איך דאָך געווען אָרעם, אַז איך זאָל ליידען הונגער, קעלט און קלעפּ, אָבער געוואַלד, רבונו של עולם, וואָס האָט מען געהאַט צו מיין נשמה? מען האָט דאָך דערנידעריגט אין מיר די מענשליכע נשמה. נישט גענוג, וואָס מען האָט מיך נישט געלערענט צו קענען לעבען ווי אַ מענש איף דער וועלט, האָט מען געטיידט אין מיר דאָס געפיהל פון כבוד, פינ'ם מענש-ליכען ווערטה דורך אַ גראָבער בעגעהמונג מיט מיר — דורך זידלע-רייען, מיאוס'ע, גראָבע ווערטער.

אָט דאָס איז די תורה, דאָס יודישקייט, מיט וועלכע יודען בעלי־דהמים׳ס פערזאָרגען אָרעמע קינדער!

נאָט אַייך אויך ביי אונז די מלאָכה, אַ שטיינער.

מלאכה, ווי כ׳איז בעקאַנט, איז מיאוס געפאַלען ביי יודען. איין אַזוי פיעל ווי אַ לײדיגנגעהער, אַ קלייזניק, איז אַ שינדעל, איז אַ בעל־מלאכה אַ פלעק אין דער משפחה. דער וואָס האַלט זיך פאַר אַ שטיקעל בעל־הבית, ער מעג זיך האָטש געשוואָלען פאַר הונגער, וויל נישט די קינדער זיינע לערנען וועלכע ס׳איז מלאכה. דעריבער וועגען דאָ פער־וואָרלאָזטע יתומים, קינדער פון נידעריגען, נראָבען עלם. אָט אַזעלכע שטעלען זיך עס פאַר לערעניוונגלעך ביי בעלי־מלאכות און ווערטענס דאָרט איז עס אַבטונג צוגעבען, ווי זיי לערנען זיך און ווי מען בעגעהט זיך מיט זיי דאָרט. די מלאכה הייבט זיך געוועדנטליך אָן מיט כל־עבירות פרך: פאַמיניצעס טראָגען, וואַסער אָנטראָגען, מיט דעם בעל־הבית׳ס, קינדערלעך זיך אַרומטראָגען, דער בעל־הבית׳טע ביים איינקויפען אַלצדינג צו־טראָגען, שטיקלעך אַרבייט אַהין־אַהער אָבטראָגען, מיט דער בעל־הבית׳ישקייט שטענדיג זיין פערטראָגען און איטליבענס קאַפּריז, קלעפּ און בעלײדיגונג איבערציטראָגען. אַ צוגאָב דערצו איז אַנדערען זיך צווישען פיעלים מיאוס׳ע נבול־פה, מעשיות פון ליבעס אַזוינע און אַזעלכע, וואָס האָטש איז נאָך אין דיר איבערגעבליבען אַ פונק מענשליכקייט, לעשען זיי עס אויס אינגאַנצען. אָט דערמיט הייבט זיך אָן די מלאכה און איבלאָזען לאָזט זי זיך אויס מיט גאָרנישט — מען איז אַ פאַרטאַטש, אַבי־אָט, הייסט עס, מען אַרבייט.

שילדינג מאַכען אינגאַנצען די בעלי־מלאכות קען מען אויך נישט. זיי אַליין זענען דאָך אויך אַזוי, נעבעך, פערשוואַרצט געוואָרען, דאָבען, ווי איך און ווי טויזענדער אַנדערע אָרעמע קינדער, איך אָנגעהויבען די אַרבייט פון טראָגען פאַמיניצעס וכדומה וויטער און ווייטער אַזוינע זאַכען. אַצונד ערשט קלינגען מיר טרויעריג אין די אויערען דעם שטיבעריל׳ס לידעל, מיט וועלכען ער פלעגט מיר אייף שפאַס צו־שפּילען בשעת אַרייסטראָגען ביי איהם אַ פאַמיניצע: „תן כבוד לאיציניו! בראָו, טראָג איציק־אַברהמינ׳ו! אין דיינע יאָהרען האָב איך גענוג פאַמיניצעס איבער־געטראָגען!"

רבינו של עולם, איך בין זינדיג, נאָר די זינד פאַלט נישט אויף מיר אינגאַנצען. איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיר געעפענט די אויגען!

דו האָסט מיר נעעפענט די אויגען, רבונו של עולם, נישט אומ־זיסט. איך וויל מאָן אַזוינס צו פערהיטען דערמיט אַנדערע פון ביז און צו גלייך וויזען יורען אַ וועג, צו פערטרייבען זייערע פעהלער, וואָס זיי זענען בעגאַנגען ביז אַ העט אַקעגען אָרמענקע קינדערלעך, נעבעך.

ליט דער צוואה מיינער, פון וועלכער איך שיק אייך דאָ אַריין, רבי, אַ קאָפּיע, לאָז איך איבער דאָס גרויסע הויז מיינס אויף צומאַכען דאָרט פאַר אָרעמע קינדער אַ תלמוד־תורה און אויך אַ שול, צו לערנען זיי דאָרט מלאכות. די הכנסות פון די קלייטען דאָרט און אַ טייל פּראָצענט פונ׳ם קאַפּיטאַל, וואָס איך לאָז איבער אויף עולמית, זאָלען געהן אויף אויסצוהאַלטען די ביידע שולען. אין דער תלמוד־תורה, וויל איך, זאָל געלערענט ווערען, חוץ יודישקייט און לשון־קודש, אויך דאָס לשון פונ׳ם לאַנד און וועלטליכע זאַכען, בכדי צו מאַכען פון די קינדער יודען און מענשען צוגלייך, זיי זאָלען טויגען צו גאָט און צו לייט. אין דער צווייטער שול, וויל איך, זאָל געלערענט ווערען תורה און מלאכה אינאיינעם, די לערעניונגלעך זאָלען דערצויגען ווערען אַזוי, אַז זיי זאָלען נישט וויסען פון קיין חרפות, בעליידיגונגען און דערנידערונגען און זאָלען אַרויסגעהן פון דאָרט גוטע געלערענטע בעלי־מלאכות, וואָס וועלען וויסען אַליין זייער אייגענעם ווערטה און דערמיט טאַקי צווינגען אַנדערע זיי צו שעצען, וויסען זייער ווערטה.

און כדי צו דערגרייכען דעם דאָזיגען וואונש, זענען אין די דאָזיגע שולען נייטיג צו האָבען גוטע לעהרער, מענשען מיט געפיהל און פערשטאַנד, מיט האַרץ און מיט קאָפּ, זיי זאָלען פאַרשטעהן און ליעב האָבען זייער זאַך. דער עיקר איז ליעבע, ווייל זיי וועלען דאָך האָבען צוטאָן מיט אָרמענקע, פערוואָגעלטע, עלענדע קינדער, וואָס לעבען נאָך ליעב־שאַפט, אַזוינס, וואָס אַ יונג הערצעל, אפילו פון אַנדערע לעבעדיגע בעשעפעניש, גלוסט זיך, און זיי מאַנגעלט עס נעבעך. יענעמס אַ גוט וואָרט נעהמט זיי בעסער פון אַלע שטראָף־רעד און מוסר־זאָגען און דער וועלט און זענען גרייט צו פאָלגען און פייער און אין וואַסער אַריין. דאָס האָב איך געפיהלט אַ מאָל קינדווייז אין מיר.

דאָס אַלצדינג אָבער פאָדערט גוטע פיהרער, וואָס אונטער זייער השגחה זאָלען די אַלע זאַכען אויף דעם בעסטען אופן דערפילט ווערען, און אַזעלכע פיהרער, ווינש איך, זאָלען זיין איהר, רבי, און דער הער גוטמאַן, מיט אייך ביידע וועט אין די נייגעמאַכטע שולען זיך פעראייניגען

תורה מיט חכמה. איהר, רבי, וועט קוקען אויף די יודישע למודים, זיי זאָלען געלערענט ווערען גוט, געהעריג, און גוטמאַן, פון זיין זייט, זאָל האָבען אַ אויג אויף די איבעריגע ענינים אין השכלה־זאַכען. ווי איך קען זעהר גוט אייך ביידען, פערהאָף איך, אַז איהר וועט ביידע איינער פונ'ם אנדערען צופרידען זיין. איהר ביידע ווינשט דאָך גוטס דעם פאָלק ישראל און איטליכער פון אייך וועט טאָן פאַר איהם פון זיין זייט, ווי אַזוי ער קען, און איהם ברייננגען ניצען מיט וואָס ער קען. די בעלוינונג פאַר אַזאַ מיה איז בעשטימט ביי מיר אין דער צואה.

די הכנסות פון דעם עולמות־געלד זאָלט איהר אונאיינעם מיט גוטמאַנען געברויכען אויף נאָך גוטע זאַכען אין שטאָדט, וועלכע איהר ביידע וועט געפינען פאַר נייטיג. אויב עס וואָלט אַ סברא געווען, איינביידע צופיהרען אין דער שטאָדט עפּיס אַזאַ מין חדר פאַר אַ סך קינדער, מיט אמת גוטע מלמדים און לעהרער, וואו דאָרט זאָל געלערענט ווערען געטריי יודישע למודים און וועלטליכע זאַכען; וואָס דאָרט זאָלען די קינדער זיך אויסלערנען צו זיין עכטע יודען און אייך ניצליכע, פאַר־שטענדיגע מענשען, — אויף אַזאַ מין שטאָדט־חדר וואָלט מיר זעהר נחת געווען, איהר זאָלט אַלע יאָהר געבען אַ געוויסע סומע פון די הכנסות פונ'ם עולמות־געלד, נאָר בתנאי, אַז איהר מיט גוטמאַנען זאָלט האָבען די השגחה איבער דעם דאָזיגען חדר.

איך ווייס, אַז אַזאַ מין שטאָדט־חדר, וואָס זאָל געפיהרט ווערען דורך אַזעלכע מענשען, ווי איהר און גוטמאַן, וואָלט פאַר יודישע קינדער געווען אַ גליק. נאָר איך ווייס אָבער צוריק, אַז וויל מאַכען פאַר יודישע קינדער וואָלט אַזאַ חדר געווען אַ גליק, וועט עס אַ סך מיני מענשעלעך כלל נישט שמעקען, זיי וועלען אָקעגען דעם זיך אַריינשטעלען, זיי וועלען אַריינלעגען זייער שטר־שטיק אין דער יראה, כלומר'שט איז אַזוינס עפּיס נישט יודישליך, און וועלען זיכען אַלע מיני מיטעל אַזעלכעס נישט צו־צולאָזען. פינדעסטוועגען, איהר, רבי, זאָלט פון אַייער זייט פּרובירען טאָן וועגען דעם אַלצדינג, וואָס נאָר מעגליך. אולי ירחם.

דאָס אָבער וואָס דורך מיר וועט געטאָן ווערען פאַר אָרעמע קינדער דאָ, אין מיין שטאָדט, איז נאָך נישט גענוג. אין שטעטלעך קען קיין זימער נישט מאַכען. מען בעדאַרף בעזאָרגען דערצו אַנדערע, זיי זאָלען אויך אַזוינס טאָן אין די אַלע יודישע מקומות דאָרט. דעריבער פערלאַנג איך, אַז מיין וידוי מיט דער דאָזיגער צואה מיינער זאָלען אָבגעדרוקט

ווערען, זיי וואָלטען קלינגען אין די אויערען פון נגידים, פיינע־בריות, אויבערשטע צווישען דעם יודישען עולם. ווען אפילו די ווערטער מיינע וועלען נישט ווירקען אויף זיי, צו בעסערן זיך ביים לעבען, צו פאַר־שטעהן, ווי צו אַרבייטען פאַר זייערע אָרמע ברידער, צו מאַן גוטס און ווי צו לעבען, וועלען זיי, לכל הפחות, זיך אויסלערנען ווי צו שטאַר־בען... וויפיעל נגידים מיר איז אויסגעקומען צו קענען אין מיין וועלטעל, זענען ביז דער לעצטער מינוט זייערע געבליבען דאָס, וואָס זיי זענען געווען — געשטאָרבען ווי נאַראָנים. אָט לאָזען זיי הערען דעם ווידוי אין די ווערטער מיינע און אויף מיר קוקענדיג, זיך אויסלערנען האָטש שטאַרבען, אַוועקגעהן פון דער וועלט ווי מענשען.

שטאַרבט, נגידים, שטאַרבט — שטאַרבט ווי מענשען!...

נאָר „נגידי עירך קודמין״, דאָס הייסט, ביז מיין ווידוי וועט אָנ־קומען אַנדערע צו די אויערען, זאָלט איהר דערווייל, רבי, פאַר דער קבורה מיינער, עס פאָרלייענען די אַלע אונזערע היגע נגידים. מיר וועט עס זיין אַ כפרת עון און זיי — אַ מוסר. נישקשה, לאָזען זיי וויסען!...

אויף מכדר צו זיין מיינע דאָזיגע פאַפּירען ווי געהעריג, אויסצו־בעסערן די גראָבע גרייזען מיינע דאָרט, צו־צוגעבען אַביסעל פעפער, אַביסעל געווירץ, עס זאָל לאָפּצען, עס זאָל אַ טעם האָבען, אָבצודרוקען זיי אין בעזונדערע ביכלעך און צו פערברייטען זיי דערנאָך אין דער וועלט — דערויף איז דאָך איין בריה טאַקי רב מענדעלי מוכר־ספרים. איך געדענק איהם נאָך פון צבוע'טשיץ, בשעת ער איז נאָך געווען אַ יונגער־מאַן, אַ בעל־הבית'ל. איהם זאָלט איהר עס איבערגעבען און ער וועט, אַזוי פערהאָף איך, דערפילען מיין וואונש ווי צום בעסטען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז ער בעדאַרף פאַר זיין טרחה זעהר שען בעלוינט ווערען.

כז.

אַז דער רב האָט אָבגעלייענט אינגאַנצען און אונדערגעלעגט די פאַפּירען, איז צווישען דעם עולם און שטיבעל געוואָרען אַ קאָכעניש. די נגידים זענען געווען שטאַרק אין כּעס. אַ טייל האָבען געבּיסען פאַר פערדרוס די ליפּען און געשוויגען. אַ טייל האָבען געוואָשעט ווי די פליגען און אַ טייל האָבען געזיפצט, געאָכט, געאַייקעט.

— וואָס זיפצט איהר אַזוי, רב חנאָ! — האָט איין נגיד זיך אָנגערופען, און אַליין אויך אַ זיפץ געטאָן,

— טאַ־טאַ־טאַ! — האָט רב חנאָ געמאַכט, צושאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ — עט, וואָהין... וואָהין ער איז פערקראָכען! היינט געה, גלייב מענשען... די וועלט איז שוין, כּ׳לעבען, קיין וועלט נישט... טאַקי קיין וועלט נישט, אַזאַ אַ חרפה! אַזאַ־זאַ־זאַ... האַ, וואָס? אַ שרעק, ווי איך בין אַ יוד!... עס קומט דאָך שוין היינט אויס טאַקי, רב בעריש... נו, אַ מעשה, אַזאַ מעשה!...

— איך האָב שוין אָבער פריהער פערשטאַנען — ענטפערט בעריש — וואָהין די קויל פליהעט. אַי־אַי, בין איך אַ מבין, רב חנאָ... צו־וואָס האָבען מיר, נאַראָנים, בעדאַרפט זיצען ווי די פערד, זיצען, וואַרטען ביז די קויל וועט אונז טרעפען? האָב איך דען נישט געזאָגט: פע, פע... קומט! וואָס־זשע, האַ, זייט איהר געבליבען, ביז אין סוף אַריין הערען די אַלע שטעכווערטלעך?... נאָר צודיקשמיינסענדיג! בע... מילא וואָס?... ס׳איז אַביסעל טאַקי דאָס... פערדראָביג, נאָר עט, נישקשה, רב חנאָ, מען האָט שוין אַזעלכע זאַכען געהערט. מילא וואָס איז אַזוי די מעשה?!... אודאי, לכתחילה זייט איהר אפשר אַביסעל גערעכט, ס׳איז טאַקי אַביסעל דאָס... ווי הייסט מען דאָס?... נאָר בדיעבד איז — עט, גאָרנישט!... אַ נאַר בלייבט אַ נאַר און די וועלט בלייבט אַ וועלט, טאַקי ווי פריהער אַ וועלט...

— ניין, ניין, רבי! — האָבען עטליכע נגידים געשריגען שטאַרק איבערגעבראָכען — אוועלכעס איז נאָך נישט דערהערט געוואָרען... ס'טייטש מען זאָל נעהמען מענשען און זאָגען זיי אַז די איינגען אַריין אוועלכע מיט זאַכענישען!... ס'טייטש, ס'טייטש, וואָס הייסט? מאַכען פון מענשען פון אונז אַלע כאַבען, מחילה, דאָס... ווער האָט איהם געבעטען אַזעלכע צו זאָגען?... אויף דיר אַליין זאָג, שרייב, אָבער וואָס געהערט דיך אָן יענער? וואָס איז דיין עסק אַריינקריכען צו יענעם... ניין, רבי! ס'איז אַ גרויס אומרעכט.

— ניי, רב מענדעלי — מאַכט דער רב צו מיר נאָכדעם, אַז די נגידים זענען אַוועקגעגאַנגען — זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווער איז עס אַזוינס ביי אייך אין צבוע'טשיץ דער הער גוטמאַן?

— פון צבוע'טשיץ, רבי, בין איך שוין לאַנג אַרויס. באַלד ווי איך בין געוואָרען אַ מוכר־ספרים, בין איך מיט דעם הויזגעזינד מיינעם אַרויס פון דאָרט קיין קאַבצאַנסק און איך בין היינט אַ קאַבצאַנסקער יוד!

— אָבער גוטמאַנען קענט איהר, רב מענדעלי?

— יאָ, רבי, איך געדענק איהם זעהר גוט — אַ דייטש מיט אַ געפּיצט בערדיל, אָבער זעהר אַ גוטער, עהרליכער מאַן. מען זאָגט: בעסער אַ יוד אָהן אַ באָרד, ווי אַ באָרד אָהן אַ יודען.

— בעט איך אייך טאַקי, רב מענדעלי, איהר זאָלט מוחל זיין פאָהרען קיין צבוע'טשיץ בלי־נדר מאָקי מאָרגען, אָבגעבען דעם הערן גוטמאַנען מיין בריף און זעהען מאַכען ווי איהר קענט, אַז ער זאָל, למען השם, גיך קומען אַהער, בכדי מיר זאָלען קענען באַלד מאַכען מקיים זיין צוואת המת. און ווייטער בעט איך אייך, ליב־האַרציגער רב מענדעלי, איהר זאָלט נעהמען איוף אייך, אָבצודרוקען די אַלע דאָזיגע פאַפּירען אין אַ סך ביכלעך, און איבערברענגען זיי בכל תפוצות ישראל פאַר אַ וואָלוועלען מקח, בכדי דער עולם זאָל זיי מעהר קויפען מכח אייער בעלוינונג איז נישטאָ וואָס צו רעדען, עס וועט אם ירצה־השם, זיין רעכט.

* *
*

צוריקקומענדיג צום בית־מדרש האָב איך געטראָפען מײן פערדיל אין זעהר אַ שלעכטער לאַגע, נעבעך. קונטרסים, חײסע־חברה דאָבען איהם אײנגעריסען כמעט אַלע טמרונגעס, איבערלאָזענדיג איהם נאָר אקעגען אַ פערציג האָר אין דעם װײדעל. עסען האָט ער געדאַרט מכות. ער איז געשטאַנען ערענסט, אַראָבגעהאַנגען די אונטערשטע ליפּ, געקוקט אין בײדעל אויף די ספרים אין געטראַכט. װאָס אַ פערד טראַכט קוקענדיג אויף ספרים — דאָס איז נישט פאַר אונזער מח צו פאַרשטעהן. איך זײס נישט מעהר, מײן שלימזולניק קוקט אין טראַכט, לאָז זיך זײן חאָטש פערדיש, אָבער אַלין אַ קוק איז דאָך עס פאָרט... נישט דאָס בין איך אײטען. נו, חכם מײנער! רוף איך מיך אָן, אָנגעהמענדיג איהם, דעם שלימזולניק מײנעם, בײ דער פאה, די משאַפּײנע הײסט עס, דער קומט הײנט אַ סך האָבער. די האָסט טאַקי געטאָן אַ גרױסע חכמה, װאָס דו האָסט מיך געפיהרט קײן גליפּסק. מיט דײן חכמה האָסט דו געבראַכט ניצען אי מיר, אי דער ליטעראַטור. דו װײסט, פערד! װאָס אַזױנס די האָסט געטאָן? װאָס פאַר אַ שענעם חבור מיר איז אַצינד בעשעהרט דער װעלט אַרױסצוגעבען, נאָר צוליעב דיר טאַקי, צוליעב דײן מח, װאָס האָט נראָד אַ נעהם געטאָן גליפּסק? פון הײנט אָן פיהר דו מיך, פערדיל, די חכם מײנער, איך לאָז אָב די לײצען אין לעג פאַר דיר אײנק די בײטש!...

אויף מאָרגען האָב איך מיך גרײט געמאַכט מיט אַלע נײטיגע זאַכען און מיך געריהרט אין װעג אַרײן.

אין צביע׳טשין קומענדיג האָב איך מיך דערװאוסט, אַז גוטמאַן איז אַרױסגעפאָהרען פון דאָרט, נישט צו װיסען װאו ערגיץ ער געפינט זיך הײנט. איך האָב מיך גענומען צו מײנס אין געאײלט גיכער אָבוצדריקען דעם דאָזיגען ספר, נישט געשפּאָרט מיה, ער זאָל אַרױסקומען, װי מען זאָגט, „אגיל ואשמח״ — קײלעכדיג אין שפּיצעכדיג... איך טהו נאָך אויך דאָס אין דרוק דאָ:

אַ מודעה!

רבותי! זייט פון אייך געוויסט, וואו ערגיץ געפינט זיך העֶר גיט־מאַן, אָדער ער וועט זיך מיט איהם ערגיץ בעגעגענען, זאָל מוחל זיין מיט איהם צו רעדען, אַז ער זאָל למען־השם ולמען־השם תיכף טאַקי קי־מען קיין גליפּסק, וואו דער רב קוקט אויף איהם אַרויס, ער זאָל אונ־איינעם מיט איהם אַיינפיהרען אַ בעריהמטע תלמיד־תורה מיט אַ שיל פּאַר בעלי־מלאכות און מתקן זיין דאָרט נאָך אַ סך אַנדערע גוטע זאַכען.

ישראל בני רחמנים, האָט רחמנות און טהוט עס צוליעב אָרעמע יודישע קינדער!......

יובילעאום אויסגאבע.

אלע ווערק פון

מענדעלע מוכר ספרים

(ש. י. אבראמאוויק.)

אין יענער צייט

שלמה ר׳ חיים׳ס

II. באנד.

קראקא תרעא.

פערלאג „מענדעלע"

ווארשא. נוי יארק. ווילנא.

אלע רעכטע אין איראפא און אמעריקא פארבעהאלטען.

דרוק פֿאן יוסף פֿישער אין קראקא.

שלמה ר׳ חיים׳ס.

אמר מענדעלי

זאָגט מענדעלי מוכר ספרים: וואו איז דען דאָ אַ איד, וואָס קומענדיג פונ׳ם וועג זאָל ער זיין גאַנץ מיט אַלע אברים, נישט פיהלען שטעכעניש אין די זייטען, אין רוקען פונ׳ם זיצען צונויפגעפרעסט אין װאָגען אין פאַרשוין אויפ׳ן אַנדערען. אַ איד, באַלד ביים אַרויפגעהן אין וואָגען, איז ער מפקיר די ביינער זיינע און אויף די פיס איהם מעגען טרעטען ווער עס וויל. מילא דאָס איז דאָך אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך, אָבער נישט פאַר אייך געדאַכט, רבותי, אַזאַ שרעקליכען וועהטאָג, וועלכען איך האָב געפיהלט אין אַלע מיינע גלידער קומענדיג ביים №... נאָך אַ לאַנגען שווערען ביטערען וועג. דענסטמאָל האָב איך בעשיינפערליך טאַקי אין מיר געפיהלט, ווי אמת זענען די ווערטער פון אונזערע הייליגע חכמים איפ׳ן פסוק „נשיתי טובה“ — נשיתי — איך האָב פאַרגעסען, זאָגען זיי, טובה די טיבה, דאָס מיינט מען די באָד — פשוט איז פשוט, אַ באָד ווי עס דאַרף זיין מיט אַלע זיבען זאַכען, מיט די אויבערשטע בענק די ברייטע און מיט די לאַנגע דרענגלען אויף אויפצוהענגען דערויף פליודערען, מהילה, זאָקען וכדומה. איך מיט דעם רופא, וואָס זיצט, דאַכט זיך, אין ווינקעלע ביי אַ ברענענדיג ליכטעל, גאָלט אין לאָזט בלוט אידישע קינדער. אָט די ט ו ב ה האָב איך טאַקי נויטיג ווי אין לעבען אַריין בעדאַרפט האָבען אין דער דאָזיגער צייט, נאָר אָך און חעה, אַז די אַלע דאָזיגע גוטע זאַכען, מיט וועלכע די קליינע שטעדטלעך אין אונזער ווינקעל זענען געבענשט, איז אין דער ברך №... וויס מען דערפון גאָר נישט וואָס צו זאָגען און צוליעב דעם טאַקי אַליין איז דאָס לעבען אין די גרויסע שטעדט גאָר קיין לעבען

נישט, וואָס פאַר אינזערע קאַבצאַנסקער אידען איז עס שווער איבערצוטראָגן.

ווי באַלד איך האָב ארויסגעזעהן, אז דאָ קען איך נישט בעקומען די רפואה נאָך מיין פערלאַנגען, האָב איך אָנגענומען מיר דאָס בעקאַנטע מיטעל, וואָס געווייהנליך אַ איד געברויכט אין אַ נויט-פאַל, דאָס הייסט, איך האָב מיך נישט ווינענדיג געמאַכט, אַרויסשלאָגענדיג מיר פון קאָפּ די ווערטאָגען, עט, גאָרנישט! און נאָך מעריב בין איך מיר אַרויסגעגאַנגען פון אכסניא צוליעב די געשעפטען מיינע צו זעהן זיך מיט סוחרים, אין גלאַט אַזוי מיט אַלטע בעקאַנטע.

אַ שלעכט געוויטער, נישט ווי געוועהנטליך, האָט זיך אָנגערוקט פּלוצלונג פון צפון-זייט. אַ חשכות, אַ פינסטערניש, שוואַרצע וואָלקען אַרום און אַרום. אויף מענשען פאַלט אָן אַ מהומה, אַ ליופּעניש ווי די הולע. אין אינזערע ציטען האָט בכלל עפּיס דער קלימאַט זיך געענדערט, עפּיס אַ פערדרעהטער, אַ משוגענער וועטער, אַזוי ווי די פּאַפּירען אויף דער בערזע, וואָס הויבען זיך און פאַלען צעהן מאָל אַ טאָג, און אַזוי ווי דער היינטיגער דור אינגאַנצען, משטיינס-געזאָגט. נאָך ביים סוף זומער איז פּלוצליך געוואָרען אַ פערענדערונג אין דער לופט — וואָלקענס, קעלט און ווינד, ניטאָ קיין זון, די וועלט איז וויסט, אַ חשכות איז אויף איהר אָנגעפאַלען. ציגען, צאַפּעס שפּרינגען אין די גערטנער, צעטרעטען און פיהרען-איבער אַלץ וואָס דאָרט געפינט זיך נאָך. עפּיס טאַקי נאָר ווי אַ אָנשיקעניש פון גאָט. חזרים רויען זיך און רייסען אויס מיט'ן וואָרצעל וואו עפּיס אַ שטיקעל גרינוואַרג, אַ תל ווערט פון דעם מענשענס אַרבייט. ביימער פערלירען זייער צירונג — אַ מתנה פון'ם פריהלינג. אַ צושטאַנד, משטיינס-געזאָגט, ווי מלמדים, אָהן „בלעטלעך". זיי שאָקלען זיך, פּלאַטערען, ציטערען און קלאַפּען זיך מיט די צווייגען אין דעם אויסגעקראָכענעם קאָפּ, נישט צו דערקענען, אַז זיי האָבען געבליהט אַמאָל און געבראַכט גיטע פירות פאַר לייטען אין דער וועלט. דאָס חיה'לע זוכט זיך אַנאָרע ענטרונען צו ווערען אין דר'ערד, די פליעג — אין אַ שפּאַלט ערגיץ אין וואַנד, אַ טייל בריאים פערלאָזען זייערע ערטער און לאָזען זיך וואַנדערען אין עק וועלט איבער די ווייטע ים'ען. עס פרוירט די ערד און אַ מרה-שחורה רוהט אויף איטליכען, אַלע פיהלען: אָט, אָט, קומט דער ווינטער; דער בייזער פריץ, און וועט פערחיסטען די ערד. ערשט די ימים נוראים געהען אַוועק, די ימים טובים, געלויבט איז גאָט, איך פאַרביי, און דער ווינטער קומט, נאָר אָבער אָהן סבור,

נישט מיט קיין שטורעמס, נישט מיט קיין רעש. ער איז גאָר נישט אזא אכזר, אזא בייזער, ווי ס׳האָט זיך געדאַכט, פאַרקערט, ער איז גאָר א גוטער, לאָזט זיך דערקענען צו דער ערד מיט זיין ליכטיגן פנים. אייפּ׳ן האַרצען ווערט רוהיגער. עפּיס ווי זיס מיט וויער צוזאַמען. דאָס פליגעלע טהוט זיך ווייטער אַ וויז, בעוועגט זיך ווי שיכור, אָבטאַנצענדיג א קאַזאַצקע ערגעץ אויף אַ פענסטער, אויך די מוקען קריכען מתנות־וויין אַרוים פון זייערע לעכער, פליהען, דרעהענדיג זיך, וועגריג מיט טענצלעך אין די גאַסען. אַ אַקאַציע ערגיץ אין אַ גאָרטען איז זיך מישב, נעהמט און הייבט אָן פליצלינג למזל בליהען, און דער מענש וויל זיך איינרעדען, ווי דער שטיינער זיינער איז, אַז נסים זענען געשעהן אויף דער וועלט, עס וועט, אם ירצה השם, זיין גוט. אביונים פרעהען זיך, קבצנים ווע־רען ביי זיך שטאַרק, אַ האָפנונג אויף גוטע ליכטיגע צייטען, עס וועט, אם ירצה השם, וואַרים זיין. און פליצלינג גיט דער ווינטער דער וועלט צו זעהן זיינע גבורות, וואָס אַזוינס ער בעדייט. עס שטורעמט, עס רע־גענט שניי מיט וואַסער אויסגעמישט אינאיינעם, עס קערט זיך די וועלט.

דער ווינד לאָזט נישט אָב. שטיקלעך פאַלענדיגער שניי שטעכען ווי נאָדלען מיין לייב. איך בייג אָן דעם קאָפּ, האַלטענדיג זיך ביי דער קאַפּאָטע, די פּאָלעס זאָלען מיר נישט אַריבערוואַרפען זיך איבער׳ן קאָפּ. און נעה מיר אַזוי איינגעהויקערט און צעהנטען צו שלמה רב חיים׳ס — מיינער גאָר אַ אַלטער בעקאַנטער.

אָט דער שלמה מיינער האָט געוואוינט אַמאָל אין גלופּסק, און די גליפּסקער האָבען איהם איינגעהאַלטען בכבוד גדול. נישט זיי האָבען זיך איינגעבראַכט אויף איהם מיט געלד, חס־ושלום! נישט אין גראָשען אפילו. וויל ביידע אויגען וואָלט זיך אַ גליפּסקער געלאָזט אַרויסנעהמען פאַר אַ גראָשען, סידען מען רייכט איהם נישט פאַר דער פאה. ראשית חכמה איז ביי איהם די מטבע, זי מאַכט איהם פאַר אַ גאַנצען יש, פאַר אַנ׳ערליכע־מחוצף־פנים, פאַר׳ן גאַנצען פיהרער און דעה־זאָגער אין קהל. נאָר וואָס דען?! רב שלמה איז אַ שרייבער, אַ מחבר הייסט דאָס, האָבען די גלופּסקער איהם געדינט פאַר אַ קרעניצע צו זיינע מעשׂיות, דאָס הייסט, ער פלעגט זיך גיט צוקוקען צו די גלופּסקער, בעטראַכ־טענדיג זייערע אַלע מעשׂים, ווי דער שטיינער איז פון די נאַטורפאָר־שער, וואָס זיי בעטראַכטען די טבע פון די בעשעפעניש און רעדען איבער „שקצים“, רמשׂים און איבער אַלע מיני חיות און בהמות. און בעקענע־

דיג זיך מיט דער מבע פון די גלופסקער ברואים, מיט זייער שטיינער לעבען, מיט די אַלע גענג און אויפפיהרונג וייערער, פלעגט ער זיי דער־נאָך בעשרייבען, אַ נידערשטעלענדיג אַ בילד אַ וואונדער־שענס מחיה נפשות, וואָס פלעגט האָבען אַ שאַרפען אָבגאַנג צווישען אידען, און דערפון האָט ער געהאַט נישקשה׳דיג זיין אויסקומעניש.

און פלוצלונג דאַכט זיך, האָט זיך די גלופסקער גאָרנישט געקענט עפּעס אַ מיל פאַראיבעל צו האָבען אויף איהם דערפאַר, וואָרום וואָס אַרט דאָס אייך, אַז דער האָט אַ נוצען און איהר דערלעגט גאָרנישט דערביי. דאָך — הערט אַ מעשה! זענען זיי דערפון נישט צופרידען געוועזען, טאַקי נאָר מעשה סדום, — פאַר וואָס? ווייסען מיר נאָך ניט ביז היינט. עס איז דאָ אפילו אַ בפירוש׳ער דין אַנגעגען אַזאַ מעשה רע. בית דין איז טאַקי איינגענטליך מחייב געווען ניטען זיי דערצו, פערטשאָפּען זיי די מיילער מיט געהאַלד, בינדען זיי אויף אַלע פיער ווי די בהמות, און אַנידערלעגען זיי פאַר איהם, נאַ, שרייב! מאָל זיי אָב פון דיין הנאה וועגען אין פון דעם עולם׳ס הנאה וועגען. נאָר ער אַליין האָט זיך שיין אָבגעשאָקעלט פון זיי, פאַר וואָס? ערשטענס איז טאַקי אַ צער בעלי חיים, מען טאָר נישט מצער זיין אַ לעבענדיג בעשעפעניש, אפילו אַ פלוי נישט, און צווייטענס איז איהם טאַקי פשוט נמאס געוואָרען האָבען צו טאָן שטענדיג מיט די גלופסקער. קרעפלעך עסט זיך אויך צו. און דריטענס אַלע זאַכען מוזען דאָך עפּיס האָבען אַ עק.

רב שלמה האָט זעהר גוט אַרויסגעזעהן, אַז די דאָזיגע קרעניצע, פונוואַנען ער שעפּט, האָט אָנגעהויבען, מחילה, אונטערצושפּיס׳ען און ווימלען מיט מיני קליינע בעשעפענישלעך, וואָס איז נישט כדאי מיט זיי זיך אָבצוגעבען, און געהערט האָט ער אויך, אַז ס׳האָבען זיך געוויזען גאָר נייע מאָדנע מיני ברואים׳לעך, אייפ׳ן קוק, דאַכט זיך, ווי די אַלטע, און פאָרט אַנדערש, עפּיס מיני האַמעלעאָנען אַזוינע, נאָך נישט גוט אויסגעפאָרשט לעת עתה, ווער און וואָס זיי זענען, ס׳איז צו האָפען, אַז מיט דער צייט וועט קומען דער געלערנטער מאַן, וואָס איהם וועט בעשערט זיין זיי גוט אויספאָרשען און בעקאַנט מאַכען מיט זיי די וועלט, דעריבער האָט רב שלמה מפקיר געווען זיינע גליפסקער און איז פון זיי אַוועק.

צו האָט רב שלמה זיך אָבגעגעבען מיט די נייע מאָדנע ברואים און איהם איז געראָטען גוט זיי אויסצולערנען, דאָס ווייס איך נישט. מעגליך, אַז זיי זענען איהם אויך נמאס געוואָרען און ס׳וואָלט איהם גלייַ־

בער געווען אָבצישינדען אַ נבלה אידער מיט זיי האָבען זיך באַן. נאָר דאָס ווייס איך בעשטימט, אַז ער האָט דאָרטען היינט אין N. . . אַ אייגענע שול פאַר יודישע קינדער.

נאָך אַזאַ שווערען גאַנג אין רעגען, אין שניי אין טאַפּענדיג אין דער פינסטער אַ טיר, בין איך אַריינגעגאַנגען מיט דעם איבערצייגונגס הילף מיט גרויס אָבשיי אין אַ הויז. ס׳פערשטעהט זיך, אַז איך בין אַריין הינטען=אַרום דורך דער קיך, ווי דער שטייגער איז ביי אַ אידען, וואָס ווייס דרך ארץ.

דער אַריינגאַנג פון אַ אידען אין אַ טיר איז, ווי דער שטייגער זיינער איז, שטיל, געבויגען מיט הכנעה, מען זאָל דאָס הערען עפּיס אַ שאָרך. אין פּלוצלינג וואַקסט ער אויס פאַר׳ן בעל=הבית ווי פון דר׳ערד, עפּיס נאָר מאַקי אַ בער, „וואָס מהוט מאַן לוגען צו זיין פערציקינג“, צו דערשאַפּען איהם פלוצלינג, אידער ער וועט האָבען צייט פון איהם ענטרונען צו ווערען.

דער דאָזיגער אידישער שטייגער — דאָס איז אַ זכר פון דער ביטערער אָרימקייט אין גלות פון אייביגע צייטען. זינד קבצנים האָבען זיך אַ וויז געטאָן ביי אונז אַזוי, אַז די נעהמער זענען מעהר פאַר די געבער, האָבען זיי אָנגעהויבען געברויכען ביים זוכען זייער ברויט, געהענדיג איבער די הייזער, די אַלע קינציגע אַיינפאַלען פון די יענער אויף דער יאַגד, אַלין הינטען אַרום, שטיל, עס זאָל נישט איבערבלייבען קיין צייט אויף ראַטעווען זיך דעם בעל הבית, נעבעך, וואָס ציטערט אַזוי איבער זיין געלד. און דער דאָזיגער שטייגער אַריינגאַנג, וואָס איז אַ ירושה פון דור דורות, איז געבליבען ביי אונז ביז היינט.

שטעה איך מיר אַזוי אַ ווילע אין פאָדער=חדר זעהר שטיל, טאַפּענדיג זיך ביי דער קאַפּאָטע, ביי די פאות, אונטערהייבענדיג אָביסעל דאָס היטעל אויפ׳ן קאָפּ, גוט אויסצוגלייכען די יאַרמילקע אויף איהם, ווי דער סדר העולם איז, און אגב מאַקי חאַפּ איך אַ קוק אין דעם ציממער אַנטקעגען. מענשען זיצען דאָרט ביי אַ לאַנגען טיש, וואָס איז בעדעקט מיט אַ ווייסען טישטוך — אַ גרויז גראָהער מאַן זיצט אויף אַ שטיהל אויבענאָן, דריי מאַנסבילען פון אין זייט טיש, אַ שענע אידענע מיט מיידלעך פון דער אַנדערער זייט. אויף אַ קליין טישעל שטעהט אַ זידענדיגער סאַמאָוואַר, אַרויסלאָזענדיג פון זיך גאַנצע זיילען גראָהער פּאַרע; וועלכע רויטלען זיך ביים שיין פון דעם היינגלאַמפּ. אַ ליבער מהיה׳דיגע

וואַרימקייט און ליבשאַפֿטיגקייט איז אין דעם הויז. מען טרינקט טיי, שמועסענדיג איינער מיט דעם אַנדערען מיט יריוס הנאה.

אַז איך האָב מיך גוט צורעכט־געמאַכט אין פאָדער־חדר, בין איך אַריין אַהין און זיך נידער און געבליבען שטעהן בײַ דער טיר שטיל שווייגענדיג.

— ווער איז? ווער איז דאָ? רופט זיך אָן דער אַלטער נישט ריהרענדיג זיך פונ'ם אָרט.

— גאָרנישט... אַ איד איז דאָ... גוטען אָווענד! — ענטפער איך מיט אַ האַלבען מויל, שטעהענדיג אַלץ מאַקי נעבען טיר.

— וואָס זאָגט ער דאָרטען? — פרעגט דער אַלטער פערוואונדערט אויפשטעהענדיג שוין פון אָרט, און לאָזט זיך געהן צו מיר.

— וואָס ער זאָגט?... גאָרנישט... „גוטען אָווענד" זאָג איך.

— „גוטען אָווענד" איז זעהר שיין, זייער גוט, אָבער איך בעט אייך, רב איד, וואָס ווילט איהר?

— וואָס וויל איך? גאָרנישט וויל איך... אַזוי זיך... אַריין, אַז יאָ אַזוי, איך האַלט שוין אין געהן, טראַכט איך מיר, כדאי אַריינצוגעהן זעהן זיך מיט אַ אַלטען בעקאַנטען. וואָס מאַכט איהר, רב שלמה, איז שוין אַ צייט מיט יאָהרען, אַז מיר האָבען זיך נישט געזעהן, מיר זענען בײַדע אַלט געוואָרען אין דער צייט. די האָר אײַערע זענען שוין גאָר ווייס געוואָרען. פונדעסט[וועגען] האָט איהר זיך קיין סך נישט פאַרענדערט, איך האָב אײַך באַלד [דער]קענט, אין דעם היבשען שטערען און אײַער קורצע [ב]אָיה, די זעלבינע אויגען די פייערדיגע, די זעלבינע ליפען, אויף וועלכע זאָגען מיט שמייכעל שוועבען אינאיינעם, דער זעלבינער ברען אין דאָס זעלבינע מאַכען מיט די הענד בײַם רעדען אַזוי ווי אין דער יוגענד. איהר זייט אַיין אַלט־איינגל, איך בעט איבער אײַער כבוד! נו, און מיך, מיך דערקענט איהר נישט? — זאָג איך מיט אַ זיס־פריינדליך שמייכעלע, אייסציהענדיג זיך פאַר איהם ווי גרויס איך בין, אָננעהמענדיג זיך פאַר'ן בערדיל.

— האַ, וואַרט נאָר, וואַרט אַ ווײַלע — זאָגט רב שלמה שאַרף אָנקוקענדיג מיך — אָ, דערקענט: רב מענדעלי... אָך, ליעבער פריינד רב מענדעלי מוכר ספרים! ברוך הבא! וואָס שיין זייט איהר אַזוי שטיל אַריינגעקומען אין דער פינסטער דורך דער קיך, און שטעהט דאָ בײַ דער טיר?

— וואָס הייסט, מען האָט דען בעדאַרפט קלינגען איף אַלע גלע־

קער? נעדמט נישט פאַר ׃ומניט, רב שלמה, ־יאָס איך האָב מיט די שיך אריינגעטראָגען בלאָטע אין שטוב.

— עס מאַכט נישט אויס, בלוֹמע, דאָס איז בײ אונז אידען א זכר לטיט פון מצרים אָן — ענטפערט רב שלמה אָנגעדמענדיג מיך פריינדליך ביים אָרעם און שטעלט מיך פאָר איטליכען אין הויז, אָנ־רופענדיג בײ די נעמען די דרײ טאָכטפאַרשוינען, און זאָגט: דאָס זענען אידישע שרייבערס, מײנע גוטע געטרײע פריינד.

— אידישע שרייבערס און געטרײע פריינד! — וואונדער איך מיך שטאַרק בײ מיר. אַ בייסעניש, אַ רייסעניש פון קעין און איין זאַך איז מיר צוגלייך געקומען אויפ׳ן געדאַנק און איך האָב משונה פערהערט די נאָז.

איך זעץ מיך ביים טיש און מען שטעלט פאַר מיר אַ גלאָז טײ. דאָס געשפּרעך צווישען דעם עולם קלעפט זיך עפּיס נישט, נישט אזוי לעבעדיג־היין ווי פריהער, און באַלד ווערען אַלע ענטשוויגען, ווי עס נעהמט זיי אָב דאָס לשון, און ־יוויגען מאַכט זיך געוועהנטליך אָפט אין אַ געזעלשאַפט, ווען עס קומט אַ נײער פּאַרשױן, און דעם שווייגען הערט זיך אַ שטילעס בילען פונ׳ם ביזען הונט, וואָס ליעגט אינוועניג אין אונז מענשען. דאָס בעדייט: חשד, נישט־צופרידענהייט, פיינדשאַפט, אַ אָנצו־הערעניש יענעם אויפ׳ן וואונק: טראָגט זיך, פעטער, צו אַל־די רוחות אין לאָז מען פון אייך פטור ווערען.

גוטהערציגע בעגעגענען איינע ־יע נאָר בהמות. אַ בהמה, אַ שטיגער, שטעהט זיך ביים צעבער, ־ ־ט אָן א צווייטע און שטעקט אַריין דעם קאָפּ אַהין אין צעבער, — מילא גאָרנישט, שטעהען זיך ביידע אין עסען רוהיג, גאָר פריינדליך. וואָס איז זיך דאָ צו וואונדערן. וואָרים דערויף איז זי דאָך אַ בהמה, אַ גראָבע, אַ נידעריגע בעשעפעניש אָהן פערשטאַנד...

נישט אָבער אַזוי זענען מענשען, זיי האָבען דאָך שכל, זענען דאָך קלוגעטשקע, בעגעגענען זיי איינער דעם אַנדערען מענשליך, אויף זייער שטיגער. אָט דער מין שווייגען איז זעהר נישט אײנגענעמם דעם ניי־אַריינגעקומענעם. ער בלייבט צומישט, פערלירט די שליטה איבער זיך, איבער אַלע זיינע גלידער. די הענד, די פיס, די אויגען בעווענען זיך עפּיס משונה אָהן זיין וויסען. די נאָז שטעהט פיל ווי אַ רינשטאָק, מחילה, און ווייסט נישט, וואָס מיט דיר צו טאָן. ס׳איז נישט גוט, שווער ווי אַ שטיין אויפ׳ן האַרצען.

לאנג לעבען זאָל רב שלמה, וואָס ער האָט זיך דערבאַריעמט אין ריידענדיג געטאַבט די געסט, אבי א אָנהייב, איז שוין דאָס ווייטערדיגע געגאנגען ווי א מזמור, געהערט הויך אויף א קול. דאָס איז דאָך ידוע, אז מחברים ווענען גרויסע פּלוידערזעק, ריידען מעהר ווי ווייבער. ווי באַלד עס עפענט זיך זיי דאָס מויל, שיטען זיך רייד, ווי פון א לעכערדיגען זאַק. איך האָב אויך געעפענט מיין מויל און האָב געוויזען, וואָס איך קען, געהערט אָהן אויפהער. דאָס איז זיי געפעלען געוואָרען, און מיר זענען געוואָרען באַלד, ווי עס פיהרט זיך ביי יודען, אַמת'ע ידידים... גוטע ברידער, הייסט עס.

— נחזור לעניננו — האָט רב שלמה זיך אָנגערופען — לאָמיר זיך אומקעהרען צו אונזער פריהערדיגען שמועס. פאַר רב מענדעלען איז זיך נישטאָ וואָס צו שעהמען, ער איז דערין זעהר געניט, ער איז אַ בקי אין דעם דאָזיגען ענין... אדרבה זאָל ער הערען און זאָגען זיין מיינונג.

— ווענען וואָס איז דאָ דער שמועס? ווענען וואָס האַמפּערט מען זיך דאָ אַזוי? פרעג איך שוין מיט אַ רוהיג נעמיט.

— ווענען וואָס האַמפּערען זיך מחברים? — ענטפערט רב שלמה — ווענען שרייבערס און ביכער! זאָגט איהר, רב מענדעלי, וואָס פאַר אַ מין זאַך איז עס דאָס שרייבען, וואָס שטעקט דערינען אַיינס? אָט דאָס איז דער תוך פונ'ם ענין, ווענען וואָס מיר האָבען זיך דאָ פריהער געשפּאַרט.

— וחכמים אומרים, און וואָס האָבען זיי געזאָגט? גיב איך אָב כבוד די געסט, זיי זאָלען זאָגען פריהער זייער מיינונג ווענען דעם.

— דאָס איז אַ געטליכער גייסט אין דעם מענשען! — זאָגט איינער פון די מחברים און אַ צווייטער האָט איהם צוגעבאַמקעט.

— און איך זאָג — רופט זיך אָן אַ דריטער, אַז דאָס שרייבען איז אַ זאַך, וואָס מיז האָבען פאַרברייטונג אין קענטעניש. ווער עס האָט אַ מח און בילדונג, יענער שרייבט.

— דאָס שרייבען — לאָז איך מיך הערען מיט אַ וואָרט, אַזוי אַז דעם עולם זאָל עס אויפפאַלענד זיין — דאָס שרייבען איז נישט מעהר ווי אַ שגעון, אַ מין שלאַפקייט, אַזוי ווי, למשל, די תאוה ביי אַ סך יודען צו שטעלען זיך דאַווענען פאַר'ן עמוד, כדי אַרויסצוווייזען פאַר'ן עולם דאָס קול=נגינה זיינע.

— רב מענדעלי וויל אַלץ מבטל זיין! מאַכט ר׳ שלמה צילונגנדיג אַ פינגער צו דער נאָז, ווי ער ביזוערט זיך כלומרשט, און דאָס פּנים זיינס שמייכעלט דערביי — לאָזט זיך דינגען, רבותי.

— איך וויל ניט אַריין אין די הויכע דרכים איבער דעם ערשטען חלק פון דער שאלה, איבער וועלכער מיינע חברים האַמפּערען זיך — וואָס דאָס שרייבען איז אַזוינס? איך וועל נאָר זאָגען מיין מיינונג אויף דעם אַנדערען חלק פון דעם ענין: צו וואָס דאָס שרייבען איז! האַרכטזשע. דעם מענשענס פערשטאַנד איז דאָך דער מקור פון אַלע געדאַנקען, די געדאַנקען אָבער ווערען נישט רעכט פאַרטיג, קלאָר, ווי עס געהער צו זיין, סיידען נאָר דורך דער שפּראַכע. מיט איהר הילף נעהמען זיי אויף זיך ליב, בעקומען זייער געהעריגע צורה. און דערינען בעשטעהט מאַקי דעם מענשענס מעלה, וואָס ער קען רעדען. און היות דאָס רעדען מיט׳ן מויל אַרבייט אויס, ווי אַ קינסטלער אַ מאַלער, די געדאַנקען פּנ׳ים גייסט און זייער קערפּערליכער געשטאַלט, דעריבער דאַרף עס אויך האָבען מיטעל דערצו, וואָס זאָלען איהם שטעהן צו הילף, די אַרבייט זאָל זיין ריכטיג, מייסטעריש גוט. און אַזאַ מיטעל איז דאָס שרייבען, אָדער די שריפטליכע שפּראַכע. דער שרייבער איז מעהר מקפּיד אויף זיין שפּראַך, ווי דער וואָס רעדט. ער זוכט, קלייבט צו די פּאַסענדיגע ווערטער, זעצט זיי ווי פּערעל איינס צום אַנדערען מיט ישוב הדעת, מיט דער כונה, אַז דער גייסט און די צורה זאָלען, ווי די נשמה מיט׳ן גוף, פּאַסען איינער צום אַנדערען, נישט מעהר — נישט וועניגער וויפיעל מען בעדאַרף. בכן קומט אויס, אַז דורך דער שריפטליכער שפּראַכע פאַרבעסערט זיך מיט דער צייט דאָס רעדען מיט׳ן מויל. קלערער ווערט דער געדאַנק, און גרעסער דער פערשטאַנד.

— דאָס אַלסדינג איז נישט פאַר אונז געזאָגט געוואָרען, — איז אַרויס מיט אַ קריטיק איינער פון דער חברה, — נעהמט טאַפּט איבער אינגאַנצען די היינטיגע ליטעראַטור אונזערע, מיטטינס-געזאָגט, וועט איהר מעהר נישט געפינען נאָר לשון, אַ מוסר-זאָגען, עצות, פּלפּול, בויך-סברות, גוזמאות; ווילדע שבחים און משונה׳דיגע זידלערייען — אַלסדינג טאַקי נאָר ווי ביי בטלנים אין בית המדרש אינטער׳ן אויווען, און דאָס וויזט אויף דעם דלות אין געדאַנקען אין די אָרימקייט אין געפיהלען. לא די וואָס דער קאָפּ איז נישט פרוכטבאַר, ברענגט נישט אַרויס קיין שום ניס, קיין שום לעבעדיג געדאַנק, ער פיהלט אַפילו נישט, וואָס עס געהט איהם אָב. דעריבער איז דער מינדסטער אפילו

פון די שרייבער בײ זיך א גדול, קלינגער פון דער גאנצער וועלט, בײ אירם איז אלײן איך און איך... אָט אזוי זאָג איך, אזוי מײן איך, און אזוי ראַט איך... אלע זענען בײ זיך פערריסען. ווילדע מיטר־זאָגער, משנה׳דיגע ערפינדער, גרויסע בעלי־עצות, טויבטער־קעפ, אימליבען בע־וינדער גלױבט זיך א כארג כינו, שטעהן אויף איהם און אראבשרײען פון דאָרט זײנע געבאָט. וואָס הײבען זיך אָן מיט „איך" און לאָזען זיך אויס מיט „איך".

— אי, אי, אי! — שלאָג איך אָב דעם קריטיקער אזוי שטאַרק, בײ מיר אפילו האָב איך געוואוסט, אז ער איז גערעכט, ראָך האָב איך מיך געעקשנ׳ט, געלײגט, זאָל נישט אויסגערערט זײן, פאַר׳ן כבוד פון אונזערע אָבגעפײנטע חכמים, זאָלען געזונד זײן.

— די שרייבער איז בײ אונז — טרעט אַרויס מיט אַ קריטיק נאָך אײנער פון דער חברה — זײ שרייבען נישט קײן וויסענשאַפטליכע זאַך גופא, נאָר וואָס? איבער דער דאָזיגער זאַך. דאָס הײסט, זײ שטראָפען אנדערע, ווערטלען זיך, און בעווייזען, אז ס׳איז נויטיג, אז מען זאָל עס שרייבען. און דעם ענין אויך, מיט וועלכען זײ בעשעפטיגען זיך, הײבען זײ נישט אָן צו וויסען און ווילען נישט וויסען, וואָס מען האָט איבער דעם שױן פריהער געזאָגט. איטליכער איז זיך אַ אדם הראשון, אָנהייבענדיג פון בראשית, דער אלף־בית הור׳ט זיך תמיד איבער אויף דאָס נײ. די פריהערדיגע חכמים אונזערע ווערען נישט גערעכט, עס בלייבט בײ אונז פון זײ קײן זכר נישט. אויך די געשעהענישען און אונזערע נײטען פערשווינדען ווי אַ חלום, פיעל געשעהענישען ווערען נישט פערשריבען און אונזער צײט דעריבער נאָר, וואָס מען רעדט זיך אײן אַ נאַרישקײט, אז דאָס איז אַ אַרבײט פאַר דעם געשיכטע־שרייבער און דעם שפעטערדיגען דור, ער וועט ערשט קענען צונעהמען די זאַכען ווי דער ריינער אמת, אָהן קײן שום פניות. נאָר דערווייל, ביז וואַנען דאָס וועט זײן, איז פיעל געשעהענישען פון אונזער צײט געהען פערלאָרען און, הערט, הערט, אין אַ צײט אַרום, אז עס וועט איינשטעהן בײ אונז אַ אַלטערטימס־פאָרשער און וועט וועלען איינבויען אַ בנין פון די איבערגעבליבענע צו־וואָרפענע שטיקלעך מאַטעריאַל, מיטטײנס־געזאָגט, — וועט איהם מעהר פעהלען ווי ער וועט האָבען, און אינגאַנצען וועט עס זײן אַ בנין אויף הינערישע פיסלעך, סײדען אז מען זאָל גלויבען, אַז אידישע געשיכטע־שרייבער זענען נביאים, וועהן בנבואה דאָס וואָס אַ מאָל איז געשעהן, און מאַכען פון גאָרנישט אַ זאַך. ווענינגסטענס איז גענוג, אַז מען זאָל זײ

געבען דאָס לעבּיל פון אַ נאָדעל, און דעם העלפאַנד איז דורכגעפירען איהם דורך דעם לעבּיל וועלען זײ שוין אַלײן בעשאַפען, אָבער גאָט ווײס, אויב אזעלבע וועלען גאָר זײן אין די שפּעטערדיגע דורות. נאָר אָבער אַ היסטאָריקער מיט אַ מענשליכען פערשטאַנד שפּעטער, ער וועט בעשׂלי־דיגען די אידישע שרײבער אין אונזער צײט, אין זײ שימפּפען, פאַר וואָס זײ האָבען נישט געברויכט דאָס לעבען פונ׳ם פאָלק פאַר אַ מאַטריאַל אין זײערע ספרים, נײַט אָנגרײטענדיג געניג שטאָף איף צו בויען פאַר יענע, וואָס וועלען קומען נאָך זײ, און האָבען זיך נאַריש געמאַכט מיט „מאמרים״, מיט פּלפּולים, מיט וכוחים, מיט בײ־זאַבען, און מיט פאַנטאַזיעס, וואָס נישט געשטויגען און נישט געפלויגען. און אַממײנסטען וועט דאָס נישט געשענקט ווערען יענע, — האָט ער צוגעגעבען צו זײנע רעד מיט אַ וואונק טײטענדיג אויף רב שלמה׳ן מיט׳ן פינגער — יענע שרײבערס פון אונזער איצטיגער צײט, וואָס קענען גוט דאָס פאָלק, אויסגעבונדען פון קלײן ביז גרויס און ווײסען אַלע געניג ווײערע, און האָבען זיך געפײלט דאָס אָנצושרײבען.

— רבּיתי, רב מענדעלי ציטערט, ער האָט מורא, איהר זאָלט איהם נישט פאַרברענען מיט׳ן מויל! — זאָגט רב שלמה מיט אַ שמײ־כעלע, זעהענדיג ווי איך בין צומישט פון יענעמס ווערטער, און מינע מיך שטאַרק פאַר גרויס פערוואונדערונג — נישקשה, רב מענדעלי! אָהן כּבנית. מהברים ווען זײ זיצען און לאָזען זיך אַריין אין אַ שמועס, ברענט אַרום זײ אַ העליש פײער, עס ברענט, אָבער פאַרברענט ווערט קײנער, חלילה, נישט. דאָס זידט אין זײ דאָס בלוט, תּלמידי חכמים ציפלאַקערען זיך אפילו גאָר אין אַ געוועהנליכען שמועס, עס פליהען ווערטער פײער־דיגע ווי גליהענדיגע קויהלען. איך קען אײך, מײנע חברים, איך ווײס, אַז איהר זײט אין האַרצען גאָר נישט אַזוי שטרענג ווי איהר רעדט מיט׳ן מויל. אויך נישט אַלע שרײבערס, הס ושלום, האָט איהר דאָ געמײנט, נאָר אַ טײל פון זײ, און אויב הײנט זײט איהר שטרענגער ווי תּמיד, ווײס איך, פונוואַנען דאָס קומט: עס איז הײנט אַ צײט פון געוויטער, עס קעהרט די וועלט. אַ שרעק! דערפאַר זײט איהר הײנט מעהר אײפ־געריענט. אַ ראיה האָב איך פון זיך אַלײן, איך בין הײנט צורודערט און איפגערעגט, עס איז נישט קײן עת־רצון, ברידער! אויך דאָס ווײס איך, אַז צווישען יענע, וועלבע עס וועט נישט געשענקט ווערען שפּעטער — ווי אײנער חבר האָט געזאָגט, — דערפאַר וואָס זײ האָבען זיך געפײלט בעשרײבען אונזער לעבען, אין זײער צײט, מײנט מען מיך אויך, ניר

מיר קען דינען פאר א פארענטפערונג דאס, וואס ב'האט מיט מיר זיך געטראָפען פונקט אזוי ווי מיט מחמד'ס אָרון, וואס הענגט ווי מען זאגט, אין דער לופט, ווייל צוויי מאגנעטען ציהען איהם פון אונטען און פון אויבען — איינער אהער און איינער אהין, און דערפאר...

רב שלמה האט אָבגעהאקט אין מיטען שטילע, דערפיהלענדיג א קאלטען שטראָם ווינד, וואס האט פלוצלים זיך אריינגעכאפט אין צימער אריין, שיער נישט אויסלעשענדיג די לאָמפ, און עפּיס א געשפּריך, א געטימעל צווישען דעם הויזגעזינד אין פאָדער־חדר. רב שלמה'ס ווייב און טעכטער האָבען באלד נאָכ'ן טיי־טרינקען זיך געפיהלט איבעריג, אין דער געזעלשאפט פון מאַנסבילען, וואס רעדען דברי תורה. זענען זיי אויפגעשטאַנען און אַרויס פונ'ם חדר.

די ווייבער פון תלמידי חכמים האָבען אַ ודאי א גרויסען חלק לעולם הבא, ווייל דאָ, אויף דער וועלט, ביי זייערע מאנען, האָבען זיי גאָרנישט. אין פיעל זאַכען איז ביי אַ תלמיד חכם פאַרקעהרט ווי ביי א געוועהנליכען מענשען. אַ געוועהנליכער מענש רעדט זעהר פיעל מיט זיין אייגענער ווייב, און אַ פשיטא שוין — מיט אַ פרעמדע'נם. און אַ תלמיד חכם איז אפילו מיט זיין אייגענער ווייב רעדט ער אויך נישט. אַ געוועהנליכער מענש אויפ'ן שפּאַציר אויף דער גאַס — געהט ער פּאַמעליך איהר ביי דער זייט, און ביים אַריינגאַנג און ביים אַרויסגאַנג נאָך איהר. און אַ תלמיד חכם שפּאַנט, לויפט פאַר'ן ווייב און ביים אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג פערכאַפּט ער זיך געהן פאָראויס. אַ געוועהנליכער מענש טהוט אָן דאָס ווייב דעם מאַנטעל און בעדינט זי, און אַ תלמיד חכם איז דאָס ווייב טהוט איהם אָן און בעדינט איהם. אַ געוועהנליכער מענש, אַז ער פאַרבעט צו זיך געסט אויף אַ קערטעל, איז ער מצרף זיין ווייב צום מנין און זי שפּיעלט אינאיינעם מיט זיי אַ גאַנצע נאַכט, און אַ תלמיד חכם אַז די חברים זיינע קומען צו איהם, איז דאָס ווייב זיינס טראָגט זיי אונטער גלעזער טיי און בעדינט זיי, און ווי באַלד זי האָט זיך אָבגעפאַרטיגט, איז שוין פאַר איהר מעהר קיין אָרט נישטאָ צווישען זיי, און זי נעהמט געשווינד אַוועק.

און דאָס אייגענע מעשה איז געווען מיט רב שלמה'ס ווייב און טעכטער זיינע. מיר תלמידי חכמים זענען זיך געזעסען פערטאָן אין אונזער זאַך אַזוי, אַז מיר האָבען זיך אָן זיי גאָר פאַרגעסען, נישט בעמערקענדיג, אויב זיי זענען דאָ אָדער נישטאָ. ביז עס האָט זיך דערהערט זייער קול אין פאָדער־צימער און דערפיהלט אַ קאַלטער שטראָם, וואָס

האָט זיך אריינגעריסען ווהין אין שטוב אריין, מיט א קלאַפּעריי אין די טירען, האָבען מיר זיך אויפגעכאַפּט — ווי פון שלאָף. נאָך אין אַ ווײַלע איז אַריין איינע פון די מעכטער און געזאָגט רעב פאַטער אויפ'ן אויער:

— מאַמע, עפּיס א בחור איז געקומען. ער בעט זיך איבערנעכ־טיגען די נאַכט אין דער שולע.

— וואָס? אַ בחור פון דער גאַס און בעט זיך נעכטיגען! — מאַכט רב שלמה ביז אין פערוואונדערט — ס'איז נישט איבזיכט, דאָ מוז עפּיס זיין, וויפיעל גנבות און נאָך אַזעלכע זאַכען קיבט פיר אין שטאָדט דורך אַזעלכע אָנשטעלען, — זאָל ער אַריין!

אַ אָרים בחור, פון אַ יאָהר זיבענצעהן, אַ דערשלאָגענער, האָט זיך שעמעוודיג געוויזען אין דער טיר. דאָס קאַפּאָטקעלע זיינע, א צריר־סענע, אַ געלאַטעטע, דורכגענעצט פונ'ם רעגען, טריפעלט זיך און שטעהט אַראָבלאָזענדיג די אויגען.

— פונוואַנען קומסטו, בחור? און וואָס ווילסטו אין האַלבע נאַכט — פרעגט רב שלמה מיט כּעס.

— איבערנעכטיגען — שטאַמעלט דער בחור שטיל — איך בין דאָ אַ פרעמדער.

— וואָס הייסט, אַ הכנסת אורחים איז בי מיר צו מיין שילע — האָט זיך נעוואַרמעלט ר' שלמה — איך פערשטעה אַזעלכע אָנשטעלען, געה דיר געזונטערהייט!...

אַזוי ווי דער בחור איז אַריין שטיל, אַזוי איז ער אַרויס שטיל, אַנבויגענדיג דעם קאָפּ נישט צו רעדען אַ וואָרט, נאָר אַ בליק געטאָן אויף אונז מיט די אויגען. — און אוי, רבונו של עולם! וויפיעל יסורים, צרות און פורעניות, וויפיעל האַרץ, געפיהל און געבעט האָבען זיך אויסגעדריקט אין דעם דאָזיגען בליק!...

רב שלמה איז געבליבען זיצען פערבליפט נאָך דעם בחור'ס אַוועק־גאַנג, פערטראַכט און פערזאָרגט. דאָס פּנים זיינס האָט זיך פאַרענדערט, אַזוי אַז איך האָב נישט דערקענט דעם רב שלמה'ן, וואָס איך האָב ערשט נישט לאַנג געזעהן. פאַר מיר זיצט אַ אַלטער, אַ שוואַכער, גאָר אַ צובראָכענער שאַרבען, און דאָס געזיכט שטאַרק צוקנייטש.

אויף אונז איז אויך אָנגעפאַלען אַ מרה־שחורה, דער געגענצב, דער גיסט, און קיינער רעדט אַ וואָרט ניט.

אין דרויסען שטורעמט, דער ווינד קלאַפּט אין די פענסטער,

בלאָזט אין די שפּאַלטען, בלאָזט אין הילט אין די קימענס און רייסט, אריינצוהאַפּען זיך אין שטוב אריין.

זענען מיר איינגעשטאַנען, אַרויס פון שטוב מיט אַ שווער געמיט, און צוגעגאַנגען זיך איטליכער צו זיך אַ היים.

איינ'ן צווייטען טאָג האָבען מיר זיך פערזאַמעלט נאָך אַ מאָל ביי רב שלמה'ן אין אָוענד. רב שלמה האָט געפיהלט קאָפּווייטאָג און ער איז דעם גאַנצען טאָג נישט אַרויס פון זיין צימער. דאָך איז דאָס ווייב זיינס אַריינגעגאַנגען צו איהם זאָגען, אַז מיר זענען געקומען, און באַלד מאַכט ער אונז פערבעטען צו זיך. דאָס צימער איז נישט אזוי גרויס און ס'איז דאָרטען עפּיס אַ נחת, ריין צוגעבעט און אַלע ווינקעלעך, די ווענד און מעבעל, און די שאַפעס ביכער, זאָגען: אַז דאָ וואוינט אַ תלמיד חכם. רב שלמה זיצט אָנגעלעהנט ביים שרייבטיש פערטיעפט אין די געדאַנקען מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגען, פאַר איהם ליעגט אַ בויגען פּאַפּיר פערשריבען און געמעקט און פיעל ערטער, אויך אַ פעדער נאָך נישט רעכט אָבגעטריקענט פונ'ם טינט. ביים אַריינגאַנג, האָט ער תחילת אונז נישט בעמערקט. דערנאָך האָט ער זיך אַ חאַפּ געטאָן און האָט אונז צוגענומען פריינדליך.

מיר האָבען מקים געווען אין איהם די מצוה פון בקור-חולים, ווי דער שטייגער פון אַ אידען איז. דער שטייגער איז ביי אידען, אַז זיי קומען מבקר-חולה זיין, לאַכען זיי איים פאַר ליעבשאַפט דעם קראַנקען מיט דער קראַנקהייט, אַז ס'איז נאָר אַ איינרערעניש, בכדי מען זאָל איהם פערגרינגערן דעם וועהטאָג. מען זאָגט איהם אויך מיכר אימליבער אויף זיין גאַנג. איינער זאָגט: ווי נעהמט דאָס אַ איד, דאַכט זיך, אַ קלוגער, האָט אַ ווייב מיט קינדער, זאָל זיך נאַריש מאַכען, זיך אַנידערלעגען קראַנק. ווי געשיקט זיך עס! דער צווייטער זאָגט: ב'לעבען, וואַרף אַוועק דיינע וועהטאָגען, טהו אַ שפּיי אויף דער קראַנקהייט, בעסער האָב אין זינען, אַז ביי דיר איז דאָ אָהן עין הרע דערוואַקסענע טעכטער, און זעה, אַז מיר זאָלען באַלד אין-גיכען, אם ירצה השם, טאַנצען אויף ווייערע חתונות. און ברייננט איהם ראיות פון זיך אַליין, פון דעם מאַגען זיינעם, פונ'ם פאַלען אויף די קריזעס און פון די מערדיגען, וואָס האָבען איהם צרות אָנגעטאָן, פונדעסטוועגען... נאָרנישט, בין געזונד, און ברוך השם.

אין דער צייט וואָס יענע האָבען דאָ פערפיהרט אַזאַ שמועס, געבענדיג דערביי, מאַכט ווי מענשען, וואָס זענען געפּרובט געוואָרען מיט

קריינק. עפּיס מיני מאָדנע רפואות, ערב־ויעגדיג, אז ס׳וועט ווירקען,— האָב איך מיינס אָבגעמאַכט בקיצור, זאָגענדיג: אי, ב׳לעבען, רב שלמה! — נאָר כדי מקים צו זיין אַ אידישען מנהג, און פּטור. און אזוינע מיני זאַכען, ווי אויך און ווינשעווען נחמות, ברכות, בין איך אויס עם הארץ, וואָס דאָס גלייכען צו מיר נישטאָ.

רב שלמה הויבט זיך אויף פון׳ם אָרט, געהט און נעהמט ארויס פון אַ קעסטעלע אַ קליין פּעקעלע, בינדט איהם אויף, לייגט עס אַנידער פאַר אונז און זאָגט:

— קוקט, רבותי, זעהט, וואָס ליעגט פאַר אייך.

— קנעפּלעך זעהען מיר — זאָגען מיר אַלע גלייך אַהיים — ווייסע ביינענע קנעפּלעך. אלא, וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דאָס זענען די קנעפּ פון מיין איינציג קאַפּאָטקעלע, וואָס איך האָב געהאַט אויף מיר צום לייב, ווען איך בין אין דער יונגער פּערזאָן געלט געוואָרען פון מיין היים אין דער ליטא, צוריק אַ פערציג יאָהר — זאָגט רב שלמה שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ.

— אָבער וואָס פאַר אַ שייכות זענען די קנעפּ מיט אייער נישט־געזונד־זיין, און וואָס האָט איהר זיך עפּיס גראָד איצט אין זיי דערמאָנט? איז אונז אַ גרויסע קשיה.

— אוי, ס׳איז שייך און שייך, זיי געהערען זיך זעהר גוט אָן! הלואי וואָלט איך אין זיי נעכטען נישט געווען פאַרגעסען — זאָגט רב שלמה מיט אַ ביטערען זיפץ, זעצענדיג זיך צוריק אויף זייןביינקעל, פאַרמאַכט די אויגען און שווייגט אַ ווייַלע פערזונקען אין די געדאַנקען.

דערנאָך הויבט ער אויף דעם קאָפּ און ווענדעט זיך צו אונז מיט אַזוינע דבורים:

— איך בין זיך מתודה פאַר אייך: רבותי, אַז איבער מיין הייסען כאַראַקטער בין איך נעכטען נכשל געוואָרען אין אַ האַרבע עבירה, איך האָב אַרויסגעטריבען אַ אָרעם יונגעל, אַ פערוואָגעלטען, אַ פערלאָזטען, נעבעך, אַ נאַקעטען און אַ — הונגעריגען, וואָס האָט געבעטען רחמים איבערצינעבטיגען ביי מיר אין שילע אין אַזאַ פינסטערער רעגען־שניידיגער נאַכט. ניין, רבותי, ער האָט נישט געהאַט דערביי קיין שום שלעכטע כונה, ער איז באמת אַ גר און אַ פערוואָגעלטער, און נאָך מעהר, ער איז זיכער פון די ישיבה־בחורים אין דער ליטא. דאָס איז מיר קלאָר געוואָרען באַלד טאַקי, ווי ער איז נאָר אַרויסגעגאַנגען, פון׳ם שטילען זיינעם בהכנעה, פון זיין קליידונג, און טאַקי פון דער בקשה

זינגער גיפֿא. טוב אזא פֿון בקשה וועט נישט קומען איינער א הונגער.
ס'ווינט איהם אווינם גאָרנישט איינפֿאלען אפֿילו, נאָר דוקא א וואנדערער
פֿון ערגיץ א ווינקעל אין דער ליטא, וואָס די בתי מדרשים און ישיבות
דינען דערפֿון סאַר אכסניות פֿאַר די אָרעמע בחורים. איך אליין בין
דאָך דערמיט געטריבען געוואָרען נישט איינמאָל נאָר, און מיינע יונגע
יאָהרען. די נעכטיגע נאכט האָב איך פֿערבראכט אין גרויס עגמת נפש,
נישט געקענט קיין אויג צומאכען, אזוי שרעקליך האָט מיר דאָס האַרץ
געפּלאָגט, אזוי האָט מיר באנג געטאָן. די געשטאַלט פֿון דעם דער-
פּלאָגענעם בחור'ל און צוגלייך אויך מיין געשטאַלט, ווען איך בין נאָך
געווען א יונגעל, געקליידט ווי ער, האָבען פֿאַר מיר געשוועבט די גאַנצע
נאכט און מיך שרעקליך געפּייניגט. ציטערנדיג-שרעקליך'דיג איז געשטאַנען
פֿאַר מיר דאָס אומגליקליכע בחור'ל. ער שווייגט. נאָר די אויגען זיינע
דערצעהלען זיינע צרות, אויפֿ'ן פּנים זיינעם ליגט אויסגעדריקט א גאַנ-
צער: דאָב רחמנות איף א געפּייניגטען, איף א הונגעריגען, נעהם אריין
דעם פֿרעמדען, דעם נאַקעטען, און זאָל ער ביי דיר נעכטיגען אין א
ווינקעל'ע! ער שטעהט מיט א צובראָכען האַרצען און וואַרט אויף הילף,
אָבער אנשטאָט הילף טהוט מען אויף איהם א היק, און מען טרייבט
איהם ארויס. שטיל און פֿערשעמט גייט ער ארויס אנבויגענדיג דעם
קאָפּ, ווי א שוואכער ביים אין דעם אַקסעל, אז דער שטאַרקער ווינט
איהם שלאָגען — די געשטאַלט אַוועק, און מיינע קומט! קומט, שטעלט
זיך מיר פֿאָר, דערמאָנט מיר פֿריהערדיגע יאָהרען און זאָגט: דערמאָן
זיך נאָר, רב שלמה, אַז אזוי האָסטו דיך אויך אומגעוואָגעלט, און דיין
יוגענד, אויפֿגעהענדיג פֿון דער ישיבה, און אזוי ביסטו אויך ווי א פֿער-
וואָגעלט ביינעלע געקומען אין איינע פֿון די שטעדטלעך, וואָס דאָ אין
דעם געגענד, נאָכדעם אין בלויז אין א צוריסען קאַפּאָטקעלע מיט ווייסע
ביינערנע קנעפּ און האָסט זיך געבעטען אין א בית המדרש, מען זאָל דיך
לאָזען דאָרט דעם קאָפּ אנידערלעגען. ווי-זשע ביסט דו עס אזוי שלעכט-
רשע איינער, היינט אין גוטע אימשטענדען? ווי האָסט דיך פֿערטראָגען
דאָס האַרץ היינט, אַז דו ביסט געוואָרען א גאַנצער פּריץ, און ס'איז דיר
מיט דעם איבערשטענס הילף גוט, צו דערוויטערן א עלענדען, א דער-
שלאָגענעם, געבעך, וואָס דו אַליין ביסט א מאָל געווען אין זיין שטאַנד?
אנגעקומען, אַז דו האָסט אפֿילו נישט געקענט געבען איהם ביי דיר א נאַכט-
לעגער, האָסטו דו געמעגט איהם געבען עפּיס געלט, ער זאָל קענען איבער-
נעכטיגען אין א אכסניא. צו-וועניגסטען, אויב נישט א נדבה פֿון דער

קעשענע, האָסט דו דאָך איהם געקענט געבען א גוט וואָרט מיט׳ן מויל. און דו, נישט געניג וואָס דו האָסט נישט געגעבען נישט דאָס און נישט יענץ, האָסט דו איהם אַזוי מאיס אַרויסגעטריבען. — אוי נישט פאר אייך גערעדט, ברידער, אזא פלאָגען זיך ווי געבעטען און אַצינד נאָך אייך!

— פינדעסטוועגען געהכט אַיך נישט אַזוי צום האַרצען — טרייסט איך רב שלמה׳ן — עס טרעפט זעהר אָפט אזעלכע מעשים, ביזאַכען, און קיינער מאַכט זיך נישט דעראיס. לאָמיר נעהמען, אַ שטייגער, אָט די גרויסע סוחרים, די בערימטע באַנקירען און מאַקי אַלע גבירים אינ-זערע, וואָס בעהאַנדלען אַזוי שלעכט זייערע מענשען, נישט-ברחמנות׳דיג, הערט, (זאָל זיי צו קיין גנאי נישט זיין) זענען זיי אַליין? כמעט אַלע זענען זיי איינגעקימענע משרתים, וואָס שפילען היינט די ראָלע. און דער יו-גענד זענען זיי געוועזען משרתים און קלייטען און אבכניות און האָבען גע-ליזט פון זייערע בעלי-בתים און טאַטענס טאַטען אַריין הונדערט מאָל אַ טאָג. אַזוי איז שוין געשטעלט אין דער וועלט פון זינט זי איז בעשאַפען געוואָרען, אַלע פאַרגעסען זיך, ווער עס האָט די ביטש אין האַנד. שמייסט, נישט צו געדענקען, אַז ערשט נעכטען האָט ער מיט זיין כבוד אַליין פון דער אייגענער ביטש מאַקי געכאַפט שמיץ. אַ קיילעבדיג ביי-בעל, עזות און געלד נעהמען צו דעם זגרון. אייף אַלע פעהלער און פליי אין דער גאָז פערדעקט די מטבע. בעקימט איינער געלט, האָט ער די וועלט אין יענע וועלט.

— אַייערע טרייסט-ווערטער זענען נישט קיין ענטפער — ענטפערט רב שלמה — דאָס שלעכטס הערט נישט אייף שלעכט צו זיין דעריבער נאָר, ווייל עס איז אַ געוועהנטליכע זאַך. כשר מאַכען אַ חטא דערמיט, ווייל מען געפינט איהם אָפט ביי אַ סך מענשען אין דער וועלט, הייסט אַזוי פיעל, ווי מען זאָל זאָגען, אַ שטייגער, אַז אַ שטימפיגע ראיה, טויבקייט און שטאַמלען איז נישט קיין פעהלער, ווייל אין דער וועלט זענען דאָ גוזמא-גוזמאות טייבע, שטומע און בלינדע. וואָרום אייב אַזוי, מוז דאָך אויסקימען, אַז סיי דער יצר טוב מיט זיין גוטסקייט און סיי דער יצר הרע מיט זיין שלעכטסקייט זענען נישט ווערט קיין הייער. ניין, רב מענדעלי, אומזיסט די רעד אַייערע. איך ווייס ביי מיר מיין שולד און פיהל, אַז איך האָב געהאַנדעלט שלעכט.

— אָט דאָס האָסט דו דיר טאַקי פון גאָט אַליין אַ מוסר דערפאַר, וואָס דו פיילסט זיך איפשרייבען דיין לעבענס-געשיכטע — זאָגט איינער

פון דער חברה — וויפיעל מאָל האָבען מיר דיר געזאָגט און געזאָגט, דו זאָלסט דאָס טאָן און האָסט נישט געפאָלגט.

— אָט דאָס דאָזיגע בחור'ל איז טאַקי ווי אַ שליח פון גאָט געקומען איבערצושרייבען דיך, אז די זאָלסט לסוף זיך דערמאָנען אָן דיינע פריהערדיגע יאָהרען — העלפט איבער דעם ערשטען נאָך איינער — אָט האָבסט איצינד נישט ווילענדיג טאַקי זיך דערמאָנט אין די קנעפּלעך פון די יונגע יאָהרען און הלואי זאָלסט דו זיך אויך דערמאָנען נעמען אָנשרייבען, ווי ס'האָט זיך געלעבט אידען אַ מאָל, אין יענער צייט, כדי עס זאָלען נישט פערפאַלען ווערען ווי אין וואַסער אַריין.

— ווער האָט אייך געזאָגט דעם סוד, וואָס איצט ביי מיר אין האַרצען! — שרייט רב שלמה אַזוי, און דאָס פנים פלאַמט איהם, — איך מיין געלעגער נעכטיגע נאַכט ליגענדיג פערטראַכט, און שטיל איז שטיל אין אין דרויסען שטורעמט אַ שרעק, איז מיר ווי אַ בליץ אַריין — דער געדאַנק, אָט דער טרעפער, דער אויסלעגער, וואָס זיצט אין דעם מענשענס האַרץ, — און האָט אויסגעלעגט, אַז די מעשה מיט דעם בחור'ל איז אַ וואונק מיר פון אויבען, און פון יענער צייט אָן הערט ער נישט אויף צו־צוטרייבען מיך און זאָגט: שרייב! און דעם מענשענס לעבען קימט פאַר אַמאָל אַזוינס, וואָס צווינגט אפילו דעם אַפיקורס, וואָס לייקענט אין דער השגחה, גלייבען, אַז ס'איז פאַראַן אַ פערבאָרגענער, אויבער, וואָס אַלסדינג בעשטעהט דורך איהם, איטליכע זאַך אין איהר צייט, אויף אַזעלכע בעדינגונגען, מיט וועלכע עס איז געשטעלט געוואָרען פון לכתחילה. עס זעהט אוים, אַז אַזוי איז דאָס מזל מיינס און אַזוי איז שוין מיר בעשערט, אַז מיר זאָל עס געהן אין דער וועלט אַלץ מיט שטורעם. מיין לעבען איז אַ שטורעמדיגער ים, מיינע יאָהרען — רוישענדיגע כוואַליעס, און די נשמה מיינע — דאָס שליידערנדיגע שיפעל. און דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב מיך אָנגעהייבען צו דערקענען, איז אייך געווען מיט שטורעם. — ס'איז פריהלינגס־צייט. פלוצלינג ווערט אַ המאַרע און צווישען גערטנער אויף פריש־גרינעם גראָז לויפט זיך אַ אינגעלע באָרפוס אין איין העמדעל מיט אַ היטעלע אויפ'ן קאָפּ. לויפט געשווינד, אָבצוטרעטענדיג זיך צו־ווילען, די אויגעלעך וואַרפען זיך אין אַלע זייטען, און די אייערלעך הערען־צו אויפגעשטעלט ווי ביי אַ העזעלע. יענס קינד דאָס בין איך מיט מיין כבוד אַליין. דאָסמאָל עפענט זיך מיר נאָך ערשטען מאָל אויף די אויגען מיינע און איך ענטפּלעק מיך צו מיר אַליין אינגאַנצען ווי איך בין — איך ענטפּלעק מיך און בלייב פערגאַפט

אויף דעם בילד, וואָס שטעהט פאַר מיר. איינער אַליין געפֿין איך מיך דאָ, קיין לעבענדיג בעשעפעניש אַרום נישטאָ. נאָר הימעל און ערד. אַ פלויט פון איין זייט, אַ פלויט פון דער אַנדערער זייט. אָט גיט אַ זעץ, אַ קלאַפּ איבען אין דער הויך. דאָס קיל קייקעלט זיך, און ענדיג ווערט צעפאַלענדיג זיך אויף אַ סך שטאַרקע קולות דאָרט. און פייערדיגע שלאַנגען פליהען מיט אַ צוק אין הימעל. — אָט דאָס קלאַפּען רעדער פון גאָט'ס רייטוואָגען, טראַכט איך ביי מיר, גאָט פאָהרט עס דאָרט אין הימעל, טראַסקעט מיט דעם בייטש אַזש פונקען פליהען. אַ ווייל פון שטויב הייבט זיך אויף פון דר'ערד, עס יאָגט זיך, עס דרעהט זיך ווי אַ דריידעל. נאָר באַלד גיט אַ גאָס אַ רעגען, אַ ליעבער וואַרימער רעגען נאָר אַ דערקוויקעניש, גרויסע טראָפּענס פיקען אַז אויף גרינוואַרג אין די גערטנער: רעטעכלעך, ציבעלע, קנאָבעל זונגעטשקע בייגען איין די קעפּעלעך, ווי קינדער ביים מאַמען אין שויס, און צוואָגען זיך מיט פערגעניגען. און דרויסען לאָיען פון הינטערשטער ערטער קליינע רינקעלעך, נעהמען זיך איפ'ן וועג צונויף, פליסענדיג ווייטער, ווייטער, ווענדיג אין די אויערען. און אָט טהוט זיך אַ ווייז די ראָד פון זיין רייטוואָגען, אַ ראָד אַ גרויסע דאָרט אין הימעל. נאָר אָבער אַ האַלבע זעהט זיך אַרויס וואונדער־שען געפאַרבט, אַ פערגעניגען צו קוקען, און עפּיס אַ ליכטיג שיין אַנטגעגען. די זון געהט אַרויס דאָרט פון אונטער דער ראָד, ווי אַ חתן פון אונטער דער חופה, גיט אַ קוק צו דער ערד, שיינט זי, אַ ווינק צו די וואָלקענס — ווערען זיי רויט...

דאָס איז דער אָנהייב פון'ם דערקענען מיך אַליין, גאָט און די וועלט זיינע. מיט דונערען און בליצען איז מיר דאָס אַלבדינג ענטפּלעקט געוואָרען צום ערשטען מאָל און דאָס מענשליכע פערשטאַנד האָט אין מיר אַ שיין געגעבען דורך דעם שטורעם. אָט דאָס וואונדערליכע בילד האָט זיך מיר איינגעשניטען אין האַרצען. איביג וועל איך, וויל איך עס נישט פערגעסען די גאַנצע פּאַנאָראַמע פאַר מיר, און דעם לשון פון דער נאַטור אַרום מיר האָב איך דאַמאָלסט פערשטאַנען און האָב עס געפיהרט מיט'ן האַרץ פון אַ אומשולדיג קינד. איך האָב פערשטאַנען דעם לשון פון די קרייטעכצער און געוועקסען פון גאָרטען, דאָס ליעד וואָס די רינגעלעך וואַסער פלאַפּלען, און וואָס פראָש קוואַקעט ליגענדיג אין בלאָטע ביז'ן האַלז, אויסשטעלענדיג אַ פּאָר גרויסע אויגען — האָב איך גוט פערשטאַנען, איך האָב דאָך איהר אָבגעענטפערט קוואַקענדיג אויך אויף אַ קול ווי זי. און אַז איך בין געקומען אין הויף פון אונזער הויז. איז

ארויס דאָס קנײבעל פינ'ם שמאל אויבנליגענדיג די ביינער, אראָב לאָזענדיג דעם קאָפּ און אויפהייבענדיג דעם עק און גימעקעט, און ס'איז אויך ארויס די הוהן מיט איהרע קינדערלעך און געפיקט און פיפט פישטשענדיג. און דער האָהן גערעט־מיט פאַראויס קוממיות ועהר האָפערדיג און מאַכט קיקעריקו. איך די קאָן זעה איך, ווי זי געהט אראָב פינ'ם דאך, קאַראַבקעט זיך אויפ'ן וואַנד און מיאַוקעט. האָב איך גע־האַנדעלט וואָס זיי ווילען, און האָב איבליבען אָבגעענטפערט אויף זיין לשון: גימעקעט, גימיאַוקעט, געפישטשעט הויך אויפ'ן קול. פערשטאַנען האָב איך גאָר נישט דעם פאַקט, וואָס דער טאַטע האָט מיר געגעבען, און וואָס בעדייט דער מאָטעס געשריי אויף מיר, אז זי האָט מיך דערזעהן פונ׳ם נאָס פינ'ם רעגען; וואָס זיי זענען אייסען געווען רענכטבאַל און וואָס מיין רבי און אנדערע מענשען זענען אויסען געווען פון מיר דערנאָך — דאָס האָב איך נישט געקענט פאַרשטעהן.

רב שלמה שפּאַרט זיך צו מיט'ן קאָפּ צום פאַרענטשיל פון שטיל שווייגענדיג אַ ווײלע. פונ'ם אויסדרוק פון זיין פנים און די אויגען איז געווען צו דערקענען, אז ער איז שטאַרק צוקאָכט און מיר האָבען פערשטאַנען, פאַר וואָס ער איז אזוי צוקאָכט. זיין לעבען האָט זיך איהם געצייגען ווי א וועג פיל דערנער מיט שטיינער. אָט געהט ער באַרג אַרויף איבער הויכע שפּיציגע סקאַלעס און אָט לאָזט ער זיך אַראָב אין טיעפע אָבגרונדען. אַצינד ביים עפענען די אלטע פעקלעך צרות און ביים אָנריהרען מיט אַ פינגער די וואונדען, מכות, נאָך איינ־גאָנצען נישט אויסגעהיילטע, מוז מען דערביי פיהלען שמערץ, א שמערץ ועהר א גרויסען. בערוהיגענדיג זיך אַ ביסעל, הויבט ער אָן ווייטער צו ריידען.

— איך וויל אַצינד ענדיגען אייך מיין שמועס, וועלכער איז געבליי־בען אָנהויב איבערגעהאַקט געוואָרען. שוין אַ לאַנגע צייט אַז די פען מיינע געפינט זיך צווישען צוויי פערשיעדענע דעות פונקט קאַפּויר איינע פון דער אַנדערער, ווי דער אָרון פון מהמד'ן הייננט, לויט ווי מען זאָגט, צווישען צוויי מאַגנעטען. אין דער צייט וואָס איינע פון די דעות ציהט זי אהין צו בעשרייבען אַלטע זאַכען וואָס פריהער, איז די וואָס אַנדערע האלט זי אָב ציהענדיג זי אַהער צו בעשרייבען וואָס אין אונזער צייט געהט פאָר. און די דאָזיגע צוויי שפּאַרען זיך איינע מיט די אנדערע און מיר ווי צוויי קרעמער קריגען זיך איבער איין קונה, צוגישט מאַכענדיג דערביי איינער דעם אַנדערענס סחורה. איינער זאָגט: נאָט זאָל אָבהיטען פון דער מאָדנער נייער סחורה און פון די שענע הבשומים היינטיגע צייט ביי

אידען! אַלץ וואָס דו זעהסט איז נישט מעהר נאָר פּורע שווינדעל, און אַ אייגען־פערבלענדעניש, פאַרזילבערטע שערבלעך, אַ איסגעבלאָזטע איי, צוגעפּוצט, פערפּאַרבט פון דרויסען און שמוציג, פע, פון אינעווייניג. ס׳איז נישטאָ קיין עכטער טיף מיט זינס אַ ווילען, מיט זיין אייגענעם כאַראַקטער. עפּיס נאָר אָנגעשמעלטע גולם׳ס, כישוף־געזאַנגט, ווי קיקלעס אַזוינע, דאַכט זיך, עפּענען ליפּעלעך, פּיקען, בלאָזען, קלינגען און גיבען פון זיך אַרויס אַ קול נישט פון אַ לעבעדיגער נשמה, נאָר דורך עפּיס אַ פּרוזינקעלע. כ׳לעבען, לאָזט ווי אָב, און נאָט אַיך בעסער אַנטיקען אַלץ פּאַטערישע, וואָס עס לעבט און עס האָט אַ אייגענעם ווערטה... אַנגעגען זשע די שרייט: קוטט צו מיר, קוקט אָן מיין סחורה און קיקט נישט אויף יענץ, וואָס שמעקט שוין מיט קברות־בלעטלעך, וואָס מיינ אַיך, רב איד, פערשימעלטע זאַכען — איף דערויף שרייט מען דאָך טאַקי אין דער וועלט, אַז אידען מיסטענס רייסען זיך אָב פונ׳ם איצטיגען אין דער וועלט אין דער קאָפּ ליעגט זיי העט־העט אין דער פערגאַנגענהייט, זיי געהען אומגעקעהרט מיט דעם פּנים אַ הינטער נישט צו זעהן פאַר זיך דעם וועג, שטרויכלען זיך און פאַלען. און אלע זייערע הנהגות — ביי זיך אין שטוב, אין שוהל און אין דער ליטעראַטור זייערער זענען זיי ווי די טויטע, טויטע זענען זיי ביים לעבען און לעבען מיינען זיי נאָכ׳ן טויט. אַ איד אַז ער לעבט איז גערעכענט ווי גאָרנישט, ערשט נאָכ׳ן טויט ווערט ער געהויבען מיט אַ שענער מצבה — אַלע מתים בעקומען דעם טיטל תם וישר, אַ נדיב, אַ חכם. רעטיך, ציבעלע הערין צעדערבוטער, אַ פלאָטע — אַ לייתן אויפ׳ן בית עולם. הכלל דער היינט איז ביי זיי גאָרנישט, און אמת׳ן אָבער איז דאָך דער עיקר לעבען פאַרט טאַקי נאָך אין דער הייסער מינוט, אין וועלכער מען געפינט זיך. דער מענש, וואָס נויטיגט זיך ווי אַ לעבעדיג בעשעפעניש אין אַזוי פיעל בעדערפעניש, איז מחויב ווי ווייט מעגליך אויסצוזוכען אַזוינע מיטלל און זיי צו פערבעסערן אַזוי, אַז דורך דעם זאָל איהם דאָס לעבען אויף דער וועלט ניחה זיין. הייסט דאָך עס, אַז ער מוז דערינען אַרבייטען אינאיינעם מיט אַלע מענשען אין זיין צייט.

— לאָזט זיך, זייט־זשע מוחל — דינען, זאָגט רב שלמה, וועהעניג, אַז מיר ווילען איהם איבערשלאָגען די רייד — איך ווייס וואָס איהר ווילט מיר ענטפערן. איהר ווילט זאָגען: אַליין פאַר זיך גענומען איז נישט איינע פון די ביידע דעות ריכטיג, ווייל איטליכע פאַר זיך איז דאָך נישט מעהר נאָר ווי איין זייט פון דער זאַך, אָבער וועלכער עס רעדט

זיך. אלסדינג אין דער וועלט האָט צווי זייטען און דער אמת בעדאַרף אויסקוקען פון'ס אָנגערטען די ביידע אינאיינעם. נאָר אָבער אזוינס קען נאָר אָדער א גרייסער חכם, א גלייכצעטיגער מענש, אָדער פערקעהרט א וואריאט, וואָס וואַרפט זיך אין אַלע זייטען און פאַר אידם איז רעכט, ווי א טאָג אַרבייטער, איטליכעס מין אַרבייט, וואָס קומט אידם צו דער האַנד, נישט איבערקלייבען, אָנטראָגען שטיינער, ליים, ציגעל צום בויען, אָדער פאַנאַנדערוואַרפען א וואַנד, גראָבען און מיסט און רייניגען א שטאַל, — וואָס מאַכט דאָס אידם אויס, אַבי גע׳אַרבייט און בעקומען געצאָהלט. — איך אָבער בין פון די מיטעלע מענשען, וואָס האַפּען זיך נישט צו איטלי-כער אַרבייט. און נעהמען זיי זיך שיין אַריין אין קאָפּ עפּיס א זאַך, האַלט מען זיך דערמיט שטענדיג, נישט אַראָב דערפון אויף א האָר אין דער זייט. און דערצו נאָך — בין איך זיך מודה פאַר אייך. בין איך בטבע פויל — איך טראַכט מעהר ווי איך טהו. אַבי עס טרעפט זיך נאָר עפּיס אַ שטיקעל עבור מיר, בעפריי איך מיך פון איהר זעהר גערן. דעריבער אַז די דעית זענען מחולק אין מיר, האַלטען זיך מיר ביי דער פען, צוי-הענדיג זי איטליכער צו זיך, פסק'ע איך ווי יענער מאן ואמר: נישט צו דעם, נישט צו יענעם, לאָז זיך ליגען ביז וואַנען משיח וועט קומען. און אָט קומט ער ... דער בחור, ער קומט אָן פליהענדיג מיט דעם שטורעם און גיט מיך א דרעה צוריק צו דער פערגאַנגענהייט. אצינד דער קאָפּ ליעגט מיר אינגאַנצען אין יענער צייט, דאָרט וואו איך האָב געלעבט אין דער יוגענד. אַלט, זאַט מיט צרות, מיט אַ האַרץ אָנגע-פלאָגט און פערוואונדעט פון פליהענדיגע פיילען און לעבענס-קאַמפּ. געפייניגט מיט ביטערע שווערע יסורים, האָב איך מיך אומגעקעהרט צו מיין וועלטעל וואָס אַ מאָל, און דער כח המדמה ברייננט מיר אַרויף פון אונטער ערד זיין צייבער, ווי יענע כישוף-מאַכערין פאַר שאול'ן אין עין-דור, פאַרשיידענע בילדער און צורות, מיט נאָך פיעל מיני משונה אַלטע זאַכען פון אַמאָליגע יאָהרען. זיי קריכען אַרויס און קוקען אויף מיר בייז, ווייל זיי פערשטעהען זעהר גוט, וואָס דאָס אומקעהרען זיך מיינס צו זיי בעדייט און צו וואָס זיי ווערען דאָ אַרויסגעפיהרט — זיי וויסען, אַז דאָס בין איך געקומען נעהמען זיי, און ווייזען זיי פאַר דער וועלט אויף וואונדער. אוי וועה, יענע וועלטעל מיינס איז זעהר אַ קליינס, דאָרטען בליהען נישט קיין פאָמעראַנצען, עס וואַקסען נישט קיין רויזען, מען זעהט דאָרטען נישט קיין גרויס נחת, טייכען פון מילך און האָניג גיסען זיך דאָרטען נישט אין דער עולם דאָרט איז אַ געמיינער, נעבעך,

אידען מיט בערד און פאות און מיט לאַנגע קאפאָטעס, דאַרע, קוואַרע,
געבייגענע, קראַנקע, ציבראָכענע, דערשלאָגענע, פערשוואַרצטע, פער־
פינסטערטע, צישטערטע פאַר דער שיין. עס מהוט מיר וועהר באַנג, רבותי,
בּיזאַרפּיהיגען די אַלטע ביינער זייערע און מטריח זיין די דאָזיגע מתים
זיי זאָלען אַרויף אויף דער סצענע מיט זייער כבוד אַליין. און ווער ווייס,
צו וועלען זיי זוכה זיין צו אַ שענעם אויפנאַהם. פיעל פון אונזערע אידע־
לעך זענען דאָך, נעבעך, היינט זיך שטאַרק מצער איבער זייער נאָז,
וואָס שטעהט און שרייט אַרויס איטליבען, אַז דאָס זענען פון די בני
יעקב! ווען זיי זאָלען נאָר האָבען די מעגליכקייט, וואָלטען זיי פערביטען
זי אויף אַ אַנדערע — און פלוצלינג טראָגט דער רוח אָן פון ערגיץ אידען
אַלטע, פערשימעלטע, עפּיס משונה־ווילדע מיט זייער שטעהן, מיט זייער
געהן, מיט זייער ריידען און מיט דעם גאַנצען בענעהמען זייערען,
משטיינס־געזאָגט, אָנצוטאָן זיי אַ בושה עפענטליך פאַר אַ וועלט מענשען.
ניין, ברידער, דאָס איז נישט קיין שפּאַס, איך זאָג מאַקי אַרויס אייך
גאַנץ ערענסט אַזוינס, וואָס האָט מיר געטאַכט עגמת־נפש, און וואָס
צוליעב דעם האָט איהר מיך געטראָפען זיצענדיג אַזוי פערוואָרגט און
פערטיעפט אין די געדאַנקען. און באמת מאַקי, וואָס האָט מען צו דער־
צעהלען פון אונזער לעבען און מיינע צייטען? איבערראַשט די וועלט מיט
גרייבע וואַנדערליכע זאַכען האָבען מיר נישט, קיין גראַפען, פּריצים און
יענעראַלען און גרויסע שיסערס זענען מיר ניט געווען, קיין ראָמאַנען
מיט יפיפה׳ס האָבען מיר נישט געשפּיעלט. שלאָגען זיך אויף דועלען ווי די
בעק, אָדער זיין ווי עדות צוקוקען, ווי צווי פערגיסען זיך דאָס בלוט,
האָבען מיר נישט געפּרובט, און טאַנצען קאַדרילען מיט נקבות אויף
בעלער האָבען מיר נישט געקענט. און אויף געיעג און פעלדער, און
וועלדער צו האַפּען בערען, זענען מיר נישט געגאַנגען. געריזט אויף אייגענע
שיפען איבער ימ׳ען איפצודעקען נייע אינזלען האָבען מיר נישט. מיט
טענצערינס און אַקטריסעס האָבען מיר קיין געשעפטען נישט געהאַט,
און איבער פרימאַדאָנעס און אָנטאָן זיך די גרויסע פאַרגעניגענס האָבען
מיר זיך נישט אויסגעבראַכט. בקיצור אָט די אַלע צימעסלעך צום כפיר
המעשה, ער זאָל זיין געשמאַק און נעהמען דעם עולם — אָט דאָס
אַלסדינג איז נישטאָ ביי אונז און אָנשטאָט דעם האָבען מיר אַ מלמד,
מיט אַ הדר, מיט אַ בעהעלפער, שדכנים, חתנים. כלות, מיט ווייבער׳
קליינוואַרג, חלוצות און עגינות, אַלמנות און יתומים, גשרפים, געפּאַ־
לענע און אָבגעקומענע, אַלע סאָרטען אָרימע ליט, אַרומגעהענדיגע איבער

די הײַזער ערב שבת, ערב יום טוב, ראש חודש און גלאַט אַזוי זיך מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, בטלנים, גבאים מקבלים, און צדקה־פּושקעס אַלע מיני פּירעניות, דלות, קבצנות און אַלערלײ מיני משונה׳דיגע פּרנסות, אַט דאָס איז אונזער לעבען, אַז אָך און וועה איז צו אונז! אַ לעבען, משטײגנס־געזאָגט, אָהן נחת, אָהן אַ רוהיג געמיט... אַ פּינסטערס אָהן אַ שײַן, אָהן אַ שטראַהל ליכט; אַ לעבען וואָס דאַט אַ טעם ווי אַ געקעכטס אָהן פּעפּער און אָהן זאַלץ.

— אַ טעות, כ׳לעבען, רב שלמה — זאָגען מיר: — נו, לאָז שוין זײַן אפילו ווי איהר זאָגט, אַז אין דעם אידענס לעבען פעהלט געווירץ, אָבער דערפאַר האָט ער אין זיך אַ מין אידישען טעם, וואָס ס׳איז נישטאָ זײַן גלײַכען. ס׳איז דאָ אַ מין קעז, וואָס ער איז מיט ווערים, און די מבינים וואָס פערשטעהען זיך אויף דער אכילה, צאָהלען דערפאַר און נאָג אַריין און עסען דאָס מיט אַ מאָדנעם אַפּעטיט. אַט די ביטערקײַט וואָס איז אין אונזער לעבען, אַט דאָס איז טאַקי די גאַנצע חשיבות זײַנע, און עס איז געשמאַקער דעם מבין פיעל מעהר פון יענער פריקרע וויס־קײַט, פון וועלכער עס נדזעט אַמאָל גאָר צים ברעכען. לעקעכלעך, דאָס איז אַ מאכל נאָר פאַר קלײנע קינדער. דאָס לעבען פון די כנסת ישראל, האָטש עס זעהט אויס שטאַרק מאוס פון דרויסען, אָבער שען איז עס אינווייניג. אַ שטאַרקער גײַסט ליעגט אין דעם אידישען לעבען, אַ גײַסט אַ געטליכער, וואָס ווי אַ ווונד וועהט ער שטענדיג, אײַפהייבענדיג אין איהם הוואַליעס, כדי צו רײניגען זײ פון שמוץ און פוילקײַט. די דונערען און בליצען, פּאָגראָמען און שטורעמס, וואָס קומען אויף זײ אַמאָל, זײ לײַטערען זײ, און גיבען זײ צו אַנײַע קראַפט. דאָס אידישע פאָלק איז ווי דער פאַרטײַטיגער גריכישער פילאָזאָף דיאָגענעס, דער קאָפּ זײַנער פליהט אויבען אין הימעל, דערקענט גאָטס גרויסקײַט אָהן אַ סוף, און אַלײן וואוינט ער דאָ צווישען די אומות העולם (ווי יענער אַמאָל אין זײַן פּעס־כעל) צוזאַמענגעשטיקט אין אַ בעשטימט ענג אָרט. אונטער די בערגלעך מיכט אין חדר, ישיבות און בתי מדרשים גליהט דאָס פײַערל פון תורה, פאַרברײַט ליכט און וואַרעמקײַט צווישען גאַנצען פאָלק. אַלע אונזערע קינדער, אָרים און רײַך, קלײן און גרויס, לערנען און קענען און די קלײנע אותיות. אַט אַזאַ לעבען, זאָגען מיר, איז רעכט און עס פּאַסט טאַקי, אַז ס׳זאָל פערשריבען ווערען לדורות.

— ציגעגעבען אפילו ווי איהר זאָגט — ענטפערט רב שלמה — איז דאָך דאָס גערעדט געוואָרען נאָר אַקעגען דעם לעבען פונ׳ם

גאַנצען פאָלק בכלל, אָבער מיין לעבען אַליין, פאַר זיך גענומען, מיט וואָס האָט עס פערדיענט אין וואָס באַר אַ נייעס איז אין איהם דאָ, ס'זאָל ווערטה זיין, מען זאָל עס בעשרייבען? עס האָט זיך פּאַסירט מיט מיר דאָס אייגענע, וואָס מיט טויזענדער אַנדערע ביי אונז. גאַנץ געוועהנליכע זאַכען. איז דען דאָ נאָך אַ אומה איף דער וועלט, וואָס דער גאַנצער שטייגער לעבען פון איטליכען בעזונדער זאָל זיך ציהען פּנ'ם געבוירען ווערען ביז דעם שטאַרבען איף איין נוסח, ווי ביי אונז יודישע קינדער? די ערציהונג, דאָס לערנען, דאָס דאַווענען און דער ניגון צו יעדער תפלה, צו יעדען פּזמון, צו יעדער שטיקעל פּיוט, צו יעדער סליחה, האָט זיין געשטעלטען, געוויסען נוסח, אפילו עסען און טרינקען האָבען איך איין נוסח. איז עס דען וואו געהערט געוואָרען, אַז אין אַ געוויסער שעה, פרייטאָג צונאַכטס, אַ שטייגער, זאָל אַ פאָלק יודען עסען פיש, לאָקשען און צימעס? שבת אין דער פריה — רעטיך אין פּעטשאַ, לעבער און ציבעלעס מיט אייער, אַ איינגעפריעטע קאַשע מיט אַ גרויסען מאַרך-ביין דרינען; אין דעם אין דעם טאָג זאָל מען עסען קרעפּלעך, אין יענעם טאָג המן-טאַשען און אין דעם טאָג אַ געלען קילעטש מיט זאַפרען. הויבט איינער אָן זאָגען „כל מקדש" אָדער שרייען „חי וקים" אין בערדיטשעוו, הערט זיך דער אייגענער ניגון און דאָס אייגענע קול אויך אין אַרגענטינע, וואָס אין עק וועלט. מיר זענען אַ עדה פון מילבען, וואָס ווי איינע, אַזוי די אַנדערע, אַלע גלייך. און דער נאַטור געשיכטע, זאָאָלאָגיע, ווערט גערעדט וועגען דעם מין מילבען בכלל, אָבער נישט וועגען איטליכער מילב בעזונדער.

— אין פלוג, דאַכט זיך, רעדט איהר גאַנץ גלייך — ענטפערט חברה איהם — דאָס יודישע לעבען זעהט טאַקי אויס ווי מיט איין נוסח ווי ביי די מילבען. אָבער אין אמת'ן איז צווישען זיי דאָ אַ גרויסער הילוק: די מילב מוז פון דער נאַטור טאָן אַזוינס, וואָס ס'איז געשטעלט געוואָרען פאַר דעם גאַנצען מין מילבען, נישט צוקרימען איף אַ האָר. ביי מענשען איז אָבער נישט אַזוי. אין זאַך וואָס ליגט אין דער טבע ביי אַ כלל מענשען, בעקומט ביי יעדען פון זיי אַ גאַנץ אַנדער פּנים, יעדערער מהוט זי איף זיין שטייגער, אַנדערש ווי דער צווייטער. ביי איטליכען מענשען לאָזט זיך בעמערקען אַ בעזונדער כאַראַקטער אין דעם רעדען, אין דעם שמייכעל, אין דעם ווינקען מיט

די אויגען, אין דעם גאנג, אין דעם שטייגער עסען און טרינקען, האָבּט די אַלע זאַכען וועגען אַ מתּנה פֿון גאָט ביי אַלע מענשען. און נאָך מעהר דערקענט מען דעם מענשען אין זיין סטיל, זיין שטייגער שרייבען. איין זאַך קומט ביי איין שרייבער אַרויס אַנדערש ווי ביים צווייטען. — אין שני נביאים מתנבאים, צוויי נביאים, זאָגען אונזערע חכמים, רעדען נישט איין זאַך בסגנון אחד, מיט איין סטיל... אומזיסט אייער טענה׳ן, רב שלמה! שרייבען אייער לעבענס־געשיכטע מוזט איהר.

— מהיכא־תיתי, פֿאַר זיך אַליין אפשר טאַקי יאָ, אָבער נישט פֿאַר אַנדערע — זאָגט רב שלמה, ווילענדיג ווי־ס׳איז זיך אַרויסדרעהען — איך בין מיסכּם אָנצושרייבען וואָס אין מיין לעבען איז פֿאָרגעקומען מאָר פֿאַר מיר, אָבער דאָס זאָל זיין די דאָזיגע קנעפּלעך לתקן ביי מיר צו־רינגען פֿאַר אַ זכּרון אין די אַלטאָלדינגע יאָהרען מיינע אין מיך אָבהיטען פֿון אַ ווינד.

— ניין, רב שלמה — האָבען מיר אַלע געשריען — שרייבען און טאַקי דרוקען!

— אויב יאָ אַזוי — מאַכט רב שלמה מיט אַ שמייכעל — אַז איהר זאָגט דרוקען, גערהט זשע ווייטער אין רעכענט אויס נאָך אין נאָך מלאכות, וואָס אַ יודישער מחבר האָט צו טאָן, כּסדר: שרייבען און צונויפֿנעהמען פּרענומעראַנטען און הסכּמות; דרוקען און מגיה זיין, קנעלען, האָבען צוטאָן מיט דעם בּחור הזעצער; מאַכען אַ גרויסען לוח־הטעות, אַזויפֿיעל וויפֿיעל אין ביכעל זענען דאָ ווערטער; אַרומגעהן איבער די הייזער, טילען און אָנוואַרפֿען אויף יודען די ספרים, דערנידעריגען זיך פֿאַר איטליכען גאָרנישט, פֿאַר אַליאַד מענטשעל, אַריינלאָזען זיך אין וויכּוחים מיט קמצנים און נאָך אַזוינע מיני נפשות, וואָס ווילען זיך אויסדרעהען; ביקען זיך און קבצנ׳ען לכבוד גאָט, לכבוד התּורה ולכבוד דעם הייליגען לשון פֿון קודשא־בריך־הוא מיט די כּנסת ישראל; געבען אַ סך ספרים בעקאַנטע במתּנה און מוכרי ספרים אויף באָרג ביז משיח וועט קומען; און נאָך אַלע זאַכען פֿערקויפֿען דאָס רעשט ווי שמאַטעס אויף פּאַפּיער — אַ קאָפּיקע פֿאַר אַ פֿוד! — ניין! ברידער, איך מיג נישט צו אַזעלכע אַרבייט.

— האָט איהר דען פֿערגעסען, רב שלמה, אַז ס׳איז עפּיס דאָ אַ מענדעלי מוכר ספרים אויף דער וועלט, און לבטלה האָט גאָט איהם נישט בעשאַפֿען! — לאָז איך מיך הערען היינט מיט גדלות, ווי אַ גע־נומער און אַזוינע זאַכען. באַ! איהר האָט, זייט מוחל, נאָך נישט גע־

ענדינט דאָס צעטעל פון אַלע מלאָכות. דעם חילוף האָט איהר פאַרגעסען, דאָס מיינט מען דעם גלגול, וואָס יודישע ספרים ליידען בעונותינו הרבים. עמיצענס אַ ספר ווערט דורך די מוכרי ספרים מגולגל אין אַ תחינה פון שרה־בת־טובים, די תחינה ווערט מגולגל אין אַ קינה, די קינה אין מעשענע לייכטער, מעשענע לייכטער אין אַ שיפר, אַ שופר אין אַ סליחה, אין אַ מחזור, סליחות, מחזורים אין חאַלפּציינדליך, אין אַ כל־בו אין טלית־קטן׳ס. אָט אַזוי געהען זיי איבער פון איין גלגול צום אַנדערען גלגול, ביז זיי ווערען צופליקט, צוריסען און ווערען שמאַטעס. ס׳איז דאָ נאָך אַ מיני חיבורים, וואָס פאַר די זינד פון זייערע מחברים, ליגען זיי ווי די שטיינער, רחמנא־לצלן, וואָס מיינען צו גאַרנישט, ביידען צומאַכען פון זיי שפּי־קעסטלעך, מען טהאָר אָבער נישט שפייען אויף שמות... נישקשה, רב שלמה, נעהמט שרייבט, און וואָס נאָכ׳ן שרייבען דאַרף זיין, דאָס נעהם איך שוין אויף מיר. דער גאַנצער ענין דאָ מיט אונז איז באמת מאקי מן השמים. זעהט, איך בין איך, ווי איהר זאָגט, געגאַנגען צו אַייך אין אַ שטורעם.

רב שלמה האָט געשוויגען און מיר פריינדליך געדריקט די האַנד, ווי איינער זאָגט: מאַקי זאָל זיין ווי איהר ווילט!

געזונד זאָל זיין רב שלמה, וואָס האָט געהאַלטען וואָרט און אין אַ יאָהר אַרום מיר אַריינגעשיקט פיעל פון זיינע געשריבענע זאַכען, וועלכע איך וועל מיט דעם איבערשטענס הילף לאָזען אָבדרוקען אין אַ קורצע צייט כסדר איינע נאָך די אַנדערע.

.II

שלמה ר׳ חיים׳ס.

שלמה ר' חיים'ס

(אַ בילד פון אידישען לעבען אין דער ליטא)

1.

אַ צעהן וויערסטליק פינ'ם שטעדטעל ק... אין דער ליטא ערגיץ, געפינט זיך אַ מין קליין דערפעל עפעס, ארומגערינגעלט מיט גרויסע וועלדער, צווישען וועלבע עס פלייצט אַ היבשער, אַ שענער טייך, וואָס נעבען איהם שטעהט אַ מיהל, און דעריבער הייסט דאָס דערפעל מלינצא. אויף איין זייט טייך קוקען אַרויס פון צווישען גרינוואַרג און בוימער אַ דריי קליינע הייזלעך פאַר דריי פויערשע פאַמיליעס, די איינציגע איינוואינער דאָרט, און אויף דער אַנדער זייט טייך שטעהט דאָרט נעבען וואַלד איין איינציגע שטיב פון קילעכדיגע ברעווענעס מיט קליינע פענסטער און אַ הויכען, אַלטען דאַך. דאָרט זיצט חנאָ מלינצער מיט זיין הויזגעזינד, דער אַרענדאַר פון דער מיהל, וואָס די חזקה אויף דער אַרענדע געהט איבער אין זיין משפחה פון טאַטעס צו קינדער. איינגאַנציען זעהט מלינצא אויס ווי א נעסט, וואָס ליגט פערבאָרגען אין א יונ־

קעל. אָבגעריסען פון דער וועלט, ווייט פון מענשען און פּני׳ם מראָט,
נאָר קליינע שמאָלע וועגעלעך שלענגלען זיך דורך דעם וואַלד צווישען
בערגעלעך און פירען צו דערפער, וואָס ליגען צווישען אַרום און אַרום.
און ווען מענשען וואָלטען דאָ וואָלטען, עס רעגעט נישט, עס קאָכט נישט
ווי אין שטעדט, דערפאַר שוויבעלט און גריבעלט דאָ און די וועלדער,
און די זומפּען און פעלדער אַלערליי בעשעפעניש, חיות און עופות;
דערפאַר לאָזט זיך דאָ הערען אַלערליי קולות: אַ געזאַנג פון פייגעל, אַ
קראַקען, אַ קוואַקען, אַ שמוצערן, אַ גרילצען זומער, אַ וואָיען, אַ הײַלען
פון הונגעריגע וועלף ווינטער, און אַ מאָל אַ ברומען פון אַ פערבלאָנדזש־
עטען בער אויך — און אין דעם ראָזיגען קאָנצערט פערטראָגט זיך אַ
רוישען פון׳ם וואַסער ביי׳ם אַראָבפאַלען אויף די רעדער, אַ קלאַפּען, אַ
מאַהלען פון דער מיהל.

ס׳איז אחרון של פּסח — אַ שעהנער, אַ וואַרמער וועסנע־טאָג. די
גילדענע זון האָט ביי׳ם אויפגעהן צעריסען, צעטריבען די גרויע זאָל־
קענס אין דער לופט און מיט איהר ליכטיג פּנים אַראָבגעקוקט פון׳ם בלוי־
ען הימעל מילד פריינדליך אויף דער ערד. גאָטס בעשעפעניש, אַלע פון
גרויס ביז קליין, האָבען אויפהאָפענדיג זיך פון׳ם לאַנגען ווינטער־שלאָף
לעבעדיג פרעהליך, זיך גענומען איטליכער צו זיין זאַך. פרישינקע
בלימעלעך שמעקען אַרויס די קעפּלעך פון צווישען יונגע גרינע גראָז, קוקען
אַרום און מאַכען חן. ווערבעס ביי׳ם טייך חאַפּען זיך אָנטאָהן זייער נייע
גרינע זופּיצע, שפּיגלענדיג זיך אין דעם וואַסער ריין קלאָר ווי זילבער.
פון די ווייטע וואַרמע לענדער, דאָרט אין דער פרעמד, קומען עופות
געשאָבעגעוויז צוריק אַהער אין זייער רוה אַריין. ווילדע גענז פּליסקען זיך
ערגעץ צווישען ביבערעס דאָ אין טייך. ווילדע קאַטשקעס דרעהען זיך אַרום
דעם טשערעט, אַרויס, אַריין מיט אַ געהילך, אַ געשוישטש. שוועלבע־
לעך פלאַטערען, שייבען אַהין, אַהער אין דער לופט, שטאַרק פערטראָ־
גען אין דעם בויען, פערריכטען נייע און אַלטע נעסטער. ברוך־הבא!
דאָס אַלטע בעקאַנטע פּאָר־פּאָלק בושעלס איז אויך למזל דאָ אין אַ ני־
מער שנה. זי, די בושעליכע, שטעהט אויף איין פוס, דאָס קעפּעל אין
דער זייט, שטעהט בעטראַכט איהר אַלטע נעסט איבען אויף אַ שפּיץ
בוים, און ער אויף די לאַנגע שטעלצען שפּאַצירט זיך האָפערדיג אויף
דעם זומפּ דאָרט, ציקקענדיג זיך צו אַ קאַליושע, וואו עס שפּרינגען,
קוואַקען זשאַבעס, און פּלוצים פּיק־פּיק, אַ חאַפּ און דעם ריטען ווייטען

פיסק אַרײַן... ס'איז אַ ליבען, אַ פרײד, אַ פליהעניש, אַ וחשעניש אַ געזיונגערײ, אַ געשװישטשערײ אומעטום.

ס'איז יום־טוב, ס'איז װעסנע־צײַט!...

דאָס גאַנצע הױזגעזינד דעם אָרענדאַרס איז אַצינד אין דרױסען, חנאָ זיצט צעשפּילעט אױף דער באַנק נעבען דער שטיב, קוקט אױף גאָט'ס שײן װעלטעל און געהנעצט... ער האָט, נישט אײנגערעדט זאָל עס זײן, באַלד נאָך מיטאָג געהאַפּט אַ דרעמעל. די עלטערע קינדער אַרום איהם שטעהען און שמועסען תוך־זאַכען: װעגען אַ גרעבליע, װאָס עס האָט ערגעץ נישט װײט פון דאַנען אָבגעריסען; װעגען דעם פאָהרען אַהין אין שטעדטעל מאָרגען פריה, אײַנצוקױפען דאָרט פאַר דעם פרײַן און אױך פאַר זיך נױטיגע זאַכען: װעגען דער שקאַפּע, אַ זקנה פון אַ יאָהר דרײסיג, בלינדליך אַביסעל, װאָס ליגט, מחילה, צוליגנט אױפ'ן גרינעם גראָז אַקעגען, קיקעלט זיך און גלײַבט זיך אױס די אַלטע קראַנקע בײנער, וכדומה נאָך אַזעלכע װיכטיגע זאַכען אין דעם בעל־הבתישקײט. די יונגערע לױפען אַרום פרײ און זענען שטאַרק בעשעפטיגט: אַ טײל שטעהען אױפ'ן בריקעל נעבען דער מיהל, קוקען װי דאָס װאַסער לױפט דורך די אָפענע זאַכטאַװיקעס, פאַלט אין אײן גיס, װי אײן שטיק גלאָז, אַראָב טיעף אונטען מיט אימפּעט, מיט געװױש, און צעשפּרינגט אין מיזענטער קלײנע שפּריצלעך, שפּילענדיג אַקעגען דער זון אין אַלערלײ קאָלירען, װי בריליאַנטען. װידער אַ טײל שטעלען־אונטער שיסעלעך נעבען בערעזענע בײמער, פון װעלכע עס רינט, דורך אַ געמאַכט שפּעלטעל אין זײ, אַ געשמאַקער, קלאָרער זאַפט. אַלע זענען פרעהליך, זעהען אױס יום־טוב'דיג. ציציק, דער הונד, אַ דיקבײכיגער מיט קורצע פיס און שװאַרצע פלעקען אױף דער שמוציגער װײסער פעל, איהם פרײעט זיך אױך דאָס האַרץ, פיהלט איך, אַז הײנט איז יום־טוב. ער האָט הײנט נישט'קשה געהאַפּט שירים אונטער דעם טיש, אָבגעלעקט אַ בײן. ער פערדרײכט דעם װײדעל, טאַנצט, שפּרינגט משוגע'נערװײז אַהער, אַהין, אונטערפּישטשענדיג עפּעס אױף אַ מין משונה הינטיש קול.

אױף אַ פרײ־גרינעם פּלאַץ אין װאַלד הינטער דער שטיב, זיצט אױף אַ שטיק קלאָץ פון אַ גרױסער אײַנגעפאַלענער סאָסנע חנאָ מלינערס װײב, אַ שײנע בעטאָגטע ידענע, אינאײנעם מיט איהר טאָכטער, אַ װײ־

בעל פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר. אקעגען איפ'ן גראָז זיצען אָנגע־לעהנט צוויי קינדער איהרע — א מיידעל, אַ שענהייט, א בלאָנדינקע מיט געקרייזעלטע לאָקען פון א יאָהר פינפצעהן, און א יונגעל אייף א פּאָר יאָהר יונגער פון איהר. ס'איז עפּעס גאָר ניט דער פּנים, דאָס איבזעהען בײ די דאָזיגע דאָ ווי בײ יענע דאָרט פאר דער שטיב. יענע און די זע־נען עפּעס ווי אַנדערע מענשען. יענע זענען איפּגעדיימט, יום־טוב'דיג און די זענען פערזאומערט, פערזאָרגט, זיצען עפּעס ווי תשעה־באָב צו די קינות. די מאַמע און די טאָכטער ביידע זעהען אויס שטאַרק צעטראָגען. ביידע האָבען איפ'ן האַרץ זעהר פיעל און שטיקען זיך מיט א וואָרט, איינע וואַרט, די אַנדערע זאָל אָנהויבען צו רעדען.

— נו, לאָה! — האָט לסוף נאָך אַ היבשער צייט שווייגען די מאַ־מע גלייך ווי אין דער וועלט אַריין אַ זאָג געטאָן — זענען מיר שוין, ברוך־ השם, דעם יום־טוב איך איבערגעקומען. נו וואָס ווייטער, לאָה?

— ווייטער איז צרות. די אַלטע צרות. אַזוי, אַזוי, מאָרגען פאָהר איך, מאַמע.

— אַז די וועסט בלייבען צוגאַסט נאָך אַ פּאָר טעג, לאָה, וואָס קען עס די אַרען? — זאָגט די מאַמע און די אייגען פערלויפען איהר מיט טרערען.

— איך קען נישט, איך קען נישט, — ענטפערט לאָה, אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד.

— זי קען נישט! — מאַכט די מאַמע בעזאָשענדיג זיך מיט טרע־רען — ס'איז איהר ביטער שווער נעבען דער מאַמע!...

— זעהסט דאָך, מאַמע, אַז איך בין צו דיר געקומען.

— געקומען, זאָגט זי... יאָ די בינסט געקומען, אַ שענעם דאַנק דיר. נאָר... דאָס מאַמעס האַרץ פיהלט — פיהלט, אַז דער טאָכטער איז שווער. זי זיצט דאָ ווי אויף שפּילקעס. זי שווייגט און די אייגען איהרע רעדען, איטליכער בליק איז אַ שטאָך, איטליכע מינע איז פול מיט פערדראָס, ביטער ווי גאַל. געוואַלד, איך האַלט עס נישט אויס, עס שניידט מיר ביז אין דער זיבעטער ריפּ.

— מאַמע!...

— וויה איז דער מאמע, וואס האט די וויסטע מאמע געקענט טהאן, בעסער מאכען? ס׳איז מיר איינגעקומען חאטש לעגען זיך, שינאר־ציין, און שטארבען, איסגעהן פאר הונגער, און וואס וואלט געווארען פון די ברעקלעך קינדער?

— און היינט, וואס וועט היינט פון זיי ווערען? — מאכט לאה, מיט א זיפין פונ׳ם הארצען.

— היינט? ווי די מעשה איז, איידיל איז א כלה און דוד׳ל...

— איין איבערבינדעל, א בילמע איטליבען אין די אויגען... און איידיל, מישטעהנס געזאגט, איז א כלה! ס׳איז נאר א וועהטיג צוהערען... איידילע, וואס איז דיר?! — טהוט זיך לאה א האפ צו דער שוועסטעל, וואס האט פליצים זיך א קרום געטאן און בלייך געווארען ווי וואנד — דיר איז נישט גוט, טוט וועה? ווייטער און דעם הארצען?...
— ניש׳קשה, לאה, גארנישט. גלאט אזוי זיך א שטאך.

— געה, נשמה, — רופט זיך אן די מאמע — געה און שטוב אריין און לעג זיך צו. געה, דוד׳ל, מיט איהר און דעק זי דארט גוט איין מיט מיין שאל.

ביידע קינדער הויבען זיך אויף און געהען אוועק אומעטיג מיט אראבגעלאזטע קעפ.

— שענע תכליתים! איידיל איז א כלה, יא געבעך א כ ל ה, א וויסטע כלה! — זאגט לאה בעטריבט, שאקלענדיג מיט׳ן קאפ — א יונגע רויז, ערשט אנגעטריבען בליהען און שוין פערדארט...

— לאה איך הייליגט עס נישט איס! א הארץ האב איך פיל מיט מכות און דו שוטסט מיר נאך זאלץ אויף די וואונדען. געוואלד וואס בין איך שולדיג, וואס האב איך געקענט טהון? געוואלד רחמנות, האב רחמנות!

— נו, גענוג, גענוג, מאמעניו!... קום בעסער זעהן, וואו איז ערגיץ שלמה. וואהין ווערט ער עס אזוי אפט עפעס ווי פערפאלען?

— זאל איך אזוי וויסען ביי׳ן. דעם היינטיגען ווינטער, וואס ער איז דא ביי מיר, האט ער פערבראכט און לערנען. פלעגט איינשטעהען

פאַרטאָג לערנען גמרא פאַר זיך, און בײַ טאָג — מיט די קינדער. די מאַמע האָט נאָר אָנגעקוואָלען פון אזא זוהן. דאָס האַרץ האָט ביר זיך געפרעהט קוקענדיג אויף איהם. די לעצטע צייט אָבער איז ער עפּעס ווי איבערגעביטען געוואָרען. די גמרא אין דער זייט, תמיד פערטראַכט. שרייבט, מעגטעלט, איך זאָל אזוי וויסען פון צער, וואָס ער מעגעלט אוויגס. און זינד ס'איז וואָרם געוואָרען, עס האָט אָנגעהויבען איבּעָנים צו וואַקסען, צו שפּראָצען, בלאָנקעט ער זיך שטענדיג איינער אליין אין וואַלד אַרום. אלץ פערטראַגען, פערפלאַמט. תאמר ווייסט־דו וואָס? איין מיטעל וואָלט געווען — התונה מאַכען, נאָר ער איז אָבער, אַ פּנים, אַ שלים'מזל...

— און וואָס, מאַמע, זעהסט־דו עס אַרויס?

— ס'איז אַ וועהטיג צו זאָגען. דרײַ כּלות איינע נאָך דער אַנדערער האָט מען מיר גע־ערט פאַר איהם. איך בין געפּאָדערען ווי אָנקוקען. און וואָס לאָזט זיך אויס? איינע איז אַ בלינדע אויף איין אויג, די צווייטע מיט אַ צוגעפּלעטשטער נאָז און די דריטע הינקט־צו אויף אַ פיסעל. דאָס מאָל זיינס איז שוין, אַ פּנים, אַזוי... מילא התונה מאַכען — נישט, וואָס דען זשע? ווייטער אין די ישיבות אַרײַן, זיצען און לערנען דאָרט, דערפון וויל ער נישט הערען. לאָז מיך צורוה, זאָגט ער, מיט דיינע ישיבות, מיט דיינע תכליתים! גענוג געשוואַרצט דאָס פּנים, געגעסען טעג, גענוג געקוועטשט די באַנק, געריבען זיך. רייבען זיך ווייטער דאָרט ביז איך וועל מיך אויסרייבען און ווערען אַ שמאַטע — פע! גענוג אויסגעריבענע שמאַטעס בײַ אונז אָהן מיר אייך... דו הערסט אַ לשון אַ ביסעל פון אַ בחור, אַ ווינצערצ־עהריגען בחור! — שאַ, אָט גערעדט ער, אָט איז ער אַרײַן, האָמר וואָלסט־דו, ווי אַ שוועסטער, געפּרוּווט מיט איהם אַ רעד טאָן; גלאַט אַזוי זיך.

אַ בחור'ל מיט שוואַרצע געגרייזעלטע האָר, אַ הייבען שטערען און ברענענדיגע אויגען וואַרט זיך פּנ'ם וואַלד. ער לייענט געהענדיג עפּעס אַ ביכעל, שטאַרק פערטיפט אַזוי, אַז ער זעהט נישט, וואָס אַרום איהם.

— האַ, וואָס איז עפּעס אזוי פערטראַכט שלמה! — מאַכט די שוועסטער מיט אַ שמייכעלע, אָבשטעלענדיג איהם איפּ'ן וועג.

— אַ־אַ, לאָה! — מיט זיך שלמה אַ חאַפּ און באַלד טאַקי קוקט ער אַרײַן ווייטער אין ביכעל.

— עפּעס ביזט־דו הײַנט־העכט דאָרט, נאָר ניט אויף דעם עולם — זאָגט לאה, אַרויפלײגענדיג די האַנד אויף איהם אײפּן ביכעל — וואָס איז, איך בעט דיך, דאָרט אַזוינס?

— דאָרט איז גאָרניט וואָס דאָ — ענטפערט שלמה, אָנקוקענדיג די שוועסטער — דאָ איז צרות...

— איים יום־טוב, שלמה! רופט זיך אָן לאה און אין די אייגענע שטילען זיך איהר טרערען — מאָרגען פאַהר איך, דאָס וואָס איז דאָ צו רעדען, לאָמיר רעדען הײַנט. קום.

די מאַמע געהט אַוועק אַהינטער און אין שטוב אַרײַן, איבערלאָזענדיג די קינדער אַליין, און זיי, דער ברודער מיט דער שוועסטער, שפּאַצירען אַרום, אַהין־אַהער, ביידע אַרײַנגעטאָן און אַ ווייטען אַ ברייטען שמועס, און, ווי עס זעהט אויס, גאָר ניט און קיין פריילעכען שמועס.

דערווייל פאַלט צו די נאַכט. שטילער, שטילער ווערט דאָס געוויש, דאָס געווימעל אַרום און אַרום. איינס נאָך דאָס אַנדערע צינדען זיך אָן שטערענדלעך אין הימעל. וואַלד און פעלד שווייגט, אַלסדינג דאָרט רוהט. עס גלעט זיי, פערוויגט זיי דאָס מילדע וואַרמע ווענטעלווינטעל. די כאַלאָטעס זינגט זיי אַ שיין לידעל, זשאַבעס קוואַקען, דערצעהלען זייערע אַלטע מעשיות — און גאַנס בעשטעפּעניש שלאָפט. עס שלאָפט אונטער דעם שאָטען פון ביימער און משערעט אויך דער טייך, איבערגעדעקט מיט טומאַן. שאַ, שטיל, נאָר הָאָס אַ מאָל טוט זיך אַ וואָרף פון אונטען אַ פיש און דערלאַנגט איהם אַ פּאַטש.

ביי חנא מלינצער אַקעגען איז דאָס גאַנצע הויזגעזינד אַ צינד אויף — מען פּטר׳ט אַרויס דעם פּסח פון שטוב, און דאָס אַרויס׳פּטר׳ן איהם, האַק און פּאַק מיט אַלע זיינע כלים, מאַכט אָן אויף דעם יודענס נשמה עפּעס אַ מרה־שחורה. אַך, רבונו־של־עולם, וויפיעל חן עס ליגט אין דעם פּסח׳דיגען פּאַרעווען טאָפּ, און דעם גרויסען בייכיגען בעקעל, און די מאַקערטעס, פלעשלעך און גלעזלעך! דאָס אייגענע גלעזעל, וואָס אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר איז אַזעלכעס פּראָסט אַ קעלישקעל, הלילה הזה, די נאַכט פון פּסח, איז עס אַ כוס... עס שיינט, עס רעדט עפּעס ווערטער, עס דערמאַנט אַ מאָל אייך און אַלטע צייטען, ווען עס האָט איבערגעלעבט, און עס הערט זיך אַ גרוס אייניקלעך פון יידעס, באָבעס...

דער איבערגאנג פון יום־טוב צו וואָך לאָזט זיך איבערהויפּט שווער פיהלען דעם יודען, נאָך שווערער נאָך איז איהם אויפ'ן געמיט ביים געזעגענען זיך מיט דעם פסח — אוים פריין, ווייטער א יאָך!...

מאָרגען נאָכ'ן פריה האָט פון מלניצא זיך געלאָזט א וואָגען, וועלכען עס האָט געשלעפּט מיט איהר כבוד אליין די אלטע שקאפע, וואָס איז געלעגען געבעטען צולעגט, מחילה, קיקלענדיג זיך בראנק און פריי אויפ'ן גרינעם גראָז. איבען אין וואָגען אויף פעקלעך זאצען מיט א גרויסער קישען זיצט לאה. איינער פון תנא'ס זיהן זיצט אויף דער קעלניע, מיט א בייטשעל אין דער האנד, גלאט אזוי זיך, פון יוצא וועגען, נישט צו באליידיגען דערמיט חלילה די זקנה נעבעך, וואָס איז כמעט צוויי מאָל עלטער פון איהם און האט נאָך דעם זיידען זיינעם, עליו השלום, געפיהרט. זי געהט זיך איהר וועג געלאַסען, הערצקענדיג זיך שען, פיין, ווי איהר שטעהט אָן, און צוציק דער הונד לאָזט, ווי א בריער געזועלען, זי נישט אָב: דאָ דרעהט ער זיך איהר אַקעגען, פלאָנטעט זיך איהר צווישען די פיס; דאָ הייגנט ער זיך איהר אויפ'ן האַלז איבערשפרינגענדיג און אָנטאַזקענדיג איהרע פולע אויערען, דערנאָך מיט ער זיך הערום־פענדים אַ יאָג, פערלויפט איהר דעם וועג הענט־ווייט און שטעלט זיך וואַרטען אויף איהר דאָרט, אַרויסשטעקענדיג אַ צונג און מאַכענדיג מיט די וויידען. שפּילענדיג און הערצקענדיג זיך אַזוי איז דער וואגען אין אַ פּאָר שעה אַרום אַריינגעפאָהרען אין ק... גלייך אויפ'ן מאַרק.

2.

צווישען דעם רינג הייזער איפ׳ן מאַרק, דער שענסטער פּלאַץ אין דעם שטעדטעל ק... שטעהט אַ הילצערנע שטיב מיט אַ גאַניקעל, כמעט איין פּאַסאָן, איין געשטאַלט מיט די אַלע אַנדערע הייזער דאָרט, נישט מעהר, וואָס זי איז אָבגעטינקעוועט, ווייס אָבגעשמירט פאָרענט איוף דער גאַס אַרויס. דאָס קליינשטעדטעלדיגע, אַלטפעטערישע לעבען איבערהויפּט און דאָס געבוי פון די הייזער איז, קען מען זאָגען, ווי דאָס לעבען און דאָס בויען נעסטען ביי פייגעל, פּראָסט איין שמייגער, איין שניט פאַר אַלע גלייך. עס וועט גענוג זיין, פון אַ זכר וועגען, אָבצומאָלען איין הויז פונ׳ם ריגג הייזער אין שטעדטיל ק... למען ידעו דורותיכם...

לאָזען קינדס־קינדער וויסען, אין וועלכע הייזער די זיידעס זענען געזעסען און האָבען אָבגעלעבט זייערע יאָהרען אינאיינעם מיט קינדער, קליינע און גרויסע און פאָרפאָלקען אויף קעסט!

ביי׳ם עפענען די טיר קומט מען גלייך פון דער גאַס אַריין, אַזוי ווי מען שטעהט און געהט, אין אַ חדר, אַ גרויס, אַ לאַנגס, דער עיקר דירה, וואָס הייסט איגענטליך שטיב. אין דער הינטערסטער וואַנד פון שטיב, אינהויעניג אַקעגען דעם אַריינגאַנג, פיהרט אַ טיר אין אַ פינסטער הויז, אָהן פענסטער, אָהן אַ באַלקען - אַין אָרט פאַר האָלץ וכדומה נויטיגע זאַכען און דעם בעל־הבתישקייט און אַ מאָל איז עס אויך אַ שטאַל פאַר דער בהמה, בשעת די גרויסע פרעסט ווינטער אָדער ווען זי איז קעלביג, אַ שטייגער, און קען נעבוך נישט נעכטיגען, ווי געוועהנטליך, אין דרויסען. ביי דער זייט פון דער דאָזיגער הינטער־טיר לינקס, שטעהט אַ גרויסער אויבען, אויף צו קאָכען און באַקען, און אונטער דעם פריפעטשיק איז דאָ אַיין אָרט (אַ קאָטיך) פאַר עופות, וואָס לעגען דאָרט אייער און קוואָקען, וואָס נעכטיגען דאָרט ביינאַכט, קריכען גאַנץ פריה פון דאָרט אַרויס און שפּאַצירען זיך פריי אין שטיב אַרום, פול און איטליכעס

ווינקעלע, אויף מיט און איין בינק. האָרט נעבען דעם אויבען שטעהט אַ ריבע פון גרינע קאַפּעס, אַ הייבע, אַ לאַנגע מיט צוויי בינק: די פליישיגע און די מילכיגע באַנק. אַט די דאָזיגע ביידע אייבענס און אַ וואַנטעל מיט מילכיגע נאָך זיי, וואָס ציהען זיך איבער דער גאַנצער לענג שטוב, צעטיילען זי אין צוויי העלפטען, איין העלפט איז די הייפּט-דירה, וועלכע איז דאָ בעשריבען, און די אנדערע בעשטעהט פון אלקערלעך פאַר זיך און פאַר שכנים. אקעגען דער ריבע הייגנט פונ׳ם סופיט אראָב אַ לייטע, קיטענדעל עפּעס ווי אַ מין גלאָק מיט צוויי דראָטענע קיטעלעך, איינס אַ קעגען דאָס אַנדערע, אינטען ביים ראַנד, צו וועלכען עס ווערט צוגעקיטעלט עפּעס אַ מין אײזערנע סקאָוואָראָדע (אַ ליטשניק), אויף וועלכער עס ווערט צולעגט אַ פייער׳ל פון דאַרע שפּענדלעך צו בעלייכטען אַלע אָווענד די שטוב, חוץ פרייטאָג צו-נאַכט, וואָס דענסטמאָל ווערט עס בעלייכטען פון הלב׳דיגע בענשליכט און מעשענע לייכטער אויפ׳ן טיש און און דעם וועקס-רעהרענדיגען קופּערנעם הײנג-לייכטער אויבען מיט אַיין אָדלער. דער דאָזיגער „ליטשניק" גיט, ווי די זון, ליכט, וואַרמקייט דעם גאַנצען הויזגעזינד און טראָגט אַריין פרעהליכקייט, לעבען און שטוב אַרום איהם פערברייננט מען די ווינטער-נעכט און געזעלשאַפט מיט עפּעס אַנ׳אַרבייט, אָדער גלאַט אַזוי זיך אַ געשפּרעך. וויבער, הימישע און אַמאָל אײַך איינע אָדער אַ פּאָר נאָהענטע שכנות און דערמיט, זיצען זיך אויף דער פליישיגער, אויף דער מילכיגער באַנק, פליקען פעדערען און בערעדען די וועלט. שבת-צו-נאַכט ווערט צוגערוקט אַ טיש, מען לייענט פאַר פון „ספר הישר", פון „גדולת יוסף" — און מען עסט געקאָכטע קאַרטאָפליעס. חנוכה שפּילען די קינדער און דריידעל, די עלטערע און קאָרטען — און מען עסט לאַטקעס. און גלאַט אַזוי אַ נאַכט, ווען מען פרעגעלט שמאַלץ, זיצט מען איינגערוימט, דערצעהלענדיג מעשׂיות — און מען עסט גריווען.

איך לאָזען די קונדס-קינדער וויסען, אַז אויף מעבעל האָבען די זיידעס זיך שטאַרק נישט איינגעבראַכט. אַ זיידענס שטוב איז איינגעשטעלט געוועהנליך אַזוי: לאַנגע הילצערנע בינק ביי די וואַנד, אייבענאָן אַ לאַנגער פיערפיסיגער, ריינגעפאַרבטער טיש, שוואַרצע און ווייסע קעסטלעך, איינס איבער דאָס אַנדערע געהויפערט, און דערמיט מיט אויף צושפּילען און דאַמקעס. דאָרט און אַ ווינקעל פון דער העלפט וואַנד ביז צו דער סטעליע, שטעהט פעסט איינגעפּאַסט אַ ווינקעל-שאַפּעלע מיט

נעגלייזטע מירלעך, פון וועלכע עס קוקען ארויס א בעכער מיט קידוש־גלעזלעך, א הדס׳ל פון דראָט־ארבייט, א הניכה־לעמפעל, א פישקעלע פאַר דעם אתרוג סיבות, א מייערקעפעל אויף־חידושים, א מאַן מיט שלעכלעך איף איינגעמאַכטס, טעמבעקאָווע אין וואַרשאַווער־זילבערנע לעפעל. גאַנץ הויך אויף דער וואַנד הענגט אַ שפיגעל, אין וועלכען ס׳איז נישט מעגליך זיך אָנצוקוקען ביז מען שטעלט זיך נישט אויף אַ ביינקעל, און נאָך אַ־לע מיה זעהט מען אין איהם אויס גרין און געל מיט געשוואָלענע באַקען פון ציינווייטאָג. ס׳איז זיך גלאַט אַזוי אַ שפיגעל פון־שענקייט וועגען, נישט חלילה צושפּיגלען זיך. פע!... דערפאַר אַז מען איז שוין אַרויף אויפ׳ן ביינקעל, זעהט מען האָטש דאָס געמעל אויף די פּאָרטרעטלעך, וואָס הענגען איהם ביי די זייטען: עפּעס אַ איד אַ גאָון אין טלית און תפילין, אַ מין יענעראַל אויף אַ פערד, האַלב צוביסען פון פליגען, אייך אַ „מזרח״ מיט צאַצקעלעך און משונה ווילדע חיות, וואָס זענען נאָך לעת־עתה אין אונזערע לענדער נישטאָ.

איך לאָזען קינדס־קינדער וויסען, אַז אַ זיידענס שטוב אין דעם שטעדטעל ק... איז מסוגל צו אַלע מינים בעדערפניש אין דעם מענשענס לעבען. אַ הויז וואָס זי דינט פאַר אַ קיך, פאַר אַנ׳עס־צימער, אויך פאַר אַ שלאָפצימער, וואו מען שלאָפט אויף צוזאַמענגערוקטע ביינק ביי די וואַנד און ביי די אייוועגס, איז נאָך אין איהר געוועהנטליך דאָ אַ שינקעל אייך. אַ גאַנצע וואָך, פאַר דעם ביסעל שטאָדט־גוים, דלפנים, איז דאָ נאָר בראַנפען און ביגעל: בשעת די ירידים אָבער און די מאַרק־טעג, איז שוין אויסגעשטעלט פון פויגעל־מילך: געקאָכטע אייער, שטיקלעך לעבער, הערינג און פיש מיט דרילעס אויך. ווינטער בשעת די קאָליאַדעס זייערע פערקלייבען זיך אַהער אַלע אַוועגד אויסגעפּוצטע שיקסעס מיט בהורים־שקצים אַ פּולע שטוב, אַזוי איז שוין פון אייביג אָן געשטעלט. זיי זיצען, קנאַקען ניס, בלאָזען זיך, לאַכען, פלוידערען, זינגען, שטופען און פערזיצען זיך שפּעט ביז מען שפריצט זיי אָב מיט וואַסער און שטופּט זיי אַרויס, אַזוי איז אויך שוין פון אייביג אָן געשטעלט. און ווען די שטוב טויג פאַר אַ מעאַטער, אַ פשיטא שוין טויג זי פאַר אַ קאַזאַרמע. קיין בעסער אָרט אויף צו מושטירען סאָלדאַטען ווי אין דעם זיידענס שטוב חונבער אין די אָבענדען איז גאָר נישטאָ, ס׳איז וואַרם, ס׳איז ליכטיג, מען זעהט ווי צו געבען — אַ פּאַטש...

אָט אַזאַ מין שטיב איז אויך יענע אָבגעטינקעוועטע צחישען דעם

רינג היזוער, וואָס האָט אָנגעַהוֹיבּט צו ר׳ חיים׳ן — אַ שעֶנער געהייבּענער בּעל־הבית, אַ פּאַרנעַהם אין דעם שטעדטעל.

צו זיין אַ שענער יוֹשבער בּעל־הבית איז אין ק... גענוג געווען צו האָבּען אַ שטיבּ, אַ קוה און עפּעס אַ שטיקעל פּרנסה דערצו, אָבּער צו זיין אַ פּאַרנעהם, געאַבּט, געליעבּט איז קאַרג אַ רייכקייט, אפילו אַ כּך אַ גרעַ־סערע דערפון. אין דער ליטאָ אַמאָל, היינט אפשר שוין נישט אַזוי, האָט מען געלעגט כּבוד נישט אַזוי אויף געלד, ווי אויף תורה. אַ גראָבּער יונג אַ רייכער בּלייבּט נאָך אַלע זאַכען פאָרט מאַקי אַ גראָבּער יונג, ווי דעם עילם׳ס ווערטעל מאַקי: פון אַ חזיר׳שען עקעל קען מען קיין שטריימעל נישט מאַכען. שפּרינגען איבּענאָן, זאָגען דעות — דאָס ליגט שוין אזעלכען אין זיין גלייכען בּטבע, זינט די וועלט איז בּעשאַפען געוואָרען, מען מיז נאָך אפשר אַמאָל צוזעהן אַזוינס, הערען און שווייגען, נאָר נעהמען אַגיעַרעַזעַצען אַזעלכע איבּענאָן און קוקען זיי אין מויל אַריין מיט׳ן גיטין ווילען. ליעבּ האָבּען זיי בּאמת פּנ׳ם האַרצען — אָ, ניין, ויבה זיין דערצו בּעדאַרף מען זיין אַ למדן, גוט און פרום, האָבּען זכות־אָבות. יחוס איז נישט דאָס בּייטעל, נאָר דער קאָפּ, דאָס האַרץ. אָט אַזוי איז אין דער ליטאָ איבּערהויפּט, בּפרט נאָך אין דעם שטעדטעל ק... אַנ׳אָרט פון תורה פון אייבּיגע יאָהרען, וואו די אַיינוואוינער זענען כּמעט אַלע לומדים, וואו דער בּית־המדרש, דער קלויז איז פול מיט בּעלי־הבתים און בּעלי־הבית׳לעך, וואָס זיצען און לערנען, אויך מיט ישיבה־בּחורים, פּרושים פון דער פרעמד, וואָס פערלאָזען ווייבּ און קינד, קנייטשען די גמרא אין עטען טאָג; וואו אַלע פאַרנאַכט, בּין מנחה למעריב, פערקלייבּען זיך אַרום בּעזונדערע טישען בּעלי־מלאכות און נאָך אַנדערע פּנ׳ם עילם, צו הערען אַ גוט וואָרט פון די פאָרזאָגער דאָרט — בּיי אין טיש „מדרש", בּיים צווייטען „עין־יעקב", בּיים דריטען „פסוק", בּיים פערטען „חובת־הלבבות" וכדומה אַזעלכע הקירה אין מוכר־ספרים; וואו שבת און יום־טוב ווערט פּנ׳ם בּעל־מימר, נעבּען דעם אָרון־קודש, געזאָגט פלאַמענדיגע דרשות, וואָס צינדען אָן דאָס האַרץ פון די כּנסת־ישראל מיט הייליגער ליעבּע צו דער שכינה, וואָס זענען געווירצט מיט טרייסט־ווערטער פון די נביאים, מיט משלים, קלוגע, שאַרפע גלייכווערטלעך פון די חכמים, מיט אַ קול, מיט אַ ניגון, וואָס דערקוויקט, צינדעט זיך אין אַלע אבריס. אין אַזאַ שטעדטעל אַז מען איז זוכה צו זיין אַ פּאַרנעהם, מסתמא איז עס נישט אומזיסט, מסתמא איז מען גוט, פרום און געלערנט, מיט אַלע מעלות.

אין ר׳ חיים האָט די אַלע מעלות אין זיך געהאַט. מען קען זיכער זאָגען, ווען ר׳ חיים׳ס „פּאָנדרישׁ״, זיין גאַנץ פערמעגען ביי זיך אין שטעדטעל וואָלט ערגיין אַנדערש זיך אָנגעזעהען ווי נאָרנישט, אָקעגענ־זשע וואָלט דער אייגענער ר׳ חיים מיט זיינע מעלות אין אַ גרויסער שטאָדט געוואַקסען, געווען פיעל מאָל גרעסער, נאָך גערייבענער.

נאָך אין די רעכטע יונגע יאָהרען, ווען אַנדערע, נישט קיין יודישע קינדער, טראַכטען ערשט חתונה האָבען, איז שוין ר׳ חיים געוואָרען אַ זיידע אין שרה זיין ווייב אַ באָבע למזל. לויט דעם חשבון יאָהרען, גערעכענט צוריק, פּינ׳ם זיבעטען קינד לעת־עתה ביז דעם עלטסטען זיהן, שוין אַ טאַטע, אויף קעסט נאָך דערוויילע, האָט ר׳ חיים חתונה געהאַט, אַ פּנים, זעהר פריה, כמעט נאָך גאָר אַ קינד. עס האָט געהייסען, ווי שרה פלעגט ליעב האָבען אָפט צו דערציהלען, אַז זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע אין ער, דער מאַן, אַ קליין יונגעלע, האָט מען זיי פליצ־לים אָבגעשטעלט אַ חופּה, אין דער בהלה, נישט היינט געדאַכט. נאָר ווען בהלה, וואָס בהלה? — דאָס מאַכט אַ יודען נישט אויס, אַזעלכע אָדער אַזעלכע, אַלץ איינס. ווער קען זיך זיי אַלע אָנגעדיינקען?! מעגליך, אַז דאָס איז געשעהן בשעת דער גזרה, מען זאָל נעהמען יודישע קינדער פאַר רעקרוטען. דענסטמאָל האָבען יודען זיך געקליגט, אין האַפּעניש, אין אייליגניש אָבגעשטעלט חופּות ברעקליך קינדער, גאַנץ שכל׳דיג אַזוי: ווי באַלד אַז הי, שנעק איינער, קענסט זיין אַ זעלנער, קענסט דו דאָך זיין אַ בעל־הבית אַוודאי!...

ר׳ חיים איז געווען, ווי מען זאָגט, אי צו גאָט, אי צו לייט. זיין צייט איז געווען אָבגעגעבען צו דער פּרנסה, צו תורה אין אויך צו שטעדטישע זאַכען. יאָהרענלאַנג אַוועקגעזעצען אַ קאַזאָנער רב דאָרט, נישט בעלייגט צו ווערען דערפאַר. פלעגט אויך זאָגען אימזיסט אַ שיעור גמרא מיט פּיסקים פאַר יונגע לייט. זיין הויז איז געווען תמיד פיל, דער אָרים, יענער אַרויס. קיין זאַך האָט זיך נישט געטאָן אָהן אידם, וואו ערגיץ אַ שפּאַרעניש, אַ לאָדעניש איז ער געווען דער פערמיטלער. בשעת עפּעס אַ נייט אין כּלל־זאַכען פלעגט מען אָנקומען צו זיינס אַ עצה אין זוכען אַלסדינג מיט איהם זיך מישב זיין.

נאָר צו וואָס אַ ים בריען? איין סצענע דאָ, למשל, ווייט זאָגען בעסער פון אַלע ווערטער. שאַ!...

3.

ס'איז ווינטער, שבת־צו־נאכטס, נאָך הבדלה. איפֿן „לומטעניק" אונטער'ן קימענדעל, ברענט פריילעך א פייערל, וואָס פון צייט צו צייט ווערט עס אונטערגעהאַלטן מיט דינע טרוקענע שפענדלעך. דעם פייערל אַקעגן, ביי א טיש, צוגערוקט צו דער וואַרעמער ריבע, זיצט דאָס הויז־געזינד. א שכנה פון דער צווייטער שטוב, פול מיט נייעס ווי א פויק, איז אויך דאָ, מען וואַרפט זיך איבער מיט א וואָרט און מען פליקט פעדערן. דער־ביי טאַקע לייענט איינער פון די קינדער פאָר די מעשה פון יוסף הצדיק מיט די ברידער אויף עברי־טייטש. מען האָט הנאה, מען וואונדערט זיך אויף דער גבורה פון יהודה — פון זיינס א געשריי ווערט שיער ניט א תל פון גאַנץ מצרים; די קאַץ זיצט צוזאַמענגעדריקט צום אויוון, לעקט א קאַפּעלע, מאַכט מיט די אייערלעך און האָט, ווי עס זעהט אויס, אויך הנאה. און אויוון הייצט זיך, עס קאָכט זיך וועטשערע, נאָר קודם־כל זידט דאָרט א טעפעל קאַרטאָפלעס אויף איבערצוכאַפּן דערווייל. ר' חיים גערט הין און צוריק איבער דער שטוב, נאָך אין דער שבת'דיגער קאַפּאָטע און זינגט זיך „אליהו־הנביא" מיט גרויס געפיהל. און ווי ער לאָזט אויס דעם סוף „במהרה יבוא אלינו", גיך אין באַלד קומט ער צו אונז, עפענט זיך די טיר און לייטישע מענשען פּנים'ס שטעדטעל קומען אַריין — א גוטע וואָך, א גוט יאָהר!

און דאָס פערשטעהט זיך אַליין, אַז לייטישע מענשען גיבען איינער דעם אַנדערען אָב כבוד ביים אַריינקומען, האַלטענדיג א שעה אָפען די טיר אפילו ווינטער, נאָר אומציקומען דערווייל אין שטוב פאַר קעלט, אַזוי אויך ביים זעצען זיך. ס'איז אַ ענג הייבט צייט אין ריקעניש, און ווינקעניש, און בעטעניש, פּלאָנטענדיג זיך דערווייל דער יענעם אונטער די פיס, ביז די לייטישע מענשען האָבען זיך לסוף איינגעזעצט. שרה איז מכבד די געסט נאָר פריינדליך מיט טרינקען „שפּעציעס" — מיני קרו־

טעכטער, וואָס אַ כפּרה פאַר זיי מיי — און מיט שטיקלעך קאַנדער־צוקער, וואָס אַ כפּרה דערפאַר הײַנטיגער צוקער... מען זעצט זיך, מען בלאָזט און מען טרינקט, איינער פאַררייכערט זיך די פּיפּקע — אַ פּאַרציע־לײַען לולקעלע מיט אַ ווילבערן רערעל און אַ לאַנגען געפלאָכטענעם ציביק, אַ פּאָר הוסטען זיך אויס, טאַפּען זיך בײַ די נעז, בײַ די בערד און עס הייבט זיך אָן אַ שמועס. אַהין־אַהער, דאָס אַ ביסעל, יענס אַ ביסעל ביז מען קומט אַרויף לסוף אויף אַזאַ שמועס!

— אַהאַ־האַ, די גזרה פון די קליידער איז דאָך טאַקי אַ מיאוסע זאַך! — מאַכען אַלע מיט אַ זיפץ — ייִדען זאָלען זיך אָנטאָן דייטש: אַ קאַרטוזל מיט אַ דאַשיק... ס׳איז דאָך עפּעס משונה אַ שרעק! און געוואָלד צו תאָס, רבונו־של־עולם, צו וואָס?!... תאָס קען „זיי" דאַרט, זיי וואָס קען אַרויסקומען דערפון, אַז ייִדען וועלען זיך שוין אָנטאָן דייטש?!... עס מוז דאָך עפּעס אַלץ מיט אַ גאַנג.

— מען שמועסט, דרינען שטעקט אַ שפּיציל — הופּט זיך אָן מיט אַ קנײַטשעלע יענער פון פּיפּקעלע, פאַרציהענדיג זיך שטאַרק און אַרויס־לאָזענדיג פון׳ם מויל רינגעלעך רויך — וואַקסען זאָל ער נאָר, וואַקסען... פון וועמען מיינט איהר? — פון מאָנטעפיורען!

— גאָט איז מיט אײַך, ר׳ בער! וואָס רעדט איהר?

— אָט דאָס זאָגט איהר הערט. אָבער ר׳ ברוך הלל׳ס מעג מען גלייבען? ער קומט ערשט פון די יריד און האָט דאָרט מיט זיינע אייגענע אויערען...

— און האָב איך עפּעס אַזוינס געהערט — פאַלט אַרײַן אין די רעד אַ ריהרעוודיגער צאַפּלענדיגער ייד, פערבײַסענדיג אַ ליפּ — דאָ, תאַרט, תאָס האָב איך געהערט?

— שלאָגט נישט איבער, ר׳ יוסיל — מאַכט דער עולם — שאַ... אַ־נו, ר׳ בער.

— מען שמועסט, הייסט עס — הייבט אָן ר׳ בער געלאַסען, פאַר־מעליך און קריכט איטליכס וואָרט ביז ער ברענגט עס אַרויס פון מויל — אָט וואָס: אַז מאָנטעפיורע האָט געזעהן ס׳איז פּע... איז ער געקומען מיט אַזאַ פּראָיעקט: אַדוני מלך, זאָגט ער, פאַרקויף מיר די ייִדעלעך, איך וועל געבען פאַר זיי אַזויפיעל און אַזוי פיעל מיליאָן.

— הונדערט מיליאָנען, האָב איך געהערט, הונדערט מיליאָנען מי־ליאָן ! — פאַלט ר׳ יוסיל ווייטער אין די רייד אַריין. געקאָסט האָט עס ניט אזוי די ביטע געלד, ווי אַרויסצוווייזן דאָ דעם עולם. אַז ער ווייסט אייך, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט, ניט ערגער פון אַנדערע.

— מילא וואָס מאַכט עס אויס — טוט ר׳ בער אַ זאָג פאַרדרע־סנדיג מיט דער נאָז אין דערציילט ווייטער — מהיכא־תיתא ! ענטפערט דער מלכות בקיצור, מען מאַכט באַלד מאַכן אַ תקיעת־כף און מאָנטי־פוריע נים דערוויל אַריין אַדעראַיף.

— חלילה, הונדערט מיליאָנען מיליאָן באַלד מאַכן, באַלד במזומנים — צושאָקלט זיך ר׳ יוסיל, ווי בײַם שפּאַרן זיך מיט עמיצן איבער אַ שווערקעל גמרא.

— אַי, ווײַט־זשע מוחל, ר׳ יוסיל, שאַ ! בעטן איך אײַך אַלע מחילה, ער זאָל שווייגן.

— בקיצור, ער גיט דערוויל אַריין אַדעראַיף — דערציילט ר׳ בער ווייטער, הויך געלאַסן, ניט מאַכנדיג זיך אויס ר׳ יוסיל׳ס רייד — והמותר איז ער זיך מתחיב סילקן צום טערמין בײַם נעהמען די סחורה — די יודען הייסט עס. דערמיט איז מען זיך צושײַנגען. ווי געוונד — פאָהר געזונד ! נאָך אָנבייסען געהט זיך דער מלכות, ווי דער שטייגער איז, און סענאַט און איז שבאַרק איפגעראַמט. — אדוני מלך, פרעגט אים דער מיניסטער, וואָס איז די מעשה, וואָס די בינסט היינט עפּעס אזוי איפגעראַמט ? — אזוי און אַזוי, ענטפערט דער מלכות מיט אַ שמייכעלע, געמאַכט אַ געשעפטעל, פאַר אזוי פיעל פערקייפט היינט מײַנע וועלטלעך. — אדוני מלך ! טוט זיך אַ האַפּ דער מיניסטער ווערט דער־שראָקען, וואָס האָסטו געטאָן ? ס׳איז אַ מקח טעות !... און באַלד מאַכט פירט ער אויס פון די קאָנטאָרסקע ביכער אַ קלאָרען חשבון, אַז דאָס פראָנענט, וואָס אזא סחורה — יודען הייסט עס, טראָגט אין אַ געוויסען צײַט יאָהרען אײַן, טרעפט העכערעט מיט אַ שמיצעל אריבער דעם מקח פאַר דער גאַנצער סחורה. — וואָס־זשע טוט מען ? מאַכט דער מלך. געזעצט איז דאָך געוועהט אין פון מלכות אַ וואָרט איז דאָך אַ גזרה, אַדרבה זאָג, האָסט דאָך אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, פאַלט עפּעס איין אַ הסברה. — אדוני מלך ! רופט זיך דער מיניסטער אָן, נאָכדעם

ווי ער האָט א ווײַלע געטראַכט, ס'איז דאָ אײן עצה. גיב אַרײַן א בעפעהל, אָבער מאַקי באַלד, יודען זאָלען זיך אָנטאָן דײַטש. גראַם־שטראַם! מאַכט דער מלכות, וואָס איז שײַך דאָס דערבײַ! — ס'איז ריכטיג! זאָגט דער מיניסטער האַלב עפּעס אײפּ'ן ווינק — ווי באַלד דײַטש, איז דאָך געוויין פערשטעהסט־דו מיך, גאָר עפּעס אַנדערש... מיט דיר איז דאָך גענוג אײפּ'ן ווינק — אַ־אַ שכל'דיג! גיט זיך דער מלכות א חאַפּ. די בינכט וועדטה פאַר דער עצה אַ גילדענעם מעדאַל. — הערט־זשע רבותי, דעם שפּיץ — מאַכט ר' בער, נעמענדיג זיך איסרײַנינגען מיט א דרעטעלע דאָס פּיפּקעלע פונ'ם אַש — אַקוראַט צי'ם טערמין קומט מסתמא באָני־טעפּיורע.

— ניין, נישט אַזוי, ער קומט נישט, ער לאָזט פריהער מעלדען — קען זיך ר' יוסי'ל נישט אײַנהאַלטען, צעשאָקעלט זיך אין פאַלט ווידער אַרײַן אין די רעד.

— שאַ, זײַט זשע מוחל! האַלט זיך אײַן א ווײַלע אין שלאָגט נישט איבער, ר' יוסי'ל! — בעט דער עולם, וואָס איז זעהר ציקאַווע צו הערען דעם סוף — נו ר' בער, נו־נו.

— קומט ער, הייסט עס — הייבט ר' בער אָן ווײַטער דעם שמועס, ציהענדיג די ווערטער ווי יענעם איף צו להכעיס און שמאַכענדיג פאַר הנאה — קומט ער, אַזוי ווי איך זאָג אײַך דאָ, צי'ם טערמין און מאַכט כהאי לישנא: אדוני מלך! נאַ דאָס מיהר געלד אין לאָבּיך, כפי השליש־צעטעל, נעהמען די סחורה — יודען הייבט עס. — אָך! מאַכט דער מלכות, מהיכא־תיתי... גיעה דיר, זײַ מוחל, און וואו דו וועסט דערזעהן אַ יודען, נעהם דיר איהם, בשם אלהי ישראל, די סחורה דײַנע... מאָנטעפיורע לאָזט זיך לאַנג נישט בעטען און געהט. ער געהט אין אײן שטאָדט — נישטאָ, נאָך אין א שטאָדט — נישטאָ. בקיצור אין בערדיטשיב — איך נישטאָ. קײן סימן אפילו נישט פון אַ יודען. אַלע יודען זענען אָנגעטאָן דײַטש — דײַטשען.

— אָוואַ, אָוואַ! — מאַכט דער עולם פערוואונדערט — אַזוי, זאָגט איהר, אַזוי שמועסט די וועלט!

— עט! — מאַכט ר' חיים מיט אַ שמייכעלע — נישט תמיד איז אמת, וואָס טראָגט זיך אַרום אין דער וועלט. ס'איז זיך אַ מימרא...

— אויי צי אוי, דערוויל איז שפּל — זאָגט דער עולם מיט א קרעכץ — די גזרה איז דאָך טאַקי א גזרה! מילא די קאַפּאָטע יאַק קאַפּאָטע, וועט מען אין איהר מאַכען א האַק, דער גוטער יאָהר וועט זי נישט נעמען מיט א שפּאַלט פון הינטען אייך. אָבער א קאַרטוז — רבונו־של־עולם, א קאַרטוז!... ר' חיים, פאַלט עפּעס אויף אין עצה, הא, וואָס טראַכט איהר, ר' חיים?

— איך טראַכט — ענטפערט ר' חיים נאָך עטליכע מינוטען שווייגען, רייבענדיג זיך דעם שטערן — איך טראַכט, וואָס פאַרט האָבען אין א נויט די חכמים מיט זייער חכמה נישט געמאַכט. מען מאָר א שטיינער שבת נישט טראָגען, נאַ ציה איבער אַ שנירעל און טראָג. מען מאָר נישט נעהמען פּראָצענט, נאַ דיר היתר־עסקא און נעהם! — ס'איז דאָ אין עצה, יודישע קינדער! זאָגט מיר, רבותי, וואָס איז אַזוינס א קלאַפּאָווע היטעל (אַ חצי שבת'ל)?

— וואָס הייסט? — וואונדערן זיך אַלע אין איין קול — אַ יודיש קלאַפּאָווע היטעל איז אַ קלאַפּאָווע היטעל, א וואָכענדיג היטעל מיט קלאַפּען! פון ביידע זייטען האָט עס איפגעשטעלטע, מיט קליאָטשע אָנגעשטאָפּטע קלאַפּען, פון רייכוואַרג, פערשטעהט זיך, און פאָרענט איז עס בעלעגט, פון איין קלאַפּען צום אַנדערן, מיט אַ שמאָל שטיקעל רויכוואַרג, גוט צוגענעהט אינטען, אייך צום ווערבעל איבען. ווער ווייסט עס דען נישט אַ יודיש קלאַפּאָווע היטעל?!

— מילא — שמייכעלט ר' חיים מיט אַ קנייטשעלע — מה רעש? וועט יענעם שטיקעל פאָרענט נישט צוגענעהט זיין צו'ם ווערבעל נאָר מיט דער אונטערשטער זייט אַליין, אזוי אַז עס זאָל זיך קענען אָבלענען: וויל מען, איז דאָס ווי הינט אַ היטעל, כשר יודישליך, וויל מען, לעגט מען עס אָב, קומט עס אויס א דאַשיק, איז מען יוצא לכל הדעות און פּטור. און וואָס קען מען צי אַ יודען מיט אַזאַ היטעל האָבען? אַ דרייטש!...

— מאַקי וואו תורה דאָרט חכמה. מאריך ימים ושנים זאָלט איהר, ר' חיים, זיין! — זאָגט דער עולם גאַנץ צופרידען, אָנווינשענדיג איהם אַ פולע קאָפּ.

דאָס דאָזיגע מין היטעל מיט דעם אָבגעלעגטען דאַשיק איז דערנאָך אָנגענומען געוואָרען בכל תפוצות ישראל און גילט נאָך עד היום ביי

אַלע פרומע יודען דאָרט אונטער דעם נאָמען „נאַפּאָליאָנקע״. די וועלט אָבער בעדאַרף וויסען, אַז גילד איז דאָס היטעל געוואָרען אין דעם שטעד־טעל ק... אין אין דער היסטאָריע בעדאַרף עס שטעהן פערשריבען אויף דעם נאָמען ר׳ חיים׳ס, דער ערשטער, וואָס האָט עס מבציא געווען. — נאַפּאָלעאָן, מעגליך, האָט געטראָגען פון אזא פאַסאָן א היטעל נאָכן זי־כער אָבער, מען מעג שווערען, אַז ר׳ חיים האָט מיט נאַפּאָלעאָנען זיך כלל נישט אָנגעהערט און קיינמאָל זיין היטעל אַפילו אין די אויגען נישט געזעהן.

צו ר׳ חיים׳ן פלעגט מען אָנקומען אויך בשעת, נישט־דאָ געדאַכט, עפּעס אַ קראַנקהייט. קיין דאָקטאָר אין שטעדטעל איז נישט געווען, חוץ אַ רופא, וואָס האָט מעהר נישט געוואוסט, ווי שלאָגען צו דער אָדער, שטעלען פּיאַווקעס, באַנקעס, אויך גאָלען און שערען. ווי באַלד עפּעס אַ שלאַפקייט, האָט זיך געוויזען דער רופא מיט דעם גאַנצען קלי־פערגעציי־גע און געאַרבייט אויף אַלע כלים: צוקאַראַראַשעט הוק און לענד, דאָלו און נעניק, צו־ווישענדיג דערנאָך עפּעס אויף דייטשערעס, „צו געזונטהייט!״ און אַז די ברכה זיינע האָט נאָך אַלץ מיטעל נישט געהאָלפען, דעם קראַנקען איז נאָך געוואָרען ערגער, פלעגט מען קומען מיט אַ געבעט צו ר׳ חיים׳ן, ער זאָל מוחל זיין געהן, דעם חולה „צו בעטראַכטען״ — און ר׳ חיים, וואָס האָט ער געקענט טאָן, איז געגאַנגען בעטראַכטען. ביים עולם איז אַיינגעריעדט געווען, אַז ר׳ חיים איז אַ מעטער, אַ גרויסער מבין אין דאָקטאָר־יע. ער אַליין ווידער האָט זיך געהאַלטען טאַקי דרינען פאַר אַ שטיקעל מבין. פון וואַנען האָט אַזוינס צו איהם זיך גענומען? דערויף איז דאָ אַ טעם. ר׳ חיים אַליין איז בטבע געווען אַ שוואַכער, אַ שלאַפער מענש. חוץ דער יודישער קראַנקהייט „מערידין״, אַ ירושה פון די עלטערן, האָבען איהם אין לעבען נישט איסגעלאָזט נאָך אַנדערע מיני וועהטאָגען: שטעכעניש אין די קריזשעס, אַ שפּאַרעניש אונטערן לעפעלע, קוועטשעניש, כאַטקיט אין די גלידער, וואָס היינט הייסט עס עפּעס „נערווען״, איבער וועלכע ער האָט אַ מאָל, בעת אַ געלעגענהייט, זיך מיישב געווען מיט גרויסע דאָק־טוירים ערגעץ, און צום גרעסטען טייל אָבער זיך נישט וויבענדיג גע־מאַכט — עט, גאָרנישט, אַ מיהיש, עס וועט אַזוי זיך איבערגעהן. איינמאָל אָבער איז ער טאַקי שטאַרק פערשלאָפט געוואָרען, בעקומען אַ היציגע קראַנקהייט עפּעס, אַזוי אַז מען האָט צו איהם עטליכע מאָל אַראָבגע־בראַכט אַ גרויסען דאָקטאָר פון דער סביבה, דאַכט זיך, דעם שלאָב־דאָק־טאָר, וואָס ביי׳ם דוכט אַליין, און דאָס איבגעהען זיך זיינס פון דער

קראנקהייט איז געוועזן בעשײנפערליך א וואונדער ווי פון טיט לעבעדיג. דאָס אלבדינג האָט געמאכט ר׳ חיים׳ן פאר א געניטען. איהם געגעבען דאָס רעכט א מבין צו זײן אויף קרענק, שוין נישט צו ריידען פון רפואה־ביכלעך פאר׳ן פאָלק, אין וועלכע ער פלעגט אריינקוקען, פון אלע רעצעפטען, וואָס האָבען מיט דער צייט בײ איהם זיך אָנגעקליבען. פרעגט נישט, זאָגט מען, דעם דאָקטאָר, פרעגט דעם קראנקען, — אין קראנ־ איז דאָך ר׳ חיים אין זײן לעבען פיעל מאָל געוועזן, און באמת טאקי פאר וואָס זאָל דאָקטאָריע ערגער זײן פון אדוואָקאטור, א שטייגער? אין יענער שטאָדט, נישט ווייט פון ק... איז דאָ אַ ר׳ אהרן, דוקא נישט אַזאַ למדן, און די שקאָלעס ערגען נישט געלערנט. פון רעסטוועגען גילט ער אין דער סביבה פאַר אַ „זאקאָנשטשיק“ נאָר אַ מיראו! בײ עפּעס אַ קרעצעל, אַ מיאוסען עסק, ווענדעט מען זיך צו איהם, נאָר טאַקי דעריפאַר אליין, וואָס ער, ר׳ אהרן, איז אין זײן לעבען אין פיעל תפיסות איבערגעזעסען, פאַר בלבולים און גנבות, פאַר פאַלשע מסירות וכדומה נאָך בלבולים אַזעלכע, בעתים זאָל מען ווערען, און איהם איז איבערגעקומען דורכדעם גוט בעקאַנט צו־ווערען מיט „נאַטשאַלסטוואָ“, ווייסט די אלע גענג, וואָס מען האָט צו טאָן, וואָס צו שרייבען, וואָס צו רעדען מיט אַלע הרעדה־לעך, שפּיצלעך און אָבשניצלעך.

ר׳ חיים אָבער איז געוועזן אַ דאָקטאָר נאָר צו געוויסע קרענק, פון וועלכע מען קאָן חלילה ליגען, אָדער מען ליגט שוין טאַקי אין בעט, קיין כח נישט דאָבענדיג זיך צורירהרען. צו אַנדערע, גלאַט אַזוי זיך וועה־טאָגען זענען שוין געווען אַנדערע אין שטעדטעל, וואָס האָבען געטױגט איטליכער צו זײן זאַך. איינער־וועהטאָג, אַ שטייגער, דערויף איז געוועזן אַ ר׳ פישעל. ער האָט געהאט בסוד עפּעס אַ וועטערל, פון וועלכעס ער פלעגט געבען עטליכע טראָפּענס אויף אַ רפואה, אימזיסט, נאָר פון מצוה וועגען. צו מאָגערקייט, איינדאַרעניש האָט פעטרוכאַ, די אַלטע גויה געגעבען עפּעס מיני קרײטעכער אַיינע. צו דער ניכפה, צו אַ מאַנקאָליע, אַ רוישען אין קאָפּ — דערויף איז געווען אַ מיסטער יאַש דער מאָטער, אויף אין עין־הרע אָבשפּרעכען, ציהן־וועהטאָג פערדרעהען, גיסען וואַקס, מיט אייער אויסקײקלען — דערצו איז געוועזן אַ בריה גיטעל די זאָגערין, און צו קדחת, מאַיאָווע אָדער קדחת רביעית, פלעגט זעהר גוט העלפען דער מלמד ליפא ראובן׳ס, וואָס איז באמת געווען אַ גראַליבער (זעלטע־נער) מענש, נישטאָ, האָט עס געהייסען, ווייט אין דער וועלט צו־זוכען זײן גלײכען.

4.

ליפא ראובן׳ס, אַ יוד אין די מיטעלע יאָהרען, איז איינער פון יענע מענשען, אין וועלכע גאָט האָט אַריינגעלעגט אַלע גוטע מתּנות: גייסט, האַרץ און געפיהלען, נאָר פערגעסען אָבער זיי צוגעבען איין קלייניגקייט — מזל! ביים אַרויסגעהן פון גאָט׳ס הענד אַהער אויף דער וועלט האָט זיי דער רוח, ווי אַ קערנדעל תבואה, פערטראָגען ערגעץ אין אַ העק, אין אַ ווינקעל אָרט, וואו עס איז נישטאָ די אַלע מיטלען, ווי געהעריג איז צו וואַקסען. דער גייסט אין זיי רייסט זיך, זוכט זיך ערגעץ איין אָרט, וואו צו ווייזען זיך פריי, צופיהרען אַביסעל די הענד — ביז אַ טייל אָבער ווערט ער, נאָך אַלע אומזיסטע מיה, נאָך דעם אויסגליטשען זיך אויף שטיינער אין דעם וועג, אַלץ שוואַכער, אין זיי ווערען אינגאַנצען אָבהענגיג. זיי ליגען, פיילען, נעהמען זיך אַמאָל אויך פאַר קרענקונג צו דער משקה, טייגען צו גאָרנישט און הייסען ביי דער וועלט: טייגעניכטסען, פערלוירענע מענשען. ווידער ביי אַ טייל הערט דער גייסט פאָרט מאַקי נישט אויף צורייסען זיך אַרויס, אַרויס, עפּעס קאָכט עס, בורטשעט עס אין זיי, ס׳איז אַ שטענדיגע קאָכעניש, אַ ראַנגלען זיך, אַיין אינזיענינגטע נישט־צופרידענהייט. פאַר עסעניש געהען זיי פונ׳ם לייב אַראָב, זענען עפּעס פעראימערט, פערטראַכט, דער גייסט לאָזט זיי נישט רוהען, זיי חאַפּען זיך צו אַלצדינג, דאָ צו דער, דאָ צו יענער זאַך, נאָר איטליכע זאַך קומט אויס עפּעס משונה, עפּעס ווילד ווי די נאַטור אַליין, וואָס איז נאָך רוי, נישט בעאַרבייט — דאָס זיינען יענע מיני קינסטלער, וואָס, ווי די וועלט זאָגט, אין דער האַנד הונדערט מלאכות און ווייניג ברכות.

ליפא ראובן׳ס איז געווען אַ דאַרער, אַ קורצזיכטיגער מיט אַ בלייך פנים, אַ שטילער, אַ גוטער און זייער בעליעבט ביי איטליכען אין דעם שטעדטעל. זיין כאַראַקטער, זיין וואָינונג, זיין שטייגער לעבען. זיין מאַן

אין אלץ מיט אנאנדער האט בעשיינפערליך געוויזען, אז אין איהם איז דא דאס פינטעלע, דער ברען פון א קינסטלער. ער האט געהאט א האנד צו שניצען, צו מאלען, צו שרייבען און צו קריצען אויף קופער און אויף שטיינער, נישט צו מאכען זיך דאריים א פרנסה, נאר גלאט אזוי, ווייל דאס איז געווען זיין בעסטער פערגעניגען; ווייל עס האט איהם דערצו עפּיס געטריבען און ער האט בעדארפט, געמוזט מייסטערען. ביי דעם שטערטילדיגען עולם יודען האט ער געהייסען א בריה צו אלצדינג, א קענער, עפּיס גאר א שרעק — און זיי האבען ביי איטליכער געלעגענהייט זיך מיט זיין בריה׳שקייט בעניצט. מען האט איהם מכבד געווען מיט שניצען דעם ארון־קודש, מאלען א „מזרח״, שלאגען מצבות, קריצען חתימות. מיידלעך, כלות, פלעגען איהם מטריח זיין, מיט זיין גוטען ווילען צו מאכען פאר זיי מוסטערען, אויף קייטעלעשטיכלעך, אויף העפטען, אויסנעהען פאר זייערע חתנים תפילין־זעקלעך. און אז ער טויג שוין יא צו אלע זאכען און איז דערצו נאך א גוטער מענש אויך, טהוט איטליכען צוליעב, אזוי זיך, אומזיסט, פאר וואס־זשע זאלען ווייבער נעבעך אזוי זונדיג זיין, נישט צו בעניצען זיך מיט איהם אויך — צו קרחת א שטייגער? מען האט איהם געבעטען, האט ער געשריבען עפּיס אזוינס אויף מאנדלען, אדער אויף טעלער מיט טינט, וואס צופיהרענדיג עס דער־נאך מיט וואסער גיט מען עס דעם קראנקען — טרינקען — און עס העלפט!... צו די אלע זאכען האט ליפא ראובן׳ס נאך צוגעקנעלט אויך,

פאר א מלמד האט איהם געמאכט ר׳ חיים!

שלמה ר׳ חיים׳ס, א יונגעלע פון א יאהר זיבען, האט פון דער קינדהייט זיך געוויזען פאר א וואוילעס, א לעבעדיגעס, מיט א שאר־קע־פיל צום לערנען. אין איין יאהר האט ער זיך אויסגעלערנט ביי משה שליאן גוט עברי, געלייענט גיך ווי א וואסער און אנגעהייבען חומש, ווי דער שטייגער איז, פון „ויקרא״, וואס אנדערע קינדער בעדארפען דערויף אויסקויצען אין חדר א צווי דריי יאהר. ביים גאנצען הויזגעזינד ר׳ חיים׳ס ווי אויך ביי פרעמדע, אריינגעהערס צו איהם אין שטוב, איז שלמה׳לע געווען זעהר בעליבט פאר זיין לעבעדיגקייט, פאר זיין פאלען אמאל אויף קלאץ־קשיות, און נאך מעהר — פאר זיינע אנשטעלען. ס׳ איז אין איהם געלעגען בטבע עפּעס אזוינס, איפּציחאפּען באלד ביים ערשטען בליק יעגעמס א מינע, א ווארט, וואס עפּעס נישט אזוי, משונה ווי ביי

אַנדערע. ער פּלעגט וואַנדער־שען נאָכמאַכען אַבי וועמען מיט אַלע פּאַסטעמקעס — ווי יענער רעדט, ווי יענער שטעהט און געהט, אַזוי אַז מען פּלעגט זיך האַלטען ביי די זייטען פאַר געלעכטער, זעהענדיג און הערענדיג איהם. בעזאָנדערס ליעב האָט ער געהאַט נאָכצומאַכען ניטעל די זאָגערין, ווי זי קושט די מזוזה ביי'ם אַריינקומען אין שטוב, אָנגעטאָן אין דער יופּע אויף איין אַרבעל; ווי זי פערציהט די ליפּעלעך, זאָגט: „אַ גאָט העלף!" מיט חן; ווען זי גיט אַ בייג דעם רוקען ווי אַ קעצעלע, אַזוי אַז איין אַקסעל קומט אויס נידעריג, די אַנדערע העכער, דאָס קעפּעלע אין דער זייט, אונטערגעהאַלטען מיט דער האַנד, און אַ פינגער אייף דער באַק; ווי זי קנייטשט דאָס פּנים'ל, אַ סמאָרע מיט דעם נעזעלע, פערגלאָצט די איגעלעך און רעדט מיט תחינה־לשון, אַלץ: „געלויבט און געאַבפּערט דער אַלמעכטיגער, ברוך הוא וברוך שמו, וואָס בעשירעמט זיין פאָלק ישראל!" אַריינוואַרפענדיג אין דערמיט שטיקלעך פּנ'ס „נחלת צבי" און רבינו בחיי. — די מאַמע פּלעגט מיט אַנדערע גלייך מאַכן אויך לאַכען, נאָר דערביי, מיט אַ פינגער אייף דער נאָז כלומר'שט אין כעס צו איהם מאַכען:

— וואַרט נאָר, וואַרט, שען בהור'ל איינער! איך וועל ניש'קשה דערצעהלען דעם טאַטען, וועסט־דו שוין וויסען, נישקשה, ווער עלטער איז, ווי אַיין עלטערען נאָכצוקרימען זיך. — זאָל איך אַזוי וויסען בייז, אויב איך פערשטעה, וואָס פאַר אַ מין שלאַק דאָס איז, רבונו־של־עולם!...

דער טאַטע אָבער איז אויף דעם קינד אַ מבין געווען. ער האָט, גוט פערשטאַנען, אַז ביי אַ געהעריגען סדר לערנען אַלצדינג, וואָס מען בעדאַרף, און ביי אַ רעכטען מלמד אין די הענד, קען פון אַזאַ קינד, מיט דער צייט, ווערען אַ לייט. לערנען אַלצדינג, וואָס מען בעדאַרף, האָט ביי יודען צו יענער צייט, און בפרט נאָך אין אַזאַ שטעדטעל ווי ק... נישט געהייסען שפּראַכען, הכמה־זאַכען, דאָס וואָס היינט. צו גמרא און פּוסקים זיין נאָך אַ בעל־תנ"ך אייך, פערשטעהן אַביסעל דקדוק — איז מען שוין אַ פאַרטיגער מענש, אַ ווילדער בריה איינער אין דער וועלט, מעהר דערפון איז גאָר נישטאָ, מאַקי אַיין איבעריגע זאַך. נאָר ווער אָבער האָט, היינט דעם אָנהויב פון איטליכער סדרה, געלערנט קינדער תנ"ך? מען האָט זיך עפּעס געשייעט, עס האָט עפּעס געשמעקט מיט

אפיקורסות. ס'איז טאקי א גרויס וואונדער, נישט צו פערשטעהן אויגס... נאָר ווי די מעשה איז, אזוי איז עס געווען, און אזוי איז עס ביי א טהייל יודען נאָך היינט. גרויסע רבנים, פארציישען און איך היינט, האָבען נישט געוואוסט און ווייסען נישט רעכט גוט עד־היום, וואָס שטעהט אויגס און תנ"ך, און פון דעסטוועגען שא! מען קען זיין א גרויסער למדן פסקענען שאלות אָהן פסוק איין... ר' חיים'ן אָבער האָט זיך געגליסט פאר שלמה'לען זיינעם מאכען איין איבנאָהמע, פרובען לערנען איהם דוקא גאַנץ תנ"ך, מיט דעם תרגום איך, כסדר פון אָנהייב ביז צום סוף. ר' חיים אַליין האָט געקענט תנ"ך, און געשריבען מליצה. פון זיינע בריוולעך פלעגט מען לעקען די פינגער. ער האָט געהייסען צווישען זיינע אַלע בעקאַנטע אַ „בעל־לשון"... נאָר וואו נעהמט מען אָבער דעם מלמד דערצו? אָט דאָס האָט ר' חיים געטראַכט און איז לסוף געפאַלען אויף ליפּא ראובן'ס. איהם האָט עס ר' חיים געמאַכט פאַר אַ מלמד, צו קנעלען מיט זיין שלמה'לען, מתיר־געווען איהם צוצונעהמען נאָך עטליכע קינדער, כדי ער זאָל קענען ווי־עס־איז מיט ווייב און קינד, ווי אַלע יודישע קינדער, עס אַזוי זיך לעבען...

אין דער זיווג האָט עולה־יפה געווען! דער רבי און דער תלמיד האָבען זיך איינער דעם אַנדערען זעהר גוט געפאַסט. דער רבי האָט געקנעלט געטריי, און דער תלמיד — געלערנט געשמאַק. דער שטייגער איז געוועהנליך געווען, בשעת דעם לערנען ביים טיש פלעגט דער רבי זיצען אויף זיין אָרט מיט עפּעס אַין אַרבייט — מאָלען אָדער שטעכען אַ התימה'לע. נאָר דאָס האָט אָבער נישט געשאַדט צום גאַנג פּנ'ם לערנען, ער האָט נישט־קשה, זיך גוט צוגעהערט, פערקעהרט דאָס לערנען איז געגאַנגען נאָך פיעל בעסער. די אַרבייט איז פאַר איהם געווען דאָס אייגענע וואָס אַ פראָסטען בעל־מלאכה אַ גוטער טרונק בראַנפען. זי האָט איהם בעגייסטערט, בעלעבט, געמאַכט בערעדעוודיג. ערשט דענסטמאָל האָט ער דערקלערט אַלצדינג שאַרף, קלאָר, פונ'ם מויל האָבען זיך איהם געשאָטען פּערל, און די אייגען האָט געפינקעלט אַ היילג פייערל, ער האָט געקוקט מיט ליעבשאַפט עפּיס אַזוי גיט, אַזוי גוט... און דעם תלמיד פלעגט עס געבען אַ נעהם, אַ ברען, איינגעגאָסען איהם אַ חשק, ער האָט געשלונגען איטליכעס וואָרט, איפּשטעלענדיג די אייערלעך, דאָס לערנען איז נישט געווען, ווי ביי יענע, ערגעץ אַנדערש אַ שטייגער, אַ שווערע משא, אַ ריין אָבקומעניש, וואו דער רבי מיט דעם תלמיד

ליידען נעבעך ביידע גלייך: איינער שלאָגט אין קאָפּ אריין מיט געוואַלד, איז דערביי איינגעבראָכט, היצט זיך אַ שרעק, און דער אַנדערער, וואָס זאָל ער נעבעך טאָן, מאַכט זיך כלימר׳שט ווי אידם איז עם אין קאָפּ אריין, ציטערט, פלאַטערט — און ביידע ווינשען איינער פונ׳ם אַנדערן פּטור צו ווערען... ניין! דאָס איז געווען נאָר עפּיס ווי אַ שטיקעל צווישען צוויי פריינד, און וועלכען איין האַרץ פיהלט דאָס אַנדערע — אַ שמועס, וואָס מאַכט פערגעניגען אי דעם, וואָס רעדט, אי יענעם, וואָס הערט, ביידע פערשטעהען זיך זעהר גוט, און עס ווילט־זיך צוברייננגען אַזוי די צייט נאָך און נאָך.

שלמה׳לע איז מיט דער צייט אַלין געוואַקסען, געוואַקסען ווי אַ בלומעלע אונטער אַ גוטער השגחה, און וואַרענדיג אַלין וואָס ווייטער פערשטענדיגער, הערט ער נישט אויף פינדערסטוועגען צו בלייבען, נאָך זיינע יאָהרען נאָך, אַ קינד. שלמה׳לע אין חדר און שלמה׳לע אין דרויסען זענען עפּעס גאָר אַנדערע, פערשיידענע מענשען. לערנט ער איז געלערנט, ער איז מיט דעם גאַנצען קאָפּ אַריינגעטאָן אין לערנען. ער דענקט, טראַכט וויל גרינדליך איטליכע זאַך פערשטעהן; נאָר קוים ציגעמאַכט דעם ספר, איז ער ווי איבערגעביטען געוואָרען, ער לעבט, שטיפט — אַ יונגעל מיט די ביינער. איבערהויפּט האָט שלמה׳לעס כאַראַקטער פון קינדהייט אויף זיך געוויזען עפּעס ווי אַ צונויפגעשטעלטער פון פערשיידענע מינים, נישט פון איין שטיק מאַטעריע. עפּעס האָבען צוויי נשמות — אַ מלאך מיט אַ רוח, געשטעקט אין אידם ביידע אינאיינעם. ער איז געווען אי אַיינגעשפּאַרט, האַרט ווי אַ שטיין, אי ווייך ווי אַ טייג, לאָזענדיג זיך פיהרען אַ מאָל ביי דער נאָז; אי ביז, אי מילד, גוט ווי די וועלט; אי ביטער־גאַל, אי צוקער־זיס; אי ערנסט, אי אַ קאָמאַזשעסטרייבער; אי אימענטיג־פערטראַכט, אי ליכטיג פרעהליך. שלמה׳לע איז בטבע געווען אַ היים־בלייבער, אַנצינדענדיג זיך ווי אַ שוועבעלע, ווי באַלד נאָר עפּעס האָט אידם געטאָן אַ רירל. די פייערדיגע רעד פון די נביאים, די דערצעהלונגען וועגען איבער גאָט, איבער די וועלט, האָבען אויפגעוועקט זיין פּחד־הדמיון און אידם געגעבען גענוג שטאָף צו דענקען, צו טראַכטען. — „איך האָב געזעהן גאָט, זאָגט ישעיה הנביא, ווי ער זיצט אויף זיין הויכען שטול, די פּאָלעס צעשפּרייט, פערנעהמען דעם הייליגען פּאַלאַץ. שרפים — ברענענדיגע מלאכים, שטעהען איבער אידם, איטליכער מיט זעקס פליגעל... און עס רופט איינער צום אַנדערן און

זאָגט: קדיש, קדיש, קדוש — הייליג, הייליג, הייליג איז דער גאָט צבאות, פול איז די וועלט מיט זיין כבוד! און עס זינגט זיך, עס ציטערען די ווילען] דאָרט פונ'ם שרייענדיגען קול, און דאָס הייז ווערט פול מיט רויך. אוי, זאָג איך, וועה איז מיר, איך בין פאַרבײ! איך בין דאָך א מענש מיט איין אומריין מויל און צווישען אַ פאָלק מיט אַ בייז אומריין מויל געפין איך מיר". שלמה'לען זיינען די דאָזיגע ווערטער שטאַרק אין קאָפּ אַריין. ער הייבט אָן צו טראַכטען איבער גאָט, זיך פאָרצושטעלען מלאכים מיט פליגעל, און וויל אַלין וויסען וועהר פיעל אַזוינס, וואָס פיקט איהם דעם מוח, פאָדערט א דערקלערונג. פרעגען דעם רבי'ן — דערצו האָט ער נישט תמיד גענוג מוט געהאַט. איינמאָל האָט ער זיך געפּרובט מאַכען מיט איהם אַ רעד. רויט־ווערענדיג דערבײ פלאַמ־פייער, נאָר דער רבי האָט אויסגעהערט מיט אַ שמייכעלע, שווייגענדיג אַ קרים זיך געטאָן, ווי איינער רעדט: עט!... אויף זיינע שאלות בײ אַנדערע, עלטערע מיט בערד, פלעגט ער בעקומען תמיד איין ענטפער: שאַ, שקאָץ! אַ יונגעלע טאָר נישט פרעגען. אַ יונגעלע בעדאַרף ניר פאָלגען, טאָן וואָס גאָט הייסט — לערנען, דאַוונען, אַז נישט, וועט דער אויבערשטער שטראָפען, שמייסען דאָרט מיט אײַזערנע ריטער — און פאַר אַ רוט האָט שלמה'לע געציטערט, נישט אַזוי פאַר דעם וועהטאָג, ווייל אַז מען שמייסט, מוז'וועה, ווי פאַר דער שאַנדע — פע, ס'איז אַ חרפה!...

שלמה'לען איז פאָרגעקומען גאָט עפּעס נור ווי אַ בייזער פריץ מיט אַ קאַנטשיק אין דער האַנד, פאַר אַ מינדעסטע קלייניגקייט ווערט ער אָנגעצונדען, איש להבה — שמייסט! ביי אַ מינדסט עבירה'לע: איבערהיפּערן אַ שטריגער אין דאַווענען עפּעס אַ וואָרט, נישט ענטפערן אמן, אַ טרונק וואַסער טאָן אַ מאָל אָהן אַ „שהכל", האָט ער געחאַפּט אַ ציטער און געטראַכט: „אוי, וועה איז מיר, אוך בין פאַרבײ.

אין ווער שמייעבט ימים־נוראים, וואָס, כפי יודען זאָגען, אפילו אַ פיש אין וואַסער ציטערט דענסטמאָלט — איז שלמה'לע געווען אין איין שרעק. דער גאַנצער ענין פונ'ם איפּשטעהן צו סליחות, דאָס האָפּעניש, ליופעניש אין שול, אויפ'ן פעלד, דאָס יאָמערן־וויינען, דאָס טרויערדיגע ניגון'דיל ביי'ם דאַווענען, דאָס איבערטיגע פּנים'ל פון דער מאַמע און פונ'ם גאַנצען הויזגעזינד, גלייך ווי עס הענגט איבער ווי די רוט און מען קען זיי, מחולה, מקיים־פּסק זיין — אָט דאָס אַלעדינג האָט אויף איהם אָנגעמאַכט אַ שרעקליכע פינסטערע מרה־שחורה, ס'איז איהם נישט ניחא געווען דער גאַנצער יום־טוב, די פיש מיט דעם ציטערן, עס האָט איהם

זיך ניר גערופט, ווי ער, דער איבערישטער, זיצט אויף דעם הויכען שטול, די פאַלעס איבער דעם מקום קדוש, ברענענדיגע מלאכים אַרום איהם, פליהען ברענגען ספרים, שרייבען, רעכנען איטליכענס עבירות מיט אַ רעש, אַ געפילדער, און עס וויגט זיך די וועלט, עס ציטערן די טויערן פונ'ם הימעל פון זייער געשריי — און ער טראַכט: „אוי, וועה איז מיר, איך בין פאַרביי!"...

נאָר אַזוי ווי אין דער וועלט איז שוין געשטעלט, אַז עס נישטאָ אין איהר אינגאַנצען גוט'ס, אָהן עפּעס שלעכטס, און ריין שלעכט, וואָס דרינען זאָל נישט שטעקען עפּעס גוטס, איז דעריבער אויך מיט די ימים־נוראים געקניפּט און געבונדען געוועזען זאַכען אַזעלכע, וואָס האָבען געלינדערט אַביסעל דעם שרעק, צוגעגעבען אַ ויסקיים דער ביטערע מרה־שחורה. די וויכטיגסטע פון יענע אַלע זאַכען זיינען עס די „ישיבניקעס", די אַרענדאַרעס פון די דערפער, וואָס פלעגען אויף די היילינגע טעג קומען מיט זייער הויזגעזינד אין שטאָדט אַריין. דאָס אָנקומען זייערס האָט אויפגעריהרט דאָס שטעדטעל, אָנגעמונטערט, אָנגעפרישט אַביסעל דעם עולם, און עס האָט געהאַט עפּיס אַ מין בעזונדער טעם — כצפיחית בדבש, האָניג מיט פעפער און ציבעלעס אינאיינעם.

די היסטאָריע פאָדערט, אַז די זאַך זאָל דאָ אַביסעל מעהר דערקלערט ווערען, זיסט, וועט אפשר אין איהר פעהלען זעהר אַ וויכטיגע בלעטעל, און פאַר די שפּעטערדיגע דורות — אוי! ווער ווייסט? — קען די זאַך בלייבען נישט פערשטענדליך.

5.

פונ׳ם חודש תשרי הייבט זיך אָן אַ צעטעל ימים־טובים: די ביידע ערשטע טעג פונ׳ם חודש איז ראש־השנה, דער צעהנטער טאָג — יום־כפור, זיי הייסען ימים־נוראים, שרעקליכע טעג, און אינאיינעם מיט די טעג, וואָס צווישען זיי, הייסען זיי אויך עשרת־ימי־תשובה — צעהן טעג צייט, חרטה צו האָבען אויף די זינד: וויינען, בעטען און אויסבעטען אַ גוט יאָהר. דענסטמאָל איז אויפ׳ן הימעל אַ יריד, עס קאָכט זיך דאָרט אַ שרעק.

„ונתנה תוקף קדושת היום, און דערצעהלען וועלען מיר — אַזוי טוט זיך דער מחזור דאָרט אַ זאָג — די שטאַרקע הייליגקייט פונ׳ם טאָג. דען שרעקליך פאָרכטיג איז ער צוגלייך, אין איהם שטייגט הויך דיין קעניגרייך. אויף גנאָד איז, גאָט, דיין שטול געשטעלט, דו זיצט מיט אמת אויף איהם צו ריכטען די וועלט. יאַ, אמת! דו ביזט דער ריבטער און פערקלאָגער, דו ווייסט און ביזט דער עדות־זאָגער. דו שרייבסט און חתמ׳סט, צעהלסט און רעכענסט אַלץ מיט צאָהל, געדענקסט פערגעסענע זאַכען, וואָס העט אַמאָל. דו עפענסט אויף דאָס קאָנטעבוך, עס לייענט דרויס אַליין זיך איטליכס וואָרט, פון יעדען מענשען אייגענהענדיג שטעהט די התימה זיינע דאָרט. מיט׳ן גרויסען שיפר טוט מען דאָרט אַ בלאָז, אָוואַ! אַ דינע שטימע לאָזט זיך הערען — שטיל, שאַ. מלאָכים יאָגען, אין איינע שרעק אַהער־הין און זאָגען: עס־איז אָט־אָ דער יום־הדין, אויף אָבצורעכענען זיך מיט׳ן גאַנצ׳ן גערימעל, אָ־דאָ אין הימעל! דען וויל אין דיינע אייגען ריין און פיין, איז ביי׳ם געריכט נישט מעגליך זיי צו זיין, און אַלע אויף דער וועלט ווי ברייט זי איז און לאַנג, געהען דיר פאַר־ביי, ווי שעפעלעך אַ גאַנג. ווי זיינע לעמער קוקט דער פעסטיך איבער גוט, ער לאָזט שאָף זיינע דורכגעהן אונטער׳ן רוט, אַזוי אָט נעהמסט דו אַלע ב׳שעפעניש אַפיר, דו רעכענסט, צעהלסט און לאָזט פאַסירען זיי

פאַר דיר. בעשטימסט פאַר יעדען זיינס פאַראויס, און גיבסט זיין פסק יעדען אַרוים, ראש־השנה ווערט אויף זיי דאָרט אָנגעשריבען, יום־כפור אָבגע'חתמ'ט אונטערשריבען. וויפיעל זאָלען אומקומען, וויפיעל זאָלען צוקומען, ווער זאָל לעבען און ווער שטאַרבען, ווער איסלעבען זיין צייט זאָל ביז צום עק, און ווער פון דאַנען פאַר דער צייט אַוועק. ווערמען אין פייער אַ טויט אַ'שווערען, ווער דורך אַ שווערד, ווער דורך אַ חיה זאָל דער'הרג'ט ווערען, ווערמען פאַר הונגער, ווערמען פאַר דאָרשט און טויט, ווערמען דורך שטורם און ווערמען דורך מגפה אַ טויט. ווערמען דער־שטיקעניש, אין האַלז אַ ביין, און ווערמען — אין קאָפּ אַ שטיין, ווער זאָל צו הויז זיך רוהיג בלייבען, און ווער אין דער פרעמד זיך אַרומצוטרייבען, ווער זאָל זיך לעבען שטיל, און ווער אין דולעניש פיעל, ווער אין פריידען, ווער אין ליידען, ווער אָנווערען, ווער רייך ווערען, ווער האַלטען זאָל אַראָב און ווער אַרויף דעם קאָפּ".

אין ווי דער יריד. דער רעש אויפ'ן הימעל, אַזוי רעש'ט זיך אויך דאָ אויף דער ערד. נאָך מיט אַ חודש פריהער טוט אין די שולען אַ בלאָז דער שופר און וואָהרענט: יודען, עס געהט דער יום־הדין! און יודען הייבען בעצייטענס אָן זיך אַרומקוקען, מאַכען אַ קלאָרען חשבון פון זייערע מעשים אַ גאַנץ יאָהר, און טוען אַלע מיטעל, ווי אַרויס ריין פונ'ם משפט, וואָס שטעהט זיי פאַר — זיי זאָגען סליחות, זוכען זיך גוטע אַדוואָקאַטען אין צדקה, אין אַלטע זכות אָבות, צו זיין מליצי יושר, פירשפרעכער אויף זיי פאַר זיין הייליגען כסא־הכבוד.

טאָן תשובה, בעטען, מיט צדקה שמירען —
דאָס העלפט אַ שלעכטען פסק צו קאַסירען.

די ארענדאַרעס פון דערפער אַרום און אַרום קומען מיט קינד און קייט, האַק און פאַק אין די שטעדט אַריין, אינאיינעם מיט כל־ישראל צושטעהן דאָרט פאַר גאָטס געריכט און אויסבעטען פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער וועלט מענשען, גאָר אָהן אַ שום חילוק, אַ גוט יאָהר, אַ דערלייזונג פון אַל־דאָס בייז.

דאָס שטעדטעל ק... איז גאָר נישט דאָס שטעדטעל, וואָס אַ גאַנץ יאָהר, וואו מען זעהט קיין פרישען מענשען נישט און וואו דאָס לעבען פליסט געוועהנטליך ווי אַ שטיל וואַסערל רוהיג, עפּיס ווי פערשלאָפען. אַ פּאָר טעג פאַר ימים־נוראים חאַפּט עס זיך אויף, עס ווימעלט פון נייע

פאַרשײַנען, וואָס קומען פונ'ם ישיבֿ, פּודרעלעך אָנגעשטעצט מיט ווייבער אין קינדער אויף נאַנצע בערג בעבעכעס, איבערבעטעכען, זעקלעך שפּײַז אין שמײַנען מיט עיפּית ציהען זיך איבער די גאַסען. בעלי־בתּים, יונגלעך, וויסטע חבֿרה, געהען אין לויפען אַקעגען, אויטליבער אַקעגען זײַן אַרענדאַר, וואָס שטעהט בײַ איהם יום־טובֿ אויף סמאַנציע. פון בײדע זײַטען שיטען זיך רייד הויך אויף אַלערלײ קולות — פון דאַגען שאלות: פאר וואָס אזוי שפּעט? פאַר וואָס אַזוי און פאַר וואָס אזוי? און פון דער אנדערער זײַט מעשׂיות, וואונדער און נסים גרייסע: עס האָט געלאָפּנעט אין וועג אַנ'אַקס, געפאַלען אַ פּערד, אָבגעריסען אַ בריק, אַ מעוברת ווייבעל האָט זיך פערוואַלט און מיטענדרינען געהן צו־קינד, זיך איבערגעקערט אַ וואָגען, מע בעדאַרף גומל בענטשען, קוים מיט דעם לעבען אַרויס... דאָרפס־הונט בײ'ם אָנקומען מיט זײערע בעלי־בתּים רייצען אויף די אַלע שטעדטעלדיגע הונט, עס ווערט צווישען זײ אַ געבילערײ, אַ געשלעגערײ, גלײך ווי זײ זײנען נישט ברידער פון דער הונטישער זרע, מיט אײן הונטיש מויל, אײנע הינטישע צייהן. אין באמת טאַקי איז דאָ צווישען זײ אַ גרויסער אונטערשייד. דער דאָרפס־הונט איז דאָס, ווי גאָט האָט איהם בעשאַפען, ווייסט ניט קײן פּאָליטיקע, חוץ דעם בעל־הבית און די שטוב קען ער נישט קיינעם, בילט אויף איטליכען אָרים און רײַך אַלע גלײַך. חאַפּט טאַקי אַ בײן, אַז יענער גיט, חאַפּט און בילט פּאָרט ווייטער טאַקי, בילט מיט זײַן אייגען קול, נישט פערשטעלט, ער איז פּראָסט אָהן אָנשטעלען. דער שטאָדט־הונט אַקעגען איז שוין עפּעס געמלאכה'ט, אויסגעפײנט, אַביסעל פאַלש און האָט מורא פאַר אַ שטעקען — בילט אויף אַנ'אָרימאַן, אויף אַזעלכען, וואָס קען זיך נישט װערען, פאַר אַ שטאַרקען האָט ער אָבשײ, פאַר אַ רײַכען, שען געקליידט — אַ שרעק! מיט אַ שטיקעל ברויט שוהד פערשטאָפּט מען איהם דאָס מויל, שאַ! גיט יענער פון דער אַנדערער זײַט, אַ ווילד פרעמדער גאָר, אַ גרעסער שטיקעל, ניט ער שיין איהם צוליב, פּאָלגט וואָס מען הייסט. ער שפּאַצירט זיך אָפּט אַרום, שמעקט וואו עפּיס אַ קערמעשיל, וואָס מען קען חאַפּען אַ לעק, מאַכט בעקאַנטשאַפטען, דרעהט מיט דעם ווײדעל, שטעהט אויף די לאַפּקעס און בילט אַמאָל עפּעס גאָר ניט מיט זײַן קול, גלאַט אַזוי זיך, מען זאָל נישט פערגעסען, אַז ס'איז דאָ אַ הונט... אַז ער האָט צייהן און קען, און אַ גויטפאַל, הינטען אַרום אַ בּיס טאָן אויך... אָט די דאָזיגע בײדע מיני הונט אָנקוקען קענען זײ זיך נישט אײנער דעם אַנדערען. די גאַנצע צײַט, וואָס זײ בײדע געפינען זיך אין דעם שטעדטעל

הערשט דאָרט אַ בילען, אַ האַווקען, אַ שרייען איף די ציין, עפּעס אַ „הינטישער וואָפּראָס", שטענדיגע קריעג און שטענדיגע געשלעג, דער קאָפּ אַזש ווערט דול! ווֹ אָ ר ט שׁ וֹ ן אַ שטיינער, אַ דאָרפס־הינט אָהן חכמות, ווייסט נישט מעהר ווי צו היטען די שטיב, ליגט זיך איינגעצויגען אין דרויסען פאַר דער טיר, קוקט בייז ווי אַ ריה מיט פערלאָפענע פון בלוט, האַלב צוגעמאַכטע אויגען, רייבט, קראַצט דעם בויך אין דער ערד, שטיל אונטערפּישטשענדיג פאַר גרויס הנאה, פלוצים רוקט זיך אונטער ק אַ ש ט אַ ן, אַ הייבער, אַ דאַרער, איינער פון די שענע בעלי־בתישע שטאָדט־הינט. ס׳איז איהם פון דערווייטענס אין דער נאָז אַריין אַ ריח פון יודישע פיש, אויף וועלכע ער איז אַ גרויסער בעלן, אויך אַ ריח פון געבראָטענס, וואָס קאָכט זיך לכבוד יום־טוב דאָרט אין שטיב, און ער לאָזט זיך, ווי געוועהנליך, צוקומען נאָהענט, שמעקען, נישטערן, תאמר וועט דאָס מזל איהם דיענען אַ האַפּ טאָן עפּיס. וואָרטשונען אָבער איז די זאַך נישט געפעלען — וואָס נעהסט־די, עזות־פּנים, אין מיין גביל אַריין? און וואָס איז עס גלאַט פאַר אַ מאָדע, הינט איינער, אַרומגעהן איבער די הייזער. אַריינשטעקען אַ מאָרדע, וואו מען בעדאַרף נישט?! ער גיט זיך אויף איהם פון הינטען פלוצים אַ וואָרף. מיט אַ ביס און רייסט איהם אויס אַ זשמענע האָר. קאַשטאַן ווערד אַזש פערטאַפּעלט, פערלענט, מחילה, דעם ווידעל, האַפּט די פיס איף די פּליצעס — און אַוועק־אַוועק מיט אַ קוויטש... דאָס איגענע איז אויך מיט פ י ל ק ע ן, אַ שוואַרץ הינטעל מיט אַיין אויסגעקרימטען רוקען און הינקענדיג פיסעל, וואָס לעבט פון קצבה — פון יודישע פאַמיניצעס. ער לאָזט זיך, ווי דער שטיינער זייגער איז, צו אַ יודענס שטיב, וואָס זאָל ער דאָ איבערטראַכטען? פלוצים טוט איהם אַ חאַפּ טרעזאָר, אַ געזינטער, אַ קודלאַטער דאָרפס־הונט, און ברעכט איהם אַ ביין, אַזוי אַז ער פערגעדט זיך געבעך פאַר וועהטאָג, לויפט שפּרינגענדיג, דאָס הינקענדיג פיסעל אין דער לופטען. דאָס געזעסעל אין דער זייט איינגעקרימט אין היילט, רויעט אויף אַ גרילצענדיג קול. אַזאַ פסק האַפּען אויך נאָך אַנדערע שטאָדט־הינט. ס׳איז זיי פערשטערט דאָס לעבען — נישטאָ קיין צוטריט צו אַ יודישע שטיב! דערפאַר אָבער דערטאַפּען זיי אַ דאָרפס־הינט ביי זיך, ערגיץ אויף דער גאַס, מעג ער שוין זיך געזעגענען מיט דעם לעבען. זיי וואַרפען זיך איף איהם פון אַלע זייטען, שאַרפען די ציין, ציפען און רייסען. עס ווערד אַ געקוויטשעריי, נישט אויסצוהאַלטען. קונדסים מישען זיך אויך אַריין, הידען אונטער, וואַרפען שטיינער, מאַכען שטעהען אין

די מהירען, יותען, שרייען און שעלטען. יורען אויף דער גאַס תאַפּען אַ ציטער, ראַטעווען זיך און לויפען גאָר און איין אָטעם, האַלטענדיג זיך ביי די פּאָלעס.

הכלל עס רעש'ט זיך, עס קאָכט זיך, דאָס שטעדטעל איז אויף, ס'איז, ווי מען זאָגט, ליהודים! דאָס לעבען אין דעם שטעדטעל געהט שוין שטאַרקער, עס זעהט אויס, ווי אַ שטעהענדיג טייכעל. וואָס וועסנער־צייט צוגיסט זיך עס, פּלייצט גיך, האַסטיג מיט אַ גערויש.

און בשעת דעם גערויש ווייזט זיך פון דערווייטענס אַ לאַנגער וואָגען פיל אָנגעזעצט מיט חנא מליניצערס הויזגעזינד. די אַלטע שקאַפּע, וואָס האָט אַ ביסעל זיך צוגעשטעלט אויפ'ן וועג, טוט זיך אַצונד אָן אַ כח, אַריינפאָהרען אויף דעם מאַרק קוממיות, האָפּערליך, מיט דער פּאָמפּע. און לכבוד דעם שטעדטעל ולכבוד די פאַרשוינען, המסיבין בבאן אויפ'ן וואָגען, פערדרייסט זי דעם ווידעל, שטעלט אויף די אויערען, הייבט פיסלעך און העצקעט זיך לעבעדיג־פרעהליך מיט אַ טאַראַראַם, אַ געקלאַפּעריי פון די רעדער. צוציק לאָזט זיך פּאָראַויס מיט דער בשורה — אַז מען פּאָהרט! היטענדיג זיך, פון דעסטוועגען, די ביינער ביי אַ בעגעגעניש מיט זיין גלייכען, און הינטישע מיילער נישט אַריינצופאַלען. יענע איהם אַ שמעק — שלום עליכם, און ער יענע אַ שמעק — עליכם שלום! מאַכט ער אָב בקיצור, אַ שמעק נאָר פון יוצא וועגען, דרעהט זיך באַלד מאַקי אויס און לויפט ווייטער, די „זקנה" נאָך איהם, האָץ־האָץ ביי ר' חיים'ס שטיב, וואָס פון אַ היבשע צייט יאָהרען שטעהט דאָרט אַיין חנא פון דער מיהל מיט וויב און קינדער — אַ גרויס פּעקעל, אָהן עין־הרע!

פאַר שלמה'לען שטעלט זיך דערנסטמאָל אַ וועלט מיט נייע עסקים. ס'איז דאָ ברוך־השם וואָס צו טון, אויף וואָס צו קוקען, וואָס צו בעטראַכטען. לאָז זיך שוין גאָט אָנשרייבען דאָרט. וואָס ער וויל, דערווייל אָבער אַז מען לעבט, בעדאַרף מען לעבען.

קודם־כל חאַפּט שלמה'לע זיך אַרויף, באַלד מאַקי נאָך חנא'ס אָנקומען אויף דעם וואָגען, עטליכע קינדסים אַריין מיט איהם, אַ פּאָר שטעהען, אָנהאַלטענדיג זיך פון הינטען, צווישען די רעדער — און היידאַ! מען ציהט ביי די לייצען, מען שמייסט, מען מאַכט מיט די ליפּען, שרייעט אין איין קול: „וויאָ־וויאָ! און מען טוט אַ פאָהר אַ ביסעל פאַרביי

דער שטוב. דערנאָך נעהמט מען צום סמיק ציציק'ן, מען טוט מיט איהם אַ רעד עפּעס אויף אַיין אַנדער מין לשון, אַריינלאָזענדיג זיך מיט איהם אין די הייכע הרכים, פערהערענדיג איהם. וואָס ער קען, פריהער פון דערווייטענס, מיט אָבשיי, אונטערוואַרפענדיג איהם שטיקלעך ברויט, שפּעטער אַלין נעהנטער ביז מען פערלירט דעם דרך־ארץ, און עס ענדיגט זיך, ווי דער שטייגער איז, מיט אַ שטיין און מיט אַ קוויטש...

שלמה'לע אינטערעסירט זיך אויך שטאַרק מיט די נייע טוני דאָרפס־פאַרשיינען, אַלצדינג אין זיי קומט איהם אויס עפּעס משונה. בײדלעך אין נייע גראָבע שיך און זאָקען, אין נייע סיטצענע קלײדעלעך פון אַ מיתה־משונה־קאָליר, מיט גרויסע רויטע קווײטען, גלאָצען אויס גרויסע קעלבערנע אויגען, אַ פינגערל אין דעם מויל — און קוקען. יונגלעך אין האַלאַטלעך, אין נייע קנאַקענדיגע לייבסערדאַקלעך און לייווענדענע פלידערלעך, בלאָזען זיך, שעמען זיך, קאַלופען די נאָז — און שיסען פליצים אויס, אין קילאַק, אַ געלעכטער, ווישענדיג בשעת מעשה טאַקי מיט דעם אַרבעל, מיט דער פאָלע די נאָז, מחילה. הײנט דאָס רעדען זייערס, דאָס עסען, איז אויך עפּעס אומנעלומפּערט — דאַכט זיך געריערט, און ס'איז עפּעס גאָר געבעבעט, דאַכט זיך, גענעסען, און ס'איז עפּים גאָר געפּרעסען. אַ קייען אַ ביסעל, מישטעהנס־געזאָגט, אַ מאַכען מיט די באַקען, אַ זופּען מיט אַ הילך! דאָס אייגענע פּנים, דאַכט זיך, דאָס אייגענע פלייש, און פאָרט עפּעס נישט אַזוי ווי ביי שטאָדטליט — עס שמעקט עפּעס מיט דאָרף. די ווילדע גאַנז, אַ שטייגער, איז דאָס אייגענע טאַקי וואָס די היימישע, און פלייש, און דאָך עפּעס אַנדערש — אַנ'אַנדער טעם, אַנ'אַנדער קאָליר. חנאָ אַליין איז איינענטליך געווען נישט קיין גראָבער מענש, נאָר צווישען איהם און ר' חיים'ן איז גאָר קיין פערגלייך. דער חילוק צווישען זיי ביידע האָט שלמה'לען גענוואָרפען זיך אין די אויגען — חנאָ אַקעגען דעם טאַטען האָט גאָר עפּעס קיין פּנים נישט! ס'איז אייך אַ גרויסער חילוק צווישען טייבע־סאָסיען, חנאָ'ס ווייב, און דער מאַמע זיינער. טייבע־סאָסיע איז אַ ברייטביינערדיגע, אַ יאָרדעריגע; איהרע הענד, איהר פּנים זיינען עפּים מגושם: פערברענט, פערבראָטען פון דער זון. געהט זי — איז געגאַנגען, מען פיהלט, אַז זי שטעלט אַ פוס, רעדט זי — איז געריערט מיט לעפּצען, אויף דער געמבע. זי איז גוט, נאָר אָבער פּראָסט. זי איז פרום, וויינט ביי ליכטבענשען, חליפעט ווי באַלד זי דערהערט פון דער פירזאָגערין אַ קול, האָטש זי פערשטעהט נית קיין וואָרט. אַקעגען־זשע שרה, די מאַמע זיינע,

איז אנ׳אידעלע, א שוואכע. האט קליינע, ווייסע הענד מיט רונע בלוויע עדערלעך, א פערפרומט בלייך פנים מיט רונע ליפען — אינגאנצען עפעס א רוחניות, און אז זי גערט, ראכט זיך, זי שוועבט. זי איז א וואוילקענע-רינע, קען אלע תחינות פון ארץ־ישראל, ווייסט אויך דעם „מעין־טהור״, אלע דינים פון „חנ״ה״, וואס געהערען זיך אן מיט איין אשה, לייענט דעם „צאינה־וראינה״, דעם „מנורת־המאור״ און נאך אזעלכע ספרים. ווייט ווייבער אין שול צו דאווגען, וואס צו זאגען, ווען צו שפרינגען קרוש, לייענט זיי אויך פאר, און האט מיט זיך דארט, אין דער ווייבער-שער שיל, אליטענע אדער טראפענס אנינע, אייפצימינטערן אי זיך אי אנדערע בשעת דעם חלש׳ן...

אין באמת טאקי, אז שרה פלעגט לייענען, האט מען געקענט טאקי חלש׳ן. איהר לייענען איז געווען פיל מיט געפיהל, איהר נגון׳דיל דערבייא האט געריהרט, געצופט ביי דער נשמה, א שטיין אפילו וואלט פון איהרע טרערען אייך צוגאסען געווארען. ס׳איז כדאי אויף א ציקא-ווייכט צו שטעלען דא חאטש אביסעל פון דער תחינה ערב יום־כפור, ביי די וועקסענע ליכט מאכען.

שרה לעגט קנייטלעך. ווייבער, שכנות מיט געבראכענע הערצער שטעהען ארום איהר. זי לייענט און לייענט זיי דערבייא פיר מיט א ריהרענ-דער שטימע טיעף פונ׳ם הארצען:

„רבוני של עולם, דערבארמדיגער גאט! די ליכט וואס מיר וועלען מאכען אין שול אריין פאר דיין הייליגען נאמען וועגען אין פאר די הייליגע ריינע נשמות, זאלען דערוועקען די הייליגע אבות ואמהות, זיי זאלען איום ווייערע קברים פאר אונז בעטען, אז קיין בייז, קיין צרות, קיין לייד זאלען אויף אונז נישט קומען, און אונזער ליכט און אונזער מאנענס ליכט און קינדערס ליכט זאלען נישט אויסגעלאשען ווערען פאר דער צייט, חס ושלום... ווי איך וועל לעגען דעם פארעם פון די קנייטלעך פאר אונזער פאטער אייהם, וואס דו האסט איהם מציל געווען פון דעם פייער אין קאלכאויווען, אזוי זאלסט־דו אונז רייניגען פון זינד, אונזער נשמה זאל קומען ריין פון שולד צו דיר, ווי זי איז גע-קומען ריין אין אונזער גוף אריין. — אין דעם זכות, וואס איך לעג דעם פאדעם פאר אונזער מוטער שרה, זאל גאט ברוך־הוא אונז געדענקען דעם זכות פון איהר צער, אז מען האט איהר ליבען זוהן יצחק געפיהרט

צו דער עקדה. לאָז זי אַ גוטע מליצה זיין, אַז מען זאָל ניט תּאָפּען ביי אונז אונזערע קינדערלעך, זיי זאָלען פון אונז נישט אַוועקגענומען ווערען און נישט פערוואָרפען ווערען ווייט פון אונז ווי די בלינדע שעפּעלעך. — און דעם זכות, וואָס מיר לעגען דעם פאָרעם פאַר אונזער פאָטער יצחק זאָלסט דו זיך איבער אונז דערבאַרמען, אַז מיר זאָלען קענען מגדל זיין אונזערע קינדער, זיי קענען האַלטען ביי אַ רבּי'ן, עס זאָלען, ווי דאָס ליכט, אונזערע קינדערס אויגען ליכטען אין לערנען, אין דער ליעבער תּורה... פאַר דעם פאָרעם, וואָס מיר לעגען פאַר אונזער פאָטער יעקב, וועלכען דו האָסט געהאָלפען פון די שונאים, ביי'געשטאַנען איהם און זיינע נויטען, אַזוי זאָלסט־דו אונז העלפען פון כל המשחיתים והמקטרגים, זיי זאָלען נישט קענען אָנרעדען אויף אונז שלעכטס, אויסטראַכטען בלבולים, צו פערשוואַרצען אונזער נאָמען... מיר זאָלען אין דעם יום־הדין האָבען אַ גוטען משפט מיט אונזערע מאַנען און קינדער, מיר זאָלען חלילה נישט זיין קיין אַלמנות און אונזערע קינדער קיין יתומים... בזכות שלמה וואָס האָט געבויעט דאָס בית־המקדש און תּפילה געטאָן, ווען אפילו נישט קיין יוד, אַ פרעמדער גאָר פון איין אַנדער אומה, אַז ער וועט קומען אין בית־המקדש אריין און דיך בעטען, זאָל זיין געבעט איינגענומען ווערען — און דעם זכות, רבונו של עולם, זאָל נישט פערשלאָסען ווערען דער טויער פון'ם הימעל פאַר מיין געבעט און לאָמיר געדאַכט ווערען מיט מיין מאַן און מיט מיינע קינדער און מיט אַלע לייט צום גוטען אין דעם נייעם יאָהר. אָמן!"

לאָז נאָכדעם לאַכען, ווער עס קען, לאָז ער זאָגען, אייב עס לעגט זיך איהם דאָס מויל, אַז דאָס איז נאַרישע זאַכען — אַהער ליכט, אַהער אַ סך אַזעלכע ריינע נשמות־ליכט! אַ סך אַהער אַזעלכע ברענענדיגע געפיהלען, ריינע הערצליכע ווערטער, הייסע טרערען, געבעטן און ליעבשאַפט צו תּורה און חכמה, ליעבשאַפט צו מענטשען, צו אַ גאַנצער וועלט מענשען! און דאָס אַלצדינג ביי וועמען איז עס? ביי יודענעס, ביי פּראָסטע יודענעס, וואָס אָנקוקענדיג זיי פון דרויסען, דאַכט זיך, זיי זיינען גאָר נישט; וואָס אָנקוקענדיג זיי פון מאַרק, דאַכט זיך, זיי זיינען משונה פערגרעבט... הלואי אַ סך אַזעלכע ווייבער מיט אַזעלכע געפיהלען און אַזעלכע ווערטער!

דאָס מעגען הערען יענע, יענע... און וויסען וואָס אַזוינס אַ יודיש האַרץ בעטייט, מעגען הערען און — שמייכלען!

6.

אַ פּאָר יאָהר איז דרינען זינט שלמה׳לע האָט אָנגעהויבען לערנען תנ״ך, אײנגאַנצען איז ער נאָך אַ קינד, און וואָס פאַרט, רבונו של עולם, האָט ער שוין נישט איבערגעלעבט, וואו איז ער אין דער דאָזיגער צייט שוין נישט אײַנגעווען? טאַקי גאָר עפּעס ווי אַיין אַלטער, וואָס וואָלט אָהערגעלעבט מתושלח׳ס יאָהרען! — ער איז געווען אין ארם־נהרים, אין כנען, אין מצרים, אין פרס ומדי און שושן הבירה דאָרט, אין נאָך אין מדינות, פון הודו ביז כוש, אויך אין דער וויסטעניש, אין מדבריות און אַנגעזעהן זיך, אָנגעהערט זיך דאָרט זעהר פיעל וואונדערליכע זאַכען. לאָז מען פון דעסטווייגען קיין טעות נים האָבען, נישט מיינען, אַז עס האָט זיך געמאַכט עפּעס אַיין אומגליק, און ר׳ חיים האָט געמוזט עוקר זיין, זיך אַרומוואָגלען מיט זיין הויזגעזינד נעבעך, אָדער אַ שרפה, אַ מגפה, אַ ביזע מהומה, נישט דאָ געדאַכט, איז אָנגעשיקט געוואָרען אויף דעם שטעדטעל, און די אײַנוואוינער זיינען זיך צעלאָפען, האָבען, ווי דער שטייגער פון יודען איז אין גלות, זיך צעשלעפּט אהער, אַהין, איבער דער גאַנצער וועלט. חלילה, קיין צער קיין בייז! דאָס שטעדטעל איז ווי פריהער אַ שטעדטעל, די אײַנוואוינער ווי פריהער אײַנוואוינער, ר׳ חיים איז ר׳ חיים, אַלצדינג ווי פריהער, איטליכער, ברוך־השם, אויף זיין אָרט און שלמה׳לע האָט פונ׳ם שטעדטעל קיין פיס אפילו נים אַרויסגעשטעלט. — וואָס־זשע רעדן? דאָס איז אַזוינס, וואָס פאַר אַלע אַנדערע פעלקער איז עס אַ סוד, גאָר נים צום פערשטעהן, נאָר ביי יודען פערלויפט זיך עס זעהר אָפט. ביי יודישע קינדער גאָר געשעהט אַזוינס, אַז מען זאָל זיצען טאָג ווי נאַכט פערשפּאַרט אויף איין אָרט, נישט צו וויסען, וואָס דאָ ארום געהט פיר, וואָס מען ברויכט צו לערנען, צי כאָן, בכדי צו לעבען מיט לייטען גלייך; מען זאָל אויסגעטאָן זיין פון אַלצדינג

דאָ, מבטל זיין אַלע זאַכען, וואָס זיינען נויטיג פשוט און לעבען אַריין און איבערטראָגען זיך איננאַנצען מיט די ביינער און אַלע געדאַנקען העט ווייט אין איין אַנדער עולם, אין אַנדערע צייטען; מען זאָל נישט זעהן פאַר זיך די וועלט, דאָס וואָס פאַר דער נאָז, און אָבגעבען זיך איננאַנצען נאָר מיט אזעלכעס, וואָס העט אַ מאָל, צו וועלכעס מען בעדאַרף נישט האָבען אַזוי די אויגען אין די אַנדערע מענשליכע גראָבע חושים ווי אַ שאַרפען כח הדמיון — אַ הויליע נאַקעטע נשמה אָהן לייב, אָהן לעבען!

שלמה׳לע נאָך אַ יונג קינד, אַ הינדעלע וואָס ליגט נאָך אין דער אוי, נישט צו וויסען דאָס אָרט, דאָס לאַנד, וואו ער איז, נישט דאָס פאָלק, די מענשען, צווישען וועלכע ער געפינט זיך; וואָס פרעגט איהם בחרם פון אַ לעבען דאָ צו זאָגען — ער, שלמה׳לע, בעקלאָגט זיך אין די געדאַנקען אַרום ערגעץ אין די ווייטע מקומות דאָרט! ער איז פערוואָגעלט אין מצרים, אין די לענדער פון סיחון, עוג מלך הבשן און נבוכדנצר מלך בבל, דער קאָפּ ליגט איהם אין דעם ים־סוף, אין דעם ים־המלח, אין דעם טייך פרת און דעם ירדן. פאַר איהם געפינען זיך מיני מענשען, מיט וועלכע מען בעדאַרף רעדען לשון־קודש, עפּעס גאָר תרגום, מען זיצט זיך ביי זיי אין געצעלטען, מען רייט אויף מויל־אייזלען און קעמלען, מען טרינקט פון אַ „לאָגעל", מען געהט באָרפוס און טראָגט נאָזבאַנדען, אַלצדינג ווי דער שטייגער איז. אינזער נאַטור דאָ, מיט איהרע מיני געוועקס, חיות און עופות געהער זיך מיט שלמה׳לען נישט אָן. וואָס מאַכט עס איהם אויס פעלדער מיט תבואה — קאָרען, רעטישקע, קאַרטאָפלעס, פון וואַנען ער עסט אַ „קרופּניק" מיט ברויט אַלע טאָג? וואָס חייסט ער אַ כאָסנע, בערעזענע און דעמבענע ביימער! ער ווייסט נאָר ביי זיך אין האַרצען: וויינגערטנער, טייטלען, פייגען, מילגרוימען און איילבערטען, פינסענהאָלץ און בוקסענביימער. פון לעבעדיגע מיני בעשעפעניש ווייסט ער: אַ חיזולטיר, אַ לינדענוואָרם און אַ פיפערנאַטער, אַ לעמפּערט, אַ אינד, וואָס מיט מאָן גלוסטען אויף קוואַלען וואַסער, אַ שור־הבר און אַ טורקעלטויב. הכלל, שלמה׳לע איז נאָר אַ געבוירטיגער דאָ און אַליין איז ער עפּעס ווי נישט קיין היגער, לעבט ערגיין דאָרט, דאָרט... זיין צייט איז פאַרצייטען און זיין וועלט איז אַ יענע, וואָס אַ מאָל, דאָ איז ער אַ גר און דאָרט — איין אַלטגעזעסענער; ער קומט אַ היים, נאָר אויף אַ ווילע, ווי אַ גאַסט אויף דער סטאַנציע, עסט־אָב, נעכטיגט איבער — און מאָרגען אַהין, ווייטער צוריק אַהין!...

זײן לעבען איז, ווי דאָס לעבען פון טויזענדער אַנדערע שלמה׳לעך, נאָר פון א זכר זיינען — אַזוי און אַזוי איז געווען דענסטמאָל, בימים ההם, אין יענע צייטען.

נאָר לעבען מיט דעם זכר אַליין דערפון, וואָס איז געווען; בלײַבען ביי אַ געשיכטע און דרעהען זיך, דרעהען זיך אויף איין אָרט, ווייטער נישט אויף קיין האָר — אַזעלכעס הייסט נישט געלעבט, נאָר געטרוימט. אונזערע עלטערן, וואָס זיינען געזעסען ביי די טייכען פון בבל אין דער קאָפּ איז זיי געלעגען גאָר ערגיץ אַנדערש, האָבען שפּעטער ערשט, בײַם צוריק־קעהרען זיך פון גלות, דערפיהלט אליין און אין שמחות דערצעהלט, לויט עס שטעהט אין דעם שיר־המעלות, אַז נישט געלעבט האָבען מיר, נאָר הייני כחולמים, מיר האָבען גע׳חלומ׳ט.

אין ווי באַלד אַזאַ לעבען, וואָס איז אַ חלום, וואָס־זשע איז פאַר אַ וואונדער, אייב אין איהם גרוימט זיך אַזוינס, וואָס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, אייב עס דרעהען זיך אַרום אין איהם רוחות, שלעק, און ס׳איז גאַנץ רעכט אייך בהמית מיט מענשליכע צורות, וכדומה נאָך אַזעלכע ווילדע בעשעפעניש!...

ווען נישט די ציצית, די מזוזה און קריאת־שמע, די דאָזיגע דריי גוטע שמירות, וואָס האָבען שלמה׳לען אַביסעל בערוהיגט, וואָלט ער חלילה יונג פון דער וועלט געגאַנגען פאַר גרויס מורא, וואָס ווילדע בעשעפעניש האָבען אויף איהם אָנגעמאַכט.

ס׳איז כדאי צו וויסען האָטשע נור אַ טייל חלומות פון שלמה׳לעס יוגענד, ווי אַזוי און דורך וועמען ס׳איז איהם ענטפּלעקט געוואָרען דער סוד פון רוחות, גלגולים און פיעל אַנדערע שרעקליכע זאַכען נאָך גאָר אין די קינדישע יאָהרען.

אין דעם שטעדטעל ק... פלעגט צייטענווייז זיך אַ וויז מאָן, ווי פּליצים פינ׳ם הימעל אַראָבגעפאַלען, אַ ייד מיט אַ ווילדער גרויער באָרד, איין אייג אַ בלינדעס, דאָס אייסזעהען זיינס שטאַרק־שמאַרק משונה און געקוקט האָט ער ביז פון אינטער די לאַנגע ברעמען, האַלטענדיג אַביסעל איינגעבייגען דעם קאָפּ. זיין אָנקומען האָט זיך געלאָזט הערען אין דעם גאַנצען שטעדטעל, אַלע אין איין קול: דער בעל־שם, רבי אליה בעל־

שם! יודען פלעגען ניט קענען זיך זאַט אָנדערציִהלען פון רבי אליה׳ס גרויסע וואונדער פון זיינע סגולות און קמיעות — דאָרט און דאָרט האָט ער אַרויסגעטריבען אַ גלגול, דענסטמאָל און דענסטמאָל האָט ער געהאָט צו טאָהן מיט „זיי", מיט די נישט־גוטע, וואָס האָבען פאַר איהם דאָס גיין־יעהריגע ציטערן פאַר זיין פיפס. דערביי איז דערקלערט געוואָרען דער טעם פון זיין בלינד אויג, אַזוי: אַז ער רופט צונויף די שדים וועגען עפּעס אַ זאַך, שיט ער אויס אַ זעקעלע מאָהן און הייסט זיי מיט אַ שפּרונג, ביז איין מאָנדעל צונויפקלייבען, וואָרים אָהן עפּעס אַן אַרבייט לאָזען זיי איין רגע שטעהן לעדיג, קענען זיי מזיק זיין. איינמאָל האָט ער זיך פערגעסען מאָהן אויסצושיטען, האָבען זיי איהם אַין אויג אויסגעדראַפּעט.

אָט דעם רבי אליה׳ן, איבער וועלכען עס האָט זיך אַרומגעטראָגען אַזעלכע שרעקליכע מעשיות, אַז שלמה׳לע האָט דערזעהן, איז איהם פאַר שרעק דער מאַמעס מילך ענטפאַלען. אמת טאַקי, ווי רבי אליה פאָרעט זיך מיט רוחות, דערביי איז ער נישט געזעהן, נאָר דאָס בלינדע אייגעל האָט איהם בעוויזען גאַנץ קלאָר, אַז די מעשה, אַ־פנים איז באַקע אַזוי — אלא נישט, פאַר וואָס־זשע איז ער בלינד?... שטעטער אַביסעל מיט דער צייט, איז איהם בעשערט געווען צו זעהן אַזוינס אַליין טאַקי, מיט זיינע אויגען,

ווינטער ביי נאַכט, אַרום ניין אַ זייגער, פלעגט געוועהנטליך שלמה׳לע און זיינע חברים געהן פונ׳ם חדר מיט פאַפירענע לאַמטערנעלעך אין די הענד, מיט געפילדער און געזאַנג, פייפענדיג און די קלאַקעס און צופּויקענדיג מיט די באַקען. קוים איז מען אויפ׳ן וועג צוגעקומען צו דער גרויסער קאַלטער שיל, וואו עס דאַווענען אַלע נאַכט מתים, לויט יודען מיט בערד זאָגען, האָט פלוצים עפּעס ווי אָבגענומען דאָס לשון. מען איז אין איין שרעק איבערגעלאָפען דאָס שטיקעל וועג פאַרביי איהר, האַלטענדיג זיך ביי די ציצית און טרייענדיג, ביי זיך אין האַרצען, שמע־ישראל! דערנאָך, אַז גאָט האָט געהאָלפען, מען איז פון דער סכנה אַרויס, האָבען יודישע קינדער, ווי דער שטייגער איז, זיך געשטאַרקט, געעפענט אַ מויל און געזונגען שירה האָפערדיג בעהאַרצט.

איינמאָל, אין אַ שטאַרק קאַלטער ווינטער־נאַכט, אַז שלמה׳לע איז בעהאַרצט, ווי געוועהנטליך, אַריינגעלאָפען אין שטוב, האָט מען איהם באַלד אָבגעשטעלט מיט אַ ביז־אומעטיגער מינע, אין דער „גוט׳ן אָוונט!"

איז איהם געבליבען שטעהן ווי אַ ביין אין האַלז. ער וויל אַרויס מיט
עפּעס אַ וואָרט, נאָר מען ווייזט איהם ווינקענדיג מיט אַ פינגער איפּ׳ן
מויל — שאַ! ער זעהט, ס׳איז עפּעס נישט גלאַט. אין שטוב איז טונקעל,
די מאַמע איז נישטאָ, פון די מאַנסבילען אויך קיינער נישטאָ, די קינ=
דער זיצען צושטערט, איטליכער פאַר זיך אין אַ ווינקעלע. וואָס זאָל ער
נעבעך טאָן? ער גערט, פון קיינעם נישט בעמערקט, אויף די שפּיץ=
פינגער און קלעטערט אַרויף שטיל ווי אַ קעצעלע איפּ׳ן אויווען, האָטש
צו דערוואַרעמען אַביסעל די נשמה פאַר קעלט. פונ׳ם אַלקירעל אויף יע=
נער זייט אויווען — אַ ההר׳ל פאַר אַ פּאָר־פּאָלק, פאַר דעם עלטערן ברו=
דער מיט דעם ווייב — טוט איהם עפּעס שטאַרק אַ שיין, ער ציהעט לי=
גענדיג זיך אויס מיט דעם קאָפּ אַהין, גיט בגנבה אַ בליק און בלייבט
פערגאַפט, נישט קענענ אַ ריהר זיך צו טאָן מיט איין אבר. דאָס ווייבער=
שע בעט דאָרט איז פערהאַנגען, זעהט ער, מיט אַ פאָרהאַנג, אָנגעזעצט
פון אויבען ביז אַראָב מיט ברייטלעך שפּילקעס, וואָס פונקלען אַקעגען
דער שיין פון אַוואָניש ליכט, (אַ גראָב־חלב׳דיג ליכט מיט אַ באַווילענעם
קנייטעל), די באַנק, וואָס געבען דער רובע דאָרט, איז אָבגערוקט און
אויף איהר אָרט איז אויסגעגראָבען אין דער ערד אַ גריבעל. איינער
עפּעס פון אַ ווילד איסזעהן האַלט אַ שוואַרצען האָהן, רויבערט קרייטיבער
אַזוינע און מאַכט משוגע׳נע העוויות. טוט אַ זעץ דעם האָהן אין קעפּעל און
לאָזט אַרויס אויף משונה קולות עפּעס נישט קיין מענשליכע ווערטער:
„איה־ביה סטיטיה, אַגרפּטי, מרום, שמריאל“, ער דרעהט מיט די אוי=
גען, בלאָזט, שעפּטשעט: „מצפּין, מצפּין, מצפּין, מצפּין, מצפּין, מצפּין,
מצפּין, מצפּין, מצפּין“, אַ טופּ געבענדיג מיט די פיס, אַ מאַך מיט די
הענד, ווי ער ראַנגעלט זיך מיט עמיצען, און ביי איטליכעם „מצפּין“
דערלאַנגט ער אַ דרעה, אַ זעץ דעם האָהן אין קעפּעל אַזוי, אַז ער פער=
געהט זיך נעבעך האָרחלענדיג. פון אונטער דעם פאָרהאַנג הערט זיך
אויך אַ שרייען, אַ קרעכצען, וואָס רייסט אויס אַ שטיק האַרץ. דער ווייל=
דער פאַרשוין צושאָקעלט זיך שטאַרק בייז, ציהעט אַיין דעם אָטעם אין
זיך, קוועטשט זיך און לאָזט אַרויס ווי פונ׳ם בויך עפּעס משונה׳דיגע
ווערטער: „תלמבא חישא ובסיסביק פסלמניא“, חאַפּט דעם האָהן ביים
גאָרגעל, דרעהט מיט איהם ווי צו כפּרות, טוט איהם אַ וואָרף אין גרי=
בעל... פערשיט און — דאָס ביינקעל שטעהט באַלד טאַקי ווידער אויף
זיין אָרט... פון אונטער׳ן פאָרהאַנג געהט אַרויס א ביטער געשריי, צו=
גלייך טאַקע אַ קוויטשעלע אַ געוויין — מזל טוב! זאָגט עפּעס אַ יודענע און

די מאַמע, צונעמענדיג אַביסעל דעם פאָרהאַנג און אַרויסשטעקענדיג די קעפ, — אַ יונגעל, הלואי, אויף לאַנגע יאָהר!

— מזל טוב! — מאַכט יענער פאַרשוין, סאָפּענדיג ווי אַ גאַנז — איך האָב געהאַט היינט מיט „זיי״ אַ גוט שטיקעל אַרבייט. פון היינט אָן וועלען שוין ביי דער קינפּעטאָרין די קינדער זיך האַלטען און קיין „בענע־מעניש״ ועט זיך, גאַנץ זיכער, מעהר נישט טרעפען.

דעם פירוש פונ׳ם דאָזיגען ענין און פון „בענעמעניש״, איז שלמה׳לע אין עטליכע טעג אַרום געוואָהר געוואָרען דורך „גרויסע״, וואָס האָבען וועגען דעם צווישען זיך געפיהרט אַ ברייטען שמועס און דערביי גאַנץ ערנסט מיט אויסגעצויגענע פנים׳ער דערצעהלט אַ געשריבענע מעשה, וואָס די האָר שטלעען זיך קאַפּויר זי הערענדיג.

„אין דעם קליין שטעדטעל גאַלינג, נישט וויים פון העלעם, איז געוועזען איינער מיט דעם נאָמען ר׳ גבריאל. אַז דאָס ווייב זיינס איז גע־לעגען געוואָרען למזל מיט אַ יונגעל, האָט ער געשיקט בעטען דעם העל־מער רב, רבי אליה בעל שם, ער זאָל קומען מיט זיין כבוד מל זיין דאָס קינד. די מעשה איז געשעהן אין חודש סיון, דאָנערשטאָג. רבי אליה איז אין דעם טאָג טאַקי אָוונד־צייט געקומען נאָהענט צום שטעדטעל, האָט ער דערזעהן מכשפים און מכשפות מעהר פון הונדערט טויזענד. איטליכען פונ׳ם מויל געהט אַרויס אַ פלאַם פייער, אַרום זיי ברענט אויך אַ פייער, און זיי אַלע שפּילען זיך אָט מיט דעם דאָזיגען קינד מאַקע וואָס איז געבוירען געוואָרען. אַז דער רב האָט אַ קוק געטאָן, ע־הע, אַזוי איז די מעשה! טוט ער אַ זאָג דעם משרת זיינעם: גיכער גיב מיר אַהער וואַסער פון מיין פלעשעל! פאַר׳ן וואַשען די הענד האָט ער געזאָגט אַ שפּרוך מיט דעם שם אין געגומען זיבען מעסערס, זיבען ברעטלעך, צוויי חלות מיט זיבען שיך, און איטליכען שיך אַריינגעשטעקט אַ מעסער, דער־נאָך טוט ער אויס די שיך פון זיינע פיס, וואַשט צוויי מאָל די הענד, שטעלט אויף דעם גראָבען פינגער פון דער רעכטער האַנד און זאָגט אַזוי: מיט דעם כח פונ׳ם הייליגען שם, אַזעלכען און אַזעלכען, בין איך מבטל דעם כישוף פון די מענער און ווייבער, די מכשפים און מכשפות, עס זאָל נישט שאַדען דעם קינד, און מיט דעם דאָזיגען שם האָט רבי אליה דער׳הרג׳עט אַלע מכשפים. באַלד מאַקי נעמט ער דאָס קינד, אָפּ־פיהרען עס צו זיין פאָטער און מוטער, און תיכף ווי ער קומט אַריין צו

זיי, רעדט ער ארויס דעם הייליגען שם „שמשיהו״, האָבען אלע מענ־שען אין שטיב דערזעהן, אז יענס קינד, וואָס ליגט נעבען דער קינפע־טאָרין, איז גאָר שטרוי און קליאַטשע — אַ פערבלענדזשעניש, בעהוט זאָל מען ווערען! עס האָט זיך גאָר געדאכט, אַז אַ מענש, מישטיינס געזאָגט, ער נעהמט דאָס אמת׳ע קינד, וואָס ער האָט מציל געווען פון די קליפות, און גיט עס אָב צוריק דער מוטער״*).

פון קענסטמאָל אָן איז שלמה׳לע שטארק צודרעהט. עס דאכט זיך איהם, ס׳איז אינגאנצען דאָ — אַ פערבלענדזעניש! אָט האַפּט דעם, יע־נעם דער רוח, אָדער דער ריח האָט זיי שוין לאַנג געחאַפּט. עס דאכט זיך גאָר בריות, און באמת איז זייער נשמה פון קליאַטשע. ער אליין איז אויך קליאַטשע...

---

*) ספר „תולדות אדם״ מאת הר״ר אליהו בעל שם, סימן פ״ז.

7.

אַ מייסטערין שרעקליכע מעשיות אַזעלכע צו דערציילען איז געווען יאַחנע־סאָסיע, אָדער לייבציכע. ווי זי האָט געהייסען. זי האָט, זאָל זיך איהר גרינג שליקערצען דאָרט, מיט איהרע מעשיות זעהר פיעל אויף שלמה׳לען געווירקט.

לייבציכען, קען מען זיכער זאָגען, האָט גאָט בעשאַפען אויף דער וועלט מיט דער איינציגער כונה אַליין, כדי אויסצודריקען מיט איהר געשטעלט גאַנץ שאַרף, אין העכסטען גראַד, אַ טייל פון יענע הפצית, וואָס געפינען זיך ביי ווייבער איבערהויפט צו בּיסלעכווייז נאָר. ווען אַ גרויסע מאָדניצע אין פּאַריז, אָדער אין בערדיטשוב אַ שטייגער, שטעלט מיט זיך פיר ווי זי שטעהט און געהט, אַ לעבעדיג בילד פון דער ווייבערשער תאוה — פּוצען זיך, דאָס הייסט, אינגאַנצען איז זי אַ גאָרנישט, נאָר אַ פּוץ, אַזוי האָט לייבציכע אויך פאָרגעשטעלט מיט איהר מילבען די ווייבערשע תאוה — צו רעדען און בערעדען, נישט אויסצולאָזען קיינעם אין קיין זאַך אין דער וועלט. אַוועקגענומען ביי איהר די דאָזיגע איינציגע מעלה, וואָלט זי געמעגט גאָר ניט געבוירען ווערען, קיינעם חלילה וואָלט עס נישט געאַרט. — לייבציכע פלעגט, ווי אַ נאָהענטע שכנה, קומען צו שרה׳ן, ר׳ חיים׳ס ווייב, לייען אַמאָל דאָס, אַמאָל יענס, און כמעט אַלע פריהמאָרגען נעהמען פּינ׳ם פריפּעטשאָק אַ קיל פייער ביי איהר. שוועבעלעך, ווי היינט, האָט מען דענסטמאָל ווייניג געוואוסט, מען פלעגט געברויכען אַנדערע מיני מיטעל אין פייערגעצייג. לייבציכע פלעגט דאָס קיל פייער אַריינשאַרען אין אַ טעפּעל, בלאָזען עס צווישען די קאַלטע קילען דאָרט, און דערביי אויסשיטען גאַנצע זעק רעד. איין מאָל אין וואָך האָט געמוזט צווישען די דאָזיגע צוויי שכנות זיך מאַכען אַ רוגז. געוועהנטליך פלעגט דער רוגז אַרויסשפּרינגען אין אַ מאַרק־טאָג, איבער עפּעס אַ מציאָה, נאָר מעהר פון אַ טאָג האָט ער קיינמאָל נישט געדויערט.

מאַרגען גאַנץ פריה איז שוין לייבזיכע מיט דעם פייערטעפעל געקומען, איז געזעצן זיס ווי צוקער, געבלאָזען אין טעפעל און געריערט אַ שרעק.

אין די לאַנגע ווינטער־נעכט פלעגט זי אָפט קומען זיצען ביי שרה'ן מיט עפּעס אַנ'ארבייט, מיינסטענס מיט אַ זאָק אין דער האַנד און האַלטען זיך עצות, צי ס'איז שוין צייט אָנצוהייבען די פיאַטע, אָדער אויף וויפיעל אײַנגלעך אָבצולאָזען די זאָק. דערביי האָט זיך איהר נישט צוגעמאַכט דאָס מויל, גערעדט, בערעדט, דערצעהלט משונה־וואונדערליכע מעשיות, וואָס זיינען זיך פערלאָפען אין דער וועלט, אויך מיט איהר אַליין און מיט איהר ניידען עליו־השלום, שווערענדיג זיך מיט כל השבועות, אַז אַלצדינג, וואָס זי דערצעהלט, איז אמת. פון איין מעשה איז זי איבערגעגאַנגען אין דער אַנדערער, און אַמאָל האָט זי אויסגעמישט צוויי מעשיות אינאיינעם. פון וואָס מען זאָל נישט געווען רעדען, איז זיך עס נישט איסגעגאַנגען אָהן לייבזיכעס אַ מעשה. האָט מען גערעדט פון עפּעס אַ שלאָפקייט, קדחת אַ שטייגער, איז לייבזיכע אַרויס מיט דער שפּראַכע:

— שאַ, אָט האָט איהר אייך, יודישע קינדער, גאָר אַ פרישע מעשה! פסח קלאָץ, אָט דער ישובניק קלאָץ, אַ רייכער אַ געזונטער, גאָר מאַקי אַ פייער, זיצט ער זיך, פסח, איבער אַ גרויסער שיסעל וויערמילך, אַריינגעמאָן איינגאַנצען מיט חשק אין דער אכילה. וואָס דען־זשע זאָל אַ גראָבער יונג טאָן? ווי פסח זיצט זיך דאָ אַזוי, די נשמה זיינע אין שיסעל, קומט אַריין אין קרעטשמע צו איהם עפּעס אַ פרישער פאַרשוין. ווער דער פאַרשיין איז? דאָס וועט זיך שוין אַרויסווייזען ווייטער, שפּעטער אַביסעל. שטעהט ער זיך דער פרישער פאַרשוין אַקעגען קלאָץ'ן, קיקט־קוקט, נישט אַראָבצונעהמען פון איהם די אויגען. און ווי פסח שעפּט אָן אַ גרויס לעפעל וויערמילך און טראָגט עס צום מויל, אַזש מיין פאַרשוין מיט איהם אַ פּאַטש איבער דער האַנד און דאָס לעפעל מיט דעם וויערמילך פאַלט אַריין באַק אין שיסעל. דו זעהסט, מאַכט דער פאַרשוין צו איהם, אָט דאָס קליינעטשקע שוואַרצינקע פינטעלע, וואָס שווימט דאָ אַרום אין שיסעל? ניין, דאָס איז נישט קיין פּראָסטע פינטעלע. ס'איז דיין מזל, וואָס איך האָב מיר דאָ בעצייטענס אינטערגעהאַפּט איידער דו האָסט עס אַראָבגעשלונגען. דאָס גוטעמיטשקע פינטעלע איז עס. ווילסט וויסען, ווער, וואָס? — נאַ! דאָס קדחת האָט זיך עס פערוואָרפען אין אַ שוואַרץ פינטעלע און געוואָלט מיט דעם וויערמילך אינאיינעם דיר אין בייך אַריין. ער נעהמט באַלד מאַקי אַ פאַחירל, גיסט אַהין אינוועניג אַריין

דאָס זייערמילך מיט דעם פינטעלע אין הענגט עס אויף איבער דעם אויבען. פּסח קלאָין שטויסט זיך שוין אָן, ווער דער פּאַרשוין איז, איינער פין דער גוטער קבּציא איז ער. ער האָט איהם זעהר שען בעדאַנקט. דערנאָך איז פּסח קלאָין געפאָהרען אין שטאָדט אַריין אין געבענטשט גומל... וועט איהר דאָך מיר פרעגען, וואָס איז, יאַחנע־סאָסיע, דער סוף מיט דעם פּאַחירל? אוי? אוי, אַזאַ סוף מיט אַלע אונזערע שונאים געזאָגט געוואָרען! עס איז אויסגעטריקענט געוואָרען ווי אַ שפּענדעל, פין אַ מינד־סטען בלאָז האָט עס מיט איהם געוואָרפען ווי אַ קדחת. דער ריוה דאָט שיער נישט צוגענומען דאָס קדחת, אַזוי האָט עס געליטען, ליגענדיג דאָרט פערשפּאַרט. בעדאַרף זיך מאַכען, אַז מען זאָל מיט אַ שפּילקע אַ שטאָך טאָן אין דעם פּאַחירל, איז דאָס קדחת ווי אַ רוח אַרויס־געפליגען. אַזוי פליהען זאָל איך, רבונו של עולם, אין פיעל גוטס. אָמן!

ווינט דער דאָזיגער מעשה, זאָגט זיך שלמה׳לע אָב פאַר שרעק פין זייערמילך. עס בעקימט איהם נישט איבערהייפּט דאָס עסען, די בעסטע שפּייז אפילו. ער קיקט זיך צו אין טעלער צו אַ מינדסט שוואַרץ פינטעלע אין ציטערט — אָט טוט איהם אַ נעהם דאָס קדחת!

איינמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט זיצט זיך שרה מיט לייבציבען נעבען אויבען אין פּליקען בײדע פעדערען. אַקעגען זיי אויף דער באַנק זיצט די קאַ׳ץ, פערלעגענדיג אונטער זיך די הינטערסטע פיס, מאַכט מיט דעם ווײדעלע אין קיקט מיט אַ פּאָר גרינע אייגען. איפ׳ן „לוטשניק״ ברענט אַ פיערל, די קינדער, אַמאָל דער, אַמאָל יענער, וואַרפען־אינטער דאַרע שפּענדלעך. אין שטיב איז וואַרם, מחיה, עס רעדט זיך עפּעס געשמאַק, אַזוי געשמאַק.

— וואָס, פין דער קוה, שרה, רעדסטו־דו? — פאַלט לייבציבע אַריין שרה׳ן אין די רעד — די קיה גיט עפּעס ווייניג מילך, זאָגסטו־דו, די קיה? דאָס נעהמען די מכשפית צו דאָס מילך. איין מיטעל דערצו איז, קאָבען דאָס „צעדעלקע״ (אַ שטיקעל לייוואַנד איף איבערזייען דאָס מילך). אַז איך בין נאָך אַ מיידעל געווען, האָט זיך געטראָפען ביים זיידען, מיר אויף צילאַנגע יאָהר, אַ מעשה, אין דעם יאָהר מאַקי, וואָס מיט דעם גאָנער, אַ ליכטיגען גן־עדן זאָל ער האָבען — דער זיידע. ס׳איז נאָך אַזאַ מעשה נישט דערהערט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט.

מען האָט איהם נישט געקענט ריהרען פונ׳ם אָרט, אַזוי שווער איז דער גאַנצער געווען, אַ הונדערט פונט, און אפשר נאָך מעהר. ער האָט בעדארפט געבען אודאי עטליכע טעפ שמאַלץ, און גריווען נאָר אָהן אַ צאָהל. צוריקטראָגענדיג איהם פונ׳ם שוחט, אַ געקיילעמער שוין, ניט ער זיך פלוצים אַ שטעל אויף די פיס, טוט זיך אַ לאָז, מיט אַ פייף איבער דער גאַנצער גאַס, און ווערט פערשוואונדען. ווער גאַנער, וואָס גאַנער — אַ גלגול איז דאָס גאָר געווען!... טפו, איך מיש איין מעשה מיט דער אַנדערע, פליישיגס מיט מילכיגס, פון מילך וויל איך דאָ גאָר דערצעהלען. אַ מיידעל אַז איך בין נאָך געווען, האָט די רויטע קוה דעם זיידענס, עליו־השלום, איינגעהערט כמעט צוגעבען מילך, איז געוואָרען מאָגער, דאַר־קויאַר מיט לעדיגע אייטער. די באָבע טעמע, זאָל אַ גוטע מליצה זיין, האָט זיך שטאַרק געערגערט. גנעה, זאָגט זי, גיב פרעסען אַ קוה, אַז זי וויל נישט געבען קיין מילך. מכות איהר... פעטריכע, זאָל זיך מיהען־נישט מיהען דאָרט, האָט צוקריגענדיג זיך מיט איהרע אַ חברתה, אַ מכשפה, אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז דאָס איז איהר מלאָכה, און פאַר אַ טרונק בראַנפען געהייסען אָט וואָס: „טעמאַ, מאַכט זי, נעהם צעלעג אָוועגט־צייט אויפ׳ן פריפעטשאָק אַ פייער, שטעל אַרויף דאָרט אויף אַ טרינישקע אַ טעפעל, און טעפעל מו אַריין די „צעדעלקע׳ און די האָר פון אַ פלעדערמויז מיט די קרייטעכצער, וואָס איך גיב דיר דאָ. טיר און לאָדען זאָלען זיין גוט צוגעמאַכט, חוץ דיר, זאָל קיינער אין שטוב נישט זיין. אייב די האָסט שטאַרק מורא, מעג יאַחנאַ־סאָסיאַ מיט דיר בלייבען. אַז דאָס טעפעל וועט אָנהייבען קאָכען, וועסט־דו הערען אַ קלאַפ אין דער טיר, שפעטער אַביסעל קולות מיט אַ געבעט: טעמאַ, עפען די טיר! און דו שאַ. דאָס וועט די מכשפה קייקלענדיג זיך אויפ׳ן בויך, קומען בעטען זיך, און אָנגעהמען דאָס קיל פון דיין מאַן, און נאָך אַנדערע אַלערליי קולות, דו אָבער ציט... עפען ניט למען־השם ולמען־השם״. כך־היה. איך געדענק עס, ווי היינט. ס׳איז אָוועגט־צייט, און שטוב איז פינסטער, איך מיט דער באָבען, מיר אויף צו לאַנגע יאָהר, שטעהען מיר ביים פריפעטשאָק. דאָס טעפעל אויף דער טרינישקע, אינטען ברענט אַ פייער, קוים הויבט אָן דאָס טעפעל טיאָך, טיאָך, הערט זיך אין דער טיר קלאַפ, קלאַפ. די באָבע ציטערט, שטשירעט איס אויף מיר איין אויג, פערבייסענדיג מיט די ליפען. מיר אין האַרצען קלאַפט אויך — טיאָך, טיאָך, נאָר גאָרנישט, שאַ! פלוצים הערט זיך אַ קול ווי פונ׳ם זיידען, אָבער אַקוראַט אַזוי, מען האָט געמעגט שווערען, מיט אַ געבעט: טעמע,

לאָז מיך אַריין, טעמע! די באָבע פערבייסט נאָך שטאַרקער מיט די ליפּען, ווינקט מיר מיט אַ פינגער אויפ'ן טויל, דאָס הייסט — שאַ יאַחנע־כאָסיע! איך לעג אַלין אונטער שפּענדליעך. דאָס טעפּעל קאָכט, פון דרויסען הערען זיך קולות: ווידער ווי דעם ווידענס קיל מיט גוטען און מיט בייזען. דאָס איז געוועזן זי, די מכשפה'טע, עס האָט איהר אַ פּנים גוט געדרעהט און בויך פינ'ם קאָבעניש אין טעפּיל. שפּעטער אַביסעל אַ חריוקען פון אַ חזיר, אַ היילען פון אַ הינד, אַ מעקען פון אַ ציג, אַ מייקען פון אַ קאַץ. דערנאָך, דערנאָך, הערסט־דו, שרה, וואָס איך וועל דיר בעסער זאָגען — טויט פלוצים אַ זאָג לייבציבע, פערקיקענדיג זיך אויף דער קאַץ, וואָס ליגט זיך אויסגעשטרעקט אַקעגען אייף דער באַנק. דרעהענדיג דעם ווידעל און מאַכענדיג מיט די פאָדערסטע לאַפּקעס — די הערסט, עס געפעלט מיר עפּעס נישט דיין קאַץ. איך האָב מורא, אַז אַ וועהטיג איז מיר נישט, דאָס איז אַ גלגול!... אַרקאָטאַ!

— אַ־קאָטאַ, אַ־קאָטאַ, אַ־קאָטאַ!...

די קאַץ דערשרעקט זיך, לייפט און פאַלט אַריין אין דעם טאָפּ פעדערען, שפּרינגט געשווינד אַרויס, איינגעטינקט אין פעדערען, ווי אַ שוואַרץ־יאָהר. עס ווערט אַ געשריי, אַ יאָגעניש, זי פּיין אייף מיט אין אייף ביינק, און אַלע נאָך איהר. ס'איז אַ צאָרען, אַ מהומה אייף דער בידנער קאַץ נעבעך גאָר פלוצים, אומגעריכט!...

פון דענסטמאָל־אָן דאַכט זיך שלמה'לען גלגולים. דער גאָנער איז נישט קיין גאָנער, די קאַץ איז נישט קיין קאַץ, אויך דער מענש, להבדיל, איז נישט קיין מענש, די גאַנצע וועלט דאָ איז אינגאַנצען טאַקי נאָר — איין עולם הדמיון!

8.

דאָ איזף דעם עולם איז שלמה׳לע אַלץ, ווייסט נישט פון אַלעבען צוזאָגען, דער־פאַר דאָרט — איזף יענעם עולם, וואוהין ער פערפלירט דורך דעם לערנען, איז ער אַ ווילדער חכם, קען אַלצדינג ווי אַ גרויסער למדן, אַזעלכעס אפילו, וואָס איז פאַר אַנדערע היינט גאָר אַ סוד; ער לערענט גמרא, פערנעהמט זיך מיט דינים ומשפטים און נאָך אַנדערע זאַכען דאָרט. ער איז אַ דאָרטיגער מיט אַלע גענג, מיט דעם שטיינער רעדען, מיט דעם שאָקלען זיך, אינגאַנצען מיט די ביינער, מיט לייב און לעבען. פאַר איהם איז דאָרט אַ וועלט מיט עסקים — ס׳איז דאָרט אַ מחלוקת איבער אַנ׳איי, וואָס די הוהן האָט יום־טוב געלעגט. לוים נעהמען מעשר, כהנים נעמען תרומה, זיינען מקריב קרבנות, און יודען — שמייסט מען מלקות... שלמה׳לע איז שטאַרק פערנומען. וואו פאַר איהם צייט, ווען צייט? נישטאָ קיין צייט! — דער קאָפּ איז איהם דול.

איינמאָל, נאָך אַ גרויס דולעניש, אַז שלמה׳לע איז ווי אַ גאַסט פון יענער וועלט אַהיים אַראָבגעפאַלען, עפּעס איבערציהאַפּען, האָט ער באַלד ביים אַריינגאַנג אין שטוב דערהערט אַ יאָמער אַ קלאָג, ווי מען בעוויינט אַ מיטען, די מאַמע ברעכט די הענד, טענה׳ט עפּעס און וויינט איזף אַ ניגון. הוד׳ל און אידעלע, צוויי ברעקלעך קינדער, שטעהען פון דערווייטענס אין אַ ווינקעלע אין רעיען, קוקענדיג איזף דער מאַמע, מיט אָפענע מיילעכלעך. לאָה, די עלטערע שוועסטער, זיצט איזף דער מיל־בינער באַנק אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און איז שטאַרק פערזאָרגט. שלמה׳לען גיט אַ מיאָבקע דאָס האַרץ, און די אויגען שטעלען זיך איהם טרערען, און ער הייבט אָן באַלד טאַקי אויך צו וויינען.

— איי, אַ גזר־דין, אַ גרויס אומגליק, אוי־וועה, האָט אונז גע־טראָפען! — טענה׳ט די מאַמע, פערגעהענדיג זיך פון טרערען.

— מאַ—אַמע, מאַ—מע—ע! רעזשען די קליינע קינדער און קראַ־צען די קעפּלעך מיט ביידע הענטלעך.

— אי—איק—היק! שלוכצט שלמה׳לע, דער דאָרטיגער חכם, און שנייצט די נאָז.

— וויין, שלמה׳לע, וויין! — זאָגט די מאַמע מיט תחנה־לשון, אַז זי האָט איהם בעמערקט, און לעגט ביידע הענד איהם אויפ׳ן קאָפּ אַרויף — טו, אַלמאַכטיגער פאָטער, די טרערען פון ריינע אומשולדיגע קינדער טאָן אין דיין לאָגעל. אוי, אומגליקליך קינד, וויסט איז אונז, פינצטער איז אונז — פינצטערע שקאָלעס... יודישע קינדער נעהמען אין די שקאָלעס!

— געוואַלד! — שרייעט שלמה׳לע, פאַרגעהענדיג זיך אונטער דער מאַמעס הענט.

שלמה׳לע דער „דאָרטיגער״ האָט געהערט, אַז אויף דער וועלט „דאָ״ געפינט זיך ביי „זיי״ עפּעס שקאָלעס. וואָס מען טוט דאָרט אויינס? דאָס האָט ער נישט געוואוסט. געהערט גאָר, אַז מען שמייסט אַ שרעק. אַצינד, דערוויסענדיג זיך, וואָס דער מאַמעס געוויין בעטייט, — אַז ס׳איז דאָ אַ בעפעהל, מען זאָל יודישע קינדער נעהמען אין די שקאָלעס, איז איהם ענטפּאַלען דאָס געזונט. עס האָט איהם זיך געדוכט, אָט שטעהען זעלנער. מען נעהמט איהם, מען פיהרט איהם, מען שמייסט... און דעריבער האָט ער געבעך געשריען — געוואַלד!

די מאַמע־זשע ווידער האָט געוויינט נישט אַזוי דערפאַר, וואָס מען שמייסט, שמייסען שמייסט מען דאָך אין חדרים להבדיל אויך, נאָר גלאַט אַזוי, וויל שקאָלעס איז אַ מיאוסע זאַך. דער נאָמען שקאָלעס אַליין איז שוין פע, אַ שרעק, ס׳איז דאָך אַנ׳עק פון דער וועלט, אויס יודישקייט. וואָס קען חלילה פון יודישע קינדער ווערען?

יודען אין שטעדטעל זיינען אַרומגעגאַנגען אָהן קעפּ, מען האָט גע־זיפצט, געקרעכצט און גערעדט פון די שקאָלעס. דערביי געמומעלט אויף עפּעס אַ דייטשעל, אַ לילענטהאַל, וואָס פון איהם און נאָך אַזעלכע ווי ער, „בערלינער״, קומט דאָס גאַנצע שפּיל אַרויס. מען האָט געמאַכט אסיפות און געטראַכט, וואָס טוט מען עפּעס דערצו. ס׳איז געבליבען: מען זאָל גוזר־תענית זיין, זאָגען תהלים, רייסען קברים און איינלענען די

װעלט. מלמדים נעבעך זײַנען געװען געפּלעפּט, שטאַרק דערשלאָגן, האָבן געציטערט פאַר זײערע קנעלינגען. די שקאָלעס װעלן זײ דאָך דערגערן דאָס לעבן, מאַכן דעם טױט. אױ גאָט אַלײן װעט זיך דאָ נישט אַרײַנמישן, נישט טאָן עפּעס אַ נס, װעלן זײ דאָך בלײַבן אױס־געשטעלט. עס פֿאַרשטײט זיך, דעריבער, װי שטאַרק נעבעך זײ האָבן געפֿילדערט, אײנער־געהידעט דעם עולם. אַלע מאָל פֿריִה אין פּאַרנאַכט זײַנען די שילן פֿול געװען פֿון ייִדן. מלמדים האָבן געפֿירט אַהין קינדער פֿון די חדרים. מען האָט געזאָגט געװיסע קאַפּיטלעך תּהלים, געװײנט, געפֿאַסט. דער ערשטער תּענית שלמה׳לעס איז געװען יענער, װאָס װעגן די שקאָלעס. װײַבער זײַנען געגאַנגען אױף קבֿר־אָבֿות, גע־מאָסטן פֿעלד און פֿאַרגאָסן טײַכן טרערן. — ס׳איז געװען אַ פֿער־װײנטער זומער! אַפֿילו דאָס ביסעל גױם אין דעם שטעדטעל זײַנען אײך געװען עפּעס װי צידרעהט. די גױם און ייִדן פֿונ׳ם שטעדטעל האָבן געלעבט צװישן זיך זעהר גוט — אײנער פֿונ׳ם אַנדערן געצױגן דאָס שטיקעל פּרנסה, אײנער בײ׳ם אַנדערן האָט געװאַקסט, װאָס עס טוט זיך, אין אײנער דעם אַנדערן זיך געלאָזט דערקענען סײַ אין לײד, סײַ אין פֿרײד. איז אַ חתונה געװען, אַ שמײנער, בײַ אַ ייִדן, האָבן בעקאַנטע גױם געשיקט איהם דרשה־געשאַנק: דער אַ היהן, יענער עטליכע צעהנ־דליג אײער, אײנער אַ ברױט, דער אַנדערער אַ קײלעטש, איטליכער נאָך זײַן שטאַנד, און דאָס אײגענע טאַקי אײך פֿערקעהרט. דעריבער האָט דאָס געזײן, דאָס געפֿילדער, דענסטמאָל בײַ ייִדן, אָנגעמאַכט אַ מרה־שחורה אױף די גױם און זײ האָבן זיך געװאונדערט, װאָס זאָל עס אַזױנס בעטײַטען!

— אױ, רױזקאָ, קאַזשי, שטשאָ נאַשי זשידקי טאַמיטינקי פּלאַט־שוט, קריטשאַט גװאַלד, יאַק בודטאָ איך ריעזשוט?

— עיטאָ תּאַפּינאַ װיני פּינאַיעטסאַ, שטשאָבי תּאַפּין איך ני חװאַטאַיע.

— אַני! דאָ האַפּינאַ שצאָ ראַליעקאַ. מאָזשע טיכיאַצי רװאַ אַלבאָ טרי בידע דאָ איך בידנאָװאַ רנאַ. טרעבאַ פּיטאַטי, שטשאָ צע טאַקי? באַציש אָט חיקאַ!

— סמאָפּ חיקאַ! קאַזשי־נאָ, שטשאָ עוטאָ טי מאַקי בינאַיע אי נירקאָ פּלאַטשעש, אַ?

— איי־וועה מעקיטאַ, נעסצענבטיצע! נימאַ משאַסי, אָט בערקאָ! פּיטאַי אי בערקאָ, ניחאי קאָושי בערקאָ, וועה איז מיר! — ענטפערט חיה־גרינאַ, לייפענדיג באַרג אַראָב צום בית־עולם אין איין אָטעם.

— אָי, בערקאָ! משייעש, אַ־אַ שטשאָ טאַק ושירקי הניקאַייט, האַ?

— עטאָ איי, צעלאָוויצי דאָבריע, אוי ליחאָ... בודוט חאַפּאַט חלאָפּצעוו נאַשיך אוב שקאָלי! — שטעלט זיך בערקאָ דערציילען די גוים, ווי ער קען, דעם גאַנצען ענין פון די שקאָלעס. ס׳איז עפּעס איינגעקומען טאַקי, אַז אָך און וועה צו די שקאָלעס. וואָס פאַר אַפּנים זיי האָבען ניעבעך געהאַט, אַריינפאַלענדיג צו בערקאָ׳ן אין מויל. די גוים אָבער האָבען איהם פערשטאַנען, זיך איבערגעצלמ׳ט אין דריי מאָל איינגעשפּיגען, ווי דאָס איז טאַקי אַנ׳אומגליק.

ביז וואַנען אָבער זכות־אָבות וועט בייסטעהן, זיך מיהען פאַר דעם כבאַ־הכבוד און דער אייבערשטער וועט אַ נס טאָן, דערווייל האָבען יידען זיך געטאָן די אַלטע סגולה — חתונה מאַכען יונגע קינדער. ס׳איז געוואָרען אַ בהלה. שדכנים, גוטע פריינד מענשען, האָבען נישט געשפּאָרט קיין מיה, געאַרבייט, איים ליבע צום פאָלק ישראל, איין אַרע כלים, מען האָט געהאַפּט און אָבגעשטעלט חופּות קליינע יונגליך מיט יונגע מיידליך, עס זאָל הייסען, אין דעם פאַל ווען הלילה שקאָלעס, העדהג, אָבגעטאָן אייף טערקיש — נישטאָ קיין קינדער, נאָר לייטער בעלי־בית׳ליך, קליינע יידלעך!... אין בכדי טאַטעס פון קליינע מיידליך זאָלען זיך נישט איינשפּאַרען, זיך נישט שטאַרק איבערנעהמען מיט זייער סחורה, איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מיידליך וועט מען אייך נעהמען עפּעס אין די קאָלאָניע ערגעץ. אַז שלמה׳לע איז אַרויס מריקען, נישט התונה נעהאַט דענסטמאָל אין דער בהלה, איז דאָס מסתמאָ נאָר אַ גאָט־זאַך — פאַר איהם איז אין דעם שטעדטעל נישט געווען זיין בעשעהרטע, און אַקעגען גאָט קען מען נישט געהן, עס העלפט נישט אַקעגען איהם קיין הכמית. מיט וואָס דען אַנדערש לאָזט זיך עס דערקלערען?... די מאַמע האָט דאָך השק געהאַט, דער טאַטע, אמת טאַקי, האָט זיך נעקריבט, ווי איינער רעדט: פע! גאָר נאַרישקייטען. אין אַזוינע זאַכען איז דער ווילען פון די ווייבער שרעקליך שטאַרק, ברעכט אַייזען. און פון שלמה׳לעס זייט וואָלט נישט נאָר קיין מניעה נישט געווען, אדרבה עס וואָלט איהם נאָך גאָר משונה הנאָה געטאָן. איין מאָל, פאַר וואָס

זאָל ער ערגער זיין פון אנדערע יונגלעך, פאַר וואָס אנדערע יונגלעך קימט עס יא כלות און איהם נישט? — אי, האָט ער עס מקנא געווען א חתן־בחור׳ל, עפּעס איז אַזעלכער אַ גאַנצער מיוחס. קיין בעדרעל, אמת, האָט ער נישט, שמיסען אין חדר שמייסט מען איהם ווייטער טאַקי אויך, פון דעסטוועגען איז ער פאָרט עפּעס ווי אַ שטיקעל גרויסער: ער מענשעלט זיך, קוקט אויף זיינע חברים אַראָב מיט גאוה, אָט־אָט, נאָך אַביסעל, איז ער שיין אַליין אַ טאַטע... אין צווייטענס, האָט זיך איהם, גאָר אָהן די אַלע זאַכען, גלאַט אַזוי זיך געוואָלט האָבען אַ כלה. ס׳איז עפּעס אַ גאַנצער עסק — איך, בחור׳ל, האָב מיר אַ כלה, זיץ מיר און טראַכט מיר ביי זיך — כלה! מען בעדאַרף נישט פערגעסען, אַז שלמה׳לע איז דאָך געווען אַ ד אָ ר ט י ג ע ר, אַ גאַנצער ירושלמי, קליינע חתן־כלה איז דאָרט אין לאַנד גאַנץ געוועהנטליך, היינט האָט ער דאָך אין דער גמרא מכת פאָר־פאָלק־זאַכען עפּעס געלערענט אויך, דערצו נאָך געהאַט אַ פייערדיגען כח־הדמיון, דאָס פּאָעטישע פינקעלע, וואָס גיט אַמאָל פלוצים, ווי פון דער העלער הויט, אַ בריה...,

נאָר ווי די מעשה איז, שלמה׳לע האָט אין דער בהלה נישט חתונה געהאַט, געבליבען ווי פריהער אַ יונגעל. גם זו לטובה! וואָרום ווי דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזען, איז אומזיסט געווען די בהלה. יונגליך אין די שקאָלעס אַריין האָט מען מיט געוואַלד נישט גענומען, מיידלעך אין די קאָלאָניעס — אויך נישט. חדרים זיינען געבליבען חדרים און מלמדים ווייטער טאַקי מלמדים, אַלצדינג וואָס פריהער. אין אַנדערע גרויסע שטעדט האָט מען אפילו געמאַכט יודישע שקאָלעס, נאָר אָהן סכנות! קינדער זיינען דאָרט ווייניג געווען, און מישטיינס־געזאָגט, וועלכע? אָרעמענקע עפּעס, פון דעם געמיינעם עולם — אויך מיר מענשען!

איך ליליענטהאַל איז עפּעס ווי פערשוואונדען געוואָרען. פון דער קאָמפּאַניע זיינער איז אין דעם שטעדטעל ק... ווי פון די שקאָלעס, קיין זכר נישט געבליבען. מען האָט אינגאַנצען אין זיי פערגעסען, שלמה׳לע וואָלט נישט געוואוסט פון זייער געביין, אויב אַזעלכע זיינען גאָר אויף דער וועלט ערגעץ דאָ, ווען עס זאָל זיך נישט געווען שפּעטער מאַכען אָט די דאָזיגע מעשה:

ויהי היום איז אין אַ שענעם זומער־טאָג געקומען אין דעם שטעד־טעל אַ גריין־גרויער יוד, נידעריג געוואַקסען מיט אַ בייכעל און מיט

זעהר אַ ליעבליך פּנים. עס האָט געהייסען בײַ איטליכען אין שטעדטעל: מיר האָבען אַ גאַסט — רבי נחום רויזעװער, רבי נחום איז געקומען זיך געזעגנען!...

אין אַלע האָבען זעהר גוט פערשטאַנען, װאָס „געקומען זיך געזעגנען" הייסט אַזוינס.

אַז רבי נחום פונ'ם שטעדטעל רויזעװ האָט איינגעגעבען די יונגסטע טאָכטער זײַנע און איז געבליבען אויף דער עלטער אַן אַלמן, האָט ער זיך פערנומען פאָהרען בלי־נדר שטאַרבען אין ארץ־ישראל. נאָר אַזוי װי ביז דעם שטאַרבען בעדאַרף דאָך אַ מענש האָבען צום לעבען און אַ יוד — דערצו נאָך התונה האָבען אייך, הייסט דאָך עס, מען בעדאַרף האָבען געלד, װאָס־זשע טוט מען? בכן האָט רבי נחום געטאָן דאָס, װאָס אַנדערע יודען אין אַזאַ פאַל טוען — ער איז עטליכע יאָהר אַרומגעפאָהרען צװישען יודישע קינדער, פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער, זיך צו געזעגנען, דאָס הייסט נעהמען שענע נדבות און מאַכען בעשטעלונגען, אויב עס לאָזט זיך נאָר, אויף װייטער אייך, אם־ירצה־השם. אַזאַ פּרנסה, װי „געזעגנען זיך" רעכענט זיך בײַ יודען שוין נאָר ניט־קשה'דיג, אַזעלכער, װאָס פאָהרט אַהין שטאַרבען, איז בכבוד'יגער פון אַלע אַנדערע מיני מקבלים, בטלנים און אייך פון נשרפים אַ שטײַגער, ער שמעקט שוין מיט קברות־בלעטלעך — מיט ארץ־ישראל, ער איז שוין אַ קאַנדידאַט אויף אַ ירושלמי!... רבי נחום איז אַרומגעפאָהרען אַזוי עטליכע יאָהר און האָט צו יודען חלילה נישט דערלעגט. מען האָט איהם פערבעטען דער אויף אַ װעטשערע, יענער אויף װאַרמעס, און בײַם געזעגנען זיך, איהם געגעבען אין האַנד אַריין אויך. רבי נחום פון זײַן זייט האָט זיי צוגעזאָגט דערפאַר זעהר פּיעל הבטחות. — דעם אַזוי, יענעם אַזוי, איינעם — בעטען פאַר איהם אויפ'ן קבר פון מאיר בעל־הנס, און דעם אַנדערען — ארץ־ישראל־ערד... רבי נחום האָט נישט פערשעמט דאָס שטעדטעל ק... װאו ער האָט געהאַט בעקאַנטע און עטליכע װייטע קרובים, און אין אַ שענעם זומער־טאָג איז ער געקומען זיך געזעגנען אַהין.

געװעהנטליך עסט מען זומער אין שטעדטעל װעטשערע בײַ דער שײַן פון דער לבנה, אויב זי איז דאָ, און אויב ניט — בײַ אַ חלב'דיג גראָשען ליכטעל. מען מאַכט עס אָב בקיצור, און אַ גוטע נאַכט —

שלאָפען! באַלד טאַקי, אָדער נאָכדעם ווי מען לופטערט זיך אין דרויסען אַביסעל אויס. און איין זימער נאַכט אָבער, זעהר אַ ליכטיגע, חאָטש פּערעל צוקלייבען, איז ביי ר׳ חיים׳ן אין הויז געוועזן אַ פעראענדערונג: דער טיש איז געגרייט גאַנץ פיין, ליכט ברענען אין מעשענע לייכטער, עפּעס יום־טוב׳דיג. — דאָס האָט ר׳ חיים פערבעטען צו זיך רבי נחום רויזעווער איוף וועטשערע. עס האָט זיך געצויגען ביים טיש אַ לאַנגער, אַ ברייטער שמועס איבער דעם כותל־מערבי און דער מערת־המכפלה, איבער דעם הר־הזיתים און דער מוטער רחל׳ס קבר, איבער חורבות און קברים, און מען האָט פערביסען מיט אַ שמועס איבער פייגען, טייטלען, מילגרוימען און באָקסהאָרען. אַלע האָבען זיך בעלעקט, די אויגען האָבען געפלאַמט, געפונקעלט פאַר גרויס הנאָה. רבי נחום איז זעהר בערעדעוודיג, רעדט און רעדט, גלייך ווי ער איז שוין דאָרט געוועזן, אַלצדינג געזעהן מיט זיינע אויגען, און אַלע קוקען איהם אין מויל אַריין, קוקען מיט ליבשאַפט, מיט גרויס דרך־ארץ און זיינען איהם אין האַרץ שטאַרק מקנא, וואָס איהם איז בעשעהרט דאָרט צו זיין. עפּעס אַזוי גרינג זאָגט זיך עס: ארץ־ישראל, ירושלים! דאַכט זיך אין פלוג, אַ לאַנד — אַ לאַנד, אַ שטאָדט — אַ שטאָדט: הייזער, ערד, שטויב, מיסט, בלאָטע, נאָר ניין! עפּעס איז עס אַנדערש. וואָס אַנדערש, ווי אַנדערש? דאָס לאָזט זיך גאָר ניט זאָגען. עפּעס איז עס נישט מגושם גראָב, נאָר אַ רוחניות. מען בעדאַרף עס פיהלען. היינט נעמען — אויף לשון־קודש, שטעדט, ערטער, וואָס שטעהען אין דער תורה!

דער שמועס איז דערנאָך איבערגעגאַנגען אויף אַנדערע, פּראָסטע זאַכען. רבי נחום איז דאָך אויסגעוועזן עפּעס אַ וועלט, זיך געזעגענט מיט אַזוי פיעל יידען, אָהן עין־הרע, און אָנגעזעהן, אָנגעהערט זיך זאַכען גאָר אַ ים! ווילנא האָט אין דעם שמועס געשפּיעלט די הויפּט־ראָלע, מעהר ווי פון אַנדערע שטעדט האָט מען זיך אינטערעסירט מיט איהר. רבי נחום האָט דערצעהלט חידושים פון איהרע משונה־בעריהמטע רבנים, פון איהרע ווילדע קצינים און שרעקליך גרויסע גבירים, פון קלויזען, ישיבות און אָרמע בחורים — אַי־אַי! אויסלאָזענדיג מיט האַלבע־מלכות עפּעס, אין אַ געסעל ערגעץ דאָרט, וואו ס׳איז סכנות, און מען שייעט זיך געהן דאָרט ביי נאַכט — שוין אויף אַ נידעריג אומעטיג קול: אַי־אַי! און גאָר צום סוף איז ער אַרויס שטאַרק אָנגעלאָדען אויף בערלינער עפּעס. — אָט די יידען פון די שקאָלעס דאָרט פון ליליענטהאַלס כנופיא, האָט ער נעזאָגט, פערדרעהענדיג מיט דער נאָז, גענומען דערצעהלען מעשיות,

חוזק מאַכען פון זיי, אַז דאָס זיינען עפּעס ווילדע בריאים, זיצען ביי זיך, ווען קיינער זעהט נישט, אָהן היטלען און עסען אָהן געוואַשען! די תּורה זייערע בעשטעהט אין לשון, אין קורצע שורה׳לעך מיט מליצה, אַלין: אַהה, אַהה, וועהגעשריגען!... איינער, רער עלטסטער זייערער, עסט, זאָגט מען, שנויצען מיט ברויט. מען זאָגט, ער שטעקט אַריין אַ חלב׳דיג ליכט אין דער קאַשע און עסט... שענע בריאים, מישטיינס געזאָגט — לאָזט אויס רבי נחום מיט אַ קרעכץ — אָה־האָ־האָ!

מילא האַלבע־מלכות יאָ! דאָס האָט זיך נאָך געלענט שלמה׳לען אין מח. האַלבע מלכות זיינען מסתּמא קליפּות, די גיטע נקבות, ווי לילית און ריסאַלקעס, אַ שטייגער, איבער וועלכע ער האָט זיך גענוג שרעקליכע מעשיות אָנגעהערט, ווי אַזוי זיי פערפיהרען מענשען מיט זייערע תּנ׳עות און זיינען הונדערט מאָל ערגער פון דעם טייפעל, פונ׳ם אַשמדאַי אַליין. דעריבער איז רעכט, וואָס די ווילנער שייען זיך געהן ביי נאַכט אין יענע וויסטע געסלעך. אָבער בערלינער, נישט קיין לצים, נאָר יודען מיט אַ קאָפּ, מיט הענד און מיט פיס. יודען, וואָס אָהן היטלען און וואָס עסען אָהן געוואַשען — אַזעלכעס איז גאָר נישט צום פערשטעהן!... ס׳טייטש, ווי געשיקט זיך עס, אַ יוד — און אָהן אַ היטעל! ס׳טייטש, ס׳טייטש, אַ יוד — און נישט וואַשען זיך צום עסען!! משוגע זיינען זיי, צי חסר־דעה? ווייסען זיי דען נישט, וואָס פאַר אַ פּסק עס קומט דערפאַר דאָרט — פּעך, שוועבעל און אַייזערנע ריטער!... און גאָר אָהן די אַלע זאַכען, וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס גלאַט אַ יוד אָהן אַ היטעל? — נאָר אַזעלכס אָבער האָט דאָך געזאָגט רבי נחום, אַ יוד, וואָס געזעגענט זיך, וואָס פאָהרט קיין ארץ־ישראל. אַזאַ יידען מוז מען גלויבען. אין־ברירה, ביי שלמה׳לען האָט שיין געמוזט זיך לעגען אין מוח אי אַזעלכעס אויך, און דער נאָמען בערלינער האָט זינט דענסטמאָל געהאַט ביי איהם דעם טייטש: אַ יוד אָהן אַ היטעל, וואָס וואַשט זיך נישט און עסט ברויט מיט שנויצען.

9.

שלמה׳לען געהט למזל דאָס עלפטע יאָהר. די תּורה פֿאַר איהם בײַ ליפּא ראובן׳ס לאָזט זיך אויס און ער געהט איבער אויף דעם טאַ־טענס העגד, לערנען אונטער זיין השגחה. — ללמוד, לערנען אַליין, וללמד לערנען אויך מיט אַנדערע, בפרט נאָך מיט אייגענע קינדער, דאָס איז איינס פון גאָטס געבאָט, וואָס יידען זאָגען עס, בעטען דעריף אין דאַוונען אַלע טאָג, און אַז וואויל איז דעם, וואָס איז אין שטאַנד עס מקיים צו זיין. ר׳ חיים פלעגט אַזוי טאַקע מיט זיינע קינדער זיך נוהג זיין. מיט איטליכען בעזונדער פון די צוויי עלטערע זיהן האָט ער גע־לערנט, נאָכדעם אַז זיי זיינען אַרויס, אוטליכער אין זיין צייט, פון׳ם חדר ביז חתונה. ווי בעשעפטיגט ער איז געווען, פלעגט ער אָבריַיסען אַ שעה אָדער אַ פאַר שעה צייט אין טאָג, צו לערנען אַ בלעטעל גמרא מיט זיי אין מיט זייערע חברים, אין פאַל אַז זיי האָבען אַזעלכע געהאַט, אַזוי האָט ער געלערנט אויך מיט זיין איידעם, לאָה׳ס מאַן, די ערשטע צייט נאָך דער התונה, און מיט נאָך יונגע בעל־הב׳ת׳לעך צו איהם, גאָר אומזיסט. אין אַזוי איז אויך געקומען שלמה׳לעם צייט לערנען תּורה ביים טאַטען. דער שטייגער ווינער לערנען איז געווען אַזוי: אַלע פריהמאָרגען, באַלד נאָכ׳ן דאַוונען, פלעגט דער טאַטע זיצענדיג אויף זיין שטאָט אוי־בענאָן אין קלויז, לערנען מיט איהם אַ פּרק אָדער צוויי פּרקים משניות כסדר. נאָך דעם אָנבייסען פלעגט ער בלייבען אין דער היים, צוגרייטען אין אַלקירעל דאָרט דאָס לייענען, וואָס דער טאַטע האָט איהם אין דער גמרא פערגעבען מיט תּוספות און מהרש״א. ער האָט עס בעדאַרפט דער־נאָך איבערזאָגען, אין דער היים טאַקי, אַ מאָל ביי טאָג, אַמאָל ביי נאַכט, ווי דעם טאַטען איז אויסגעקימען, און נאָר אַ מאָל פלעגט דער טאַטע אויפוועקען שלמה׳לען פאַרטאָג אויך, און אַוועקגעהן מיט איהם לערנען אין קלויז.

אמת מאַקי, דאָס אויפשטעהן פאַרטאָג, בשעת דער שלאָף איז אַזוי געשמאַק, איז שלמה׳לען אָנגעקומען נישט אַזוי גרינג. נאָר איז ער אָבער שוין אויפגעשטאַנען, אַראָב פונ׳ם געלעגער, האָט עס איהם זעהר הנאה געטאָן. דאָס אויף־זיין, דאָס געהן אין קלויז און דאָס לערנען האָט איהם גרויס פערגעניגען געמאַכט. ווער ס׳איז אַ יוד, אַ יוד מיט דעם פינטעלע, דער קען פיהלען דעם טעם פון אַזאַ פערגעניגען. אין דעם יודענס קאָפּ מאָלט זיך די נאַכט מיט וואונדער־שענע בילדער. עס שטעלט זיך איהם פאָר אין דער נאַכט געטליכע זאַכען, יענע וואונדערליכע ערצעהלונגען פון די הייליגע ספרים, וואָס ריהרען ביי דער לעבער — און ער ווערט אַוועק צישמאָלצען פאַר הייסע ברענענדיגע געפיהלען.

„נאָך דעם ערשטען משמר, אַרום האַלבע נאַכט — אַזוי שטעהט געשריבען — וועהעט אַ צפון־ווינטעלע, און די וואַכען פון די מלאכים ביי־טען זיך דאָרט אין הימעל. עס גיט, אָט דאָס ווינטעלע, דער מלאך גבריאל אַ ריהר — און ער שרייעט אויבען זעקס קולות אויס, לייענט דערנאָך פון אַ בוך אַרויס די מענשענס אלע מעשים, וואָס ווערען אָבגע־טאָן ביי טאָג. פון איהם דאָרט גיט עס אַ טאָרע אונטער די פליגעל דעם האָהן דאָ. ער חאַפּט זיך אויף און קרעהט הייך אויף אַ קול. אַי אויבען אַי אינטען ווערט אַ געטימעל; דער האָהן קרעהט אויף דער ערד, און גבריאל אויפ׳ן הימעל. דענסטמאָל לאָזט זיך גאָט פון דריי הונדערט און ניינציג הימלען אַראָב אין גן־עדן אַריין. כיתות מלאכים לויפען פאָראויס און זאָגען שירה:

עפענט טויערן ברייט זיך אויף,
עפענט הויך זיך ביז אַרויף —
אָ, איהר אייביג פעסטע טירען,
קומען לאָז דאָ גאָט שפּאַצירען!

עס זינגען איך די ביימער אין גן־עדן, גיבען פון זיך אַרויס זיסע שמע־קענדיגע ריחות פון בשמים. אָט איז ער שוין אַריין, גאָט דער מלך, מיט זיין כבוד אַליין — שאַ! מלאכים אויף זייערע ערטער שטעהען מיט גרויס דרך־ארץ און שווייגען. פול מיט רחמנות קוקט ער אויף די הייליגע נשמות פון צדיקים און קדושים דאָרט, קוקט און שאָקעלט מיט דעם קאָפּ. פליצלים לאָזט ער אַרויס אַ געשריי, אַ ברימען ווי אַ לייב, דאָס וויינט ער, קלאָגט אויפ׳ן חורבן בית־המקדש, אויף ירושלים, די הייסטע

שטאָרט, אויף ציון, די ביטערע אלמנה, אויף די קינדער ישראל זיינע, וואָס אין גלות — און צוויי הייסע טראָפּענס טרערען פאַלען איהם אויס די אויגען גלייך אין דעם גרויסען ים אַריין...

אַזוי וויינט גאָט דריי מאָל אַלע נאַכט דאָרט אין זיינע הימלען. גוטע־פרומע יודישע קינדער לאָזט עס נישט איינלינגען, זיי שטעהען אויף ביי נאַכט פון די געלעגערס, „ריכטען אָב חצות״, וויינען זיך אויס פאַר דעם זיסען, בארמהערצדיגען פאָטער אין הימעל, און דאָס יודיש האַרץ פיהלט עפּעס דערנאָכדעם אַ מין בעזונדער טעם — זיס ביטער און זייער אינאיינעם.

שלמה׳לע געהט פאַרטאָג איבער דער גאַס, דאָס שטעדטעל שלאָפט. לבנה און שטערען שטעהען אין הימעל אויף דער וואַך. עס דוכט זיך איהם, דאָרט, אויבען, טוט זיך עס אַצינד עפּעס גאָר אַ שרעק! טוט פון ערגעץ אַ בלאָז, דאַכט זיך איהם, יענס צפון־ווינטעלע, דאָס גוטע ווינטעלע, וואָס וועהעט אונטער די פליגעל פון מלאכים, וואָס האָט אַ מאָל אויך געבלאָזען אויף דוד־המלך׳ס פידעלע, איהם צוקאָפּענס ביי־נאַכט אויפ׳ן געלעגער, און עס האָט זיך געשפּילט זיסע געטליכע לידער. זוזשען ערגיץ בוימער אין אַ גאָרטען — דאָס זשושען דאָרט די בוימער אין גן־עדן; קרעהט ערגעץ אַ האָהן — דאָס זאָגט ער שירה, און זיינען איהם די האָר, דאָס פנים, פייכט פון טוי־טראָפּען — דאָס זיינען גאָטס טרערען, דאָס וויינט ער, יאָמערט אויף זיינע פערוואָגעלטע קינדער. עס שלאָפט נישט, עס דרעמעלט נישט דער היטער פון ישראל!... עס צושפּילט זיך שלמה׳לען די געבליטען, זיין כח־הדמיון איז פלאַם פייער, דאָס האַרץ צוגעהט איהם שעור פאַר גרויסע געפילען — און ער נעהמט זיך לער־נען מיט חשק, געשמאַק אויף אַ ניגון.

מיט דעם אַריינגעהן שלמה׳לעס פונ׳ם חדר געהט ביסלעכווייז ביי איהם פאָר אַ פערענדערונג אין דעם לעבען. אַצינד פיהלט ער זיך שוין פרייער צו פערבלייבען אַביסעל מעהר דאָ אויף דעם עולם. עפּעס טוט אַ וועהע אין איהם אַיין אַנדער גייסט, העלער אַביסעל ווערט איהם אין מוח, ער הויבט זיך אָן אַרומצוקוקען — און דערזעהט פאַר זיך עפּעס אַזוינס, וואָס פריער האָט ער עס, דאַכט זיך, אויך געזעהן, נאָר עס האָט איהם זיך אויסגעוויזען גאָר אַנדערש, אָדער עס האָט גלאַט אַזוי זיך איהם געוואָרפען אין די אויגען, נישט צומאַכען אימזעניג אין דעם קאָפּ

קײן פיצעל רוישם. עפּעס מאַקי נור אַ מענש־אַ בהמה, אַ לײמענער גילם, מישטײנס־געזאָגט: שטעהט אין ווײסט נישט, אויף וואָס ער שטעהט, זעהט און ווײסט נישט, וואָס ער זעהט. גענוג איז דאָך זײן וועלטעל דאָ אַזוי אויך קלײן, האָט ער עס נאָך מעהר פערקלענערט — פון די אַלע גאַסען אין שטעדטעל איז פאַר איהם געווען נור דער שול־הויף: פון אַלע הײזער — דער הדר, דער קלויז, דער בית־מדרש, וואו ס'איז דער מײער צום הימעל; פון אַלע מענשען — אײנוואוינער — נור דאָס ביסעל יודען, אין דאָס אויך דווקא די וואָס פון זײן בית־מדרש, יענע אַקעגען וואָס פון דעם אָדער פון אײן אַנדער קלײזעל זײנען שוין עפּעס בע... אין באמת טאַקי, כפי עס שטעהט געשריבען, איז דאָך די וועלט אַקעגען יענער וועלט נישט מעהר ווי אַ פאָר־הײזעל אַקעגען אַ פּאַלאַין, און וואָס מאַכט עס אַ יודען אויס, שוין גאָר אַ גרויסען מיט אַ באָרד אַפילו, אַז דאָס פאָר־הײזעל איז עפּעס נישט אַזוי, אַביסעל ענגליך? מילא הויקערט מען זיך אַביסעל אײן, מאַכט מען זיך אַ קאַפּעלע ניט ווייסענדיג אין שטערבעט אָב דאָס לעבען ווי עס איז, פון יוצא ווענען, אַבי איבערקומען. לעבט דען נישט דער האָרעם, להבדיל אין חריין, אין ס'איז איהם געוויס גוט און זיס, אויף כפרות די וועלט מיט דער גאַנצער „עולם הזה"?!...

שלמה הייבט זיך אָן אַרומצוקוקען ווי אײנער וואָס שטעהט אויף פון שלאָף, אין די אויגען געהט איהם אויף אַ ליכט אין אַלצדינג קומט איהם פיר עפּעס גאָר ניי, גלײך ווי ערשט פינ'ם איי אַרויסגעקראָכען. עס שטעהט זיך אַ שטעדטעל אויף אַ הויכען באַרג, חוץ דעם שול־הויף זײנען דאָ נאָך גאַסען, וואו ס'איז אויך אַ לעבען, עס געפינען זיך נאָך אי געסלעך אַזוינע, דווקא נישט קײן יודישע, וואָס זײנען, גאָט זאָל ניט שטראָפען פאַר די רעד, אפשר טאַקי רײנער און שענער, מיט גערטנער, בוימער און שאר־ירקית. — די טאָלען „באַרג־אַראָב" זײנען ערטערווײז אויך בעוועצט, בעוואַקסען מיט גרינוואַרג. זיי ציהען זיך ווייט אַרום דער שטאָדט, ציוואַרפענדיג זיך אין פערשיידענע פּאַנאָראַמעס: גערטנער, פעלדער און וועלדלעך פון ניס, אויך געמיזאַבציען, גרינבעיזאַקסענע זומפען מיט פלױשניק (זשאַווער) אין הישענית, צווישען וועלכע עס רינען קוואַלען וואַסער, עס שווימבלען און גריבלען מיני עופות. אויף יענער זײט טאָלען ווייטער בערג, חייטער פעלדער, וועלדלעך און וועלדער. שלמה'לע שטעלט אויס אַ פּאָר אויגען, קוקענדיג דערויף אינגאַנצען פערגאַפט. מיט אַזאַ מינע, גלײך ווי ער זעהט עס דאָס ערשטע מאָל.

שלמה'לע דער־געהט זיך שפּעטער, אַז דאָס שטעדטעל געהער נאָר צום גראַף ווינטגעשטיין, יודישע קינדער זיינען נור שכנים דאָ, זיצען אויף ציגנש; אַז די גוים דאָ, הערט אַ מעשה, זיינען בעלי־הבתים אַזוי גוט ווי זיי, און אפשר נאָך מעהר, האָבען אויך אַ שטיקעל ווערטה! היינט פון וואַנען, איז איהם אַ גרויס וואונדער, זאָל זיך עס צום שטעדטעל נעהמען די קדושה, דער ק"ק, ווי עס הייסט? דער מאַרק מיט די קליטען, מיט די סוחרים און טעקלערס, מיט די שינקען, אכסניות מיט די משרתים און פאַקטוירים — די אַלע זיינען, אמת טאַקי, אין דער גוטער יודישקייט, אָבער די ערד, די פעלדער אַרום־און־אַרום זיינען דאָך גוי'עשע, זייערע להבדיל!... אַ בעוויז דערויף האָט ער אין די יאַגעדעס, און די נים, — יודישע קינדער געהן מיט טעפּלעך, קריגלעך קלייבען יאַגעדעס, און וואַלד, רייסען נים און עס ציטערט אויף זיי די הויט: אָט קומט עשו, נעהמט עס אַוועק און איז נאָך מכבד מיט אַ קלאַפּ אויך. ס'איז זיי פערשטערט געבעך דאָס לעבען, דער וואַלד מיט זיינע בוימער, מיט זיינע שמעקענדיגע קרייטעכצער איז פאַר זיי נור אַ ריינע אָבקומעניש, אַ שרעק. זאָל ערגעץ פאַלען אַ בלעטעל, ענטפאַלט זיי דאָס געזונד, זאָל ערגעץ אַ פּיפּס טאָן אַ פויגעל, טוט זיי אַ טיאָכקע דאָס האַרץ. איטליכער שרייעט אין די געדאַנקען „שמע־ישראל", זיפצט נעבעך און טוט תפלה שטיל אינווענינג אין זיך, גלייך ווי זיי וואָלטען געוואַנדערט אין דער מדבר ערגעץ... ער אַליין איז דאָך געפּריווט געוואָרען, געווען אין אַזאַ צרה, נישט היינט געדאַכט, אַז ער איז געגאַנגען איינמאָל מיט אַ פּאָר חברים רייסען גרינס אויף שביעית, קוים האָט ער אָבגעריסען אַ צווייגעל עפּעס פון אַ בליהענדער באַרענבוימעל ערגעץ דאָרט נעבען אַ פּלייט פון אַ גאָרטען, אַזש צוויי שקצים'לעך טוען זיך אַ לאָז איהם אַקעגען און וואָלטען זיכער איהם געמאַכט דעם טויט. אַ נס, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען פיס, האָט ער זיך צונויפגענומען מיט אַלע זיינע קרעפטען און באַלד טאַקי געשווינד מיט אימפּעט אַוועק, אַוועק, איבערלאָזענדיג זיינע חברים אויף גאָטס בעשאָהר.

שלמה'לע קוקט זיך צו און זעהט — אָוואַ, אַ חידוש, כ'לעבען, עס זיינען דאָ יודען, וואָס גיבען זיך נישט אַזוי אָב מיט דער גמרא, האָבען און זינען אַנדערע זאַכען און לעבען אויך! ער האָט געמיינט, אַ וועלט יודען ווייסט נישט מעהר חוץ לערנען, ווי איפּצוטאָן אַ פּשט'ל, ווי צו פאַלען אויף מהרשא'ס אַ קשיא. מען אינטערעסירט זיך נור איינער ביים

אנדערן צו וויסען, וואו האַלט דער אין „ביצה“, יענער אין „מכות“: נאָך „בין־הזמנים“ אַרבייט מען אויף אַלע כלים און מען טוט זיך אַ נעהם לערנען — אין לסוף זעהט ער, אַז ס'איז עפּעס נישט אַזוי די מעשה! התחלת איז איהם די זאַך אפילו אַביסעל פריקרע, וואָס הייסט?... נאָר דערנאָך טראַכט ער ביי זיך: טאַ; מסתמא בעדאַרף דאָך נאָטעניאָ אויף זיין וועלטעל האָבען אַזעלכע יודען אויך.

אין וועמעס אַרבייט האָט עס נעקאָנט זיין, אַריינלעגען שלמה'לען אַ פינגער אין מויל, אַרויפציפיהרען איהם אויף אַזוינע זאַכען? ס'טייטש, וועמעס אַנדערש ווען נישט דעם יצר־הרע'ס! אַז אין דעם מענשען שטעקט א יצר־טוב און אַ יצר־הרע, דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַלע וויסען עס. אַ קינד אפילו. די פראַגע איז נאָר, ווער פון די ביידע קריכט דעם מענשען פריהער אין דער נשמה אַריין — דאָס הייסט, בשעת קומענדיג אַהער אויף דער וועלט אין דעם מענשענס נשמה, אַ נאָלד, אָדער אינטערגעשלאָגען מיט הינד? ווער פון די ביידע איז בערעדעווידיגער, קליגער, פּאָליטישער, פערשטעהט בעסער, ווי זיך בעליבט צו־מאַכען, ווי אָבצואַרבייטען אַנ'עסק? און ווי די מעשה איז, אַזוי צו אַזוי, איז דען דאָס אייגענע טאַקי ביי אַלע מענשען גלייך, אָדער ניין? — נאָר ענטפערן אויף די דאָזיגע אַלע זאַכען איבערהויפּט, דאָס זאָלען מוחל זיין יענע תקרנים, וואָס זיינען מחויב צו וויסען אַלצדינג, אפילו אַזעלכעס, וואָס נישט געשטייגען נישט געפלויגען. דאָ אָבער געהט די רעדע איבער שלמה'לע ר' חיים'ס.

די בעקאַנטשאַפט מיט זיין יצר־טוב און יצר־הרע הייבט זיך אָן דאָ אין דער דאָזיגער מעשה מיט איהם ערשט דענסטמאָל, ווען ער ווערט פרייער אַביסעל, אַרויסצוחאַפּען זיך פון דאָרט, פון יענעם עולם, הייסט עס — אַהער אויף אונזער עולם — וואָס דאָרט, אויף יענער וועלט עס געהט מיט א יודיש קינד פאָר, דאָס געפינדעט זיך נישט אין איהם נישט אין דעם יצר־טוב און נישט אין דעם יצר־הרע זיינעם, דאָרט געפינען זיך רבי'ס, משגיחים, בעהעלפערס, מיני נפשות אַזוינע, און אַזוינע, וואָס פיהרען איהם, לערנען איהם, קענען אַליין אָהן יענע זייער שטעדטעל בעשטעהן און שלאָגען איהם חכמות, זאַבאַבאָנעס ווערע אין קאָפּ אַריין. דאָרט געפינען זיך אויך מזיקים, מחבלים מיט אַייזערנע ריטער... שלמה'לעס ערשטער שטעל דאָ אויף דער וועלט, נאָך גאָר ביים אָנהייב, בעווייזט שוין, וואָס פאַר אַ מין יצר־הרע זיינער איז, וואָהין ער קוקט, וואָס ער טראַכט, וואָס ער זאָגט, און עס לאָזט זיך שוין ביצייטענס פאָראויסזעהן, וואָס פון איהם וועט אויסוואַקסען שפּעטער. אַ קעפּעל האָ־הא־אָ!...

שלמה׳לע איז בטבע געווען א היטבלוטיגער, און איהם איז געלעגען פערבאָרגען א פּאָטעטישער פונק, און דעריבער האָט דער יצר־הרע זיך געקליגט איופציבלאָזען דעם דאָזיגען פונק, איינגעבען איהם שכל, געפיהל, ליבשאפט צו דער שענער נאטור — א גוט מיטעל אוועקצורייסען פון יענעם עולם, ארויסצושלאָגען דאָס הולעניש פונ׳ם קאָפּ... אָט נאָר דורך זאגען אהים! פריהער מיט דער פּאָליטיקע, די שמד־שטיק און דער יראה אריינגעלעגט, אלין נאָט און זיין הייליג געבאָט — זעה, בחור׳ל, זיי מקיים א מצוה, שטערכעט ער איהם, זעה „גאָטס־וואונדער" אין דעם אויסגעשטערנטען הימעל, און דעם רעגענבויגען און אין די פונקעלדיגע טוי־טראָפּענס אויף דעם גרינוואָרג אין גאָרטען. הער „גאָטס קול" אין דונער, אין בליץ, אין שטורמווינד און אין דעם וועהען פון א שטיל לופטעלע, אין דעם זשוזשען פון בינען, זשוקילעך, און אין דעם שוועבען פון מיקען... שלמה׳לע לאָזט זיך איינרעדען, פערקוקט זיך אויף אלצדינג, שפּילט זיך און איז דערווייל מפסיק פונ׳ם לערנען. וואָס ווייטער, ווייטער ציהט עס איהם אהין אין די פרייע גרינע פעלדער, און די געדיכט פערצווייגטע וועלדער. — לכה דודי, רעדט איין דער יצר־הרע. קום שפּאצירען! שלמה׳לע גנב׳ט זיך ארויס פון שטוב און געהט איפ׳ן קבלת פנים צו דער שען הנ׳עווריגער נאטור, ווי א חתן אקעגען דער כלה!... די כלה ווינטעט זיך, לאָזט זיך איהם הערען שטיל איף א שישקענדיג קול׳כעל פון צווישען שאָקלענדיגע זאנגען ווייץ און קאָרן; ווינקט איהם דורך זשוואווע־ריהרענדיגע צווייגען פון הויך געוואקסענע בוימער; שמייכעלט, מאכט חן דורך א שיינענדיגען וויל שטראהלען, דורכברענענדיג זיך צווישען דעם גרינעם ים בלעטער. זי וויזט איהם איהר שענע רייכע גארדעראָבע, מאכט איהם א חשק אויסציהען זיך איף גרינע מיט קוויטען־בלומען געשטיקטע קאָוויאָרען, און מיט א ווייך־געשפרינקעלטע קישעלע פון מאָך צוקאָפּענס; שיקט איהם א קיש, גרייזעלט איהם די האָר דורך א מילד־וואַרם ווינטעלע און לאָזט פאר איהם ארום און ארום שפּילען א וואונדער־שענע קאַפּעלע — עס קנאַקט דער סאָלאָוויי, צוגיסט זיך אין טרעלען, דער ציזיג, דער שטיגליץ מיט דער גאנצער חברה משוררים זייערע האַלטען איהם אונטער אויף פּיסטלעך, געליינקלעך און בי׳קיל׳כלעך. ערגעץ פון דין־ווייטענס רופען זיך אָב געמבעס: א מעקען פון ציגען, א הירזשען פון פערד, פיטערענדיג זיך דאָרט אויף דער פאשע און עפּעס ווי א שיפּר־בראָזען פון קיה. פייגעלעך זינגען, שפּרינגען אויבען איף די ביימער, באָבימשקעלעך, געפּוצט־געצירט באלאָווע דרעהען זיך, טראָגען

זיך אין דער לופט, נרילען, הײשערעקען שמיצערען, מאנצען, הײבען פיסלעך אויף דער ערד אונטען. עס איז אַ לעבען, אַ וועלט נישט'קשה דאָ אויך!... שלמה'לען מיט עס אינוועניג אַ בריה, ער ווערט אויס צישמאָלצען פאַר הײסע זיסע געפיהלען. זאָל מען געווען מגדל זײן איהם ווי נױהערינג איז, ווי עס פאַסט אַזעלכען מיט גיטע מתנות פון זײן ליבען נאָמען, וואָלטען די געפיהלען זײנע אַרױסגעגאָסען זיך אין שרײבען, אין מאָלען, אין שפּילען, אַ שמײגער. שלמה'לע אָבער האָט די אַלע זאכען, חוץ תנ"ך און גמרא, נישט געוואוסט, נישט געהערט אַפילו, אַז אַזעלכע זאַכען איז אויף דער וועלט גאָר דאָ. מליצה־ביכלעך האָט ער אין די אויגען אַפילו נישט געזעהן, דעריבער פלעגט ער אין דער הײסער שעה צוגיסען זיך אין אַ טרעלעליקען — אין אַ נגון'דעל פון זמירות, אין אַ ווײנענדיגס צו אַ „בעדעקענס“, אָדער געזאָגט „ברכי־נפשי“ הויך אויף אַ קול, צוקײענדיג איטליכס וואָרט, און געפיהלט דערבײ עפּעס גאָר אַ בעזונדער טעם.

דאַכט זיך און אָנהױב גאַנץ גוט, וואָס קען מען, האַ, צו אַזאַ יצר־הרע האָבען?...

10.

מילא נאַטור־שמור נאָך צו דערליידען. הגם ס'איז דאָך אַ נאַריש־קייט, נישט ווערטה צו פערלירען דערויף אַ מינוט צייט אַפילו, גלאַט אַזוי זיך אָהן אַ שום נוצען; נאָר דאָס, וואָס איז נישט שען, פּאַסט נישט פאַר אַ יודען, אַ בעווייבטען, אַ טרוד אין דער פרנסה, קען מען עס נאָך ווי ס'איז מתיר זיין אַ יונגעל: מהיכי־תיתי, שפּאַציר דיר אַ מאָל הינטער דער שטוב — אויף דער נאַטור, ווי הייסט עס ביי זיי דאָרט, וואַלגער זיך אויף דער ערד, אויפ'ן גראָז און קוק דיר אָב, אָט איז אַ זשוקעל, אַ משה־רבנו'ס קיהעלע, אַ פייגעלע, אַ שמייגעלע! פאָרט נישט מעהר ווי אַ נאַריש יונגעל, אָבער אַלצדינג, שייגעץ מיט אַ מאָס. פערגעס נישט, יונגאַטש, אַז אַ יודיש קינד בעדאַרף לערנען, אַז אַ יונגעלע, דו שנעק איינער, בעדאַרף אין זינען האָבען די גמרא, עפּעס איז דאָך, שקאָץ, אַ גמרא „ביצה", „כתובות" אויך דאָ אויף דער וועלט!..

יאַ, ווען אַזוי וואָלט מען צו שלמה'לען גאָר ניט געקענט האָבען, מילא איז ער זיך אַביסעל... ווייס איך וואָס? גאָר נישט! די צרה טאַקי איז דאָך אָבער, וואָס ער האָט נישט געוואוסט קיין מאָס, האָט זיך אַביסעל טאַקי פערגעסען, פלעגט פערפאַלען ווערען אַ מאָל און פערשפּעטיגען אַ היים צו מיטאָג. דער טאַטע האָט עס נישט בעמערקט, ווייל שטענדיג איז ער בעשעפטיגט, פלעגט תמיד, חוץ שבת און יום־טוב, עסען בעזונדער, נישט אינאיינעם מיט דעם הויזגעזינד. די מאַמע ווידער האָט געהאַט צו טאָן מיט דעם בעל־הבית'ישקייט, פערנומען געווען מיט איהרע זאַכען. און אַז זי איז אַקעגען איהם איינמאָל אַרויס מיט דער שפּראַך: וואוהין ווערט עס אַ יונגעלע פערפאַלען? דערביי איהם געשראָקען, אַז זי מוז עס ניש'קשה דערצעהלען דעם טאַטען — האָט שלמה'לע זיך געמאַכט תם, געענטפערט מיט אַזאַ מינעלע, ווי איינער, וואָס איז גאָט די נשמה

שולדיג, סטיטש, ער איז דאָך נעװעסען די גאַנצע צײַט איבען, הע־הע, אין דער װײַבערשער שול און געלערנט!

אָט דערנסטמאָל ערשט, אַז שלמה'לע איז שוין פערקראָכען אַביסעל װײַטליך, האָט דער שלי'מזל'ניק, דער יצר־טוב זײַנער, זיך אױסגעשלאָפען איהם גוט אױסשײַנעצען — אַזױ און אַזױ קונדים אײנער! לא־די װאָס נעהסט אַרום שלינג־און־שלאַנג, אָבגעריסען זיך פונ'ם לערנען, ביסט־דו נאָך צו אַלע צרות אַ ליגנער אױך — נאַרסט אָב, װעמען נאָך? אין אײ־גענע מאַמען! דער גיהנם איז דאָך פאַר דיר קאַרג.

אױ, אַ װעהטאָג אַ גרױסער, דעם גיהנם האָט דאָך שלמה'לע גוט געקענט פונ'ם „שבט מוסר” און נאָך אַזעלכע ספרים, װאו יענע בעשרײַ־בען די זיבען מיני העלישע פײַערען, אין װעלכען עס פרעגלען זיך, עס קומען אָב די אָרעמע בעלי־עבֿרות; אױך די משונה װילדע מלאכי־חבלה מיט די אײַזערנע ריטער; בעשרײַבען איטליכעס פיצעלע בעװנדער, גלײַך װי זיי האָלטען דאָרט געװען אַלײן, אַלצדינג געזעהן מיט אײגע־נע אױגען! — אױ־װעה, ס'איז דאָך עפּעס גאָר ניט גוט! װאָס טוט מען? —

שלמה'לע טוט תשובה!... ער דאַװענט, בעט, גיסט אױס זײַן האַרץ פאַר גאָט שטילערהײט מיט געפיהל, און זאָגט איהם צו הרים־וגבעות; נעהמען זיך בלי־נדר װײַטער צום לערנען, זײַן, אם־ירצה־השם, אַ יוד, טאַקי װאָס אַ יוד הײסט — הױן דעם בית־מדרש נישט אָנקוקען די װעלט, פע־פע!...

דאָס איז אָבער נאָר געזאָגט. פערפאַלען! איז אין אַ מענש דאָ גע־שמאַק, געפיהל, בעהיט זאָל מען װערען, לאָזט זיך עס נישט אַזױ גרינג מיט דער האַנד אַװעקמאַכען. איז איהם געפעלען, מעשה־שטן, די מגושם־שענע װערק גאָטס, פשוט אין דער פאָרמע, אין דער געשטאַלט װי זײ זײַנען, װעט קײן מוסר־ספר נישט קענען עס איהם פער'מיאוס'ען, מאַ־כענדיג דערפון אש, עפר ואפר... עס װעט איהם, נישט פאַר װידישע קינדער געדאַכט, עפּעס גאָר װי אַ מאַגנעט ציהען, ציהען, ציהען... שע־נע צורות, גוטע זאַכען, זונדיגע מענשען דערמיט צו פערפיהרען, זײַנען פאַר דער יצר־הרע אױף דער װעלט דאָ געניג, איבערגענוג — װילסט נישט דאָס, נאַ־זשע דיר, נשמה'ניו יענס, דאָס כלומר'שט איז פע, נאַ־זשע דיר, שלמה'לע, אַ פראַדיל, אַ שענס, אַ פּנים, מלא חן!...

פראדיל, נאך גאר א קינד, מיט שלמה'לען און איינע יאהרען,
שטאמט פון ליטווישע עלטערען, ר' חיים'ס שטיקלעך מחותנים, וואס האָ=
בען מיט עטליכע יאהר צוריק זיך בעזעצט אין דעם שטעדטעל ק...
פראדיל פלעגט זעהר אָפט קומען צו ר' חיים'ן אין הויז, זיך שפּילען מיט
די קינדער דאָרט, איז בעליבט געוועזען ביים גאנצען הויזגעזינד פאר איהר
גוטסקייט, פאר איהר שענקייט — און שלמה'לע האָט זיך אויס איהר גאָר
נישט געקאָכט, גלייך ווי זי איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. פראדיל —
פראדיל, איינע וואס האָט געהייסען פראדיל! מיט א מאָל אָבער וואקסט
פאר איהם אים פלוצלים, ווי פון דער העלער הויט, א פראדיל, א בילד
שענע, גאָר אַנטיק — און עס גיט איהם עפּיס א ציה, א טיאָבק דאָס
הערצעלע, עפּעס לייפּט איהם ווי א הייסער שטראָם דורך די אלע גלי=
דער, רויט און בלייך ווערט ער אויף איינמאָל! עס ציהט איהם, עס
גליסט זיך איהם אויף איהר צוקוקען און קוקען, נאָר גוואַלד רבונו־של=
עולם, וואס טוט מען מיט דיר? ס'איז דאָך א גרויסע עבירה!... ער
ראַנגעלט זיך מיט דעם יצר־הרע, ווי א יוד, א ווילדער עקשן: ניין, מען
טאָר נישט, ניין ניין, וועסט ביי מיר נישט פּועל'ן — און האָפט לסוף נע=
בעך א קליין קוקעלע! שפּעטער אַביסעל — שוין עטליכע, וואָס וויטער,
וויטער ווערט דאָס ראַנגלען זיך זיינס מיט דעם יצר־הרע שוואַכער, די
מורא פאר גאָט שוין נישט אַזוי ווי די מורא פאַר לייט — אוי, לאָז האָטיש
אַ זייטיגער מענש עס נישט בעמערקען, חלילה. אין הינדערטען פאַל,
תּאָמר שטויסט זיך עמיצער אָן, איז איהם ניחאָ בעגראָבען זיך לעבעדי=
גערהייט. ער האָט אָנגעהויבען פאַר מורא זיך אַרומציקוקען, ווי אַ גנב,
הושר זיין ביי זיך איבליבען אין שטוב, תּאָמר האָט דער עפּיס אָנגע=
שמעקט, תאמר ווייסט יענער וואָס אין האַרץ ביי איהם טוט זיך אַזוינס,
גלייך ווי ער וואָלט געווען פון גלאָז, דורכזיכטיג, מען זעהט זיינע געדאַנקען,
זיינע געפיה־לען, אַלצדינג וואָס איניוועניג אין איהם געהט פאָר.

די מורא זיינע איז אָבער געווען אימזיסט. ווען אפילו עס זאָל מעג=
ליך געווען אַריינצוקוקען איהם אין האַרץ, וואָלט מען נאָר געקיקט ווי
דער האָהן אין „בני־אדם", נישט צו וויסען דעם פּירוש פון זיינע געדאַנ=
קען דאָרט. ליעבעס, דאָס איז נישט פאַר דעם יודישען מוח, דאָס איז
פאַר איהם תּרגום. ביי יודען איז גאָר אַזוינס נישט דערהערט געוואָרען,
בפרט נאָך דעמאָלט אין יענער צייט, און נאָך וואו? — אין אַזוינע קליי=
נע שטעדטלעך ווי ק... און נאָך ביי וועמען? — ביי מענשען פון'ם בעלי=
בתּישען שטאַנד!... פאַלש איז דער חן און נאַריש די שענקייט, זאָגט

דער פסיק, ליעבעס איז איך נישט קין איביג געװעהר. בױען דערױף דאָס פאַמיליענלעבען, דאָס אײגענע גליק און דאָס גליק פון קינדער איז װי שטעלען אַ בנין אױף אַ היהנעדיש פּיסעל. הײנט ביסט דו שױן, בליהבט װי אַ רױז, מאָרגען ביסט דו פערדאַרט; הײנט געה איך איס נאָך דיר און מאָרגען — נאָך עמיצען אַנדערש, געה דיר צו אַלדי שװאַרץ יאָהר!... חתונה האָבען, קינדלען — דאָס איז בײ ידען אַ גאָטס געבאָט. עהרליך האַלטען אַ װײב, זי ליעב צו האָבען, װײל זי איז אַ װײב, אַ בעל־הבית׳טע, אַ מאַמע פון קינדער, און זאָרגען זיך פאַר דעם הױזגעזינד — דאָס איז אַ הײליגער חוב, אַ מצוה, װאָס דערױף איז זיך אַ יוד מקריב. און אָט דאָס מאַכט דאָס צוזאַמענלעבען דעם פאָלק ישראל אַ שטיק געזונד, דאָס אײביגע לעבען; אָט דאָס איז אונזערע עלטערן אַלע מאָל בײגעשטאַנען אין די נױטען. איז שלעכט, ביטער, פינסטער, טרױעריג דאָרט אין דער װעלט, דערפאַר איז נאָך, זיס, ליכטיג, פרעהליך בײ זיך אין הױז צװישען אײגענע — נעבען װײב און קינדער!... יאָ, אַזאַ זײפענבילבעלע װי ליעבעס, װאָס פּלאַצט, צושפּרינגט פון אַ בלאָז, האָט מען בײ ידען אין יענער צײט נאָך נישט געװאוסט. דאָס איז אײנמאָל. הײנט צװײטענס, װען אפילו יאָ ליעבעס, בײ מענשען אפילו פון הײנטיגער װעלט, װאָלט בשום אופן זײ נישט געקענט אײנפאַלען, אַז בײ קלײנע קינדער זאָל גאָר געמאָלט זײן אַזױנס! קינדער זענען קינדער. יונגלעך, מײדלעך, װאָס מאַכט עס אױס, אָדער זײ שפּילען זיך אונאײנעם מיט צאַצקעס צװישען זיך, אָדער די ניאַנקעס, באָנעס, גובערנאַנטקעס שפּילען זיך, צאַצקען זיך מיט זײ, קושען זײ, האַלזען זײ, און — גאָרנישט, פרעגט זײ בהרם!...

זאָל דאָס אײגענע מאַכען, װאָס בײ שלמה׳לען, זיך געװען מאַכען מיט אײנעם, אַ דערװאַקסענעם מענש, װאָלט עס אױטענליך אין איהם געבליבען פערבאָרגען. עס װאָלט זיך אַרױסגעװיזען איהם אין דעם פּנים, אין דעם רעדען ובדומה נאָך אין אַנדערע זאַכען, עס װאָלט דערפון געװאוסט בפירוש, נישט אנדערש מאַכן, דער אַנדער צד אײך. ליעבען זײ געװעהנטליך איז אַ שרפה, װאָס װערט אונטערגעהאַלטען פון מאַטעריאַל, מגושמ׳דיגע זאַכען. עס ברענט עס קנאַקט ביז פנ׳ם מאַטעריאַל װערט האַלאָװעשקעס און דאָס פײער לאָזט זיך איס מיט אַ ביסאַר, אַ רױך... שלמה׳לעס ליעבע אַקעגען, דאָס איז אַ רײנע, אינזױניגסטע, אין זיך אַלײן; דאָס איז יענס געטליכעס פײערל, װאָס האָט געברענט אין דער דאָרענבוים און איז נישט געװאָרען פערברענט; דאָס איז אַ בליץ פון גײסט,

אַ חשק, אַ גלוסטען צו שענקייט, וואָס לאָזט זיך דערקענען אין דעם רויט־פאַרביגען הימעל בײַ׳ם אויפגאַנג פון מאָרגענשטערען, אין פּיקען זיך פון יעדער רייז, אין פרישע פּירפּער־ליפּען, אין חן־גריבעלעך, אין דעם מילדען שמייכעלע און אין דעם וואַרעמען בליק פון ברענענדיגע אויגען... דאָס איז יענע ליעבע, וואָס ברענט ווי אַ „נר־תמיד“ אין האַרצען בײַ פּאָעטען — פון גאָט געליטזועליגטע מענשען; וואָס וואַרעמט די נשמה, ניט אַ מאָל אַ נעהם אויסצוגיסען זיך אין געבעט, אויסוויינען זיך פאַר גאָט שטילערהייט...

עס פערשטעהט זיך, אַז שלמה׳לעס ליעבע איז, אַזוי גוט ווי פאַר אַנדערע, אויך פאַר פראַדלען געווען אַ סוד! אַבי ער ווייסט, ווי שטאַרק אָנגעלעגט בײַ איהם איז, אַז זי קומט צו גאַסט, ווי עס טוט איהם הנאה, אַז ער חאַפּט בגנבה אויף איהר אַ קוק, אַז ער עסט זי מיט די אויגען הינטערוויילעכס, און וואָס, האַ, וועט אַרויסקומען, איהם אָדער איהר, אַז זי וועט עס אויך וויסען? — פאָרט וואָס?... און גאָט אַליין וואָס קען עס איהם אַרען? — טראַכט שלמה׳לע, טרייסטענדיג זיך אין האַרצען — מה רעש, אַז עס טוט זיך אַ מאָל אַ קוק! אָבער מיט איהם, מיט דעם לערנען, מיט דעם דאַווענען געהער עס זיך בלל גאָרנישט אָן. זיינס בעקומט דאָך דער רבינו־של־עולם פּינקטליך: אַ שחרית, אַ מנחה, אַ מעריב טאָג־טעגליך צו דער צייט, און אַ נדבה, זאָל נישט אויסגערעדט זיין — עטליכע קאַפּיטלעך תהלים אַ מאָל אויך!...

נאָר ווער ווייסט, אפשר אין דעם זכות טאַקי איז שלמה׳לען בעשיינפערליך געשעהן אַ נס פון גאָט, אַז ער איז געשטאַנען אין אַ סכנה איינמאָל, אַליין דעם סוד זיינעם אויסצוגעבען.

שבת־נחמו, ווי דער וועלט איז בעקאַנט, איז אַ טאָג פון שמחות, סעודות בײַ יודישע קינדער אין די שטעדטלעך. נאָך מיט אַ וואָך, אָדער אַ פּאָר וואָכען פריהער שמועסען קינדער, פּעקלעכווייז, צווישען זיך אָב, צומאַכען יענעם שבת אַ סעודה דערפּין, וואָס איטליכער וועט בעצייטענס מיט דעם גוטען ווילען זיינעם ברענגען צו דעם, בײַ וועלכען חברה האָט אויסגעקליבען. און באַלד טאַקי הייבט זיך אָן איין עסק פון טראָגעניש, וואָס מען קען נאָר, כשר צו בגנבה, בײַ זיך אין דער היים דערטאַפּען. איינער ברענגט אַ שטיקעל קיכעל, אַ גרינעם עפּעל, אַ מער —

בשתיקה פונ׳ם בינטעל וואָס צום ציטעס; דער אַנדערער אַ געלע גרויסע אוגערקע, אַ האַלב איי, אָבגעשפּאָרט נעבעך פון זיין מיטאָג: דער דריטער דאָס, דער פערטער יענס. אַ דאַר שטיקעל ברויט, אַ רעטיכעל, אַ ציבעלע, אַנ׳עקעל פון אַ הערינג איז אייך אַ סחורה. אַזוי טוען רענבמאָל קינדער־קונדסים, קינדער־בר־מצוה־בחורים — האָבען חתונה. אָט אין אזאַ שבת־נחמו, ביי טאָג נאָך דעם שלאָף, איז געווען, אָהן עין־הרע, פרה־ליך, אַ רעש, אַ געפילדער פון קינדער, יונגליך און מיידליך, דאָרט אויפ׳ן פרייען פּלאַץ נעבען ר׳ חיים׳ס שטוב. ביי אַ טייל קינדער איז דאָס מויל, די ליפען געפּאַרבט, מיט וואָנציעס, פון געקאָכטע שוואַרצע יאַגאָדעס און האָבען אַ פּנים ווי משונה ווילדע בריות, עפּיס נאָר אַ שרעק! ווידער ביי אַ טייל פּיערט אַ באַק, צודראַפּעט אַביסעל די נאָז — צייכענס פון די גבורות זייערע אין דער מלחמה. עטליכע זענען ביי דער סעודה פריהער נישט צופרידען געווען מיט זייערע חלקים. איטליכער קוקט וואָס ביי יענעם און זיינס איז גאָרנישט — עפּיס אַזוינס, וואָס קיי־טפיי, פויל, ביטער, טפוי זאָל עס ווערען! הענד האָט דאָך נאָט געגעבען, נעגעל אייך, נעז, אָהן עין־הרע, ביי יודישע קינדער זענען אייך דאָ, נו האָט מען זיך אַביסעל, ווי דער שטייגער איז — צודראַפּעט. טאַקי נאָר אַביסעל, וויל דער טאָג שטעהט נישט, נישטאָ קיין צייט, מען בעדאַרף זיך שפּילען. אויך פראַדעל האָט זיך געפונען צווישען די קינדער, זי איז געזעצען וואַנדער־שען, עפּיס נאָך שענער ווי תמיד, און שלמה׳לע האָט זאַט אָנקוקען זיך אויף איהר נישט געקענט.

אויף דער לאַנגער, נידעריגער באַנק דאָרט פאַר דער שטוב זיצען ווייבער שכנות, בעקאַנטע, צווישען זיי שרה, אייך גיטעל, פראַדעלס מאַמע, און די גוטע לייבציכע. מען זיצט חלילה נישט לעדיג — מען רעדט, מען רעדט זיך אויס, איטליכע וואָס אויף דעם האַרץ. איינע אַ מעוברת׳ע, אַ דיקע מיט געלע פלאַמיעס אויף די באַקען, קלאָגט זיך, אַז עס שפּאַרט איהר אונטער׳ן לעפעלע, אַ פּנים פונ׳ם טשאָלענט. זי שוויצט, פאָכט זיך מיט דעם עק פאַרטוך, פערוואַרפענדיג אַרונטער דעם קאָפּ, איין וואָרט, אַיין געשריי:] אָי וואַי נעהמט מען אַ קאַלטען טרונק וואַסער! ס׳איז דאָ אויך יענע יודענע מיט דער ספּאַזמע, וואָס געניצט גאָר אַ שרעק, שפּייט און ווישט מחילה די נאָז. איינע אַ דאַרע, הויט און ביין, נאָך היזעריג פון די תשעה־באב׳דיגע קינות, רעדט מיט דעם גאַנצען כח אויף אַ צודריי־פּעט־פערדומפּענעם קול, קוים וואָס זי חאַפּט דעם אָטעם, קיכט, הוסט, אַרויסשטעקענדיג נעבעך די צונג. אַ גאַנץ לייטישע, שענע יודענע מיט

פערזאָבענע אייגענע אָהן ברעסטען קוקט אַריין אַ קינד, וואָס בײַ איהר איפ'ן שויס, אין קעפּעל, וויזענדיג אייך אנדערע נעבען איהר, אויף אַ ציקאַוועשין, וואָס פאַר אַ מיטעל וועלען זיי ראטען... לייבציכע קען, שינאַציין, זיך נישט צורייסען, אזוי פיעל אַרבייט האָט זי אַצינד. אַ קאַטאַוועס עפּיס מיט אַזאַ עולם ווייבער איבערצורעדען, אימליכער זאָג אַ וואָרט, דערצעהל אַ מעשה, גאָר נישט לאַנג געטראַכט! היינט האָט דאָך גאָט געגעבען אייגען אויך, אַז זיי זאָלען אומעטום קוקען, נישט אויסצולאָזען חלילה קיין שום זאַך, בײַ אזוי פיעל אַרבייט וועט גאָר קיין וואונדער נישט זיין, אַז לייבציכע פערפלאָנטערט זיך אַ מאָל, מיישט איים, ווי מען זאָגט „קאַשע מיט מאָהן" עטליכע מעשיות אינאייגעם, אין דער האָפענונג, אַז מען וועט זיך אָנשטייסען, ניש'קשה, אין אימליכע וועט פינ'ם אויסמישעניש אַרויסנעמען דאָס, וואָס איז איין אנצוהערעניש אַקעגען איהר.

— למען השם, זיך נישט געקוועטשט! אַז דעם מגיד, געדענק איך, איז דאָס צינגעל אַראָבגעפאַלען, האָט ער, דער זיידע, איהם געזאָגט עליו השלום: שאַ האַלט זיך, זייט מוחל, איין, קוועטשט זיך נישט אַזוי — רעדען... אַז עס הייבט אָן צושפּאַרען, נישט געפּריוועט זאָל מען ווערען, שפּאַרען אָט דאָ אונטער דעם לעפעלע, איז איין ברירה: עפען אַ מויל, ברען אָב, גיב אַרויס וואָס דאָרט אין דיר איז און האַלט נישט... אָהאָ, האַלט ער זי עס אַביסעל! נאָכגעיאָגט, געחאַפּט אין האַלט זי, דאָס שוין בחור'ל, יאָ־האָ־האָ!

אָט די דאָזיגע לייבציכעס ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען אַקעגען דער הייזעריגער אין דער מעוברת'דיגער יודענע. אין חאַפּענדיג דערווייל אַ קוק אויף די קינדער דאָרט, וואָס שפּילען זיך אין זשמורקעס, זעהט זי, ווי שלמה'לע יאָגט זיך נור נאָך פראַדלען, אַלין מיט איהר און לאָזט זי פונ'ם אויג נישט אָב.

— איי, גיטעלע, איך האַלט עס נישט אויס! — מאַכט לייבציכע, שאָקלענדיג מיט'ן קעפּעלע פון דערווייטענס צו פראַדעלס מאַמע — איי, איז זי שוין, אייער פראַדעלע, כ'איז איהר אין פּנים נישט אַריינצוקוקען ווי אין דער ליכטיגער זון!

— ניט איהר נאָר קיין עין־הרע נישט! ענטפערט אָב גיטעל'

וואָס האַלט אין אַ שמיעס מיט אַ פּאָר ווייבער איבער דער דאָליט זייערער.

— טפּוי־טפּוי! — שפּייט לייבציכע, פערדרעהענדיג די נאָז מיט אַ ווינק אייף יענער מיט דער ספּאָומע — אַ גענייצען אביסעל, אַ שפּייען!... ביים אָבשפּרעכען אַ גוט אויג די באָבע, מיר צו לאַנגע יאָהר, מיידעלוויז, שען בין איך געווען ווי גאָר די וועלט, מען האָט זיך אייף מיר געהאַנגען. מאַכט זיך א מעשה פּליטים נאָר אימגעריכט... שאַ, שרה׳ניו, די ביזט דאָך עס מחיב צו גערענקען — דרעהט זי זיך געשווינד אים צו שלמה׳לעס מאַמע — קוק נאָר אָן דאָרט, אין מחשבות׳ן, דיין בחור׳ל! לויפט איהר נאָך ווי א קיה אַ קעלבעל, פּראַדלען. האַ? וועהר אַ שען פּאָרעל... הליאי אין גיכען, רבונו־של־עולם, זאָל יאַהנע־סאָסיע דיר זאָגען מזל־טוב! געדענק מיינע ווערטער,

— אַנ׳אַיינפאַל אַביסעל, נאָך אַזוי יתנג!

— ביזט עס, שרה׳ניו, מחיב צו גערענקען די מעשה א מאָל, אַ מאָל בשעת דער בהלה. וויפיעל, האַ, מיינסט־דו, איז מיר דענסטמאָל געווען צו דער התונה? מיינער איז נישט מעהר געווען ווי אַ יאָהר אַכציין, און אפשר טאַקי נאָך וויינינגער.

— אודאי מיט עטליכע יאָהר צוריק, בשעת דער בהלה פון די שקאָלעס, נישט היינט געדאַכט, ווען דענסטמאָל פּראַדעל זאָל זיך אונטערריקען, העיהע! וואָלט געווען טאַקי די רעכטע צייט. מסתמא איז דאָך עס נישט בעשעהרט. אַצינד איז עס, נאַרישקייטען...

— יאַהנע־סאָסיען זענען גאָך, ברוך השם, די אייגען נישט אַרויס... אָט זעה איך, זעה! — די דאָזיגע לעצטע פּיער ווערטער האָט שוין לייבציכע געזאָגט דער יודענע מיט די פערזאָמטענע אייגען, וואָס האָט איהר אָנגעטאָן כביר, גלייך ווי די אַלע אַנדערע דאָ, אין דאָס קינד מיט דעם קעפּעל כמעט אונטער דער נאָז איהר אונטערגערוקט. לייבציכע האָט ווי אַ געניבטע עס בע־

טראכט, דערויף פאַמעליך נעבלאָזען, אָנגעהויבען צו דערצעהלען מכח דעם אַ לאַנגע מעשה, אין פערקראָכען ווייט, אַזוי אַז זי האָט דער־ווייל אין שלמה׳לען זיך פערגעסען.

שלמה׳לע האָט גענומען בענשען גומל. ווען נישט די מעשה, וואָלט ער, חס־ושלום, ווי די בירגע קאַין געבעך אַמאָל, טרוקען פון לייבציכען נישט אַרויס!...

———

.11

מען קען זיך שוין פאָרשטעלען, וואָס כאַר אַ טעם „ביצה״ קען האָבען נאָכדעם אַז מען טוט אַ לעק פון יענע זאַכען, צו וועלכע דער יצר־הרע גיט אונטער אַ חשק. געה פערשפאַר זיך, לערען און טראָג זיך איבער מיט אַלע געדאַנקען העט־העט אין אַזאַ ציים, אין אַזאַ אָרט, גאַנץ ווייט אין פרעמד פון דיר, בשעת פאַר די אויגען שטעהט דאָ גאָנץ וועלטעלע מיט שענע גוטע זאַכען, וואָס ציהען דיך בײַ דער נשמה: נאַ, פערזוך, ניש׳קשה, און וויים פון דיין חיות צו זאָגען! שלמה׳לע איז אַצינד עפּעס ווי דערוויטערט געוואָרען פון „יענעם עולם״, אין וועלכען ער איז געווען אַריינגעטאָן פריהער מיט לייב און לעבען — דער קאָפּ זיינער ליגט שוין נישט אין דער גמרא ווי אַ מאָל. עס גלוסט זיך איהם דאָס, יענס און ער האָט אין זינען הבלי־העולם. דאָס שטיקעל „לייענען״ פאַר דעם טאַטען מאַכט ער נאָך ווי ס׳איז, זופט אָב אַ בלעטעל גמרא אין־האַפּעניש, אינדאַיילעניש עט אַזוי, אַבי גע׳פּטר׳ט, איבערגעקומען, און שפּאַצירט זיך דערנאָך דעם גרעסטען טייל טאָג אַרום. ער זוכט זיך אויס נייע מיני געגנ, נייע מיני חברים, זיין גלייכען, נישט זיין גלייכען, יונגער צי עלטער פון איהם, וואָס מאַכט עס אויס? אַבי זיי זענען איהם צום האַרצען, עס פערברענגט זיך מיט זיי די צייט, עס שמועסט זיך, עס טראַכט זיך און עס פיהלט זיך עפּעס אַזוי גוט, אַזוי געשמאַק...

שלמה׳לע חאַפּט זיך עפּטערס אַריין צו אײַזיק דעם שמיד אין קוזנע, בעזונדערס, ווען אין־דרויסען איז נאַס, קאַלט און איהם איז עפּעס איבע־טיגליך אויף דעם האַרצען. ער זיצט זיך דאָרט אין אַ ווינקעל און קוקט פערטראַכט. אין קוזנע איז טינקעל, אַקעגען איהם פּאָכט היזעריגליך אַ לעדערנער, געלאַטעטער בלאָזזאַק. ער טוט אַ בלאָז און אַ זייל פונקען שפּרינגען, טאַנצען ווי די רוחות און איבען, עס קומט איהם דערביי פיר יענע מעשה אין חומש, אַ מאל, אַ מאָל — ווי אברהם־אָבינו זיצט מרהי

שחורה'דיג אין דרעמעלט. די זון געהט אונטער. עס איז אַ נעבעל — אין אָט אין איין איבען רויך אין אַ פלאַם־פייער... די פונקען שפּרינגען אין שלמה'לעס גראַנקען פערפליהען ווייטער־ווייטער; עס מאָלט זיך איהם עפּעס משונה'דיגע צורות, דרעהענדיג זיך צווישען די פונקען און דראַפּענדיג זיך פון דאָרט אויף די אָבגעשיינטע ווענד אַקעגען. עס בייטען זיך די געשטאַלטען, אַרויס־אַריין, ביז עס טוט איהם שיינענדיג זיך אַ ווייז פראַרעל! ער ווערט צוקאָכט, נעהמט זיך מיט גרויס חשק זי צו בע־טראַכטען, קוקט־קוקט און דערזעהט בעשיינפערליך די ליכטיגע צורה פון אַייזיקען, וואָס הידעט־אונטער, פערגרעסערט אַלין דאָס פייער. פלוצים, אין דער הייסער מינוט טאַקי, האַפּט אַייזיק פונ'ם העלישפייער אַרויס מיט צוואַנגען אַ גליהענד שטיק אַייזען, און האַלטענדיג עס אַזוי אויף דער „קאָוואַדלע" מיט איין האַנד, שלאָגט ער עס מיט דעם האַמער אין דער אַנדערער האַנד, בשעת אַ געזונטער, ברייט־ביינעדיגער, צו־הראַסטעטער בחור, בעוואָפענט מיט אַ גרויסען, שווערען האַמער קלאַפּט דערויף אַקעגען. אַייזיק איין קלאַפּ, דער בחור צוויי; אַייזיק אַ דרעה דעם אַייזען אַהער, דער בחור — קלאַב; אַייזיק אַ דרעה אַהין און דער בחור קלאַפּ־קלאַפּ, אַזש פונקען פליהען... ס'איז דאָ פאַר שלמה'לען וואָס צו זעהן, אַ מאָל עפּעס אַנדערש, ס'איז דאָ פאַר איהם אויך וואָס צו הערען — די אַרבייט האָט ליעב אַ המצאה, אַ ווערטעל, עס זאָל געטאָן ווערען לעבעדיג, פרעהליך. דאָרט ווערט אויך דערצעהלט שרעקליכע מעשיות, וואָס דאָס לייב גרוילט הערענדיג זיי. אין מענשען צום רעדען איז, ברוך־השם, נישטאָ קיין מאַנגעל. ס'איז דאָ גענוג, אי אייגענע, אי פרעמדע, וואָס קומען געבען אַרבייט: דער קומט מיט אַ שטומפּע האַק, יענער קומט מיט אַ צעבראָכען מילעכדיג קלינגעל, אַנ'איבערגעדרעהטען שלאָס, איינער קומט פּידקאָווען אַ פערד און דער אַנדערער אַרויפציהען אַנ'אַייזערנע רייף אויף אַ ראָד. — אַייזיק אַליין איז בטבע געווען זעהר בערעדעוודיג, אַ צוגעלאָזטער מענש, מיט אַבי וועמען זיך אַריינגעלאָזט אין אַ ברייטען שמועס. בעזונדערס האָט ער ליעב געהאַט אַריינלאָזען זיך אין הקירות, געבען יענעם צו פערשטעהן דעם שפּיץ פון אַ זאַך, און דערקלערען, פאַר וואָס אוז יענס אַזוי און איז נישט אַזוי? פאַר וואָס נעזולעכער, אַ שטיינער, זענען אין דער נאָז אונטען, נישט אויבען, די לופט צו אָטעמען איז דאָך פון אויבען פרישער, ריינער ווי פון אונטען, מחילה? אַזאַ קשיא האָט ער זיך גענקענט פרעגען, פערקנייטשענדיג זיך גאַנץ ערענסט, און דערנאָך פערענטפערן עס מיט אַ גוט שמייכעלע, אַזוי: דאָס איז, פערשטעהט איהר

מיך, גאַנץ שכל׳דיג! כּדי דער רעגען זאָל אַהין נישט אַריינרינען, אין דער נאָז, פערשטעהט איהר מיך. נאָך אין נאָך קשיות אַזעלכע פלעגט ער פרעגען, וואונדערענדיג זיך אויף דעם סדר־העולם, איף די ווערק גאָטס און זיין פיהרונג אין דער וועלט, אַלץ: פאַר וואָס, פאַר וואָס, און לסוף אויסדרינגען על פי חקירה, אַז אַזוי ווי עס איז, אַזוי מסתמא בעדאַרף זיין, אַזוי מסתמא איז גאַנץ גוט, גאָט, ניש׳קשה, איז גערעכט, די קאַץ האָט דעריבער שאַרפע נעגעל, כּדי זי זאָל זיך קענען דראַפּען אויף די גלייכע װענד, דאָס פערד האָט דעריבער אַ װײדעל, כּדי אַראָבשמייסען פון זיך דו פליגען, און די פליגען ווידער האָבען דעריבער פליגעל כּדי געשווינד טאַקי אַוועקצופליהען... לערנען האָט אַייזיק דער שמיד דוקא גאָר ניט געקענט, פונדעסטוועגען האָט עס איהם כּלל נישט געשאַדעט צו די חקירות זיינע, צו הייסען בּיי׳ם עולם: אַייזיק דער חקרן. לערנען מיט חקירה זענען אַ פּנים גאָר צוויי בעזונדערע זאַכען.

געניג שען האָט דאָך אַייזיק דער שמיד די גאַנצע וואָך זיך אויסגענומען, שטעהענדיג אין אַ צעלעכערטען לעדערנעם פאַרטיך, אָהן אַ קאַפּאָטע ביי זיך אין קוזנע און זאָגענדיג דאָרט חקירות, נאָר נאָך שענער אויסגעזועהען האָט ער שבת און יום־טוב פאַרנאַכט איפ׳ן שולהויף. ער שטעהט זיך דאָרט אָנגעטאָן אין אַ לאַסטיקענע זופּיצע, איפּ׳ן קאָפּ אַ שטריימעל, גלייך מיט אַנדערע כּבוד׳יגע בעלי־בּתּים, און דרשה׳ט פאַר אַ רעדעל מענשען אַרום איהם, אַריינשטעקענדיג איין האַנד אין דעם גאַרטעל ביז דעם גראָבען פינגער. אַלץ וואָס וייטער פערגרעסערט זיך דאָס רעדעל, עס ציהט אַיטליכען עפּעס ווי אַ מאַגנעט צוגעהן נעהענטער, צולעגען איין אויער און האָרכען, וואָס זאָגט אַייזיק דאָרט עפּעס אַזינס. עס געהט דאָרט אַ שמועס איבער צימעס, דערנאָך אַ חקירה: וואָס צימעס? וואָס טייטש צימעס? מען קומט פון דעם ענין אַרויף אויף פאַסטערנאַק, און אייזיק נעהמט זיך דערקלערען על פּי הקירה, פאַר וואָס פערלירט פאַסטערנאַק דעם טעם באַלד נאָך דעם ערשטען רונער. ער פערפּלאָנט זיך אין דער הקירה און פערקריכט אויף קראָפּיווע: פאַר וואָס קראָפּיווע זייהט מען נישט און עס וואַקסט? — הערסטו! מיט ער זיך אַ דרעה צוריק, הערסטו, אָט דעריבער טאַקי, וואָס מען זייהט עס נישט, וואַקסט עס אַליין. אויך די אייגענע מעשה, פערשטעהט איהר מיך, וואָס מיט נאַראָנים... גאָט. ניש׳קשה, פערשטעהט, פערשטעהט איהר מיך, אַז אַזעלכע בעדאַרף אויף דער וועלט אייך זיין, פערשטעהט איהר מיך. אין דעם רעדעל ווערט פרעהליך, מען האָט משינה הנאָה און מען לאַכט. די

הרוה אָבער איז נאָך גרעסער, ווען עס קומט אַמאָל אויס אַ שפּאַרעניש דאָרט צווישען אייזיק דעם שמיד און לייזקען, דעם צווייטען חקרן אין דעם שטעדטעל. לייזקע איז אַ געוועזענער אַרענדאַר, אַ ישוב׳ניק, וואָס אויף דער עלטער האָט ער זיך בעזעצט אין דעם שטעדטעל, כדי צוגעפינען זיך צווישען יודען, הערען אַ „ברכו״, אַ „קדושה״ און לעבען, ווי גאָט האָט געבאָטען. לייזקען איז נאָז די פערלעגט, עפּעס אָנגעדראָלען, דער־ריבער אַז ער רעדט, קומט אויס געפאָנפעט און אַמאָל אייך עפּיס ווי געפייפט. לייזקע קען בעל־הבתיש לערנען, קוקט אַריין אין אַלטע יודישע הקירה־ספרים און צווישען איהם מיט אייזיקען איז תמיד אַ שפּאַרעניש. לייזקע פעררופט זיך אַלין אויף אַנדערע חקרנים, אויף אַריסטו, אויף דעם „ספר־הברית״ וכדומה נאָך אַזעלכע, און ער אליין איז נישט אַזאַ בעל־מוח; אייזיק דער שמיד אַקעגען שטעלט נור אויף זיין שכל, ווייסט נישט פון קיין אַריסטו און געהט אין חקירה אויף זיין אייגענעם דרך. בעזונדערענס בעריהמט איז זייער שפּאַרעניש איבער באַנקעס — פאַר וואָס שטעהט אַ באַנקע צו פעסט צום לייב און פאַלט נישט אַראָב? לייזקע זאָגט:

— אַזוי איז די מעשה, רבותי! דורך דעם שטעק מיט דער ברע־נענדיגער ליכט, וואָס מען טוט אין דער באַנקע ווערט זי, אָט אַ־פּנים, אויסגעלעדיגט פון דער לופט. היינט געדענקט־זשע, יודען! אַזוי ווי מיר האָבען אַ קיימא־לן, אַז די נאַטור האָט פיינד לעדיגקייט, בכן, רבותי, ציהעט זיך דאָס לייב, אָט אַ־פּנים, פערנעהמען דאָס לעדיגע אָרט אין דער באַנקע.

— וואָס מיר שטעק, וואָס מיר ליידיגקייט־שמיידיגקייט! — זאָגט אייזיק מיט אַ שמייכעלע גאַנץ רוהיג, נעהמענדיג זיך פאַר׳ן בערדעל — אין פריהער וואָס איז דען, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, די באַנקע געווען, נישט לעדיג? לופט האָט דען אַ ממשות? אדרבה, פּריוואַט זיך אויסציהען אויבען אין דער־הויך אויף דער לופט, אויב ס׳איז אַזוי. און נאָר אַ־חוץ דעם, וואָס איז עס גלאַט פאַר אַ לשון — אויסגעלעדיגט דורך אַ שטעק מיט דער ליכט!

— דאָס איז נישט מיין לשון — פאָנפעט בייזליך לייזקע — אַזוי זאָגט אַריסטו. איהר הערט? אַריסטו!

— אָהאַ, אַריסטו! אַ קאַטאָוועס אַביסעל אַריסטו! אַ רב איז ער דען, וואָס פּסק׳ט שאַלות, האַ!

— אָבער אַז אַזוי שטעהט דאָרט אין אונזערע יודישע חקירה־ספרים! זאָגט לייזקע שוין שטאַרק איפגעבראַכט.

— וואָס טויג מיר, וואָס בײַ אײַך, זאָלט איהר מיר געזונד זײַן, שטעהט אָלץ דאָרט, דאָרט! איך אַליין שטעה, ברוך־השם, אַזוי פיעל יאָהר שטעה איך אין קוזנע בײַ׳ם אויבען. דאָרט ברענט אַ פייער, אַביסעל אַ גרעסערס פון אַייער ליכט, און פונדעסטוועגען גאָרנישט, נישט דאָס וואָס די באַנקע... פאַר וואָס?

— ע־ע, וואָס האָט מען צו רעדען מיט אַ יונגעל! — מיט לייזקע אַ זאָג, אַ מאַך געבענדיג פאַר גרויס פערדראָס מיט דער האַנד, און געהט אַוועק, נישט אויסהערענדיג, ווי אײַזיק דערקלערט דעם עולם אויף זײַן דרך דעם שפיץ, וואָס אין דער באַנקע שטעקט.

אײַזיק דער שמיד, אַ יוד, אַ ייִדע, ברוך־השם, וואָס האָט שוין דערלעבט אײַניקלעך פון זײַן עלטסטער טאָכטער, בײַ איהם איף קעסט מיט דעם מאַן אַ וואויל־לערנער, איז מיט אַלע פּאָסטעמקעס זײַנע געוועזען טאַקי נור עפּיס אַ יונגעל — אַיין אַלטער־יונגעל, וואָס איז אַ הידוש צווישען יודען. נאָך דער גרויסער מרה־שחירה, וואָס דערוואַקסענע יודען, בע־ווייבטע, מאַכען אָן מיט זײַערע ערענסט־פינסטערע פנים׳ער, מיט זײַער זאָרגען אָך־און־וועה, און ביטער־זײַערען מוסר־זאָגען תמיד, איז אײַזיקס פריינדליכע־פרעהליכע צורה געווען שלמה׳לען אַזוי טייער גיט, אַזוי צום האַרצען, ווי די ליכטיגע זון בײַ׳ם בעווייזען זיך איהרס פון די פינסטערע חמאַרעס, און דער גאַנצער שטייגער שמועס זײַנער מיט אַלע זײַנע אַגדתאָ׳ס איז איהם געווען אַזוי געשמאַק, גאָר אַ דערקוויקעניש, ווי אַ שטיקעל חקירות נאָך אַ משנה־פּריקרע האַלב בלעטעל גמרא. דאָס יודיש קינד, וואָס קוים שטעלט זיך עס אויף די פיסלעך, יודעלט מען עס שוין, מאַכענדיג אויס איהם אַ קליין יודעל; וואָס זײַן יוגענד פערשווינדט גיך ווי אַ חלום און ווערט, אַז־אָך־און וועה צו איהם, פּעראומערט, געעלטערט פאַר דער צייט — אָט אַזועלכס נעבעך פיהלט זיך עפּיס ווי ניי־געבאָרען אין דער געזעלשאַפט פון אַ מענשען, וואָס איז צו איהם ציגעלאָזט, ווייזט איהם אַ גוטע מינע, וואָס איז אַליין אויך נאָך גאָר אַ קינד, וואָס רעדט מיט איהם אין לשון, און געהט איהם אַריין אין דער נשמה מיט זײַנע מעשיות. דאָס קינד לעבט נאָך אַזועלכען, נאָך זײַנס אַזוי אָרט, ווי אַ דאַר גרעזעלע בשעת די גרויסע היצען נאָך אַ טראָפּען וואַסער, און ווערט צו איהם צוגעזאָטען מיט לייב און לעבען. גאָר אַזועלכע יונג־אַלטע מענשען

אָבער איז זעהר שווער ביי אונז צו געפינען, וואָס ווייטער-ווייטער וועט פון זיי נישט זיין אפילו איין קיין שהחיינו. אין שלמה׳לעס ציטען איז נאָך, איוף זיין מזל, געבליבען אַ פּאָר לייט אזוינע אין זיין שטעדטעל — אייזיק דער שמיד, איינער, און הערצעל קיילעס דער סטאָליער, דער צווייטער. ביידע האָבען געווירקט איוף שלמה׳לעס גייסט, דערהאַלטען אין איהם דאָס יונגע פייערל, ביידע זענען איהם געוועזן זעהר טייער און צו ביידע האָט איהם דאָס האַרץ שטאַרק געצויגען.

הערצעל קיילעס איז געווען, ווי אַייזיק, שוין אין די יאָהרען, אַ טאַטע פון קינדער, אויך אַ דאַרער, אַ בלייכער, ווי ער, מיט דעם אונטערשייד נאָר: אַייזיק איז אַ הויכער און הערצעל אַ קליינינטשקער, נידריג געוואַקסען, אַייזיק איז געווען תמיד רוהיג, געלאַסען, גערעדט איוף אין שטימע גלייך, נישט געדרעהט, געשריגען, זיך נישט געיאָגט, גע-היצט און נישט אַרויס פון די כלים, אַזוי ווי עס פּאַסט טאַקי פאַר אַ חקרן. אַקעגען-זשע הערצעל איז אַ שפּירט, ביי׳ם רעדען בייט זיך איהם די שטימע און ער גיט פון זיך אַרויס משונה׳דיגע קולות, אַ מאָל אייך מיט אַ קוויטש. דער שמועס זיינער איז געהאַקט, געבראָכען, לאָזט זיך אויס, פאַר גרויס איילעניש, מיט אַ ווינק, אַ מאַך מיט דער האַנד. נאָר עפּיס נישט אַזוי ווי ער וויל, קאָכט ער, זידט און צאַפּעלט מיט אַלע גליעדער, אינגאַנצען טאַקי אַ פּאָעט מיט די ביינער, אַזוי משוגע, אַזוי קאַפּריזנע, אַזוי איופגעבראַכט ווי אַ פּאָעט. און באמת האָט אין איהם טאַקע עפּיס אַזוינס געבירטשעט — עס האָט אין איהם געשטעקט אַ גייסט פון אַ קינסטלער. דער דאָזיגער גייסט זיינער האָט אינוועניג אין איהם ווי דער סמבטיון נישט גערוהט, זיך געריסען מיט אַלע קרעפטען אַרויס, זיך צו אַרויס-ווייזען אין אַלערליי האַנדאַרבייט. די סטאָליערײ איז ביי איהם געווען נישט אַזוי וועגען דער פּרנסה, ווי צוליעב דעם פערגעניגען, וואָס ער האָט דרינען געהאַט — צו מאַכען אַ כלי. ער האָט געקענט אַוועקזיצען איבער אַ שטיקעל אַרבייט מעהר וויפיעל מען בעדאַרף. פערציהרען עס מיט צאַצקעס, שניצעריי, חאָטש יענער האָט גאָר אַזוי פיעל נישט פערלאַנגט, נאָר צוליעב דעם אַליין, עס זאָל זיין שען... ער האָט געזעהן ליפּאַ-ראיבן׳ס מאָלט „אושפּיזין", איופ-צוהענגען עס אין סכה, אַריינדרעהענדיג אַהין, ווי אין נח׳ס תבה, אַלערליי חיות און עופות, נעהמט ער און מאַכט „אַ רבי יוסי" — אַ גע-מעל אַזעלכס, וואָס שטעלט פיר אַ מעשה פון דער גמרא: ווי רבי יוסי (איינגעמאָלט מיט אַ גרוי שפּיציג בערדעלע און טלית און תפילין)

דאַווענט אין איינער פון די ירושלים'דיגע חורבות און הערט דאָרט אַ בת-קול, וואָס ברומט ווי אַ טויב (שטעהט איבערגעמאָלט עפּיס אביסעל משנה), זאָגענדיג: „אוי, וועה איז די קינדער, וואָס פאַר זייערע זינד האָב איך חרוב געמאַכט מיין הויז, פערברענט מיין הייליגען פּאַלאַץ און זיי האָב איך פערטריבען אין גלות צווישען די אומות!" מבינים אין דעם שטעדטעל האָבען זאַט אָנגעקוקען זיך נישט געקענט אויף'ן געמעל און גע-זאָגט, אַז עס איז איינס טאַקי אין דער וועלט. רבי יוסי איז נאָך יאַק רבי יוסי, אָבער די טויב, די ברומענדיגע טויב, רבונו-של-עולם, ס'איז עפּעס גאָר אַ גוואַלד!... הערצעל האָט איך געשפּילט פידעל, נישט אויף חתונות חלילה, דערויף איז דאָך געווען דער יודישער כלי-זמר-פּיטעל, אויף די וואָכענדיגע טעג, און קאָנטראַ דער גוי'אישער אויף שבת, ביי דער כלה אויף דעם „פּאָר-שפּיעל" — נאָר גלאַט אַזוי זיך האָט ער זיך געשפּילט. זומער פאַרנאַכט, אַז די שבאַרט-בהמות זענען שוין געקומען פון'ם פעלד, ליגען זיך, שוין איבערגעמאָלקענע, אויף דער גאַס! אויס די קימענס ציהעט זיך פאַמעליך עפּעס ווי פערשלאָפען העל-גרויע ווילען רויך, ווייבער שטעהען ביי די פריפּעטשיקעס, קאָכען וועטשערע: ערגעץ פון דערווייטענס, פון אַ טייכעל פערטראָגט זיך אַ קוואָקען פון זשאַבעס און זשיקלען טראָגען זיך זשוזשענדיג אַרום אין דער לופט — דענסטמאָל ציגיסט זיך געוועהנליך הערצעל אויף אַ פידעלע, שטעהענ-דיג אין דרויסען, ביי זיך אויף'ן גאַניקעל, באָרפוס, אין איינע תחתונים, מחילה. קינדער מיט שטיקער ברויט אין האַלבע אייער פערזאַמלען זיך אַרום איהם; שטאָפּען אָן פולע מיילער, שטעלען אויף די איירעלעך, גאַפען און הערען. הערצעל פידעלט און זינגט אונטער, פידעלט און מאַכט זיך נאַריש מיט די קינדער, מיט אַ פידעל און שטעלט זיך אָב, עס אַרט איהם עפּיס, ווייטער אַ פידעל און — הע-הע! ער איז שוין אין כעס. אין דער-ערד אַריין די פידעל, אויס שפּילען, הערצעל האָט זיך צושפּילט — און באַלד לאָזט זיך איבער דער גאַנצער גאַס הערען, ווי אַ תקיעה-גדולה אַ לאַנגער, אַ משונה-ווילדער קוויטש!... הערצעל האָט איך ליעב געהאַט אָבגעבען זיך מיט וויהען אין פלאַנצען ביי זיך אין גאָרטען. עס האָט געהייסען, ביי איהם איז דאָ אַ ביכעל, אַ „ספר-הרפואות", וואָס געהט אין דער משפּחה זיינער איבער בסוד-סודות פון טאַטעס צו קינדער, אין וועלכען עס שטעהט בעשריבען די טבע פון אַלע מיני גראָזען און קרייטעכצער, מיט די סגולות זייערע צו איטליכער קראַנקהייט בעזונדער, אַ שאָד, נאָר, כ'לעבען, וואָס איז שטאַרק פער-

באַבען מיט אלע פערבאָטענישען, אסור־חזיר, דערמיט זיך צו בענוצען. זיכט, וואָלט ער פשוט טאַקי געקענט מחיה־מתים זיין. אויף כפרות פעריל, אַלטע גוי׳עס, טאַטערקעס מיט זייערע קרייטעבציער! הערצעלס שטיינער לעבען איז איבערהויפט נישט נעווען לייטען גלייך, ווי ביי אַנדערע יידען — קיין שיינקעל אין שטיב ביי איהם נישטאָ, חוץ קיה איז נאָך אין שטאַל דאָ אַ פּאָר אָקסען, אַ פערד אויך, אַ פויער, טראַחים, אויף שבירות, אויך, אויף צו אַקערן, בעאַרבייטען די פעלדער, וואָס זענען איהם איבערגעגאַנגען בירושה פון זיינע עלטערן, אַ הונט, עס פאַרשטעהט זיך, איז אויך געווען, דער איינציגער יודישער הונט אין דעם שטעדטעל. אין שול אַריין איז הערצעל געגאַנגען זעהר זעלטען, נישט דערפאַר ווייל ער איז געווען אַיין אַפּיקורוס, האָט נישט מורא געהאַט פאַר גאָט, חלילה! אַדרבה, ער האָט געגלייבט אפילו אין רוחות, מורא געהאַט, געציטערט ווי געוועהנטליך אַ יוד. נאָר וואָס דען? גלאַט אַזוי זיך, גאָר אָהן אַ שום טעם. דאָס אייגענע טאַקי מיט עמיצען אַנדערש, ער זאָל פאַרפעהלען נור אַ מנחה, וואָלט מיט איהם געהאַט צוטאָן אַ וועלט מענשען — ס׳טייטש, הולטיי, אָנזועצען אַ מנחה! הערצעל אָבער האָט זיך געמעגט אָנזועצען הונדערטער מנחות און גאָר־נישט, קיינער האָט זיך דערוים גאָר נישט געמאַכט, ווייל ער איז פאַר־רעכענט געווען ביי איטליכען פאַר אַ יונגעל, אַ צוטראָגענע מין בריה, מ׳שמן׳ס־געזאָגט. היינט טאַקי האָט מען נאָך מורא געהאַט, צו־וואָס זאָל מען זיך דאָ נאַרען, פאַר זיין קוויטש אויך. איז ער געקומען אַ מאָל אין שיל, איז זיין בעסט אָרט געווען צווישען יונגלעך ווייסע חברה, הינטער דער בימה, עס ווערט דאָרט אַ לעבען, אַ גערעדעריי, אַ גע־שטופעריי, און דאַוונען נישט קיין וואָרט, דער שמש מעג זיך, פון יוצא ווענען, שרייען: שאַ! און שענע בעלי־בתים מעגען פאַטשען אויף די שטענדערס, מיאוס־קרימענדיג זיך, און מאַכען. אי, אי!

הערצעל־קיילעס איז געווען פאַר שלמה׳לען אַקוראַט ווי גע־ווינשען. די דאָזיגע צוויי, פערשיידען אין די יאָהרען, זענען געווען עפּים ווי איינס אין זייערע געפיהלען. דאָס וואָס שלמה׳לען האָט עפּים אַלץ געמאָנטעט, אינעווייניג אין איהם געבורטשעט; אַזוינס וואָס לאָזט זיך נישט דערקלערען, אַ מין ציהעניש אַזעלכס, וואָס אָהן אַ נאָמען; עפּים אַזוינס, וואָס איז נישטאָ ביי אַלע פערזאָרגטע, שענע יודען אין דעם שטעדטעל, מיט וועלכע ס׳איז איהם עפּים ענג, עס קוועטשט איהם,

שטיקט איהם נור צום חלש'ן — אָט דאָס האָט ער, די נשמה וויינע, דערשטעקט, מעשה־שטן, אין הערצעל־קיילעס. און ליט ווי עס ווייזט זיך שפּעטער אַרויס, האָט דער יצר־הרע קיין בעסערן חבר פאַר שלמה'לען טאַקי נישט געקענט אָבזוכען.

ענדע.

12.

אַזויק דער שניר אין הערצל קיילעס דער כמאַליאַר, וועלכע האָבען זיך גערעכענט ביים שטערטעלדיגען עולם פאַר בכבוד'יגע בעלי־בתים, זענען דערמיט געווען אַ חידוש צווישען די אַלע אַנדערע בעלי־מלאכות דאָרט, און יענער צייט — דאָס אייגענע טאַקי, וואָס אַ ייד מיט אַ אויבעל דענכמאָל, אָדער אַ ייד מיט אַ „פּאָטאָמסטוואָ" דערנאָך, און אַ ייד מיט אַ טיטעל „סאָוועטניק" היינט. ביי וועלכע „שרייבערלעך" איז אָנגענומען צו עסען פיש שבת, בימים ההם, און שררות צו טאַנצען אויף בעלער בזמן הזה. ס'איז דאָך באמת טאַקי אַ וואונדער: בעלי־מלאכות — און אַ פּנים פון מענשען! יודען — און אַזאַ כבוד!!...

יאָ, אַזוי טאַקי! ווי יודען ביי די אומות־העולם, אַזוי זענען בעלי־מלאכות געלעגען אין דער ערד ביי יודען. מעגליך, אַז היינט נאָך ליגען זיי אויך אין דער ערד, אָבער פאָרט ניט אַזוי טיעף ווי אַ מאָל. היינט זענען בעלי־מלאכות צווישען יודען דאָך נישט פערהאַסט. דער עולם פערהאַלט זיך אַקעגען זיי שוין, פריינדליך, ווי עס געהער צו זיין. מיוחסים נאָר, צווי־פּנים'דיגע, זענען אַקעגען זיי אין האַרצען אַנדערש ווי מיט'ן מויל. אויך טאַקי ווי עס געהער צו זיין. נאָר אַ מאָל אָבער, און בפרט נאָך אין אַזאַ מקום תורה און יחוס ווי דאָס שטערטעלק... זענען בעלי־מלאכות געלעגען אין דער ערד טיעף ניין איילען — זעהר שטאַרק דערנידעריגט. האָבען אַ בעל־מלאכה אין דער משפחה, אַ שניידער, אַ שוסטער, אַ שטיינער, איז געווען אַ פלעק, אַ שאַנדע. עס האָט זעהר אָפט געשאַדט צו אַ שידוך. און בעלי־בתי'שען נאָר פלעגט מען און שידוכים

זוכען יחוס, פלעגט אויסגראָבען פון דער ערד רבנים, לומדים, שוחטים, חזנים, בטלנים, און בעגראָבען דעם בעל־מלאכה, טאָמער האט ער זיך געפונען אין דער משפחה. דאס הייסט פאַרלייקענט זיין געבויין: עט, ווייס איך וואָס, גאָרנישט, פערדס פיס־פיטקעווע! א שענקער, א אַרענדאַר, אַ בעל־אַכסניה, אַ קרעמער, אַ מליה, זיי דאַנגען זענען געוועזן נישקשה. אַדרבה, זעהר פיינע מחותנים, און שטאַרט געהייבענע בעלי־בתים מיט אַ ברייטער דעה אומעטים: אין באָד, אין שוהל, להבדיל, און אין קהל־שטיבעל. דערקלערען לאָזט זיך עס דערמיט, וואָס קיין אַנדערע נויש־קשה׳דיגע פרנסות פאַר לייטישע יודען זענען אַהיין די ניט געוועזן. דער־פון האָט מען געקענט לעבען פאַר זיך און אַמאָל פאַר אַנדערע איך — מיט אַ נדבה, מיט אַ טובה און אַ גוט וואָרט. האָבענדיג צוליב זייערע געשעפטען בעקאַנטשאַפט מיט פריצים, גרויסע לייט אין די הויכע פענסטער, איז מעגליך זיי געוועזן צו העלפען איינעם אָדער דעם כלל אין אַ נייטפאַל. ניט איין מאָל נאָר איז די ישועה געקומען דורך אַ פריצישען בעל־אַכסניא, דורך אַ אַרענדאַר און דורך אַ מליה, אַ באַנקיר הייסט עס היינט. כתם אַרענדאַרעס אין דערפער — איז זייער הויז אָפען געוועזן פאַר אָרעמע אורחים, וואָס זענען אויפגענומען געוואָרען מיט עסען און טרינקען און מיט אַ נדבה איך. מיינסטענס פלעגען אַרענדאַרעס אויסזועהלען פאַר זייערע טעכטער חתנים די בעסטע בחורים פון די ישיבות. אָט איף אזאַ שטייגער זענען יענע געוועזן דאָס, וואָס יששכר און זבולון אַמאָל אין זייער צייט. זבולון האָט געהאַנדעלט און אונטערגעשטיצט יששכר׳ן, וואָס האָט בעגעהרט לערנען תורה.

קהל האָט געהאַלטען בעלי־מלאכות אין דער מורא, אָבגעזונדערט פון בעלי־בתים און פיעל זאַכען פינ׳ם שטייגער לעבען. אַ בעל־מלאכה האָט נישט געטהאָרט שבת אָנטאָן אַ זיידענע קאַפאָטע, טראָגען אויפ׳ן קאָפּ אַ שטריימעל. אין בית־המדרש, אין קלויז, איז זיין אָרט געוועזן אויף דער לעצטער באַנק, הינטער דער בימה. צו דער תורה פלעגט מען איהם אויפרופען „החבר“. נישט קיין „מורני“, אי דאָס זעהר זעלטען, צילעצט צווישען די געשטיקעסטע עליות. דערפאַר האָט מען איהם אָבגעגעבען אינגאַנצען די ביידע „תוכחות“ ווי גרויס זיי זענען, בײַ איהם בלייב עס. אויף אסיפות מיט די פיינע־בריות וועגען שטאָרט־זאַכען איז זיין פיס נישט געוועזן. זיין דעה האט מען ניט געפרעגט. פאַר עזות וכדומה עפיס אַ פערברעכען, האָט מען איהם אויסגעשמיגעצט, איך איס־געפאַטשט, און אַמאָל טאַקי מקיים פסק געוועזן אין קהל־שטיבעל. זיינע

קינדער פלעגט מען „חאפּען״, „אָבנעבען״ אין דער רינסט, א כפרה פאַר בית־מדרש׳ניקעס, טאַטענס־קינדער. זעהר גוט מאַקי שיקט זיך דאָ צו זאָגען „מאַטענס־קינדער״, ווייל צו קינדער פון בעלי־הבתי׳שען שטאַנד פלעגען אבאָל שטעהן צוגעשריבען כלומר׳שט חי ברידער, כדי צו זיין פאַר זיי די כפרה־הינדלעך, אָרעמינקע, ווילד־פרעמדע, ניט זייערע קרובים, ניט זייער מאַטענס קינדער. —

אַליין פאַר זיך זענען די יודישע בעלי־מלאכות אין יענער צייט געווען, ניט היינט געדאַכט, געפאַלען. דאָס אויסלערנען זיך עפּיס א מלאכה איז פון אָנהייב־אָן זעהר שלעכט געווען אַוועקגעשטעלט. און דערפון איז אַרויסגעקומען זעהר פיעל נישט קיין גוטע זאַכען. אַ לערענ־יונגעל ביי א ליאַרע בעל־מלאכה׳לע האָט בעדאַרפט יאָהרענלאַנג אַוועק־מראָגען פּאַמיי־ניצעס, העלפען אין בעלי־בתיש׳קייט דער בעל־הבית׳טע און חאַפּען פעטש און קלעפּ ווי האָלץ. אַז געלערענט די מלאכה האָט ער מכות, האָט ער זי מכות טאַקי געקענט. ער איז געווען דערנאָך אַ פאַרטאַטש, אַ פערביטערטער, אומגליקליכער מענש. פאַר צרות ליעב געהאַט דעם טרונק. די האַנד זיינע איז געווען פריי אויף אַ קלאַפּ, מכבד געווען אַמאָל אפילו דאָס אייגענע ווייב אויך. אַז אָך־און־וועה די לערענ־יונגלעך, נעבעך, וואָס זענען צו איהם, אין זיין צייט, אין די הענד אַריין! אין ווער, משטיינס־געזאָגט, זענען עס געווען די יונגלעך, וואָס זענען אַריין צו אַזעלכען לערנען די מלאכה? יתומים, אָרעמינקע, פאַרוואָהרלאָזטע, ניט געלערענט אין קיין חדר, ניט געקענט קיין עברי — עם־הארצים; דאָך ווי שלעכט די לאַגע פון די בעלי־מלאכות איז געווען, האָט זיך צווישען זיי געפונען זעהר פיעל גוטע, פאַרשטענדיגע מענשען, אויך אַזעלכע מיט האַרץ, געפיהל און לעבעדיגע פרעהליכע קבצנים.

ווי אָרעם, פעראימערט דעם בעל־מלאכה׳ס דירה האָט אויסגעזעהן פון דרויסען, אַזוי לעבעדיג־פרעהליך איז דאָרט צייטענווייז געווען פון די פועלים בשעת דער אַרבייט. עס שטעהט זיך, אַ שטיינער, איציק דאָס שניידעריל מיט אַ פרעסיל אין דער האַנד איבער אַ שטיקעל אַרבייט, הויבט־אָן אויף אַ קוויטש אַ מאַרש, ציקלאַפּענדיג צום טאַקט מיט׳ן פרעסיל, און חברה פועלים, בחורים, אַרום טיש, אַרבייטענדיג געשווינד מיט דער נאָדעל, העלפען אונטער, דער אויפן געליינקעל, יענער אויפ׳ן ביי־קולבעל, איטליכער מיט וואָס ער קען, און עס שפּילט זיך אָב אַ „מלך־עליון״ טשאַקענדיג, לעבעדיג, אַזש מלאָכים מעגען זיך פרעהען. און

מאַקי באַלד דערנאָך פערקרימט זיך איינער, נאָכמאַכענדיג אויף אַ אומ־ניג קול דעם ברחן, ווי ער זאָגט גראַמען צו אַ בעדעקענס. אַ מייל בחורים שפּילען־צו ווי די כלי־זמר אַ שטיל טרויעריג ניגון׳דיל, די איבעריגע פאַרגעהען זיך ווי וויבער אין אַ געוויין. ס׳איז אַ יאָמער, אַ קלאָג—און פון דער קאַצען־מוזיק לאָזט זיך אויס אַ „בשר־מאַגן״! חברה געהט, זיצענדיג ביי דער אַרבייט, מיט דער כלה אַ כשר־מאַגן. אַנשטאָט „שבת״ מהיט איינער דעם אנדערען אַ קניפּ, אַריק־אַראָב פון הינטען דאָס היטעל און מען שרייט־אויס זינגענדיג: וויוואַט! די בעל־הבית׳טע, די שניידערקע, שטעלט אַנידער אויפ׳ן טיש אַ גרויסע פּילע שיסעל אָבגעקאָכטע קאַרטאָפעל, הייסע־זודיגע מיט דער שאָלעכטס, און מען מעג געהן אָנקוקען אויף בילעטען, מיט וואָס פאַר אַ גיכקייט די קאַרטאָפעל ווערען אָבגעשיילט, און מייל אַריין געהאַפּט און אַראָבגעשלינ־גען. מייסטערהאַפט! אַזעלכע בריה׳ס אויף קאַרטאָפּלעס־עסען, ווי שניידער־יונגען ובדומה זענען, איז שווער אויף דער וועלט צוגעפינען. זיי האָבען דרינען זיך אויסגעאַרבייט, בעקומען אַ ידיעה, וויל דאָס, קאַרטאָפעל הייסט עס, איז זייער שפּייז, מיטטינגס־גנזאָגט, טאָג־טעגליך.

דאָרט ביי די פּועלים ווערען אָפּט געזונגען לידלעך, איינענע אַרבייט מאַקי, וואָס געהען דערנאָך אַרויס אויף דער וועלט, צווישען עולם, פאַלען אַריין אין מויל צו מיידלעך, דינסטמיידלעך און בעקומען דעם נאָמען „פאָלקס־לידלעך״. פּועלים, וואָס פלעגען וואַנדרעווען, אַרביי־טען ביי גוים אין די דערפער, האָבען אין זייערע לידלעך אַריינגעמישט גוי׳אישע ווערטער, אַזוי אַז ס׳איז אויסגעקומען האַלב יודיש, האַלב רייסיש. דער „תוך״ פון די לידלעך איז געווען זעהר פערשיעדען. ס׳איז געוועזען אַזוינע איבער ליעבעס. אַ דינסטמיידעל, אַ שטיינער, פאַרבענקט זיך אין דער פרעמד נאָך איהר געליבטען. דערמאָנט זיך וויינענדיג אָן די גוטע, זיסע מינוטען, ווי זיי פלעגען פאַרברענגען צוזאַמען ווי אַ פּאָר טויבען אויפ׳ן שפּאַציר, אַ מאָל אין גערינכטע וועלדער און אַ־מאָל צווישען ווייץ און קאָרן, אָדער סתם אַ מיידעל גיסט אויס איהר האַרץ, ציהט זיך מיט דער נשמה צו עפּיס אַ חתן, ווי אַ קליין קינד מיט די הענטלעך צו דער שיינענדיגער לבנה. אויך לידעלעך פון אַ שניר איבער אַ בייזע שווינער, פון אַ יתומה איבער אַ שטיפמוטער. לידלעך פון יודישע רעק־רוטען, ווי זיי געזעגענען זיך מיט אַלע זייערע ליעבע פאַר׳ן אַוועקגאַנג אין דינסט אויף לאַנגע, לאַנגע יאָהרען. בעוויינטע געזעגענען זיך מיט

וויבער און קינדער, יונגלעך, קליינטשקע, נעבעך, ביים „דיאדקע" אויף די הענד, און ברייטע, לאנגע פעלצלעך, צוויי מאָל אַזוי פיעל ווי זיי, געוועגענען זיך מיט טאטע-מאמע, ברידער און שוועסטער. אַזעלכע היסען אין די לידלעך בידנע יתומים׳לעך, וואָס ווערען, ווי פון אַ בוים אָבגעריסענע בלעטלעך, פערזאָרפען הין-והער ווייט אין די קאַלטע ערטער, ערגיץ אין אַ העק, צווישען פרעמדע, גראָבע פייערען, צו פאַסען דאָרט ביי זיי הורים, און גאָט וויסט וואו זייער געביין וועט אַהינקומען. מאַטע-מאַמע וועלען אפילו ניט זיצען „שבעה". צווישען די לידלעך איז דאָ פיעלע איבער נגידים, קהלס-לייט און כלי-קודש, און וועלכע זיי רעכענען זיך אָב מיט די אַלע פיינע-בריות פאַר די צרות און לייד, וואס זיי שטעהען פון די לייט אויס, און לאָזען אייס צו זייער קאָפּ אַל-דאָס ביז מיט שאַרפע ווערטלעך און שפּיציגע שטעכווערטלעך. יענע היסען ביי זיי: יאָלדען, שמעלקעס, דאָס איבערשטע פון שטייסעל, צימעס, לאָקש. קאַפּהאָהן-דאָס, שענע-ריינע-מוריני׳עס. מען קען מיט רעכט זאָגען, אַז ביי די בעלי-מלאכות האָט געטליעט אַ פּאָעטישער פונק. זיך געלאָזט פיהלען אַ יונגע פרישע נשמה, און דערמיט מאַכי לאָזט זיך דערקלערען זייער אומגאַנג ווי חברים מיט קינדער, זייער ליעבשאַפט עד היום צו שרייבער, פּאָעטען.

קינדער זענען פון דער נאַטור אויך שטיקלעך בעלי-מלאכות, זיי האָבען ליעב צו מייסטערן, שניצען, בויען, מאָלען וכדומה. דאָס יודישע הדר-יונגעל, אַ שטייגער, נעהמט זיך מיט השק שניצען פאָרמעס און גיסען דרעהדלעך איף חנוכה, מאַכען המן-קלעפּלעך אויף פורים, מאָלען רייזלעך און קלעפּען אויף די פענסטער שבועות. נאָר אָנשטאָט אונטערצוהאַלטען דעם השק ביי קינדער צו מייסטערן, דערשטיקט מען איהם נאָך באַלד און אָנהויב מיט שטרענגע מיטעל — לאָזען זיי בעסער לערנען, זאָגט מען, נישט פאַרנעהמען זיך מיט נאַרישקייטען. טרעפט זיך אָבער אַ מאָל, אַז קינדער קומען צו בעלי-מלאכות, זענען זיי זיך פשוט מהיה פאַר גרויס פאַרגעניגען צו זיצען און צוקיקען זיך, צוהערען זיך, ווי יענע אַרבייטען, ווי יענע ריידען, זינגען, זאָגען גלייכווערטלעך. נאָך דעם אימער, פינסטערע צורות, בייזע פנים׳ער און פאַרקלאָגטע נשמות, וואָס זיי זעהען פאַר זיך שטענדיג אין חדר, אין בית-מדרש און אין דער היים, איז אַ פרייע מינע, אַ פרעהליך פנים, אַ גוט וואָרט, פאַר זיי גאָר אַ דערקוויקעניש. די אייגעלעך קוקען, די אייערלעך הערען און דאָס הערצעלע קוועלט, איז זיך מהיה!

יינגלעך זענען בעלי=מלאכות, בעלי=מלאכות זענען יינגלעך. אז די אי יענע האלט מען אין דער מורא, זיי זאלען האבען תרבות. די — תרבות פאר מאטעס און יענע — תרבות פאר בעלי=הבתים!

אז איזיק דער שמיד און הערציל קיילעס דער סטאליאר זענען אויסגעקומען געוועזען פנים כלל דערנידעריגע בעלי=מלאכות אין שטעדטיל, האבען זיי דערמיט געהאט צו פערדאנקען זכות אבות. זיי האבען געשטאמט פון א שענער משפחה, זיך גערעכענט פאר קריבים מיט די פיינסטע לייט אין שטעדטיל. די טאטעס זייערע, אנגעזעהענע, יוסטע בעלי=הבתים, האבען איבערגעלאזט זיי בירושה הייזער אויפ'ן מארק, דער שענסטער פלאץ אין שטעדטיל, און שענע שטעט אין מזרח=וואנד, אין שיהל דארט. ביידע זענען געוועזען שכנים מיט רבי היימ'ן. איזיק'ס הויז איז געשטאנען אין דער רעכטער זייט פון זיינער, און הערציל קיילעס הויז — אין דער לינקער זייט. די דריי שכנים האבען געלעבט גוט צווישען זיך, פלעגען איינער צום אנדערען קומען אויף שמחות און גוט=יום=טוב ביטען. איזיק'ס זוהן, מאיר=איצע, א וואויל יונגעל, מיט א קעפעל צו מיסטערווען שפילציג, אויפטאן הסברות און גראגערס, המן=קלעפלעך, האט געלערענט מיט שלמה'לען אין איין חדר. און הערציל=קיילעס זוהן, בן=ציון, איהם האט רבי חיים גענומען אומזיסט פאר א חבר צו זיין עלטערען זוהן, מיט וועלכען ער פלעגט לערנען א שעה אדער צוויי שעה, ווען נאר ער האט צייט געהאט. פון א זיידענע קאפאטע און א שטריימעל שבת און יום=טוב, רעדט מען שוין ניט, אז זיי האבען געטראגען. די שאלה איז נאר, ווי קומט עס, אז מאטענס קינדער אזינע זאלען זיין בעלי=מלאכות? לייט זאגען: „א קליפה איז אין זיי אריין, אין דער יוגענד, זיי אבגעריסען פון לערנען און פארדרעהט דעם קאפ מיט נארישקייטען, מיט יונגעלטשע זאכען. יונגלעך זענען זיי געוועזען און יונגלעך זענען זיי געבליבען. עס האט אין זיי געבורטשעט די קליפה, געבורטשעט, געבורטשעט, און יעצט איז פון זיי געווארען צום כיף? גארניט, בעלי=מלאכות! נאר... פארט מאטענס קינדער".

אט צו אזעלכע אלטע=יונגלעך האט שלמהלען דער יצר=הרע

נעטראָגען, דאָס איז געווען דעם יצר־הרע'ס לעצטער שטויס שלמה'לען, ביים אַרויסשטופען איהם פון „יענעם עולם". אַצונד וועט ער שוין, ווי אַ קוואָצקע, שטענדיג איבער „ביצה" נישט זיצען!

13.

אמת טאַקי, ווי אַלטע יונגלעך זענען בײדע, אי אַײזיק דער שמיד אי הערציל קײלעס דער סטאָליאַר, פאַר שלמה׳לען געווען ווי געוואָינשען; נאָר, וואָס אָנבעלאַנגט אײזיק דעם שמיד, האָט שלמה׳לעס האַרץ געצײגען ניט אַזוי צו אײזיקס פערזאָן ווי צו זײן קוזנע. די קוזנע האָט עפּיס געערדט איהם צום האַרצען, געוועקט אין איהם זיסע־אָנגענעמענע געפיהלען אַ סך מעהר ווי אײזיקס חקירות. אַקעגען־זשע הערציל קײלעס, איז ער אַלײן טאַקי, ער מיט זײן פערזאָן, ווי ער שטעהט און געהט, מיט זײנע תנועות, און אַלע זײנע קאַפּריזען, אַלץ מיט־אַנאַנד, ווי בײ קײנעם ניט אין שטעדטיל, האָט שלמה׳לעס האַרץ צו זיך געצויגען. הערציל קײלעס אַלײן איז געווען, ווי זאָל מען עס זאָגען, עפּיס אַ מין קוזנע — עס האָט אין איהם געגליהעט, געברענט אַ פײער.

די לײדיגע צײט זײנע פונ׳ם לערנען טײלט שלמה׳לע, לויט דער וועטערונג און די פערשיעדענע צײטען פונ׳ם יאָהר, צווישען אײזיק דעם שמידס קוזנע און הערציל קײלעס. אָסיענצײט, אַ שטײגער, אין די בלאָטעס, אָדער בשעת אַזוי אַ מיאוסע פּאָגאָדע, אַז ס׳איז נאַס און קאַלט, בלאָזט פון אַלע זײטען, דער הימעל זיז אָנגעדרודעלט, שלעפּט אויף זיך אַרויף, מעשה־קבצן, אַ שטאַרק אָבגעבליאַקעוועטען מאַנטעל פון אַ מיתה־משונה־קאָליר, מיט פלעקען, מיט לאַטעס אויף לאַטעס פון גרויע, שוואַרצע, טונקעלע וואָלקענס און וואַרפט אָן אויף איטליכען אַ מרה־שחורה מיט זײן פינסטערען פּנים — דענסטמאָל טרײבט עס שלמה׳לען אין קוזנע אַרײן, ער פערקלײבט זיך דאָרט צווישען אָנגעוואָרפענע געצײג

אין אַ ווינקעלע, בלייבט זיצען פערשטאַרט שטיל, פערטראַכט און קוקט. עס הידעט דער בלאָזזאַק, עס פלאַמען די קויהלען, אייזענס גליהען, פונקען פליהען — שלמה'לע איז פערגאַפט, פערצוויבערט. עס טראָגט איהם דער קאָפּ, פערפליהט עס עט־עט אין די ווייטע עולמות אַריין, עס מרעטען פאר איהם אַרויס גערליכע בילדער, שענע געשטאַלטען פון וואונדערליכע מעשיות, אַלטע אגדתות — אַלסדינג וואָס דאָס האַרץ גלוסט. פון די פלאַמענדיגע קויהלען אינ'ם אויבען, קוקען צו איהם אַרויס שוואַרצברענענדיגע אויגען. דער אויפגעבלאָזענער זייל פייער דאָרט ווערט ביז אין הימעל אַריין אַ הויכער לייטער, די פונקען — פליהענדיגע מלאָכים אַרויף און אַראָב אויף איהם. קלאַפּ־קלאַפּ, אויף דעם גליהענ־דיגען אייזען קלאַפּען די האַמערס — און עס דאַכט זיך, דאָרט, דאָרט ברעכען זיך פון פערצויבערטע פּאַלאַצען די שלעסער און עס געהען אַרויס פונ'ם לאַנגען שלאָף אויפגעשטאַנענע בת־מלכות. שענע, שיינענדיגע, און פון צווישען זיי לויכט אַרויס ווי דער מאָרגענשטערען פּראַדיל, זיין פּראַדיל! דער בלאָזזאַק הידעט־הידעט — און שלמה'לע ווערט אָנגעצונדען, רויט ווי פייער... אָט אין אַזאַ מרה־שחורה'דיגע פאָגאָדע פלעגט שלמה'־לע, ער אַליין מיט לייב און ביינער, זיצען אין קוזנע, פערשלאָגען אין אַ ווינקעל, נאָר די נשמה זיינע, זי פלעגט זיך אויפהויבען און פערפליהען אין אַנדערע וועלטען, וואו ס'איז איהר ליכטיג, וואַרם, שען, וואו עס שפּראָצט, עס בליהט און עס לאָזען זיך זעהען זעהר גוטע, וואונדער־שענע זאַכען. שלמה'לע, הייסט עס, איז אַ בורא, ער בעשאַפט און לעבט אין זיינע, מיט דעם כח־הדמיון בעשאַפענע וועלטען — און ד' נשמה זיינע האָט הנאה.

איז אָבער גאָטס וועלט, דאָ ביי אונז, מילד, שען, דער הימעל ליטער, די זון שיינט — ציהעט עס, ציהעט שלמה'לען אבצוגעבען זיך איהר, אָט אַזוי ווי זי איז אינגאַנצען מיט לייב און לייבען און אַלע חושים מאַקי. אין דענסטמאָל טרייבט עס איהם צו הערציל קיילעס, וואָס איז מיט זיינע גיינג אין זיין שטייגער לעבען איהם צום האַרצען, מעהר פון אַלע יודען אין שטעדטיל, וואָס זיין הויז און דאָס גאַנצע בעל־הבתישקייט זיינס שמעקט עפּיס מיט דאָרף, מיט אַ פרישען ריח פון פעלד. דען וואו איז עס דערהערט געוואָרען, אַז אַ יוד, אַ שטאָדט־בעל־הבית, זאָל זיך אָבגעבען מיט עופות, מיט בהמות, האָבען ביי זיך אָקסען, פערד, אַ גוי, להבדיל, טראָהים, צו בעאַרבייטען די פעלדער, און אַ הונט אַ צוגאָב דערצו אויך? אַ יוד, וואָס זיינע כבֿנות שטעקט אין

אַ אתרוג, אין הישענות, זאָל זיך נאַריש מאַכען, שמעקען ציִנפּקעס און עפּעל אין באַרענבוימער ביי זיך אין גאָרטען! אַ יוד, אַ שטאָדט־בעל־הבית, וואָס בעדאַרף מעהר נישט וויסען דעם מאַרק, דעם בית־מדרש און שבת בייטאָג נאָכ׳ן טשאָלענט שלאָפען, זאָל מעשה־קינדס, ער מיט זיין בחור׳ל, גאָר געהן אָפּט שפּאַצירען!

שלמה׳לע ווערט ביי הערציל קיילעס אין הויז אַ היימישער, מיט זיין זוהן, בן־ציון, רבי חיים׳ס אַטאָלדיגער תלמיד, ווערט ער אַ נאָהענטער חבר, ביידע האָבען זיך ליעב דאָס לעבען.

בן־ציון האָט אין זיך געהאַט דאָס, וואָס אַ שטאָדט־יונגעל און אַ דאָרפס־יונגעל אינאיינעם. ער האָט געקענט אַריינקוקען אין די קליינע אותיות׳לעך, אָבלערנען אַ בלעטעל גמרא און קיין חשק נים געהאַט צום לערנען, אָבגעבען זיך מיט דעם בעל־הבתישקייט, אין הויז, אין פעלד מיט גרוים ליבשאַפט. בטבע איז ער געווען אַ גיטער, אַ שטילער, האָט מעהר געטאָן ווי גערעדט. שלמה׳לע פלעגט איהם פאַרשטעהן אויפ׳ן וואונק. עס זיצט זיך, אַ שטייגער, בן־ציון, אין אַ זומער־טאָג, ביי זיך אויפ׳ן גאַניקעל. די זון באַקט, אַ שרעק. דער הונט ליגט איהם צו די פיס, אויסגעצויגען אויפ׳ן בויך, מאַכענדיג מיט די זייטען פאַר היץ. צייטענווייז טהוט ער אַ הויב דעם קאָפּ, אַ עפען דאָס מויל — אַ לאַפּ־חאַפּ אַ פליג! איהם ביי דער זייט זיצט די קוואָצקע מיט צושפּרייטע פליגעל, פון אונטער וועלכע עס לאָזט זיך הערען אַ פּיסק פון קליינע הינדלעך. דאָס רוהעט מען דאָ פונ׳ם אָנלויפען זיך אין דרויסען ביז אַצינד. דער מאַרק איז אָבגערוימט, מען זעהט קיין לעבעדיגע בעשעפעניש דאָרט נים — בהמות זענען אין פעלד, קינדער, להבדיל, זענען אין חדר, און גרויסע געניצען אין שטוב, אין קלייט, לעבצענדיג נאָך אַ קאַלטען טרונק וואַסער. אויף דער גלייכער וואַנד ערגיץ דראַפּעט זיך אַ קאַץ, בלייבט אינדערמיט שטעהן, אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ, קיקט, טראַכט, איז זיך מישב, וואָס זאָל זי טאָן, צו אַרויף ווייטער, צי אַראָב? שלמה׳לע רוקט זיך דענסטמאָל ווי אַ קעצעלע אַרויס פונ׳ם שטוב, נאָכדעם ווי ער האָט ווי ס׳איז אָבגע׳פּטר׳ט, צוגעגרייט דאָס שטיקעל לייענען פאַר׳ן פאָטער. עפּיס ביינקט זיך איהם, ציהט עס איהם, די אויגעלעך קוקען, קוקען אַהין, וואו דער הימעל לאָזט זיך אַראָב, וואו עס ציהט זיך אַ טונקעל־גרינע ליניע פון שפּיצען הויכגעוואַקסענע בוימער. ער טהוט אַ בליק — אָ, עס זיצט בן־ציון! מיט איין שפּרינג איז ער נעבען איהם. ביידע שווייגען און איינער דעם אַנדערען פאַרשטעהט, וואָס ער וויל.

בן־ציון מהוט אַוואונק, אַ סמאָרע מיט דער נאָז, הייבט זיך אויף און לאָזט זיך געהן, און שלמה׳לע מיט אַ שײנענדיג פּנים׳ל נאָך איהם. דאָס לאָזט מען זיך אַרויס פונ׳ם שטעדטיל ווייט אויפ׳ן שפּאַציר.

אויפ׳ן וועג, הינטער׳ן שטעדטיל, געהט בן־ציון אַריין צו זיך אין שייער, געוואָהר ווערען צום אָנגעלעגטען פרישען היי דאָרט. ס׳איז פריש, קיהל מחיה, דער ריח פון היי צוגעהט זיך אין אַלע גלידער. די ביידע חברים טהוען זיך דערויף אַוואָרף אין גלייכען אויס די ביינער לינען און קוקען ווי די שוועלבעלעך פליהען אַרויס־אַריין, אַרומדרעהענדיג זיך מיט אַ שווישמישער אַרום די נעסטען זייערע דאָרט אונטער דעם שטרויע־נעם דאַך. זיי אַקעגען שטרעקען זיך אַרויס־אָפענע געלע פּיסקעלעך פון יונגעכשקע נאַקעטע פויגעלעך, וואָס ווילען עסען.

פונ׳ם שייער געהט מען און מען קומט צו אַ גלייכען פרייען פּלאַץ, וואו עס ציהען זיך אַוועק ווייט אין דער לענג, אין דער ברייט פעלדער מיט אַלערליי תבואות. עס זעהט זיך דאָרט פונדערווייטענס אַ געמעהל, וייס־רויטליך בליהענדיגע רעטשקע, איינגעפּאַסט אין אַ ראַם פון גאָלד־געלע ווייץ אַרום און אַרום. בלויע בלימעלעך צווישען קאָרן פאַרנעהמען די אייגען, און פליהענדיגע, שפּרינגענדיגע גאָטס בעשעפעניש דאָרט זושען אָן, פולע אויערען. בן־ציון בעטראַכט דאָרט זייערס אַ פעלד מיט האָבער און איז העכסט צופרידען. לאָזט זיך פון דאָרט געהן ערגיץ אין דער זייט, שלמה׳לע נאָך איהם. ביידע רויט ווי אַ צוויק, ביידע פאַרגניגט, גיט צו רעדען קיין וואָרט און קומען צו אַ לאָנקע. דאָרט פיטערען זיך פערד, געפענטעט אויף די פעדערסטע פיס. דערביי ברענט אַ פייעריל אונטער אַ אַלטע ווערבע, וואו טראָחים באַקט קאַרטאָפעל און מאַכט אָן אונטערוואַרפענדיג דאַרע־צווייגלעך, אַ רויך, צו פערטרייבען די קאָמאַרעס. איין פערד, וואָס נאָהענט, דערזעהענדיג דעם בעל־הבית, הייבט־אויף דעם קאָפּ הויך, שפּרינגט אַמאָל דריי מיט די פעדערסטע געפענטעטע פיס און טהוט אַ הירזשע — ברוך הבא! הייסט עס. בן־ציון געזעגענט זיך מיט איהם, אַ קלאַפּ געבענדיג עס הינטען אויף דעם רוקען, זאָגט אָ. גוט טראָחימען און געהט ווייטער, שלמה׳לע מיט איהם, אין פאַרגעהע־טיפליך אין אַ וואַלד.

נאָך פון דער ערשטער בעקאַנטשאַפט מיט׳ן וואַלד האָט שלמה׳לע בעקומען פאַר איהם דרך־ארץ. אי ליעב געהאַט איהם, אי מורא געהאַט האָט ער פאַר איהם. אין דער יוגענד נאָך האָט ער זיך אָנגעהערט שרעקליכע מעשיות: אין וואַלד זענען דאָ גזלנים, אין וואַלד זענען דאָ

חיות רעות — וועלף, בערען. שדים, נישט־גוטע זענען אויך אין וואַלד דאָ. מיידלעך זענען אַ מאָל אין וואַלד געגאַנגען מיט פּילע שיסעלעך אָנ־געקליבענע יאַגעדעס, איז צוגעקומען אַ בער, זיך גענומען פרעסען די יאַגעדעס, און די מיידלעך זענען קוים מיט דעם לעבען אַנטלאָפען. היינט איז גלאַט אַ סכנה פאַר יודישע קינדער דאָרט פון שקצים׳לעך מיט הינט.

דאָס ערשטע מאָל אַריינקומענדיג מיט זיינע חברים אין וואַלד האָט איהם געטיאָכקעט דאָס האַרץ, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען און ביי אַ מינדעסטען שאָרך פערביסען די ליפּען און געמאַכט — שאַ!

שפּעטער, שפּעטער, אויף זיינע שפּאַציר־גאַנגען מיט הערציל קיילעס, מיט בן־ציון׳ען און דעם הונט, להבדיל, איז ער צום וואַלד געוועהנט געוואָרען. אַז מען פלעגט זיך בעגעגנען דאָרט מיט שקצים, פלעגען איינע די אַנדערע זאָגען: „דאָברי דען!״ און פון ביידע צדדים די הינט פלעגען איינע די אַנדערע זיך בעשמעקען, בעלעקען. פאַר שדים איז אויך ניט געווען וואָס צושרעקען זיך. הערציל קיילעס האָט געהאַט צו זיי אַ שפּריך. — „זיי״ האָבען אַ מאָל פאַרדרעהט אַ רעדיל דאָ אין וואַלד — אַזוי פלעגט הערציל דערצעהלען — געהאָלט צונעהמען, צו־טראָגען מיט דעם דריידעל־ווינט אַ סמערטע הוי, האָט ער אינדערמיט רעדיל אַריינגעוואָרפען אַ מעסער, געזאָגט אַ שפּריך פון אַזאַ כתב־יד, וואָס געהט איבער אין זיין משפּחה פון עלטערען צו קינדער בשתיקה, און זיי צוטריבען אויף אייביג, לעולם ועד.

מורא, הייסט עס, איז שוין ניט געווען וואָס צו האָבען, דאָך דער דרך־ארץ פאַר׳ן וואַלד איז ביי שלמה׳לען אויף תמיד געבליבען. איהם האָט זיך דער וואַלד פאָרגעשטעלט אין קאָפּ נאָר עפּיס אַ לעבעדיג בעשעפעניש. עפּיס אַ מין פאָלק אַזוינס. עפּיס שטעהען זיך אויף אַ גרויס שטיק לאַנד בוימער — אַלטע זקנים, זיידעס, עלטער־זיידעס, און יונגע, קליינוואַרג. איטליכער, דאַכט זיך, שטעהט פאַר זיך בעזונדער, נאָר אין „גרונט״ גענומען זענען זיי דאָרט טיעף פאַרפּוטעט, פאַראייניגט מיט די וואָרצלען און ציהען די „יניקה״, ווי אַזעלכע פון איין שורש. זאָל וועהען פון ערגיץ עפּיס אַ ווינטעלע, שושקען זיי זיך איבער, סוד׳ן זיך, אָנבוי־גענדיג די קעפּ איינער צום אַנדערען. קיינער שווייגט ניט שטיל, עס „ריהרט״ אָן איטליכען און איטליכער לאָזט זיך הערען מיט זיינס, באַסע־וועס־צו, טהוט אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ. אַ מינדסטער קלאַפּ ביי איהם דאָ, רופט זיך עס אָב ביי איהם העט ווייט דאָרט. און זאָל אַ בלאָז טאָן אויף

איהם, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל, אַ פּיילער, אַ בייזער ווינט פון צפון־זייט, האַפּט ער זיך־אויף מיט אַ כעס, אַ צאָרן, עס רעש'ט זיך, עס פּילדערט פון גרויס ביז קליין. עס רוישט און שטורמט ווי חוואַליעס אין ים. פערשטימט ווערט וואו אַ לעבעדיג בעשעפעניש אין איהם, בעהאַלט זיך אין אַ לאָך פאַר שרעק.

שלמה'לע קען דעם וואַלד, ווייסט זיין נאַטור, האָט אַליין שוין געזעהען איהם צושפּילענדיג זיך אין אַ שטורם מיט אַ ווילדער קראַפט, אין דעריבער בעקומט ער תמיד ביים אַריינגאַנג עפּיס אַ אָבשיי פאַר איהם, אפילו ווען ער שטעהט זיך שטיל רוהיג, ווען ער לאַדעט איין צו זיך, ווי אַ גוטער מכנים אורח, צוקומען אויסרוהען זיך אין זיין שאָטען, איז מכבד מיט רויטע אי מיט שוואַרצע יאַגערעס און לאָזט שפּילען אַ קאַפּעליע פון זיסע נגונים. מיד פון דעם שפּאַציר אויף די פרייע, פרעהליכע פעלדער, זיצט ער אַצונד מיט בן־ציונ'ען אָנגעלעהנט אונטער אַ צווייגהאַפטיגען בוים, הערט זיך־צו, קוקט זיך־צו צו אַלסדינג אַרום און אַרום מיט דרך־ארץ און האָט אין האַרצען שטאַרק הנאה.

פונ'ם וואַלד אַרויסגעהענדיג לאָזט מען זיך צוריק אין שטעדטיל, מען חאַפּט זיך אַריין, שוין אַביסעל שפּעטליך, אין בית־המדרש, שאַ קיטש, גלייך ווי גאָרנישט געשעהען, און מען פערבייסט מיט אַ מנחה.

אָנזעהענדיג זיך וואָס עס טהוט זיך אין דעם בעל־הבתישקייט ביי הערציל־קיילעס, נעהמט שלמה'לע אין ווערט אַ בעל־הבית אויך ביי זיך. זוכט אויס אַרבייט אין גאָרטען, וואָס אונטער'ן שטוב, קריכט צווישען די בייטען רייסען צובעלעס, רעטיך, אוגערקעס, רייסט אויס דאָרט די קראָפּעווע, און קוקט זיך־צו דערנאָך אַ מאָל צעהן אין טאָג צו דעם גרינוואַרג, זעהן, צי ס'איז שוין אויסגעוואַקסען!!.. פאַרנעהמט זיך מיט טויבען, פאַר וועלכע ער מאַכט פון שטרוי נעסטען אויף דעם בוידעם, האַלט אויך שפּילפייגעלעך אין שטייגלעך. זעצט אויך היהנער אויף אייער אין אַ קאָרב, אונטער'ן בעט, קריכט אַהין עפטערס, ציקאַווע צו זעהן, ווי עס פּיקען זיך אויס היהנדעלעך.

גראָד מאַכט זיך, אַז אין שטוב דרעהט זיך אַרום אַ אינדעטשקע, זעהר אַ שענע, בעליבט ביים גאַנצען הויזגעזינד, אין מען בעט זי אויס ביי דער מאַמע, ניט צו שעכטען עס. ס'איז דאָ אָהן איהר אויך אַ פּאָרפאָלק — אַ אינדיק מיט'ן ווייב, אויף פסח. לאָז זי לעבען און בלייבען אויף פּליד. די אינדעטשקע זעצט זיך למזל אויף אייער, פיהרט אויס

אַ זעציל קינדערלעך, און שלמה נעהמט איוף זיך, אין אַ גוטער שעה, די גאַנצע מיה מיט דעם קליינוואַרג.

און דעם אמת מוז מען זאָגען, ער האָט געטאָן זיין זאַך געטריי, זיך געשיינקט נענוג צייט און זיך אָבגעגעבען מיט זיי אַ סך מעהר נאָך וויפיל מאַטע-מאַמע האָבען געוואָלט, אַזוי אַז ס׳פלעגט אַ מאָל צווישען זיי פאָרקומען צוליעב דעם אַ ווערטלען-זיך אונטער פיער אויגען.

— דו! — מאַכט רבי חיים צום ווייב, וועלכע ער האָט, אויף דעם יודישען שטייגער, קיינמאָל ניט גערופען ביים נאָמען, נאָר סתם: דו — די אינדעטשקע איז דיין מלאכה. עס האָט זיך איהר פערגלוסט האָבען אינדעקלעך! דערוויל לערענט נישט דאָס בהור׳ל. האָט אין זינען שטענדיג אינדיצקע, אינדיקלעך. נ-נ-נו!

— אָט האָסטו דיר שענם! — פאַרענטפערט זיך שרה מיט פערדראָס — מיר האָט זיך פערגלוסט אינדיקלעך! אַלע אין שטוב האָבען גע׳חלש׳ט: לאָז איבער די אינדעטשקע! און אַז ס׳מאַכט זיך עפיס-וואָס, געהט צו מיר אוים דער צאָרן. ווי אַ יודישע טאָכטער איך בין, מאָרגען שיק איך, בלא-נדר, נאָך דעם שוחט, אויב דו ווילסט, און לאָז ער קוילען פון מיינט-וועגען די אינדיטשקע מיט די אינדיקלעך אינאיינעם.

— אָהן כעס! — זאָגט רבי חיים שוין ווייכער, במעט מיט אַ נעבעט — מיט דיר טהאָר מען נישט רעדען קיין וואָרט. באַלד ווערט זי אין כעס. צו-וואָס קוילען בעשעפניש, נעבעך? אַז זיי לעבען, זאָלען זיי זיך לעבען. געלעבט אַזאַ צייט און פלוצלים... אַ רחמנות, נעבעך, אַ צער-בעלי חיים!

— וואָס-זשע ווילסטו פון מיר האָבען? — מאַכט שרה נאָך אַלץ מיט אַ ברוגז-פנים — אַז דו ביסט אַ בעל-רחמים, וואָס-זשע זאָגסטו מיר, וואָס?...

— גאָרנישט, גלאַט אַזוי — פאַרענטפערט זיך רבי חיים מיט אַ גוט שמייכעלע — איך זאָג עס מיר סתם אַזוי: אַז דער קאָפּ ליגט איהם צופיעל אין די אינדיקלעך. אַלץ אין דרויסען, אין דרויסען;

— איך וויים, אָסור, ניט, וואָס דו ווילסט — מאַכט שרה כלומר׳שט און טרעהרען שטעלען איהר זיך אין די אויגען — אַ קינד זאָל דעם גאַנצען טאָג, וויל ער, זיין פערשפּאַרט. איך האָב ניט קיין האַרץ פאַרוועהרען איהם אָנקוקען די ליכטיגע שיין. אַדרבה, טאַטע, זייך דו מיט איהם אין

לעהרען פֿון פריה ביז נאַכט, פֿאַר װאָס, טאַטע, קוקסט־דו איהם נישט אָן דעם גאַנצען טאָג?

— נו־נו־נו, געננג! — ביטשעט רב חיים דאָס װײב מיט'ן פֿינגער, שמייכלענדיג צו איהר אזוי פֿריינדליך ביז זי טהוט אויך אַ שמייכעל — און שלום, אַלסדינג װידער װאָס פֿריהער.

שלמה'לען װילט־זיך נאָכמאַכען הערציל־קיילעס אין שענע האַנד־אַרבייט אויך. ער פֿערקוקט זיך מיט גרויס פֿערװאונדערונג איף הערצילס „רבי יוסי מיט'ן בת־קול װי אַ טויב", װיל אויך עפּיס מאַכען און עס געהט ניט. נישטאָ קיין געצייג — פֿאַרענטפֿערט ער זיך פֿאַר אַנדערע און פֿאַר זיך אַליין. צום שניצען ברויכט מען אַ שאַרף מעסעריל. דאָס מע־סעריל, איוף װעלכען ער האָט געשטעלט אַ פּלעט פֿאַר אַ גאַנצען האַלבען גראָשען און עס געװאונען, האָט נישט געטויגט. די קלינגלעך זענען געװען פֿון בלעך, און צו מאָלען, האָט ער געזאָגט, בעדאַרף מען פֿאַרב, בלויע, רויטע פֿאַרב. דעריבער איז ער טאַקי ניט שולדיג. נאָך גוט' כ'לעבען, װאָס עס געהט איהם די האַנד, אויסצוקנייטשען פֿון פּאַפּיר לאַמטערנעס, אויסצושניצען פֿון אַ שפּענדיל אַ אייערלעפּעלע און מאַכען אַ „בעזרת השם" מיט אַ צוק, אַ דרעה אַזוי, אַז ס'קומט אַרויס מיט אַ פֿויגעל!

14.

דער וועג פון שלמה׳לעס לעבען ביז אַהער, ווען אפילו ער איז ניט אויסגעשאָטען געווען מיט בלומען, דאָך שלעכט האָט מען איהם נישט געקענט אָנרופען. לכל־הפּחות האָט זיך דער וועג געצויגען גלייך ווי אַ סטרונקע, גלאַט אָהן גריבלעך. שפּעטער אָבער הויבט דער לעבענס וועג זיינער אָן זיך צוקרימען, ווערט גריבערדיג. ווייטער אַביסעל איז ער שוין בעוואַקסען מיט דערנער, נאָך ווייטער ציהט ער זיך שוין אַרויף און אַראָב איבער בערג, איבער טאָלען און טיפע אָבגרינטען. דער גאַנג אויף איהם ווערט שווער, וואָס ווייטער, אַלץ ערגער, ערגער, האָבּיש נעהם און פאַל אַנידער, האָטש טהו זיך, שונאי־ציון, אַ מעשה אָן —

די ערשטע שטיינער איהם אויפ׳ן וועג — זענען צרות הכלל, צרות, פורעניות, וואָס זענען כּסדר איינע נאָך די אַנדערע אויף דעם שטעדטיל ק. אָנגעשיקט געוואָרען.

איינע פון די הויפּט־פּרנסות. וואָס דערמיט האָט דאָס שטעדטיל ק... אויסגעצייכענט זיך פון אַלע אַנדערע שטעדטלעך אין ליטא, איז געווען „אַסטראַחאַנקע“ אין בעזונדערענס דער „שלייער־אַרטיקעל“.

אַסטראַחאַנקע — דאָס איז געווען אַזאַ כאָרט לײַנוואַנד, געפאַרבט טונקעל גרין, און צונייפגעלעגט אין שטיקלעך פון אַ געוויסער צאָהל אַרשין, וואָס פּויערים פלעגען מיט דעם איבערשלאָגען אויך אויף קאַפּטענס פאַר אָרמעלייט. פאַר וואָס די לײַנוואַנד האָט געטראָגען

איוף זיך דעם נאָמען אַסטראַחאַנקע, דאָס איז אין דער געשיכטע פונ׳ם שטעדטיל עד היום נאָך ניט דערקלערט געוואָרען.

שלייער האָט געהייסען זעהר אַ דין, געבלייכט שטיקעל לייוואַנד, לאַנג אין שמאָל ווי אַ האַנדטוך. אויך די שטעדטעלדינגע וועבערס מלאכה. מיט דעם מין האַנדטוך פלעגען ווייבער אַרומוויקלען דעם קאָפּ איבער דער קאָפּקע, אייסגעשטשענדיג עס אַזוי, אַז הינטען אויף דער פּאָטיליצע לאָז אַראָבהענגען צוויי עקען, אין דער גרויס אין דעם געשטאַלט פון בלינצעס אין זיי ביי די זייטען צוויי קלענערע, מיט דעם נאָמען „פּאָבעס״. דעם פאַרשלייערטען קאָפּ האָט ווי אַ רייף אַרומגענומען אַ צונויפגעלעגטע פּאַטשיילע, פאַרדרעהט מיט אַ קנופּ אויפ׳ן שטערען, אין די עקען פאַטשיילע פאַרשטעקט, אָדער צוגעשפּילעט, איין עק פון דער זייט קאָפּ, יענער פון דער אַנדערער זייט. ביי אַלטע כשר׳ע ווייבער איז דער קנופּ איינגעקומען סאמע פאָרענט, ווו אַ „של ראש״ אויפ׳ן שטערען. ביי יונגע ווייבלעך, מאָדניצעס, איז דער קנופּ פעררוקט געוועזען אַביסעל אין דער זייט, שבת אין יום־טוב האָבען ווייבער פון בעל־הבתישען שטאַנד גע־טראָגען אויפ׳ן קאָפּ זיידענע, קאַשעמירענע אָדער טערקישע פאַטשיילעס, אין דער־וואָכען וואָלענע מיט גרויסע קווייטען — עפּעל־פאַטשיילעס. די דאָזיגע ביידע מיני פאַטשיילעס האָבען מחותנים פון חתן׳ס צד בעראַפּט שיקען פאַר דער חתונה אַ מתנה דער כלה אין מחותנים פון כלה׳ס צד האָבען געשיקט דעם חתן אַ שטריימעל.

אָט אַזוי האָבען אונזערע באָבעס אַ פנים געהאַט אין שלייער!

דער שלייער האָט בעראַפט זיין וויים ווי שניי, אָנגעקראָכמאַלט, אָנגעבלאָזט אין אויסגעקייקעלט. די דאָזיגע מלאָכה פון קייקלען־גלעטען אַ שלייער, איז געטאָן געוואָרען פון צוויי ווייבער, בעלי־הבית׳טעס, בשותפות, אַזוי: איינע האַלט מיט ביידע הענד ביי די שפּיין־עקען שלייער פון איין זייט, די צווייטע טהוט דאָס אייגענע יענער אַקעגען פון דער אַנדערער זייט. אויף אַזאַ אופן בלייבט דער שלייער צווישען די ווייבער אויסגעצויגען ווי אַ לאַנגע שמאָלע רינווע, אין וועלכער עס געפינט זיך אַ גרויסע, קיילעכדיגע, גלאַטע קייל פון גלאָז אָדער פון אייזען. ניט אַ הויב אַ יודענע די הענד אַביסעל העכער, לויפט די קייל אין דעם שלייער פון איהר זייט צו יענער וואָס אַקעגען. טהוט באַלד אויך אַזאַ הויב מיט די הענטלעך יענע, קייקעלט זיך די קייל אין שלייער צוריק צו דער ערשטער. אָט אַזוי לויפט די קייל הין־און־צוריק ביז דער שלייער ווערט גלאַט ווי אַ טאַק.

אָנציקוקען בשעת מעשה דו ביידע ווייבער, ווי אַזוי ערגעץ זיי שטעהען זיך חייטליך איינע אַקעגען דער אַנדערער, ווי אַזוי זיי הייבען די הענטלעך מיט אַ טרעסעל די אַקסעלעך, אויספוצענדיג די בייכעלעך, פאַר־לענגענדיג אין דער זייט די קעפעלעך; ווי אַזוי זיי קרימען זיך, פאַר־דרעהענדיג די נעזעלעך, וואַרפענדיג מיט די אויגעלעך און שיקען איבער פונדערווייטענס איינע דער אַנדערער זיסע־גיפטיגע שמייכעלעך, גוטע ריידעלעך מיט שטעכענדיגע שפילקעלעך — אָט דאָס אָנציקוקען האָט מען, דאַכט זיך, שוין ניט בעדאַרפט מעהר קיין שענערעס דערפון אין דער וועלט. אַ כפרה טעאַטער, אונזערע היינטיגע טעאַטערס!

אָט די דאָזיגע שלייער פלעגען, ווי די „אַסטראַחאַנקע׳, אויסאַרביי־טען גוי׳אישע ווייבער אין דעם שטעדטיל, איטליכער אויף זיין וואַרשטאַט ביי זיך אין דער היים, און יודען זענען געווען די אָבנעהמער פון דער סחורה, פאַר וועלכע מען האָט געצאָהלט במזומנים, אויך מיט מאַלקעס פאָדים. יעדער האָט שוין געהאַט זיינע געוויסע ווייבער, מיט וועלכע ער האָט געהאַנדעלט. געוועהנטליך האָבען דערמיט געהאַנדעלט בעלי־הבית׳־לעך, נאָך קעסט־קינדער, אָדער ערשט אַראָב פון קעסט, ביי וועלכע עס האָט זיך נאָך געפינען פונ׳ם נדן אַ מזומען גראָשען. ר׳ חיים׳ס אויס־געגעבענע קינדער האָבען אויך דערמיט געהאַנדעלט און געצויגען די פרנסה. די דאָזיגע סחורה פלעגט דערנאָך דורך גרעסערע סוחרים, אויפקייפער, צופיהרט ווערען אין אַלע ליטווישע שטעדט, וואו עס האָט געהאַט אַ גרויסען אָבגאַנג. ק־ער שלייער האָבען זיך געריהמט אין דער וועלט. ס׳איז געווען פרנסה אין דעם שטעדטיל, אַ סך יודען האָבען דער־פון געלעבט.

אָט אַזוי האָט זיך עס געצויגען יאָהרענלאַנג פון טאַטעס צו קינדער— און פלוצלים נאַט אייך אַ גזרה!

ס׳איז אַרויס די גזרה פון די קליידער — ווייבער זאָלען ניט טהאָרען גאָלען די קעפ, יודען זאָלען זיך אָנטאָן דייטש!

אַז יודען ווערען דייטשען, פאַרשטעהט־זיך, ווערען יודענעס דייטש־קעס. אמת אין שטעדטיל ק. איז נאָך מיט חסד. פאות, שטריימעל, פאַרשלייערטע געגאָלטע קעפ לעת־עתה נאָך ווי פריהער, אָבער ערגיץ אַנדערש אין דער וועלט איז פע!... יודען טהוען אָן קאַשקעטען, יודענעס וואַרפען אַראָב פונ׳ם קאָפ דעם שלייער און נעהמען אַרויף אויף זיך מיני שמאַטקעס — ליטווישע טשעפטשיקעס, מחילה, אַזוינע. אויס שלייער, אויס האַנדעל, אויס פרנסה! דאָס שטעדטיל ק. איז ווי דער׳הרג׳עט,

איטליכער דערפיהלט דעם קלאַפּ. עס דערפיהלען אויך די וועבער, די שפינער, די קליינע און גרויסע אויפקויפער. עס דערפיהלען אויך די שענקערס, ווארום אַז דער וועבער האָט ניט אויף ברויט, האָט ער נישט אויף טרינקען. און אַז די אַלע ליידען מאַנגעל, ליידען, עס פערשטעהט זיך, אויך די קרעמער, די בעלי־מלאכות, דער גאַנצער קליינערער עולם. ווען מען איז עס אין קאָפּ צוקויפען, עפּיס זיך צומאַכען? עס קומען־צו נייע קבצנים, פרישצאַפּעלדיגע אביונים. בעלי־הבית׳לעך אָבגעקומענע, בעפּאַלענע מיט קינדער, נעהמען זיך צו מלמדות, בטלנים, מלמדים וואַקסען ווי קראָפּעווע. נישטא אָבער אַזוי פיעל תלמידים, וויפיל רבי׳ס. שלעכט! און אַז מענשען איז שלעכט, ווערען זיי אַליין שלעכט. גריזען זיך, קריגען זיך, איינער וויל אַרויסרייסען דעם ביסען ביי׳ם אַנדערען און זענען צווישען זיך קידער־ווידער, אויף מעסער־שטעך. נישטאָ אין שטעד־טיל די מנוחה, דער פרידען וואָס פריהער.

אויף רב חיים׳ן האָט דער געפאַלענער האַנדעל אויך זיך שלעכט אָבגערופען. די איינגעגעבענע קינדער זיינע זענען געבליבען ווי דערוואָר־גען. אָהן פרנסה. אַ שוואָגער זיינער, וואָס האָט געהאַנדעלט מיט טאַל־קעס, האָט אָנגעזעצט און געמאַכט פליטה, איבערלאָזענדיג ווי אויפ׳ן וואַסער אַ ווייב מיט אַ קליין קינד, און זיי זענען געפאַלען אויף רב חיים׳ס קאָפּ. איהם אַליין אין די געשעפטען איז אויך געגאַנגען שלים. אין דער טאַקסע פון פלייש, וואָס ער האָט די לעצטע צייט געהאַלטען, האָט ער דערלעגט דעם קאָפּ. דער עולם האָט געגעסען וועניג פלייש. אין שטוב איז געווען נישט פרעהליך, דאָס הויזגעזינד צווישען זיך גאָר ניט דאָס וואָס אַ מאָל.

שלמה׳לע הויבט אָן דערפיהלען צרות, צופערזוכען די ביטערקייט פונ׳ם לעבען. אוים קינדערשע רוהיגקייט!

נאָר אַז ס׳איז בעשעהרט אומגליק, נעהט עס פון אַלע זייטען. פלוצלים אין אַ שענעם טאָג, זומער, די רעכטע צייט פון שרפות אין יודישע שטעדטלעך, איז געקומען אַ שרפה, אַ העליש פייער אויפ׳ן שטעד־טיל ק. מעהר ווי אַ העלפט הייזער זענען אַוועק מיט׳ן פייער, צווישען זיי אויך דאָס הויז פון פראַדעלס עלטערן. ס׳איז געוואָרען אַ תל פון די הייזער, אויף בערגלעך אַש האָבען אומעטום אַרויסגעשטרעקט נאַקעטע, פערדרייבערטע קוימענס, ווי אויף אַ בית־עולם די מצבות. מענשען הונגעריגע, אָבגעריסענע, דאַרע, בלייכע, עפּיס נאָר לעבעדיגע מתים, האָבען זיך געוואַל־גערט אין די גאַסען. אַ טייל האָבען זיך געבאָברעט, גענישטערט אין די

הויפענס מיסט פון זייערע אָבגעברענטע הייזער, געזוכט, ווי מען זאָגט, פון אַ גע׳פגר׳ט פערד די פּאָדקעוועס, האַטש וואָס איז, אַ זכר פון זייער נוסס. און די שמחה פון איינעם אויף דער מציאה, משטיינס־געזאָגט, אַז ער האָט געפונען ערגיץ אונטער דעם אַש טשוואָק, אַ טאָפּ, עטליכע געבראָטענע קאַרטאָפעל, האָט ביים צוזעהער עס פונדערווייטענס אויסגע־ריסען דאָס האַרץ נאָך פיעל מעהר ווי דער צער פון יענע אומגליקליכע, געבעך, וואָס זענען געזעסען פאַרלעגט די הענד, וויסט, בעטריבט מיט אויסגעצויגענע בלייכע פּנים׳ער.

די עלטערן פראַדעלס, וואָס האָבען אויך אָבגעברענט, האָט רב חיים זיי מיט דעם הויזגעזינד אַריינגענומען צו זיך אין שטוב. ס׳איז דאָרט געוואָרען אַ ענגשאַפט, אַ דערשטיקעניש, אומליבער האָט געליטען. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? — אַ רחמנות!

נישט געליטען האָט נאָר איין שלמה׳לע אַליין. אַדרבה, עס האָט איהם אין האַרצען נאָך משונה הנאה געטאָן — ער איז דערווייל אינאיינעם, אונ־טער איין דאַך, מיט פראַדלען. וואָס ענגער אַלץ בעסער. געלעגענהייטען אויף איהרע צוקוקען, מיט איהר זיך אָנצושלאָגען, צוהערען איהר זיס קול, צוזעהן איהרע בלויזע שען־געטאָקטע אָרעמס ביים אַרבייטען עפּיס, און צופיהלען איהר אָטעם — אַזעלכע געלעגענהייטען זענען דאָ אין טאָג זעהר פיעל און מען פערשפּאָרט זיך גאָר צוהיטען. שלמה׳לע איז פון דער הויט געקראָכען צודינען פראַדעלס עלטערן מיט דאָס, מיט יענץ, צוטראָגען זיי עפּיס, פאָלגען זיי אַ גאַנג, וואָס נאָר מעגליך. און בכדי צוגעפעלען, צומאַכען זיי אַ פאַרגניגען, איז ער אַלע טאָג מיט אַ קליין וועגעלע צוגעקומען צו זייער אָבגעברענט הויז, פונקט אין דער צייט, ווען פראַדיל פלעגט זיך באָברען דאָרט. שווייגענדיג, נישט צורעדען קיין וואָרט, פלעגט ער דאָרט זוכען, גראָבען, און וואָס איהם איז צו די הענד געקומען, האָט ער געלעגט אין וועגעלע, און דאָס וואָס פראַדיל געפינט, אויך אַהין, אַרויסנעהמענדיג עס פון איהרע הענד שאַ, שטיל. איז דאָס וועגעלע שוין פול, פיהרט ער עס אַ היים, רויט ווי אַ צוויק, אין איין שוויים, און פראַדיל העלפט איהם, שטופט אונטער דעם וועגע־לע פון־הינטען. אָט אויף אַזאַ אופן האָט ער צונומען אַ גאַנצען קיטען, אַ אויבען און אָבגעפיהרט די ציגעל אַ היים. די פרייד פון אַ גבור ביים צוריק־קעהרען־זיך פון דער מלחמה בעגראַנדע, מיט „זאַקדייב“, גאָלד און זילבער אַ סך, האָט זיך נישט געגליכען צו שלמה׳לעס פרייד דעמאָלט־מאָל, בשעת שלעפּענדיג אינאיינעם מיט פראַדלען דאָס וועגעלע פיל אָנ־

געלעגט מיט צינגעל, שטיקלעך אייזענס אין נאָך אַזוינע שיריים פון דער שרפה. ס'איז אַ וועהטאָג אַ גרויסער איהם זיך מודה צו זיין, נאָר די מעשה איז פאָרט אַזוי טאַקי, אַז די שרפה, אַזאַ אָנשיקעניש. אַזאַ אומגליק פאַר אַזוי פיעל מענשען, נעבעך, האָט איהם אין האַרצען שטאַרק הנאָה געטאָן. אויך די איינענע מעשה טאַקי ווי מיט אַ יורש, אַ שטיינער, פון רייכע עלטערן. כלומר'שט וויינט ער ביים איסגעהן זיי די נשמה, און צוגלייך טאַקי האָט ער משונה הנאָה ביי זיך אין האַרצען.

נאָר אוי-וועה! די שרפה האָט שלמה'לע דערפיהלט ערשט שפּעטער, אַז ער אַליין, קען מען זאָגען, איז אָבגעברענט געוואָרען, אַז איהם אַליין האָט דאָס גרויס אומגליק געטראָפען. פּראַדילס עלטערן, תּאָם האָבען, נעבעך, אַלע האָפנונגען פערלוירען, צוריק צו זייערע קרעפטען צוקומען דאָ אין שטעדטיל, האָבען זיך מיט איהם אויף אייביג אָבגעזעגענט, פערמסען די קינדערלעך און ערגיץ וויט אַוועקגעפאָהרען. נאָכדעם ווי שלמה'לע האָט אַזאַ צייט פערבראַכט מיט פּראַדלען אינאיינעם, זיך צו איהר שטאַרק צוגעבונדען, איז איהם איהר אַוועקפאָהרען געוועזען אַ ריס פונ'ם האַרצען. פערשטעהט איז איהם געוואָרען דאָס לעבען!

15.

אין ווי די חוואַליעס אין ים, לאָזען זיך איינע נאָך די אַנדערע צרות פּורעניות אויף׳ן שטעטיל ק. נאָר יידעליך אַליין מאַכען, שלאָפּינקע, ריהרעוודיגע, קענען, אָנבויגענדיג זיך ווי אַ טשערעטיל, לאָזען איבערגעהן איבער זיך אַזעלכע גרויסע חוואַליעס אין צוריק ארפהייבען דעם קאָפּ ! —

„האָב ניט מורא, יעקב, ישראל מיינער — זאָגט גאָט — אין טייכען וועסט־דו ניט דערטרונקען ווערען, אין פייער ניט פערברענט ווערען !"

איז אַרוים די גזרה אויף שלייער. אַודאַי איז שלעכט ! נאָר ידישע ווערען צו אַלץ געוועהנט. מילא וועט נאָט העלפען אָהן שלייער אויך. וועט מען זיך אַביסעל אַ קוועטש טאָן, אַביסעל ניט דערעסען, אַ ביסעל ניט דאָס, אַביסעל ניט יענץ. נישקשה !... קומט אויף׳ן שטעדטיל אַ שרפה — אוי, שלעכט, טאַקי זעהר שלעכט. אַ צרה איז עס אַ גרויסע ! נאָר וואָס זאָל מען טאָן ? גאָט איז אַ טאַטע, און ישראל זענען בני רחמנים. שרייבט מען כתבים, פאָהרען אַרוים משולחים. מען האָפט, מען וואַרט — און וואָס ? גאָרנישט ! משולחים זענען אויך מענשען, בשר ודם. מיט ווייבער און קינדער. בעדאַרפען, נעבעך, פיעל האָבען צום לעבען... מרעט־צו דער קאַלטער, נאַסער אָסיען, ניט שטאַרק אָנצוהערעניש, אַז אין דרויסען קען מען ניט זיצען, קלייבט מען זיך אַריין ווי־ס׳איז אין דירות. ענגליך אַביסעל ? מאַכט נישט אויס, אַבי אינאיינעם. האַפט זיך אַריין, ניט־דאָ־געדאַכט, עפּיס אַ מין חולאַת אַ זעלכער, מען שטאַרבט !

איז מען גוזר תענית — מען פאַסט! דער דלות ווערט אַלץ שטאַרקער, די נויט גרעסער. נו, לאָזט מען זיך, ווער עס קען, אַוועק. גאָטס וועלט איז גרויס, און וואָהלין איז אַ פעט ווינקעל. מלמדים זענען דאָרט סחורה. מען קנעלט! איז דאָך, דאַכט זיך, גוט? קומט פלוצלים אָן גזרת־הבלעט־לעך, אַז מלמדים טהאָרען ניט קנעלען אָהן אַ „שיין", אַ בלעטיל הייסט עס. שלעכט! טהוט מען וואָס מען בעדאַרף. העלפט גאָט — און מען קנעלט ווייטער!

אָט אַזוי האָט דאָס שטעדטיל ק., געבעך, געלעבט און איבער־געלעבט אַ שלעכטע, ביטערע צייט!

ווי מיט דעם ווינד האָט זיך אין יענער צייט פערטראָגען אין דעם שטעדטיל אַ נייעס וועגען יודישע קאָלאָניעס — די רעגירונג, הייסט עס, גיט יודען ערד צוזעצען זיך אויף איהר און זי צובעאַרבייטען. די דאָזיגע נייעס האָט, ווי געוועהנטליך, קייקלענדיג זיך, ווי אַ קנויל, פון מויל צו מויל, אָנגענומען אויף זיך פיעל פערשידענע מיטרות און לסוף זיך פערפּלאָנטערט, אַזוי אַז ס'איז שווער געווען זי אויפצופּלאָנטען. וואָס קאָלאָניעס, וועז קאָלאָניעס; וואו געבען ערד, ווי געבען, וועמען גע־בען? — אָט דרינען איז עס דאָס גאַנצע פּלאָנטעניש און די מיינונגען דעריבער זענען פערשידען. דאָס שטעדטיל איז דערמיט אויף. אומע־טום, אין מאַרק, אין בית־המדרש, אויפ'ן שוהל־הויף שטעהען רעדלעך מענשען און מען רעדט, מען האַמפּערט זיך, שרייענדיג, זידלענדיג זיך אויף אַ קול.

— איך בעט אַייך, רב זעליג — טענה'ט חייקעל דער הינקעדיגער, וואָס איז שטאַרק פאַרברענט אין די קאָלאָניעס — זאָגט מיר, פילוסוף מיינער, וואָס בע־קעט איהר מיר, וואָס עט־עט איהר מיר? וואָס זאָל אַזוינס אַייער בע, עט בעדייטען? אַזאַ זאַך, וואָס פאַר יודע; אַ גליק, איז מען מיט אַזאַ חקירה'לע, מיט אַ קנייטשעלע: עט, בע! ניט מבטל!

— וואָס האָב איך מיט דיר, חייקעל, צו טענה'ן, אַז דו ביסט... האָב קיין פאַראיבעל ניט — ענטפערט רב זעליג מיט אַ קנייטשעל, אַ שמעק־נעבענדיג טאַבאַק — אַז דו פאַרשטעהסט ניט דעם תמצית, דעם תוך, הייסט עס, פון אַ זאַך. מען גיט קאָלאָניעס! וואָס הייסט מען גיט? נאַ, חייקעלע, נאַ דיר און זיי אַ פריץ!

— אָט דאָס אייגענע טאַקי זאָג איך דאָך מיין פייבושקען אויך — מישט זיך אַריין אין שמועס יענקיל דעם מגיד'ס — אַ פריץ מיינסטו זיין?

אָ, נײן! עס שמעקט. מחילה, מיט... טוט, טוט וואָס הײסט כּיין עס... וואָס מע טהוט אַ פײער. נאָך מעהר. מע זאָגט פּאַקי, באַשר פּאַר נישט גוט אַרבײטען, צי ווײס איך וואָס פאַר עפּיס וואָס־ס׳איז, קומט אָבגעבען פאַר אַ רעקרוט אָדער גאָר פאַרשיקען קײן קלײן ארץ־ישראל — סיביר, הײסט עס! פּײבושקע, זאָג איך, די קנעלסט? קנעל טאַקי ווײטער און רעד זיך ניט אײן אַ קינד אין בויך! יעקב איז ניט עשו.

— נײן! — הערט זיך אַ קול פֿין אַ צווײטען רעדיל — אין די הינגע גובערניעס פאַר קײן נעלט ניט! בעסער אַהין, אין יענעם ווינקעל — אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אין חערסאָן.

— יאָ, טאַקי אַהין. גאַנץ גוט. אָבער געלט, געלט, געלט? — לאָזט זיך הערען נאָך אַ קול.

— מע גיט געלט!... ס׳איז דאָ געלט!... ס׳וועט זײן געלט!.. שאַ, וואָס זאָגט רבּי חײם? רב חײם וואָס זאָגט?... לאָז מען מאַכען אַ אַסיפה, אַ אַסיפה! — שרײען עטליכע מנינים העלזער מיט אַ מאָל.

אויף דער אַסיפה האָט זיך דערקלערט אַז די מעשה דערפֿון איז אַזוי: פיעל פֿון די טויזענטער יודען אין „ביעלאָרוסיא”, אַרויסגעטריבענע פֿון די דערפער, און פֿון אַזוי דאָרטיגע יודען, וואָס האָבען אין יאָהר 1806 דערלאַנגט „פּראָשעניעס”, אַז זײ ווילען בעאַרבײטען די ערד אין „נײ־רוסלאַנד”, האָט די רעגירונג בעזעצט דאָרט אויף איהר ערד, אונטערשטיצענדיג זײ מיט געלטמיטעל. באַלד טאַקי אין יאָהר 1810 איז אַרויס אַ „אוקאַז”, אַזוי ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט געלד דערויף בײ דער רעגירונג, זאָל מען מעהר קײן יודען ניט שיקען אַהין אין די קאָלאָניעס. אין נײן יאָהר אַרום האָט מען ווידער צוגעלאָזט יודען צובעזעצען זיך דאָרט, נאָר אויף זײערע אײגענע מיטעל דערצו. אין אַ פיער יאָהר אַרום האָט מען חײטער קײן נײע קאָלאָניסטען אַהין נישט צוגעלאָזט. און לויט די געזעץ פון 1835 יאָהר, און די ווײטערדיגע אין יאָהר 1847 האָבען יודען געמעגט ווערען ערד־אַרבײטער אויף קאַזיאָנע ערד, אין אַלע ערטער, וואו זײ מעגען וואוינען. בעזאָנדערענס האָט די רעגירונג זײ אָנגעוויזען יעקאַטערינאָסלאַווער און חערסאָנער גובערניעס. מיטעל אויף הוצאות און אונטערהאַלטען זײ האָט מען בעדאַרפט נעהמען פון דער טאַקסע, פונ׳ם „קעסטעל” הײסט עס. — ווי באַלד אַזוי, פֿון קהלים געלט, האָט זיך קהל פערטראַכט, און ס׳איז געבליבען — נאָך אַ מאָל מאַכען אַ אַסיפה.

פון די אַסיפית איז, ווי דער שטײגער איז, נאַרנישט אַרויסגע־קומען. מען האָט בעדאַרפט געלט, און געלט איז נישטאָ! לא־די וואָס נישטאָ, איז נאָך אויף דער שטאָדט דאָ חובות פון ניט־דערצאָהלטע „פּאָדאַטען“, מען מאָנט שטאַרק, מען שטעלט אַריין עקזעקוציעס. אויפ׳ן עולם רוקט זיך אָן אַ וואָלקען מרה־שחורה, קליין און גרויס זענען פער־אומערט און מען פרעגט, ווען וועט נעהמען אַ סוף צו די צרות? יודען אין בית־המדרש, אונטער׳ן אויבען, רעדען דאָרט צווישען־זיך פון משיח׳ס צייטען. מען דערצעהלט פון אַ נייעם „קץ“, וואָס אַ געוויסער רב, אַ גדול בישראל, האָט געפונען אין אַ פסוק, עס ווערט בשעת־מעשה עפּיס גרינגער אויפ׳ן האַרצען און פון די אויגען שיינט אַרויס האָפנונג — נישקשה! „אַל יאבד ישראל“—גאָט איז אַ גאָט און זיינע יודעלעך וועלען ניט פערפאַלען ווערען!

די „פּני העיר“ פערקלייבען זיך אָפט איינער צום אַנדערען, מיישב זיך צו זיין וועגען כלל־זאַכען. מען שמועסט, מען טראַכט אַהין־אַהער, און אויסלאָזען לאָזט זיך עס אוים תמיד, גאַנץ געוועהנטליך, מיט אַ קרעכץ: אוי, „הושיעה את־עמך!“ העלף דיין פאָלק ישראל, גאָטעניו. עס שטעהט שמאָל, טע־טע־טע, מיט דיינע יודעלעך!

ס׳איז אַ ווינטער־אָוועגט. אין דרויסען אַ ברענענדיגער פראָסט אַ שיינענדיגע לבנה, העל־ליכטיג חאָטש, ווי מען זאָגט, פערעל צוקלייבען. אויף דער גאַס שעמערירען טאַקי פערעל, נאָר ניטע! דאָס זענען אויסגעשאָטענע דאָ אין דעם זילבער־ווייסען שניי פון די פונקעלדיגע שטערען. ס׳איז שען, ס׳פאַרנעהמט די אויגען, אַ פאַרגעניגען צו־שפּאַצירען, נאָר ניט פאַר ק־ער יודען, נעבעך, אַזוינס געזאָגט געוואָרען— אויף דער גאַס איז שטיל. מען זעהט דאָרט ניט קיין לעבעדיגען מענשען! וואַרם, ליכטיג איז ביי רב חיים׳ן אין שטוב. אויפ׳ן „לוטשניק“ ברענט אַ פרעהליך פייערל. אין דער זייט, ביים וואַרעמען קאַפעל־אויבען זיצט אַרום אַ טיש רב חיים מיט עטליכע אָנגעזעהענע מענשען אין שטעדטיל, און מען האַלט אין אַ טיפען שמועס וועגען וויכטיגע ענינים פון שטעדטיל.

עס עפענט זיך מיט אַ מאָל אויף די טיר, וואָס צו דער גאַס־צו, אַ קאַלטער שטראָם רייסט זיך אַריין פון דרויסען און ציהעט זיך אַ ווילע ווי אַ מינקעל־העלער זייל פאַרע איבער דער שטוב. עס לאָזען זיך הערען שווערע טריט מיט אַ סקריפ און פונ׳ם זייל פאַרע ווייזט זיך אַרויס אַ גע־שטאַלט פון אַ מענשען.

— אַ, ליפּאַ! — שרייען אויס אַלע מיט איין קול — שלום עליכם, ליפּאַ!

ליפּאַ איז פון בעל־הבתישען שטאַנד, אַלט אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג. איז דורכגעטריבען קלוג, אַ ווערטיל־זאָגער, אַ בעהערצטער. תמיד פרעהליך, אפילו נישט אין די גוטע אומשטענדען, ווי עס גיט זיך אַ מאָל אויס אַ פרעהליכער אָרעמאַן, און איז בעליבט ביי איטליכען אין שטעדטיל. אַז ס׳איז אַרויס דער קלאַנג וועגען יודישע קאָלאָניעס, האָט זיך ליפּאַ ניט אריינגעלאָזט, ווי אַנדערע, אין טיפע הקירות. ער איז ניט פויל געווען אויפ׳ן גאַנג און זיך געלאָזט באַלד טאַקי געהן אין דער אויעזדנער שטאָדט, פון דאָרט אין דער גובערנסקער, צודערגעהן זיך וועגען דעם אַלסדינג ריכטיג און וואָס מען האָט צו טאָן.

ליפּאַ פאַרטיגט זיך אָב גיך מיט איטליכען פונ׳ם „שלום עליכם“. מאַכט עס בקיצור. צונעהמט דאָס טולאבעל, טרעסעלט־אָב פונ׳ם בערדיל פערפרווירענע שטיקלעך אייז. שטעלט זיך דערנאָך נאָהענט צום לוטשניק, וואַרמענדיג די הענד אַקעגען דעם פייעריל. דער עולם בעטראַכט איהם פריינדליך, און פלוצלים שיסען אַלע אויס אַ געלעכטער, טייטענדיג מיט די פינגער איהם אויף די פּיס:

— וואָס איז דאָס אַזוינס, ליפּאַ?

— לאַפּטיעס! — ענטפערט ליפּאַ גאַנץ קורץ, מאַכענדיג דערביי אַ ערנסטע מינע.

— צו פּורים איז נאָך וויים, און דו, ליץ איינער, מאַכסט שוין די שפּיל. פאַרשטעלסט־זיך בעציייטען — זאָגען אַלע נישט אויפהערענדיג צולאַכען.

און באמת איז טאַקי געווען פון וואָס צולאַכען. לאַפּטיעס, שיך אַזוינע, געפלאָכטענע פון אַווייכער קאָרע, מיט לאַנגע שנירלעך, וואָס דרעהען זיך ווי רצועות אַרום לייוווענדענע שמאַטעס אויף די פּיס ביז די קניעס — דאָס טראָגען אין ליטא פויערען, פון גראָבען עולם. אַ יודען, דעם גרעסטען אָרעמאַן אפילו, קומט גאָר אויפ׳ן געדאַנק נים אָנטאָן לאַפּטיעס, פונקט ניט ווי עסען חזיר, אָדער טראָגען שעטנז. ער וועט געהן בעסער מיט אויסגעטרעטענע פּיאַטעס, אָדער באָרפוס ווינטער אין דעם גרעסטען פראָסט, איידער אַיינוויקלען מיט „פאַסטעלעס“ די פּיס און דערויף אָנטאָן לאַפּטיעס. אַ יוד אין פאַסטעלעס איז גאָר נים געמאָלט, סיידען אפשר פּורים. עפּיס אַ שלאַק אַ פּורים־שפּילער, אָדער אַ בדחן, אַ ליץ אַ מאָל אויף התונות.

— איך פאַרשטעל מיך גאָר ניט פאַר אַ פּייער, ווי איהר זאָגט —

מאַכט ליפּא מיט אַ קלוג שמייכעלע — איך בין עס היינט טאַקי באמת, בכדי צופערשפּאָרען איטליכען בעזונדער אין שטעדטיל עס צו וויסען געבען, מיט איטליכען בעזונדער איינצוטענה׳ן, נעהם איך און טהו אָן לאַפּ־טיעס. נאַט, זעהט, הייסט עס, ווייסט אַליין וואָס איך בין אין לאָוט מיך צורוה.

— אַזוי, ליפּא! — רופען זיך אָן אַלע — דו ביסט אַ קאָלאָניסט? דערצעהל־זשע אונז אַלסדינג אַקוראַט, לאָמיר וויסען.

ליפּא האָט קלאָר געמאַכט דאָ דעם עולם מיט דעם גאַנצען ענין פון די קאָלאָניעס און די אַלע זאַכען, וואָס ווערען געפאָדערט דערצו קורץ אין שאַרף אויף זיין שטייגער. ער האָט איך דערצעהלט, וואָס מיט איהם האָט זיך פּאַסירט, די מיה, וואָס ער האָט געהאַט ביז ער האָט זיך צוגעשלאָגען צו אַ קאָמפּאַניע מענשען, וואָס מיט זיי אינאיינעם וועט ער זיך בעזעצען אויף אַ קאָלאָניע אין חערסאָנער גובערניע. אויף איטליכס געזונד פון זעקס פערשריבענע נפשות רעכענט זיך צו געבען פער־ציג דעסיאַטינעס ערד.

— און די ערד בעאַרבייטען ווער וועט? — רופט זיך אָן איינער פונ׳ם עולם — דו מיינסט, ליפּא, אַז דו ביסט אַריין אין לאַפּטיעס, ביסטו שוין אַ פּויער און טויגסט צו דער אַרבייט! מע בעדאַרף דערצו אַ רגילות.

— זאָרגט זיך ניט! רש״י האָט שוין בעוואָהרענט — מאַכט ליפּא מיט אַ שמייכעלע — אין די יודישע קאָלאָניעס פיהרט איין די רעגירונג „שילצען“ (סטאַראָסטעס) פון דייטשען, פון וועלכע מען וועט זיך לערנען די אַרבייט.

— יאָ, רעכט, אַלץ רעכט — רופט זיך אָן נאָך איינער — אָבער געלד, אויף דער ערשטער צייט געלד? פון דער טאַקסע? 170 רובל אויף אַ קאָלאָניסט, ווי מען זאָגט, פון דער טאַקסע? שווערליך! קהל איז אָרעם און די הצטרכית זענען גרויס. מען בעדאַרף אויף דאָס, אויף יענץ, אויף יענץ, אויף דאָס און...

— שאַ, בערוהיגט זיך! — שלאָגט ליפּא איבער יענעם די רעד — אַביסעל געלד האָב איך פון פריהער, אַביסעל האָב איך דאָרט געהאַפט פון שדכנות. און איין וועג טאַקי האָב איך אויסגעפיהרט אַ שידוך. היינט רעכען איך, פון מיין בעל־הבתישקייט, וואָס איך וועל דאָ פער־קויפען, וועט מיר עפּיס איך אַריינפאַלען. אפשר וועט מיר פעהלען

אַ קליינינקייט, פאַראַז איך, מען וועט מיר דאַ בעהילפיג זיין. וואָס זאָגט איהר, רב חיים?

— איך זאָג, דו ביסט אַ מענש, ליפּא! הלואי ווי דו, מיט ליב־שאַפט צו ערד־אַרבייט, מיט מיטה, מיט אָרנטנע קרעפטען, אַ סך אַזעלכע ביי אונז יודען!

שרה דעדלאַנגט צום טיש כביד — גריווען מיט אייערבייגעל, צו וועלכע מען בעדאַרף זיך נישט וואַשען. און לאָזט בעטען זעהר שען דעם עולם ברכה מאַכען.

— אַז גאָט וועט געבען — ווענדט זיך ליפּא צו שרה'ן — וועל איך אייך, שרה, שיקען פון דער קאָלאָניע אַ מתנה גוטע גענזעלעך. דאָרט איז, ווי מען זינגט היינט אומעטום אין דעם לידעל

פון אַלעם גוטען, ברויט נישט טייער
אַ פיי'ם אַ צינג, אַ הוהן אַ דרייער.

16.

יענער ווינטער, פון וועלכען דאָ איז געגאַנגען דער שמועס, איז געווען זעהר אַ שווערער פאַר רב חיים'ן. דאָס האָט מען איהם אָנגעזעהן גלייך אין פנים. רב חיים איז תמיד געווען אַ ערנסטער מענש, אַ פער־טראַכטער, אָבגעזונדערט מיינסטענס פאַר זיך, זעלטען מיט עמיצען אין דער היים גערעדט אַ וואָרט. איטליכער האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר זיינס אַ קוק. וואָס פאַר אַ רעש עס האָט זיך געמענט זיין אַ מאָל צווישען די קינדער אין שטוב, נאָר קוים האָט ער זיך געוויזען אין טיר, איז געוואָ־רען שטיל, מען האָט פון קיינעם נישט געהערט קיין פּיפּס. דאָס איז אָבער נישט געווען דערפאַר, ווייל ער האָט, ווי אַנדערע בייזע טאַטעס, געהאַלטען איטליכען פונ'ם הויזגעזינד אין דער מורא, מען זאָל וויסען ווער עלטער איז,—חלילה! ערענסט איז איהם דאָס פנים טאַקי געווען, אָבער בייז כמעט קיינמאָל ניט. די קנייטשען אויף דעם הייכען, שעגעם שטערען זיינעם האָבען בעוויזען, אַז ער טראַכט, ער איז פערטיפט אין די געדאַנקען. די אויגען זיינע בליצען — ווייל ער האָט אַ פייערדיגען קאָפּ, ניט אויסען' חלילה, יענעם מיט דעם בליק צופאַרברענען. אַדרבה, ער איז אין האַרצען צו גוט, עס קרענקט איהם די שטילקייט, וואָס ווערט ביי זיין געפינען זיך אין שטוב, עס רייסט איהם דאָס האַרץ, אַז עמיצען פונ'ם הויזגעזינד טהוט עפּיס וועה, עס טריפט איהם דאָס בלוט, ווען עמיצען געהט עפּיס אָב. פיהרען דאָס הויז האָט געפיהרט אינגאַנצען דאָס ווייב. רב חיים האָט נאָר געגעבען אויף וואָס מען בעדאַרף און ווייטער האָט ער נישט געוואָלט וויסען פון קיין זאַך. ער האָט מעהר ניט

געוואיסט ווי זיינע געשעפטען, שטעדטישע זאכען און לערנען אין בע־שטימטע צייטען. אָט דאָס האָבען אַלע אין היינ געוואיסט, איהם זעהר געשעצט, געליבט, פאַר זיין חכמה מיט איהם געגטאָלצירט, און געהאַט פאַר איהם גרויס דרך־ארץ.

נאָר אין יענעם ווינטער האָט רבי חיים זיך שטאַרק פאַרענדערט. אַנשטאָט רוהיגע פערטראַכטקייט איז איהם איפ׳ן פּנים געלעגען אויס־געדריקט כעס, פערדראָס, און ביים גערן, ווי דער שטיינער זיינער, הין־און־העד איבער דער שטוב, פאַרלעגענדיג אַהינטער די הענד, פלעגט ער זיך אָפט אָבשטעלען, פערבייסען אַ ליפּ, קוקען אין דער וועלט אַריין ביז, אויסשטשירענדיג אַ אויג, און צופּען דאָס בערדיל, און וועלכען עס האָבען זיך פלוצלים געוויזען אַ סך גרויע האָר, ער איז געעלטערט געוואָרען פאַר דער צייט. אינגאַנצען איז ער אַלט געווען אַ יאָהר צוויי, דריי און פערציג.

געעלטערט האָט איהם די טאַקסע. זינט דאָס שטעדטיל איז פער־אָרעמט געוואָרען, האָט די טאַקסע אָנגעהויבען צו געהן שלעכט. דער עולם האָט געגעסען וועניגער פליייש. און וואָס נאָך? אַ טייל האָבען אַריינגעפיהרט „בשר־הוץ״, דאָס הייסט, פליייש, אַריינגעפעקעלט בגנבה אין שטאָדט פינ׳ם ישוב, פערשפּאָרט צוצאָהלען טאַקסע און קאָסט וועלוועלער. דער חרם, וואָס ליגט, געוועהנטליך, אויף בשר־הוץ, האָט נישט געהאָלפען. נייט, זאָגט מען, ברעכט אייזען, אַ פּשיטא שוין אַ חרם. אָרעמקייט, הונגער איז קיין קאַטאָוועס ניט און „טאַקסע״ איז ניט מסיני. נישקשה! די שומרים איוף נישטערן, זוכען אזא פליייש, און אַוועקצונעהמען עס מיט געוואַלד, האָבען אויך וועניג־וואָס געהאָלפען. ס׳איז תמיד נאָר געווען געשרייען, טענות, אומצופרידענקייט, קללות, טרערען, און צינגעציינגען האָט עס רב חיים׳ן שנאָה, צאָרן, און האַרצ־וועהטאָג. נאָר, ס׳האָט זיך נאָך ווי־ס׳איז געהאַלטען — תרבית פאַר רב חיים׳ן! שפּעטער אַביסעל אָבער וויזט זיך אַרויס, אַז רבי חיים צאָהלט שוין ניט קיין ראַטע, האָט פערלאָרען דעם „זאַלאָג״, דערצו נאָך פער־נומען פרעמד געלד אויך — און שונאים, עזות־פּנים׳ער האָבען שוין געעפענט אַ מויל, געשריגען טאַקי הויך אויף אַ קול.

רב חיים מיט זיין שאַרפען קאָפּ וואָלט זיך נאָך ניט מיאש געווען, געזוכט וועגען, אַהין־אַהער, ווי זיך אַרויסצודרעהען, איבערהאַלטען זיך די שלעכטע צייט. און זעהר מעגליך, עס וואָלט איהם געראָטען. אַ חכם איז ער באמת טאַקי געווען, בעריהמט ווייט אַרום און אַרום. ס׳האָבען

איהם געקענט אפילו די ארומיגע פריצים; נאר ווי קלוג, אזוי שטאלץ איז ער געווען. און ער האט נישט געקענט איבערטראגען ליטישע רעד, סביבש, מענשליכע אויגען, וואס פלעגען ציטערן פאר זיין בליק, ניט די זכיה האבען מיט איהם צורעדען א וואָרט, זאלען העזה האבען עפענען אויף איהם א מויל! ניין, ס'איז אוממעגליך אזוינס איבערצוהאלטען. ער האט זיך שטארק פארעסען, איז אראב פון פנים, פערלוירען דעם געזונד און אינאיינעם דערמיט דעם קוראזש.

דערצו האט רב חיים געהאט נאך א אינווייניגסטע מכה, וואס האט איהם שטארק געשמארצט. דאס איז געווען די טאכטער זיינע, לאה. ווער א געראטענע איז לאה געווען, א בריה, א קלוגע מיט א פעסטען כאראקטער. נאך דער מוטער איז זי געווען די פיהרערין, די עלטערע אין שטוב און אלע האבען זי געהערט. רב חיים האט מיט איהר געטאן א ליטישען שידוך פון דער פרעמד, פון א שענער משפחה, ווי איהם שטעהט אן, און געהאלטען זי מיט דעם מאן ביי זיך אויף קעסט. דער יונגער=מאן, אייגענטליך, איז געווען א גאנץ פיינער, זיך איינגעפיהרט, דאכט זיך, ווי דער שטייגער איז, און בעליבט ביי איטליכען אין שטוב. רב חיים האט אבגעגעבען א פאר שעה צייט אין טאג, צולעהרנען מיט איהם און זיינע עטליכע חברים, בעל=הבתישע איידעמס, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפינען אזעלכע פון אנדערע, גרעסערע שטעדט, וואס ס'איז געווען צודערקענען אין זייער קליידונג און בענעהמונג, עפיס גאר ניט דאס, וואס אין דעם שטעדטיל ק. דענסטמאל. די דאזיגע קאמפאניע האט זיך געהאלטען איינס, ארויסבעוויזענדיג אמאל עפיס אזעלכע „מאדנע“ גענג, פאר וועלכע מען האט אויף זיי אין שטעדטיל געקוקט קרום, געמוטמעלט, אז זיי זענען אביסעל פון דער נייער וועלט. וואס מען האט אין ק. דענסטמאל פערשטאנען אונטער דער „נייער וועלט“, וואלט היינט, פארשטעהט זיך, גאר אויסגעקומען פערשימעלט, אלט, אפילו ביי יענע פון דער „אלטער וועלט“. נאר ווי די מעשה, מען האט גע=מוטמעלט. ס'איז דערפון ארויס „דרעהעניש“, פארדרעהעניש ביז לסוף איז די קאמפאניע געוואָרען אויס. צווישען רב חיים'ן און זיין איידעם איז מיט דער צייט ארויסגעקומען עפיס א רוגז, איינער אויפ'ן אנדערען האט זיך געבלאזען, און געהייסען פאר אנדערע האט עס: לאה דרעהט זיך מיט דעם מאן. נישטא צווישען דעם פאר=פאלק קיין גוט לעבען. ס'איז געקומען דערצו, אז מען האט דעם יונגען מאן אבגעשיקט צו זיינע עלטערן, איהם מיט די בעבעכעס, און לאה האט אין דעם ווינטער טאקי גענומען גט.

לאה מיט איהר פעסטען כאראקטער האט, האבט זיך, דאכט זיך, גאר־ נישט געמאכט. נאר רא חיים אבער האט דערפיהלט, אז ביי איהר איני־ וועניג איז דא א וואונד, זי האט א געבראכען הארץ. איהר בראך האט איהם נישט געלאזט רוהען, איהם געשטאכען אין דער זיבעטער ריפ, האלטענדיג זיך פאר שולדיג אקעגען זיין מאכטער, וואס ער האט, ווי א געטרייער פאטער, אמת שטארק ליעב געהאט. ווען לאה זאל געוויין אריס מיט א ווארט, זיך קלאגען, דענסטמאל וואלט ער זיך אויך אויס־ גערעדט, זי איינגענומען מיט א גוט ווארט און עס וואלט איהם געווארען אפשר גרינגער. לאה אבער האט געשוויגען און אט — איהר שווייגען האט איהם געשטאכען. לאה האט געהאט פאר איהם גרויס דרך־ארץ, גרייט געווען איהם פאלגען אין פייער, און וואסער, געקוקט אויף איהם מיט ליעבשאפט, און אט — ערשט דאס מאכט איז איהם געווען זוי זאלץ אויף די וואונדען!

רבי חיים איז פאר יסורים שטארק פנ׳ם פנים אראב. קוקענדיג אויף איהם איז איטליכען פנ׳ם היינגעזינד פארשטערט געווען דאס לעבען. מען האט געפיהלט, אז דאס איינציגע אנהאלטעניש ווערע הערט שוואך, נאך עטליכע הויאליעס פון צרות־א־ים, פאלט עס אום — און זיי אלע פאלען אין א טיפען אבגרונד אריין!

זעהר א שווערער, ניט קיין פרעהליכער איז יענער ווינטער געווען!

פורים ביי נאכט צו דער סעודה איז רבי חיים אינאיינעם מיט דעם הויזגעזינד געזעסען ביים טיש. ער האט זיך געשטארקט, געמאכט הארץ, ווייזען א פרעהליכע מינע, מקיים זיין אלסדינג, ווי דער שטייגער ווינער איז געווען אלע יאהר. געבען איהם ליגט א ביטעל מיט מינץ אויף צו געבען נדבות. עס קומען אריין ארעמע לייט, רב חיים גיט מיט א פריינד־ ליכען פנים, זאגענדיג זיי א גוט ווארט. עס קומען בעל־הבתישע קינדער מיט פאטשיילעס, וואס זאמלען פאר אנדערע — די בכוד פאר א געפאל־ לענע פאמיליע, נעבעך, וואס ליידט שטילערהייד, און יענע פאר א לייטישען, שענעס קבצן, פאר א זיבעטע אלמנה מיט בריקלעך יתומים, נעבעך, — און רבי חיים גיט און איז מכבד מיט עפיס פורים׳דיגעס. עס קומען אויך כלי־קודש, שמשים, כלי־זמר, באדיינגען, פורים־שפילער, ארעמע נעהמט רבי חיים אויף מיט א „ברוך־הבא“, מיט א כוסה און גיט.

שרה פון איהר זייט איז בעשעפטיגט מיט דעם „שלח־מנות“,

אָרעמע בחורים, יונגלעך, דינסטמיידלעך ברענגען פון קרובים, פון שכנים און בעקאַנטע איבערגעדעקטע טעלער, און וועלכע עס געפינען זיך אַ פלעדיל, אַ מלכות־ברויטיל, אַ המן־טעשיל, אַ סאָהנדיל, אַ צוקער־פישעלע, אַ צוקערקעלע מיט אַ ושתי, א זרש, אַ אסתר המלכה דערויף אויבען מיט גע'כתיבה'טע אותיות פון צוקער. און אַרום די דאָזיגע שענע, גוטע זאַכען, וואָס נאָר צו אײנס, צו צוויי אויף אַ טעלער, ליגען זיך אויסגעלעגט אין אַ שענעם סדר עטליכע טרוקענע, דאַרע פלוימען, אָדער עטליכע מאַנדלען מיט ניסלעך. אַמאָל ליגט נאָר אויף אַ טעלער אַ אײנגעצװאָגענער הערינג אין עסיג און האָניג — דאָס איז פון אַזעלכען, וואָס האָט ליעב אַלסדינג בפשטות, עס זאָל האָבען אַ ממשות, גאַנץ בעל־הבתיש ...

און בשעת שרה איז בעשעפטיגט מיט צאָהלען יעדען פאַר דעם וועג, איבערגעבען איהרע ברכות און ווינשעניש צו דעם, צו־יענעם, וואַרפען זיך די קינדער אויף די געבראַכטע שלח־מנות, בעטראַכטענדיג מיט שיינענדיגע אויגעלעך איטליכס פיצעלע, וואָס רעדט, דאַכט זיך, ווערטעלע, קיצעלט ביי דער נשמה, און צולעגען עס דערנאָך אויף טעלער־לעך, אָבצושיקען איטליכען צוריק, פערבייטענדיג די יוצרות — דעם אנשטאָט זיין פלעדיל אַ המן־טעשיל, דעם אַנדערען אָנשטאָט זיין ושתי אַ זרש, און יענעם אָנשטאָט זיינע מאַנדלען אַ פייג, אָדער אַ רויטען עפּעל. עס פאַרשטעהט זיך, די מיינונגען דאַריבער זענען פערשידען, עס קומט אַ מאָל אויך אַרויס אַ מחלוקת, מען חאַפּט אַ מאָל אַ קניפּ, אַ פּאַטש אויך, נאָר גאָרנישט, מען שלינגט עס אַראָב, בשעת חדוה ווער מאַכט זיך דערויס, פון אַזעלכע קלייניגקייטען?

אַלצדינג, דאַכט זיך, ווי אַלע יאָהר, און פאָרט נישט אַזוי. די איינציגע אָרימע לייט טאַקי, אָבער די נדבות ניט די וואָס פריהער. פון ביידע געסט, וואָס פלעגען תמיד צונויפקומען זיך צו דער סעודה, זיך וואויל־טאָן, פאַרברענגען פרעהליך די נאַכט, זענען היינט דאָ נאָר עפּיס עטליכע אָרעמע קרובים. רבי חיים זינגט „שושנת יעקב“, די קינדערלעך העלפען אונטער, אָבער ס'איז ניט דאָס קול, וואָס אַ מאָל. אין דעם זינגען זיינעם הערט זיך עפּיס ווי אַ געוויין פון אַ ציקאָכטער, ליידענדער נשמה, אַ ניגון פון איכות. דער „שושנת יעקב“ איז ווי אַ אָבגעריסענע רויז, דאַכט זיך, זי איז שען, די פאַרב שטעהט איהר אין פנים, אָבער נישטאָ איהר געזונדער זאַפט, דאָס לעבען, קיים נאָר וואָס זי זשיפּעט. רב חיים מהיב זיך אָן כח, צוהיצט זיך, ווענדעט זיך צו די אָרעמינקע קרובים

מיט אַ גריםט — נישקשה, יודען! מען בעדאַרף האָפֿען, גיט זיין ביי זיך אַראָבגעפאַלען. אַז וואויל, איז דעם, זאָגט ער, וואָס האָט איך נאָט אַ בטחון, לאָז ער זיך זאָרגען! — דאָס איז אָבער געמלאכה׳ס. דער זאָרג ליגט רב חיים׳ן אַיינגעגעסען ווי אַ פיאַווקע טיעף אין האַרץ. תעהמאָג און יסורים קוקען איהם אַרויס פון די בעטריבטע איגען.

שרה בעמערקט עס ועהר גוט און עס האַפט זי אָן ביים האַרצען זי געהט אַוועק אין אַ ווינקעלע, כלומר׳שט בעדאַרף זי דאָרט עפּיס האָבען, לענט אַרויף די הענד איפ׳ן פּנים און וויינט שטילערהייט.

לאָה פיהלט איך דאָס איינענע וואָס שרה, פאַרשטעהט דער מאַמעס אַוועקגעהן אַהין אין ווינקעל, נאָר זי האַלט אויס כאַראַקטער, זיצט ביים טיש, קוקט מיט רחמנות אויף די קינדער און רוקט אַריי־איטליבען אין הענטיל עפּיס אַ צוקערנעבעקסעל — זאָלען זיי, נעבעך, עסען. דערפאַר בײ נאַכט אויף איהר נעלענער איז פּיכט געוואָרען דאָס קיסען פון איהרע טרעהרען.

17.

ס'איז אַ טאָג אַכט נאָך פּורים. די זון קוקט פריינדליכער, מילדער אַראָב פון'ם הימעל, שיקט דורך איהרע שטראַהלען און דורך אַ געלינד ווינטעל די ערשטע התראה דעם ווינטער, אַז עס ענדיגט זיך איהם דער טערמין פון דער דירה דאָ, אויף דר'ערד, ער זאָל מוחל זיין זיך אַרויס־קלייבען, זיך רוקען ווייטער. און ער טהוט דאָס איינענע טאַקי וואָס אַ שלעכטער, איינגעשפּאַרטער שכן — בריה'ט־זיך, מאַכט פוילע תנועות. ביי־טאָג, דער זון אין די אויגען, געזעגענט ער זיך, פאַר־גיסענדיג ריקעס טרעהרען — טייכלעך וואַסער רינען אויף די גאַסען. איך געה, געה, הייסט עס, לאָזט מיך נאָר זיך פּאַקען, פאַרנעהמען מיינע בעבעכעס, דעם שניי מיינעם, „פערשוואַרצט“ איז ער, נעבעך, געוואָרען! קיים אָבער מאַכט די זון צו אַ אויג, געהט פאַרנאַכט אין איהר רוה אַריין, שטעלט ער מיט אַ פערהמורעט, בייז פּנים איהר אַרויס פייגען— סוסילקעס פאַרגליווערטע און בלייבט ביי זיינעם טאַקי, אייז־קאַלט ווי פריהער. נאָר אַז־אָך־און־וועה איז צו איהם! ער איז שוין פאַרביי, מען איז איהם שוין מבטל — ביי יודען איז שוין פאַר פּסח, די צייט פון עפּענען מיר און טויער, אַרויסטראָגען אויף דער גאַס טיש און בייגק, שייערן, וואַשען און כשר'ן אַלסדינג אויף פּסח!

אין שטעדטיל ק. קאָכט זיך, טאַראַראַמט זיך אַ שרעק. אַלע האָבען צוטאָן מיט דעם ליבען פּסח. יודישע קינדער, ווייבער און מאַנס־בילען לויפען אַרום אויף דעם מאַרק צווישען פוהרלעך מיט ווייץ, קאַר־טאָפעל, אייער און שאָר ירקות, וואָס עשו פון די דערפער ברייגגט

אַרײַן אין שטאָדט יעקב'ן אונטער אַ יום־טוב. אין דער מיהל, הונטער דער שטאָדט, פעררוקט צווישען סאָסנאָוױע װעלדער, װענען שױן געבשר'ט די שטײנער און יודען פונ'ם שטעדטיל פיהרען אַהין װעקלעך זויין, צו־מאָהלען עס אויף מצה, אָבהיטענדיג דערבײַ אויטליבער זיין „אָטשערעדל“. די פאַבריקעס אויף מצה־באַקען שטעהען שױן גרײט צו דער אַרבײט, מיט קנעטערינס, גיסערס, װעלגערינס, רעדלערס, װעצערס און טרעגערס מיט די גרויסע קוישען. אומעטום, אויף דעם מאַרק, אין די הײַזער פיהלט זיך דער פסח, און פון די חדרים לאָזען זיך הערען קינדערישע קול'כענס, לערנענדיג „שיר־השירים“ אויף דעם גוטען ניגון, פון װעלכען דעם יודענס האַרץ װערט צושמאָלצען פאַר מתיקות.

בײַ רבי חיים'ן אין שטוב, װאָס אין דער צײַט פלעגט זיך אַ מאָל דאָרט קאָכען מעהר װי אומעטום, איז הײַנט טרויעריג, װיסט, נישטאָ קײן סימן אפילו פון ערב יום־טוב. רב חיים ליגט אין־אָנטאָן בײַ זיך אין צימער אויפ'ן בעטיל, אונטערגעלײגט בײדע הענד צוקאָפּענס, קוקט שטאַרק צוטראָגען, אָטהעמט שװער און איז בלײך װי די װאַנד. שרה זיצט אין שטוב פערלײגט די הענד, שטאַרק דערשלאָגען מיט אײגען חי די באַנקעס פון טרערען. און זאָל עמיצער פון די קינדער מאַן אַ פּיפּס, מאַכט זי װינקענדיג צו איהם: שאַ! דער טאַטע איז ניט געזונד, זאָל זײַן שטיל! די קינדער געהען אויף די שפּיץ־פינגער, פערשלאָגען זיך איטליכער אין אַ װינקעלע, און קוקען שװײַגענדיג, שטאַרק, נעבעך, בעטריבט. אײן לאָה דרעהט זיך װי אַ נעבטיגע אַרום, פאַרנומט עפּיס מיט דעם בעל־הבתישקײט. זי איז פינסטער װי די ערד, און קעהרט אַװעק דאָס פּנים, אויף קײנעם אין שטוב קײן קוק נישט צוטאָן.

די טיר אין שטוב גלײך פון דער גאַס עפענט זיך רעש'יג אויף, און עס קומט אַרײַן מיט ברײטקײט אַ פּריץ, אַ הויכער, אַ געזונטער, פון אַ שען אויסזעהען, מיט אַ פּאָר װאָנסעס, דין צוגעשפּיצט בײַ די עקען. צװײ לאָקײען טראָגען איהם נאָך פון הינטען — אײנער עפּיס אַ קלײן פּעקעלע, דער אַנדערער אַ ליולקע־ציבעק, אַ לאַנגע אַנטיפּקע מיט אַ מונדשטיק פון בורשטין. דער פּריץ װאַרפט אַ אויג אויף יעדען אין שטוב גלײך בײַם אַרײַנגאַנג און בלײבט שטעהן אַ װײַלע אָהן װערטער, אָנגעהמענדיג אַ מרה־שחורה'דיג־ערנסט פּנים.

— אַ, װעליטאָושנע פּאַן! — טהוט זיך שרה אַ האַפּ פונ'ם אָרט און געהט דעם פּריץ אַקעגען.

— פּאַני ראַבינאָװאַ! — שרײַט־אױס דער פּריץ, שטאַרק געריהרט.

דערוועקענדיג אין שרה'ס אייגענע פרעהדריין — וואס האט זיך אזוינס געטראָפען?

שרה הליפנים אין קען ניט ארויסברענגען קיין וואָרט פונ'ם מויל, אזוי האט עס זי פאַרקלעמט ביים הארצען. דער פריץ לאזט זי צורוה, גיט איהר צייט צו זיך צוקומען, זעצט זיך ביים גרויסען געפּאַרבטען שטוב-טיש, הרעהעט, דרעהעט די שפּיצען וואָנסעס און פייפעליך מיט א גלאַנץ ווערען איהם די אויגען.

— היי, אַנטאָסיאַ, ליולקי!

ווי פייל אייסען בווגען מהויען זיך געשווינד א לאָז צו איהם ברידע לאַקייען. איינער מיט דער לאַנגער אַנטיפּקע און פיל אָנגעשטאָפּטער ליולקע, דער אַנדערער מיט זיין פייער-געציג: אַ שטיקעל שטאָהל, א קרעמען מיט גיבקע אַ שטיקעל, שלאָגט איים פייער און צינדט אונטער דעם טאַבאַק אין דער ליולקע. דער פריץ רייכערט און הייסט די לאַקייען אַרויסגעהן.

יאַן, דער וואַ — ציצער פריץ, האט געשטאַמט פון אַ פּוילישער איידעלער פאַמיליע, צו וועלכער עס האָבען געהערט דערפער אַרום דעם שטעדטיל ק. וואָס זענען פאַרטיילט געוואָרען צווישען עטליכע ברידער. בשעת יעריד אַ חגא, אָדער אַ מאָל אויך אַ זונטאָג, פלעגט יאַן מיט דער פּאָמפּע אין אַ קאַרעטע „גאַשפּיטין" אַריינפאָהרען אין שטעדטיל, ווי אַנדערע פּריצים פון דער סביבה, גלייך צום קלויסטער, וואָס אַקעגען דער שורה היזער ביים עק מאַרק, נישט ווייט פונ'ם „אַראָבגאַנג" דאָרט. נאָכ'ן אָבּפאַרטיגען זיך אין קלויסטער איז דער שטייגער זיינער געווען, צוצוגעהן צופוס צו רב חיים'ס הויז, אַקעגען, וואו ער פלעגט פערבלייבען אַ פּאָר שעה, אויף אָבצוזאָגן זיינע געשעפטען מיט בעלי-מלאכות, קרעמערס וכדומה, וואָס פלעגען קומען אַהין צו איהם. רב חיים איז ביי איהם געווען שטאַרק חשוב. ער האָט איהם זעהר געשעצט פאַר זיין קלוגקייט, זיין ערענטליכקייט, און ליעב געהאַט ווי אַ געטרייען פריינד. איז איהם אייבגעקומען א מאָל שווערליך אין עפּיס אַ זאַך, האט ער זיך געראַטהען מיט רב חיים'ן. האָט ער געהאַט מיט עמיצען עפּיס אַ סכסוך, איז ביי איהם געווען אין וואָרט: „ראַ ראַבינאַ!" אַזוי האט רב חיים ביי איהם געהייסען. רב חיים איז געווען דער פערמיטלער. אויף איהם האָט ער זיך אינגאַנצען פערלאָזען, וויסענדיג זעהר גוט, אַז רב חיים וועט פונ'ם יושר ניט אָבּווענקען אויף אַ האָר. און נאָר הינ די אלע זאַכען, האָט

ער גלאָט אַזוי ליעב געהאַט צו פאַרברענגען אין א שמועס מיט רב חיים'ן. פיליש האָט רב חיים גערעדט, איוך געשריבען נישקשה'דיג. ער פלעגט א מאָל דערצעהלען דעם פריין גליכווערטלעך, משלים, שיינע אגדתות פון'ם תלמוד, פון וועלכע יאַן פלעגט הנאה האָבען, זי ליבען אין טאָג אַריין. איז רב חיים א מאָל בעשעפטיגט געווען ביי זיך מיט מענשען, האָט יאַן איהם ניט געשטערט, געדרייבערט די ריילקען. ווענ־דיג נאָנין הייטיגע אין שטוב, און איבערגעהאַרט ביז רב חיים ווערט זיך אבפאַרטיגען. וואָס מען וויל מעגען זיך אנדערע איבער פיילישע פריינד־שאַפט מיט יודען זאָגען, נאָר דער פאַקט, או יאַן איז באמת געווען רב חיים'ס א פריינד בלייבט א פאַקט. דאָס האָט זיך ביי פיעל געלעגענהייטען דערוויזען תמיד, איוך היינטיגעס מאָל אין זיין מרה־שחורה'דיג פנים, אין זיינע פיכטע איינגען, בשעת שרה האָט איהם איבערגעגעבען די שלעכטע לאַגע זייערע און אַז דער מאַן איז פאַר קראַנקונג נישט געוונט.

— קען איך איהם זעהן אַצינד אויף אַ ווילע? — פרעגט יאַן.

— אַט וועל איך געהן אַ קוק טאַן — ענטפערט שרה — אין אויב ער שלאָפט ניט, וועל איך איהם זאָגען.

עס האָט נישט געדויערט קיין רגע, האָט שרה געבעטען דעם פריין צום מאַן אין צימער אַריין.

— נאָ טאַקענאָ, פאַן רבי?! — מאַכט יאַן, אָבשטעלענדיג זיך אַ ווייל ביים אַריינקומען נישט ווייט פון דער טיר, און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, ווי פערוואונדערט, מיט אַ שמייכעלע כלומר'שט — עפּיס איז פאַן ראַבין גאָר צוגעזאָגען, האָט פערלוירען דעם קוראַזש! וואו איז זיין פעסטער כאַראַקטער? וואו איז זיין חכמה?

— עס זענען דאָ ציטען, וואָס העלפט נישט דעם מענשענס חכמה — ענטפערט רב חיים מיט אַ שמייכעלע, וואָס ער האָט עס געמאַכט מיט געוואַלד.

— ס'איז דאָך אָבער דאָ אַ גאָט, וואָס קען העלפען תמיד, אין אַלע ציטען! בעדאַרף איך דעם פאַן ראַבין זאָגען אויכט. האָט ער וויסט בעסער פון מיר? — מאַכט יאַן, ווענדענדיג זיך רב חיים'ן אקעגען. איך ווייס — שלעכטע אומשטענדען. אָבער אזא מענש מיט קאָפּ, קען נישט ווערען פערלוירען. עפּיס א סך האָבען יודען אזעלכע ווי פאַן ראַבין?

אַקעגען א פערטל שעה האָט יאָן פערבראַכט בײַ רב חיים׳ן. דערי־ נאָך האָט ער זיך געזעגנט און מיט א פארקלערטע הארץ זיך געלאָזט צו זײַן קאַרעטע, נעבען קלויסטער.

אויף־מאָרגען פאַרנאַכט איז צוגעפאָהרען צו רב חיים׳ס הויז א וואָגען, און צווי לאַקייען האָבען אַרײַנגעטראָגען אין שטיב וועקלעך ווײַן, קאַרטאָפעל, אויך הינער און אַ פאָר אינדיקעס.

רב חיים האָט נעצאַנקט ווי אַ ליכט. עס האָבען זיך איהם אויס־ געלאָזט די כחות ביז ער איז געבליבען ליגען שלאף ווי א קינד, נישט קענענדיג ריהרען זיך פונ׳ם אָרט. אַלע אין דעם הייזגעזינד זענען געוואָרען פינסטער ווי די ערד. מען האָט ניט געגעסען, געטרונקען, ניט גערעדט, געשלאָפען די גאַנצע נעכט. קרובים און גוטע בעקאַנטע זענען געקומען איטליכער מיט זײַנע ברייטע־ווערטער, מיט זײַנע רפואות. מען האָט אויך אַראָבגעבראַכט צו איהם אַ גרייזען דאָקטאָר פון דער סביבה. ער האָט די קראַנקהייט א נאָמען געגעבען, פערשריבען רעצעפּטען, גענומען פאַר׳ן וועג — און דאָס אַלסדינג האָט אַזוי פיל געהאָלפען ווי יענע אַלע באַבסקע מיטעל.

שרעקליך איז געווען יענע נאַכט, וואָס אַכט־טאָג פאַר פסח. רב חיים ליגט פערדולט מיט צוגעמאַכטע אויגען. דאָס מויל האַלב אָפען, די ליפען פאַרברענט, קיים וואָס ער זיפצט, וואָס איהם שלאָגט זיך אַ אָדער. און אין האַרצען הריפעט, גלייך ווי מען זעגט. צייטענווייז מהוט ער זיך אַ קרים מיט א שווערען זיפץ, ווי איהם איז שטאַרק נישט גוט. שרה בויגט זיך אָן איבער איהם, רעדט צו איהם, נאָר רעד צו דער וואַנד — ער איז פערדולט, ווייסט ניט, וואָס אַרום איהם געהט פיר.

שרה לויפט אַראָב דעם קאָפּ, דיצענדיג נעבען איהם, און ווײַנט שטילערהייט. לאה ויצא נישט ווייט איהם צוקאָפּענס און וואַרגט זיך מיט טרעהרען, געבענדיג זיך צו־פײַלען אַ וואָרף, אַ ציטער מיט אַלע גלידער.

אויף א לאַנגען באַנק אַקעגען, בײַ א מינקעל־ברענענדיג חלב׳דיג ליכטעל שאָקעלט זיך שלמה׳לע איבער א תהלים׳ל. אַ שטיל געבעט מיט ווריגע נעפידלען, הייסע טרעהרען געהט איהם טיף אויס דעם האַרץ, טראָגענדיג זיך צום גטעריגען, באַרמהאַרציגען פאָטער אין הימעל. ער

ווינט, ער בעט, טראכטענדיג אין זיך: א רחמנות. האב רחמנות, הייליגער פאטער! א, מהו אנס, אלמעכטיגער גאט, שיינק מיר אין די קליינטשקע קינדערליך, וואס ליגען פערשמאכט, נעבעך, דא אין ווינקעל — א, שיינק אונז איניער מאמען! רעפאר — וואגט ער צו גאט, בעט זיך אין הארצען — צומאן זיין געבאט אין דינען איהם געטריי. שלמה'לע בעט, טענה'ט, און וואַרפט צי-ווילען פינדערווייטענס א אייג אויף דעם קראנקען טאטען, האפענדיג — אט אט מהיט גאט א נס און שיקט איהם א רפואה שלמה. ווייטער זאגט ער א קאפיטעל תהלים. ווייטער אויי געטראכט, ווייטער אזא בליק — און א, א פרייד! די מאמע ווינקט צו לאה'ן, טאפענדיג דעם חולה ביי די פיס, ווינקט און מאכט צו איהר שטיל מיט א פרעהליכער מינע:

— עס חייזט זיך שוויס!

— אוב-בים! מאכט שלמה'לע, צונייפנעמענדיג זיך מיט אלע קרעפטען, וואס האט געהייסען: א גאט, גוטער גאט!...

ס'איז שוין שפעט אין דער נאכט. א קרעהען פון העהנער, ביי שכנים עתניץ, פערטראגט זיך אין שטוב. אויף דעם קראנקען ליגט אריינגעחארפען א גרויסע איבערבעט. שרה דרעהט זיך ארום איהם אויף די שפיץ פינגער, דעקט איהם איין בעסער איין, ער זאל גוט שוויצען. לאה נעהמט די אנשלאפען געווארענע קליינע קינדער אויף דער האַרטער באנק און טראגט זיי איבער אויף זייערע ערטער, הייסט שלמה'לען אויך געהן אויף זיין ארט שלאפען.

שלמה'לע איז מיד, צעבראכען פון אזויפיל פיין און יסורים אזא היבשע צייט. עס דרעהט זיך איהם דער קאפ, עס קלעבען זיך איהם די אויגען, ער נעהמט, טהוט זיך א וואַרף אין דעם אנבאן אויף זיין געלעגער — און ווערט באלד אנשלאפען ווי א שטיין.

רב חיים איז אקעגען טאג געקומען צו די געדאנקען, זיך פלוצלים איינגעזעצט, אנטהוענדיג זיך א כח, אנגעקוקט שארף דאס ווייב, די טאכטער, וואס זענען געשטאנען נעבען איהם, און מיט א ויפין איינגעהיבען די אויגען ארויף, קוים מאכענדיג מיט די ליפען: גאט, פאטער פון יתומים, דיין אלמנות!...

שרה און לאה לאזען ארויס א ביטער געוויין. רב חיים פאלט אנידער אויסציהענדיג זיך אויפ'ן בעט, טהוט א האַרהעל — און איז טויט.

שלמה'לע האָט זיך געלעגט שלאָפֿען ביי־נאכט מיט אַ גרינג געמיט, פיל האָפֿנונגען, אַז ער האָט אַ געשיינקטען טאטען, און האָט זיך איינגעחאַפּט אין דער פריה — אַ יתום! דער טאטע ליגט אויף דר'ערד איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצען שטיק געוואַנד, און אין שטוב איז אַ יאָמער, אַ קלאָג! — — — —

LIBRARY
DEC 0 1 2005
UNIVERSITY OF TORONTO

…произведений
и объявлений

Presented to the
LIBRARIES *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO
by
**THE BAYCREST CENTRE
FOR GERIATRIC CARE**

3 1761 06732932 6

PJ
5129
A2K4
1910
c.1
ROBARTS